STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10504

NOVOLIPYE 7

B. Szefner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שעפנער

נאָוואָליפּיע 7

SARA ELBINGER
TOBIAS Z. PRZYBYLSKI

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

113

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשיינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ב. שעפנער

נאַוואָליפּקי 7

(זכרונות און עסייען)

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס.

אינהאַלט:

פון דעם מחבר — — — — — — — — — — — — — — — 7

ערשטער טייל
נאָוואָליפּיע 7

די טרעפן־קלעטערער — — — — — — — — — — — — — — — 11
קאַלט און וואַרעם — — — — — — — — — — — — — — — 23
די „געשעפטס־פירער" נח און אַבראַם — — — — — — — — — — — 30
יוסף כמורנער — — — — — — — — — — — — — — — 38
וולאַדימיר קאָסאָווסקי — — — — — — — — — — — — — — 51
אַלטער־ערליך, ערליך־אַלטער — — — — — — — — — — — — 59
מען לאָזט נישט זינדיקן — — — — — — — — — — — — — 71
דער צענזאָר שטיינבאָך — — — — — — — — — — — — — 80
שלח־מנות דער „פאָלקצייטונג" — — — — — — — — — — — — 90
די געוווּנענע מלחמה — — — — — — — — — — — — — 97
דער „בונד" (צו זיין פופציקסטן יובל — 1897־1947) — — — — 104
אַ פרילינג־שפּאַציר — — — — — — — — — — — — — — 111
י. ל. פּרץ (צום הונדערטסטן יאָר פון זיין געבוירן — 1852־1952) — 118

צווייטער טייל
אייגענע און נאָענטע

ב. יאַושזאָן — — — — — — — — — — — — — — — 135
שלמה מענדעלסאָן — — — — — — — — — — — — — — 145
דער טונקעלער — — — — — — — — — — — — — — — 151
ז. סעגאַלאָוויטש — — — — — — — — — — — — — — 159

איציק מאַנגער (צו זיין באַזעצן זיך אין אַמעריקע) — — — — — — — — 164
צביון — — — — — — — — — — — — — — — — — — 170

דריטער טייל

אָפּקלאַנגען פון דאָרטן

דער אָנהייב — — — — — — — — — — — — — — — — 179
העלדישקייט . . . — — — — — — — — — — — — — — 190
קלייניקייטן (I דאָס קנעפּל, II אַ צעבראָכן גלאָז, III אַ גלאָז טיי) — 196
ער האָט געקענט מיין אויסגעטראַכטן טאַטן — — — — — — — — — — 208
אין מצרים ווו קיין נסים זענען נישט געשען — — — — — — — — — 217
שרייענדיקע שטילקייט — — — — — — — — — — — — — — 224
די יידישע פרוי מיטן הינטל — — — — — — — — — — — — 231
מיין געראָטעוועטע שוועסטער — — — — — — — — — — — — 238
מיין היים־שטאָט לאָדזש — — — — — — — — — — — — — 245
פּרוזשענע — — — — — — — — — — — — — — — — — 252
איינזאַמע יידן — — — — — — — — — — — — — — — 258
איר צוואַנציקסטער געבוירן־טאָג — — — — — — — — — — — 262
באַגעגענישן מיט פריינט פון אַמאָל — — — — — — — — — — 269
דער ערשטער יאָר אין וואַרשע — — — — — — — — — — — — 275
אַ געוועזענער יידישער באַנקיר — — — — — — — — — — — 281
אין בריסקער צוג — — — — — — — — — — — — — — — 286
די מעקסיקאַנערין און — מיין טאַטע — — — — — — — — — — 294

אַ פּאָר ווערטער

„נאָוואָליפּיע זיבן" איז אַ זאַמלונג פון פעליעטאָנען און אַרטיקלען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין ניו־יאָרק, די מייסטע — אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר. כמעט אַלע זענען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס". זיי אַלע האָבן אַ שייכות, מאַנכע אַ דירעקטן און אַנדערע אַן אומדירעקטן, צו נאָוואָליפּיע 7 — דעם הויז פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", וווּ איך האָב פאַרבראַכט די שענסטע יאָרן פון מיין לעבן. דאָס הויז איז שוין מער נישטאָ, אָבער דאָס **פענצטער** איז מיר געבליבן און אַזוי לאַנג ווי מיינע אויגן וועלן זיין אָפן, וועל איך דורך אים קוקן אויף דער וועלט.

זינט איך האָב אַרויסגעגעבן מיין לעצט בוך — „אַנדערש" אין וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" — זענען שוין אַוועק אַכצן יאָר און ווער ווייס וויפל יאָרן עס וואָלטן נאָך געדאַרפט אַוועק ביז איך וואָלט זיך אַנטשלאָסן צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די ניי־אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער אין אַמעריקע, ווען נישט נאָוואָליפּיע 7. איך האָב גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון מיין פריינט מאַרק טורקאָוו, דעם רעדאַקטאָר פון „דאָס פּוילישע יידנטום", צוצוגרייטן פאַר זיין פאַרלאַג די איצטיקע זאַמלונג, ווייל איך האָב געוואָלט אַרויסראַטעווען פון קבר פון אַלטע צייטונגס־בלעטער מיינע פעליעטאָנען וועגן דער „פאָלקסצייטונג". דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס איך האָב אין דער זאַמלונג נאָר אַריינגענומען די פעליעטאָנען און אַרטיקלען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט „דאָרטן", אויסלאָזנדיק אַנדערע, וואָס אַ צאָל פון זיי האָבן, לויט מיין, אמת נישט־אינגאַנצן אָביעקטיווער מיינונג, פאַרדינט אַן אָרט צווישן טאָוולען.

צום סוף נאָך איין וואָרט וועגן די צען קאַפּיטלעך פון דער אָפּטיילונג „נאָוואָליפּיע 7": ביים שרייבן זיי האָבן איך זיך ווייניק גערעכנט מיט דער כראָנאָלאָגיע. איך בין נישט איינמאָל צוריקגעגאַנגען צו די זעלבע מענטשן און זעלבע סיטואַציעס. פאַרוואָס? — איך האָב דערויף נאָר איין ענטפער: עס האָט זיך געוואָלט צוריקגיין, עס איז זיך צוריקגעגאַנגען...

דער מחבר

ניו־יאָרק, האַרבסט 1954.

ערשטער טייל

נאוואליפּיע 7

1

די טרעפּן־קלעטערער

שרייבן דעראינערונגען איז נישט מיין אַמביציע, און בלויז אין אויס־נאַמס־פאַלן, ווען אַ געשעעניש פון דער פאַרגאַנגענהייט גיט פּלוצלונג אַ טויך אויף אין מיין זכרון און איך קען זיך נישט, אָדער איך וויל זיך נישט דערפון באַפרייען, פּרוּוו איך עס באַשרייבן.

אַזאַ פאַל איז געשען אַנומלטן, ווען איך האָב געשריבן אַ פעליעטאָן, ווי אַזוי איך האָב זיך אָפּגעוווינט פון רויכערן. איך האָב דאָרט דערציילט, אַז איך האָב זיך אין מיין לעבן דריי מאָל אָפּגעוווינט פון רויכערן, און אַז יעדעס מאָל האָט מיך דערצו געשטופּט דער מלאך פון לעבן. נישט מער, ביידע לעצטע מאָל האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראַטעווען מיין אייגן לעבן, און דעריבער האַלט איך נישט דאָס דאָזיקע אָפּגעוווינען זיך פון רויכערן פאַר אַן אויסדרוק פון העלדישקייט פון מיין זייט. דערפאַר אָבער, מיטן ערשטן מאָל, האָב איך יאָ אַ גרונד צו זיין שטאָלץ. דעמאָלט האָט דער מלאך מיך צוגערעדט צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ צווייטן מענטשן און איך האָב אים געפאָלגט.

אין עטלעכע צענדליק שורות האָב איך באַשריבן, ווי אַזוי איך האָב זיך דאָס לעצטע מאָל, אָפּגעוווינט פון רויכערן. דערנאָך האָב איך אויפן זעלבן שטייגער דערציילט וועגן צווייטן מאָל, אָבער ווען איך בין צוגע־קומען צום ערשטן מאָל האָט פּלוצלונג אַ וואַרעמער שטראָם פון זכרונות אויף מיר אַ פלייץ געטון און מיך געצוווּנגען אָוועקצולייגן די פּעדער.

אַ היפּשע ווײַלע בין איך געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרוויגט פון טענער פון אַ שטילן, פאַרגאַנגענעם ניגון, וואָס האָט אין מיר פּלוצלונג אָנגעהויבן זינגען.

ווען איך האָב צוריק געעפנט די אויגן, האָב איך באַשלאָסן דעם פּעליעטאָן צו פאַרענדיקן מיט די לעצטע צוויי עפּיזאָדן, און וועגן ערשטן צו שרייבן באַזונדער און ברייטער. ער האָט עס פאַרדינט שוין צוליב די העלדן, וועלכע האָבן זיך אין אים באַטייליקט.

יאָ, העלדן, אין מערצאָל, ווייל איך בין נאָר געווען איינער פון דריי מענטשן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט צוזאַמען אָפּגעוווינט פון רויכערן. און נאָך אַ העלד איז דאָרט געווען, וואָס האָט געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע אין דעם געבורט און אין דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער באַשלוס — דאָס אָרט, די אַטמאָספערע.

זיי אַלע זענען שוין מער נישטאָ. נישט מיינע צוויי באַטייליקטע חברים און אויך נישט דאָס אָרט. יעדן איינעם האָט פאַרשניטן אַן אַנדער מלאך המוות: דעם ערשטן — די טובערקולאָז־קראַנקייט, דעם צווייטן — סטאַלין, און דעם דריטן — היטלער.

זייערע נעמען זענען: 1) יוסף כמורנער (לעשטשינסקי), 2) הענריק ערליך און 3) נאָוואָליפּיע 7 — דאָס הויז אין וואַרשע, ווו עס האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג“.

**
*

נאָוואָליפּיע 7.

אַ גרויער, זיבן־שטאָקיקער מויער אויף אַ שמאָלער, אויסגעקרימטער גאַס, באַדעקט מיט שפּיציקע שטיינער. אינעווייניק — אַ פיר־עקיק טונקל הויפל, צו וועלכן עס איז קיינמאָל נישט צוגעקומען די זון. לינקס — שמאָלע פענצטער, הינטער וועלכע עס האָבן היימלעך געקלאַפּט זעצמאַשינען. אַביסל אויף רעכטס — ברייטע פענצטער, דורך וועלכע עס האָט זיך געזען דער שטאָלענער גוף פון אַ גרויסער דרוק־מאַשין. לעבן פענצטער — אַ פּאָר באַלן צייטונגס־פּאַפּיר.

דורך אַ שמאָלן אריינגאַנג האָבן געפירט טרעפּ צום ערשטן שטאָק, ווו עס האָבן זיך געפונען די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דער „פאָלקסצייטונג“. מיט אַ פּאָר יאָר פריִער איז דאָרט בלויז געווען די אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג און די רעדאַקציע איז געווען אויפן זעקסטן שטאָק.

שכנים האָבן זיך גערימט, אַז אַמאָל ווען דאָס הויז איז נאָך געווען ניי, איז דאָרט געווען אַ „ווינדע“ (ליפט). איך ווייס נישט אויף וויפל דאָס איז אמת. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך האָב געזען נאָוואָליפּיע 7 צום ערשטן מאָל, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז דאָרט געווען בלויז אַ טונקעלער לאָך פאַר אַ ליפט. די מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע, וועלכע פלעגן צוויי מאָל אין טאָג קלעטערן אויף די זעקס שטאָק טרעפּ, האָבן בעת זייערע וואַנדערונגען געקוקט מיט בענקשאַפט אויף דעם דאָזיקן טונקעלן לאָך, טראַכטנדיק וועגן דעם ליפט, וואָס וואָלט אינעווייניק געדאַרפט זיין. אָבער זיי, די טרוימער פון אַ שענערער וועלט, זענען געווען געוווינט צו טראַכטן וועגן גוטע זאַכן, וואָס דאַרפן זיין און זענען דערווייל נישטאָ...

***

דער ערשטער פון די דאָזיקע קלעטערער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון די וואַרשעווער „לעבענס־פראַגען“ און שפּעטערדיקער „פאָלקסצייטונג“, וולאַדימיר מעדעם, וועלכער האָט דאָרט פריִער געהאַט זיין פּריוואַטע דירה. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער „פאָלקסצייטונג“, אין 1922, איז ער שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. זיין אויסגעמאַטערטער גוף האָט שוין גערוט אויף דעם ניו־יאָרקער בית־עולם פון אַרבעטער רינג, און אויף דעם שטיין איבערן קבר איז געווען אָנגעשריבן „די לעגענדע פון דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג“. אָבער דער עכאָ פון מעדעמס טריט האָט זיך געהערט אויף נאָוואָליפּיע 7 ביז דער מינוט ווען דאָרט איז אַרויס דער לעצטער נומער פון דער „פאָלקסצייטונג“. די שווערע נירן־קראַנקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט פון די פייכטע קעלערן פון ציטאַדעל און וועלכע האָט אים שפּעטער אינגאַנצן פאַרצערט, האָט אים שוין אין וואַרשע גענוג געמאַטערט. זי האָט אים כסדר באַגלייט אויף די זיבעציק האַרטע טרעפּן פון נאָוואָליפּיע 7. אָבער ער איז עטלעכע מאָל אין טאָג, און אָפט־מאָל אויך אין דער נאַכט, געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ די טרעפּן, כדי צו מאַכן די צייטונג. ער האָט פריִער אויבן נישט געקענט איינשלאָפן ביז צו אים איז טיף אין דער נאַכט נישט דערגאַנגען פון אונטן דאָס גערויש פון דער ראָטאַציע־מאַשין,

וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער מאָרגנדיקער נומער דרוקט זיך שוין. ווען די דרוק־מאַשין האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איז דער קראַנקער מעדעם אַראָפּ פון בעט און זיך געלאָזט אַן אומרויִקער איבער די פינצטערע טרעפּן: אפשר איז די מאַשין קאַליע געוואָרן, אפשר פעלט אויס פּאַפּיר און אפשר איז ווידער געקומען די פּאָליציי, כדי נישט צו לאָזן דרוקן דעם מאָרגנדיקן נומער?...

דער צווייטער קלעטערער איז געווען ביניש מיכאַלעוויטש, וואָס האָט אַליין יאָרנלאַנג געוווינט אין אַן איינצל צימערל אויפן זיבעטן שטאָק, אַזוי אַז ער האָט געהאַט יעדן טאָג איבערצוציילן אַ טאָפּלטע צאָל טרעפּן: זיינע פּריוואַטע, אַזוי צו זאָגן, און זיינע געזעלשאַפטלעכע... אַזוי ווי ער איז נאָך געווען, אַ חוץ אַ פּאַרטיי־פירער, אַ פלאַמיקער רעדנער און פּובליציסט, אויך אַ באָהעם, אַ פאַרליבטער אין קונסט און אין לעבן, האָט זיך נישט זעלטן געטראָפן, אַז נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַנ־יע (ער האָט געקענט אויספילן אַ גאַנצע ציַיטונג, אָנהייבנדיק ביים לייט־אַרטיקל און פעליעטאָן און ענדיקנדיק ביי די לעצטע טעלעגראַמעס און שטאָטישע כראָניק), זאָל ער זיך מיט זיין פרוי דינה אַריינכאַפּן אויף אַ קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע, אין דער הויך, אויף דער גאַליאָרקע, וועל־כע איז צוגענגלעכער פאַר מענטשן מיט מאָגערע בודזשעטן. אַזוי־אַרום איז אויסגעקומען, אַז אַ חוץ די פּריוואַטע און די געזעלשאַפטלעכע טרעפּן האָט ער נאָך געהאַט צו ציילן „קינסטלערישע" טרעפּן... ערשט געציילטע יאָרן פאַר זיין טויט, צו זיין פופציק־יעריקן יובילעום, האָבן די וואַרשע־ווער יידישע דרוקער־אַרבעטער געגעבן מיכאַלעוויטשן אַ זעלטענע מתּנה — אַ דירה פון צוויי צימערלעך מיט אַ קיך, צו וועלכער ער האָט גע־דאַרפט קלעטערן „בלויז" פיר שטאָק.

שוין דעם ערשטן טאָג, וואָס איך האָב געטראָפן מיכאַלעוויטשן אין דער רעדאַקציע „פאָלקסצייטונג", האָב איך דערפילט אין אים דעם באַ־העם. אינמיטן פאַרלייענען אַ לייטאַרטיקל, אָדער דיסקוטירן אַ פּאָלי־טישע פראַגע, האָט ער געקענט פלוצלונג זיך פאַרקוקן מיט זיינע טיף־בלויע אויגן אויף אַ דרויסנדיקן זון־אונטערגאַנג, אָדער נעמען אונטער־ברומען אַ פאַרבענקטן ניגון.

און נישט נאָר האָט ער אַליין זיך פאַרקוקט, נאָר אויך אָנגערעגט

מיך, דעם יינגערן, זיך צו „פּאַרקוקן״. איך פלעג מיט ביינישן נישט זעלטן „פאַרפאַלן ווערן״ אין מיטן טאָג אויף אַ בילדער־אויסשטעלונג, אַ באַלעט, אַ קאָנצערט, צי גאָר אין אַ קאַפע. און אומעטום איז ער געווען נישט סתם קיין צוקוקער, נאָר אַ געניסער. ער האָט זיך געקענט פרייען מיטן לעבן ווי אַ געזונט קינד.

דערביי איז ער געווען אַ גלויביקער באַהעם. דער פּלאַם פון גלויבן אין לעצטן זיג פון מענטש איבערן טייוול האָט אים אַפילו אין די פינצטערסטע צייטן נישט פאַרלאָזט. אויך דעמאָלט ווען אַלע זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָט ער זיין קאָפּ געהאַלטן אין דער הויך.

און דערפאַר האָט ער געקענט אַזוי שטאַרק אַנדערע אָנצינדן. ווען ער האָט פון דער טריבונע אַ וואָרף־געטון אין דער טויזנט־קעפּיקער מאַסע אַזעלכע אַלטע ווערטער, ווי „פרייהייט״, „גערעכטיקייט״, „אויסלייזונג״, „סאָציאַליזם״, איז אַן עלעקטרישער שטראָם אַדורך דורכן זאַל. נעכטן און אייערנעכטן האָט מען, דאַכט זיך, די זעלבע ווערטער געהערט, אָבער נייַ, עס זענען נישט געווען די זעלבע ווערטער. אינעם שיין פון מיכאַלעוויטשעס פייער האָבן זיי אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש...

ער איז נישט איינגעשטאַנען אויפן אָרט אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי דאָס פייער וואָלט אים געטריבן. און אָט אַזוי גייענדיק, האָט זיך ביינישפּלוצלונג פאַרקירעוועט צו פּרצעס אַ מעשהלע, צו אַנאַטאָל פראַנסעס אַ געשטאַלט, צו בעטהאָווענס אַ סימפאָניע, און דער עולם איז מיט אים מיטגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, כדי אַביסל שפּעטער צוריקצוגיין מיט ביינישן מיט פעסטע, מאַרשירנדיקע טריט צום סאָציאַליזם...

אַ היימישער איז געווען ביינישעס סאָציאַליזם, אַ יידישער, נישט בלויז לויטן נאָמען, נאָר אויך לויט דער שפּראַך און אינהאַלט, פאַרפלאָכטן מיט ישעיהן, מיטן בעל־שם און מיט פּרצן; פאַרקנאָטן מיטן האַרציקן געלעכטער פון שלום עליכמען און מיטן מונטערן געזאַנג פון יידישן קינד.

***

דער דריטער קלעטערער איז געווען דער לונגען־קראַנקער יוסף במורנער, וואָס האָט אויך אַליין געוווינט אויפן פערטן שטאָק. ער, פּונקט

ווי מיכאַלעוויטש, (וועלכער האָט, אַגב, אויך אַרומגעטראָגן, ווי אַן אָנ־דענק פון די תפיסות, אַ כראָנישע לונגען־קראַנקייט, אָבער אין אַ פּיל־שוואַכערער פאָרעם ווי כמורנערס), פלעגט אָפּט זיך אָפּשטעלן אינמיטן וועג אויף איינעם פון די שטאָקן, כדי, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אַביסעלע הנאה צו האָבן פון לעבן", וואָס דאָס האָט געמיינט, אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אין איין וועגס זיך אַביסעלע אויסהוסטן... אָפּט־מאָל, קומענדיק אינדערפרי אין רעדאַקציע, האָב איך שוין אויפן הויף געוווּסט, אַז כמורנער איז אויף די טרעפּן. דאָס איז צו מיר פון אויבן דערגאַנגען כמורנערס געדיכטער הוסט. איך האָב גיך גענומען שפּרייזן איבער די טרעפּן און נאָך געציילטע מינוטן אים געטראָפן אויף איינעם פון די שטאָקן, ווו ער איז געשטאַנען און „אַביסעלע הנאה געהאַט פון לעבן". דאָרט האָבן מיר זיך פאַראייניקט און די לעצטע שטאָקן שוין געגאַנגען צוזאַמען.

***

דער פערטער קלעטערער איז געווען הענריק ערליך, וואָס האָט אין יענער צייט אַליין געוווינט אויפן ערשטן שטאָק, אַזוי אַז ער האָט אין טעגלעכן סך־הכל געהאַט צו קלעטערן ווייניקער טרעפּן ווי אַלע איבעריקע מיטאַרבעטער. אויך ער האָט פון צייט צו צייט אונטערגע־הוסט, אָבער ער פלעגט זיך אינמיטן די שטאָקן קיינמאָל נישט אָפּשטעלן אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, סיידן ער האָט אין מיטן וועג געטראָפן עמיצן פון אונדז. ער האָט פאַר אַזאַ עולם־הזה קיין צייט נישט געהאַט. ער איז כסדר געווען פאַרשפּעטיקט, שטענדיק האָט ער געדאַרפט אָניאָגן אַ פאַרלוירענע שעה, אָדער צוויי, האָט ער דאָס געפּרוווט טון אויף די טרעפּן פון דער „פאָלקסצייטונג".

שולדיק דערין איז פריִער פאַר אַלץ געווען זיין פאַרנומענקייט. אַ חוץ רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג" און אויך רעדאַקטאָר פון פּוי־לישן זשורנאַל „גלאָס בונדו", איז ערליך געווען דער פאַקטישער פירער פון „בונד", זיין טעאָרעטיקער און רעפּרעזענטאַנט, פאָרזיצער פון דער פראַקציע פון די בונדישע ראַטמענער פון שטאָט־ראַט, פּרנס פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה, מיטגליד פון פאַרשיידענע שטאָטישע, גע־

זעלשאַפטלעכע און פּאַרטייאישע קאָמיסיעס, רעדנער, לעקטאָר, און צו דעם אַלעם — אַדוואָקאַט, צו וועלכן עס זענען געקומען פון אַלע עקן וואַרשע און אַפילו פון דער פּראָווינץ יידישע אַרבעטער און סתם אָרעמע יידן און יידענעס, פאַרפאָלגטע פון די פוילישע גערעכטיקייטס־היטער. זיי האָבן געוווּסט, אַז אין ערליכן וועלן זיי געפינען ביידע — אַ גוטן פּאַרטיידיקער און אַן אומזיסטן פּאַרטיידיקער. נישט זיי האָבן געפּרוּווט אים געבן האָנאָראַר און נישט ער האָט געבעטן.

עס זענען געקומען צו אים אָרעמע יידן, וועמען עס האָט געדראָאַט צו ווערן אַרויסגעזעצט פון זייער קעלער־וווינונג פאַר נישט צאָלן קיין דירה־געלט; עס זענען געקומען צעוויינטע טאַטעס און מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זענען געוואָרן אַרעסטירט פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, און ערליך, דער שפּעטערדיקער סטאַלין־קרבן, האָט עס זיי געדאַרפט פּאַרטיידיקן אַן אַ גראָשן האָנאָראַר אין די געריכטן... און עס זענען אַפילו געקומען אַרבעטער, אַז ערליך זאָל זיי אָנשרייבן ביטעס צו פאַר־שיידענע קלענערע אַמטן און אינסטיטוציעס. ווען ערליך פלעגט אַזאַ איינעם פרעגן, פאַרוואָס ער איז נישט בעסער געגאַנגען צו אַ ביטע־שרייבער, ווייל אויף אַזאַ קלייניקייט איז נישט נויטיק ערשט אַן אַדוואָ־קאַט, האָט יענער מיט דער גאַנצער נאַיווער אויפריכטיקייט געענטפערט: „אַ ביטע־שרייבער נעמט דאָך געלט"...

און ווען אויפן וועג צו דער רעדאַקציע האָט ערליכן אָפּגעשטעלט אַן אַרבעטער און צו אים געהאַט טענות פאַר עפּעס אַן אַרטיקל, אָדער שטיקל נייעס אין דער „פאָלקסצייטונג", האָט ערליך אים רויק אויסגע־הערט און דערנאָך זיך גענומען גאַנץ פּאַדראָאַבנע פאַרענטפערן. וואָלט ער דעמאָלט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, וואָלט ער אפשר זיך אַנטשול־דיקט און גענומען לויפן. אָבער ערליך האָט נישט צו־אָפּט געקוקט אויפן זייגער. ער און דער זייגער זענען געווען גאַנץ באַזונדערע זאַכן, וואָס יעדער איז זיך געגאַנגען אַן אַנדער וועג... אויך אין רעדאַקציע האָט גע־קענט טרעפן, אַז אינמיטן שרייבן דעם לייט־אַרטיקל זאָל אַריינקומען אַן אַרבעטער מיט עפּעס אַן ענין און ער, ערליך, זאָל זיך מיט יענעם אַזוי פאַרשמועסן, אַז ער זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן אַז דער זייגער רוקט זיך. ערשט ווען מען האָט אים דערמאָנט ווי שפּעט עס איז, האָט ער זיך פלוצ־

לונג געכאַפּט, אַז שוין זינט אַ שעה ווי עמיצער מיט אַ וויכטיקן עניין דאַרף וואַרטן אויף אים אין דער היים. ער פלעגט דעמאָלט אָנשטעלן אויף מיר אַ פּאָר הילפלאָזע בליקן און מיר דערלאַנגען דעם נישט־פאַר־ענדיקטן לייט־אַרטיקל, איך זאָל צושרייבן דעם סוף, לאָזנדיק זיך מיטן מאַנטל אין האַנט צו דער טיר. אַזעלכע בשותפותדיקע לייט־אַרטיקלען פלעגן מיר געוויינלעך אונטערשרייבן מיט די איניציאַלן „א. ב.״ די „א״ איז געווען זיינע (ער האָט געהאַט אַ פּסעוודאָנים „אַלעקסאַנדראָווסקי״), און די „ב״ איז געווען מיינע...

**
*

דער פינפטער קלעטערער איז געווען וויקטאָר שולמאַן, דער סעק־רעטאַר פון דער רעדאַקציע. אַליין אַ בערג־ליבהאָבער און בערג־קלעטע־רער, האָט ער אייגנטלעך געדאַרפט גיין אויף די טרעפּן גיכער, ווי אַלע אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער, אָבער גראָד ער איז געגאַנגען לאַנג־זאַמער ווי מיר אַלע, און ער איז אויך געווען דער איינציקער פון אונדז, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָפּרוען אויף יעדן שטאָק. ער האָט עס געטון נישט צוליב מידקייט, נאָר צוליב סיסטעמאַטישקייט. ער איז גע־ווען דער פּינקטלעכסטער פון אונדז אַלע און דער געלאַסנסטער. אויב ערליך איז געווען צעקריגט מיטן זייגער, איז שולמאַן געווען פאַרליבט אין זייגער. אַפילו ווען ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּן און זיך אָפּגע־רוט, האָט ער געקוקט אויפן זייגער. נאָך יעדן שטאָק האָט ער זיך געגו־מען איין מינוט אָפּרו. נישט קיין איין סעקונדע וויניקער און נישט קיין איין סעקונדע מער. אַ ציכטיקער, אַ רויִקער, איז ער געשטאַנען ביים פענצטער לעבן די טרעפּ, דאָס פולע, גוטמוטיקע פּנים מיט אַן ערנסטער מינע אָנגעשטעלט אויפן גאָלדענעם האַנט־זייגערל — דאָס האָט ער גע־ציילט די סעקונדעס, ווי לאַנג ער דאַרף נאָך וואַרטן. ענדלעך האָט ער רויִק אַ זאָג־געטון: „זעכציק״ און מיט געלאַסענע טריט זיך ווידער גע־לאָזט אין וועג אַריין — צו דער נאָענטסטער טרעפּן־סטאַנציע...

איך האָב זעלטן באַגעגנט אַ מענטש, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזאַ ים מיט גוטסקייט פאַר זיינע מיטמענטשן, ווי דער דאָזיקער כלומרש־קאַלטער ליטוואַק. ער האָט רשעות פּשוט נישט געקענט באַנעמען, און יעדעס מאָל,

ווען ער האָט געהערט פון עפּעס אַ פאַרברעכן אָדער געמיינקייט, איז ער געווען אַזוי צערודערט און זיינע בלויע נאַיווע אויגן האָבן געקוקט מיט אַזאַ אויפריכטיקער פאַרוווּנדערונג, ווי אַזאַ זאַך וואָלט געטראָפן אויף דער וועלט צום ערשטן מאָל.

יעדער אמתער סאָציאַליסט איז אייגנטלעך אין די אויגן, פון פּראַק־טישע מענטשן נאַיוו און אומראַעליסטיש: ער שטעלט זיך אַנטקעגן האַר־טע, ברוטאַלע פאַקטן; ער זאָגט זיך אָפּ צו אַקצעפּטירן איינגעפונדעווע־טע, הערשנדיקע רשעות, מעג זי זיין ווי שטאַרק און „נאַטירלעך". ציני־קער מאַכן חוזק, זיי פאַרזיכערן מיט זייער קלוג, פּראַקטיש שמייכעלע, אַז „אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס בלייבן", אָבער סאָציאַליסטן גיבן נישט נאָך. „ניין, זאָגן זיי, אַזוי טאָר עס נישט בלייבן!" אָבער פון אַלע הומאַ־ניטאַרע סאָציאַליסטן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אין לעבן, איז וויקטאָר שולמאַן געווען דער תמימותדיקער. ער האָט נישט געזאָגט: „אַזוי טאָר נישט בלייבן!" נאָר „אַזוי קען נישט בלייבן!" עס איז אוממעגלעך! וואָס הייסט עס עפּעס — פלעגט ער זיך צעשרייען אין גרויס כעס — אַ פּאָליציאַנט וועט טרייבן און שלאָגן אַן אומשולדיק, אָרעם קינד? — עס קען אַזוי נישט זיין!...

וויקטאָר שולמאַן פלעגט אויך פון צייט צו צייט שרייען אויף אונדז — אויף די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקסצייטונג".

דאָס איז געווען אין טעג, ווען עס פלעגט זיך אָפּשפּילן עפּעס אַ וויכטיק געשעעניש אויף דער יידישער גאַס, אויף דער פּוילישער צי גאָר אין אויסלאַנד: אַ שטייגער, דער פּראָטעסט־שטרייק פון „בונד" קעגן פּשיטיקער פּאָגראָם; דער אויסברוך פון בירגער־קריג אין שפּאַניע; היט־לערס אולטימאַטום צו טשעכאָסלאָוואַקיע אד"גל. אין אַזעלכע טעג פלעגט די רעדאַקציע און אַפילו די אַדמיניסטראַציע און דרוקעריי פון דער „פאָלקסצייטונג" פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן קאָכעדיקן קעסל, אין וועלכן עס האָט זיך געקאָכט נאָר איין געריכט; אַלע האָבן געלעבט נאָר מיט דער איינער געשעעניש. איז עס געווען, למשל, די מעשה־שפּאַניע, איז דער לייט־אַרטיקל־שרייבער געווען אין שפּאַניע, דער פעליעטאָניסט האָט געוווּנקען קיין שפּאַניע, דער פּאָעט איז געפלויגן איבער שפּאַניע, דער טעלעגראַמען־שרייבער האָט געשריבן דעפּעשן בלויז פון שפּאַניע

און אַפילו דער שטאָטישער רעפּאָרטער האָט זיך געדרייט אין שפּאַניע... אָבער אַ וואַרשעווער יידישע צייטונג טאָר דאָך נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּאַנישן מלחמה־ביולעטין. ווי וויכטיק אַ געשעעניש זאָל נישט זיין, טאָר זי נישט פאַרכאַפּן די גאַנצע צייטונג. אַ רעדאַקטאָר טאָר זיך נישט פאַרקוקן אויף איין פונקט, ווי אַ דיריגענט פון אַן אָרקעסטער טאָר נישט איינגראָבן די אויגן אין איין אינסטרומענט, אָדער שטענדיק ברו־מען איין ניגון. אָבער ווער מיר רעדאַקטאָרן, וואָס מיר צייטונגס־שריי־בער — היינט האָבן אַלע „פאָלקסצייטונג"־מענטשן פון קלענסטן ביזן גרעסטן זיך אָנגעשיכורט מיט שפּאַניע, צי מיט אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע און זיי ווילן מער פון גאָרנישט וויסן. שבת זאָל בלייבן, שבת!...

דערביי זענען זיי געווען זיכער — און נישט אָן גרונד — אַז אויך זייערע לייענער זענען היינט פונקט אַזוי שיכורדיק און שבתדיק, ווי זיי.

און דעמאָלט איז געקומען וויקטאָר שולמאַן, דער עלטסטער צייַ־טונגס־מענטש צווישן אונדז, און דער כלומרשט ניכטערסטער, און אונדז גענומען אַראָפּשלעפּן פון די שפּאַנישע בערג, צי פון די צעשטורעמטע וואַרשעווער גאַסן:

— מען דאַרף מאַכן אַ צייטונג — האָט ער זיך צעשריגן — אַראָפּ אויף דער ערד!...

ער, דער קאָוונער ליטוואַק מיט די בלויע קינדערישע אויגן, האָט דאָס געדאַרפט זיין אונדזער אויסניכטערער; ער האָט עס אונדז געדאַרפט אַרויסשלעפּן פון שבת אין דער וואָך־אַריין — ער, דער שבתדיקסטער פון אונדז אַלע. איז עס געווען אַ שרייען, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע מענטשלעכע ניגונים און קלאַנגען, אַ חוץ דעם קלאַנג פון כעס. וואָס מער ער האָט געשריגן, אַלץ וואַרעמער איז געוואָרן, אַלץ שבתדיקער...

איינע פון די שענסטע סצענעס אין רעדאַקציע איז געווען, ווי וויק־טאָר שולמאַן פלעגט געבן ערליכן לעקציעס אין הלכות פּראַקטישקייט און צום סוף אַלץ רעדוצירן צום זייגער:

— אַ מענטש — האָט ער געשריגן צו אים — מוז קוקן אויפן זייגער!...

ג אָ וו אַ ל י פּ י ע 7

**
*

(איך האָב דאָ נאָר אויסגערעכנט די טרעפן־קלעטערער פון דער „פאָלקסצייטונג״־רעדאַקציע, וועלכע האָבן אין דער צייט, ווען די שורות זענען געשריבן געוואָרן, זיך מער נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע).

**
*

מיט דער צייט האָבן אונדזערע טרעפן־וואַנדערונגען אויפגעהערט. מיר האָבן די באַקוועמלעכקייט געהאַט צו פאַרדאַנקען דער נויט, וועלכע האָט אונדז געצוווּנגען אויפצוגעבן די רעדאַקציע־דירה אויפן זעקסטן שטאָק און זיך צונויפדריקן צוזאַמען מיט דער אַדמיניסטראַציע אין די פינף צימערן אויפן ערשטן שטאָק. די געשעפט־אָפּטיילונג האָט פאַרנומען דריי צימערן, און די רעדאַקציע — צוויי, איינער אַ מיטעלער און איינער אַ קלענערער צימער. אין דעם מיטעלן צימער זענען געזעסן אייניקע מיטאַרבעטער צוזאַמען מיטן רעדאַקציע־סעקרעטאַר, און אין דעם קלענערן איז געזעסן די דריי־קעפּיקע רעדאַקטאָרן־קאָלעגיע, אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן אויפן פּאַרטיי־לשון — „די פּאָליטישע רעדאַקציע״, ווייל זי איז געווען צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם פּאָליטישן איינפלוס פון די צוויי פראַקציעס אין „בונד״ — די רעכטע פראַקציע און די לינקע פראַקציע. אַזוי ווי די רעכטע פראַקציע האָט געהאַט הינטער זיך די מערהייט פון דער פּאַרטיי, האָט זי געהאַט צוויי פאָרשטייער אין דער פּאָליטישער רעדאַקציע (דאָס זענען געווען ערליך און איך) און די לינקע פראַקציע — איין פאָרשטייער (כמורנער).

דאָס צימערל איז געווען צו ענג, אַז מען זאָל דאָרט קענען אַוועקשטעלן אונדזערע דריי טישן באַזונדער. האָט מען זיי צונויפגעדריקט, אַזוי אַז די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דריי איז פאַקטיש געזעסן ביי דריי זייטן פון איין גרויסן טיש און צוזאַמען צונויפגעשטעלט די „פאָלקסצייטונג״.

אָבער אַ חוץ צוזאַמענשטעלן די צייטונג, האָבן מיר דאָרט נאָך עפּעס געטון צוזאַמען — מיר האָבן צוזאַמען געררויכערט. ווער פון אונדז דריי

ב. שעפנער

עס האָט געהאַט אַ קעסטעלע פּאַפּיראָסן, האָט ער עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש און יעדער האָט גענומען, ווען ער האָט געדאַרפט.

ביי יענעם טיש איז עס איינמאָל געבוירן געוואָרן דער געדאַנק זיך צוזאַמען אָפּצוגעוווינען פון רויכערן.

אָבער איידער מיר וועלן צוגיין צו דעם טיש, וועלן מיר זיך אומ־קערן צום הויז, ווו דער טיש האָט זיך געפונען — צו נאָוואָליפּיע 7 — און צו דער אַטמאָספערע פון נאָוואָליפּיע 7.

2

קאַלט און וואַרעם

אין מיין זכרון איז געבליבן איינגעקריצט אַ בילד, וואָס גיט, דאַכט זיך, אַמבעסטן אָ באַגריף פון דער אַטמאָספערע, אין וועלכער עס האָט אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט נאָוואָליפּיע 7.

עס איז געווען אַ טריבער ווינטערדיקער פרימאָרגן. איך בין, ווי יעדן טאָג, געגאַנגען אינדערפרי אין רעדאַקציע. מיין וועג האָט גע־פירט פון דער ברייטער לעשנע־גאַס דורך דער געדיכטער, שמאָלער קאַרמעליצקע־גאַס צו דער שטילער נאָוואָליפּיע. ווען איך בין נאָך געווען ביי די העכערע נומערן אויף לעשנע, וואָס איז נישט געווען קיין טיפּישע יידישע גאַס, האָב איך שוין אָנגעטראָפן יידן, וועלכע האָבן מיר אָנגעזאָגט די נייעס:

— פּאָליציי קאָנפיסקירט די „פאָלקסצייטונג"...

דאָס זענען געווען צופעליקע פאַרבייגייער, וועלכע איך האָב געזען צום ערשטן מאָל, אָבער וואָס האָבן, ווייזט אויס, מיך יאָ געקענט, און זיי האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק מיר צו לאָזן וויסן וועגן דער גע־שעעניש. זיי האָבן עס געטון מיט אַ שטילן שעפּטשען, אין וועלכן עס איז געלעגן אי סוד און אי משפּחהדיקייט. דאָס האָבן די פרעמדע יידן מיר אָנגעזאָגט, נישט אַז מיין „פאָלקסצייטונג", נאָר אַז אונדזער „פאָלקס־צייטונג" ווערט איצט קאָנפיסקירט.

גייענדיק אַביסל ווייטער, האָב איך שוין מיט די אייגענע אויגן געזען דאָס אומגליק. איך האָב אָנגעטראָפן אויפן וועג פּאָליציאַנטן,

טראַגנדיק אין די אָרעמס הויפנס מיט פרישע נומערן „פּאָלקסצייטונג", וועלכע זיי האָבן ערשט געהאַט צוגענומען ביי די צייטונגס־פּאַרקויפער. זיי, די פּוילישע אָרדענונגס־היטער, האָבן קענטיק געהאַט שטאַרק הנאה פון זייער אַרבעט. דאָס האָט מען דערקענט פון זייערע צעיאָכמערטע פּנימער און פון זייערע שפּיזיקע אייגעלעך, וועלכע האָבן געקוקט מיט האַס און חוזק אויף די שטאָלצע יידישע אותיות, וואָס זענען איצט גע־לעגן ביי זיי אין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבן געוווסט, ווער עס זיצט אין דער „פּאָלקסצייטונג" — אָרעמע „זשידעס", אָבער איינגעשפּאַרטע, חוצ־פּהדיקע, וועלכע מאַכן דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן, רופן פּראָטעסט־שטרייקן און זאָגן דעות, ווי אַזוי אונדזער פּוילן זאָל זיך פירן... היינט האָבן זיי מסתמא אין זייער „זשאַרגאָן" ווידער געפּרווווט „פּיסקעווען" קעגן דער פּוילישער רעגירונג, קעגן דער פּוילישער פּאָליציי — האָט מען זיי פאַרמאַכט דאָס מויל...

אַ געפיל פון הילפלאָזיקייט האָט מיך באַהערשט, ווען איך האָב געקוקט אויף די פּעק „פּאָלקסצייטונגען" אין די פּאָליצייאישע אָרעמס. וווהין פירן זיי אונדזער וואָרט? — ערגעץ אין אַ פּאָליצייאישן קעלער, ווו עס וועט פאַרפוילט ווערן, און היינט וועלן מיר ווידער שרייבן און מאָרגן וועלן זיי ווידער קומען און קאָנפיסקירן. און אַזוי אין אַ וואָך אַרום... אין צוויי... וועלן מיר אויסהאַלטן?... אַ יידישע אַרבעטער־צייטונג, אָן פאָנדן און אָן אַנאָנסן, אָנגעוויזן אויף די גראָשנס פון די יידישע אַר־בעטער און אָרעמקייט, וועלכע קויפן אין פילע פאַלן די צייטונג בשותפות, איין עקזעמפּלאַר פאַר עטלעכע משפּחות — איז וויפל קאָנפיסקאַציע־קלעפּ וועט זי עס זיין אימשטאַנד צו פאַרטראָגן?...

אָבער דאָס דאָזיקע געפיל פון הילפלאָזיקייט איז מיט אַמאָל פאַר־שוווּנדן, ווען איך האָב אָפּגעווענדט מיין בליק פון די פּאָליציאַנטן און אים געווענדט צו דער גאַס — צו דער יידישער גאַס, וועלכע האָט מיט־געלעבט מיט דעם אומגליק פון דער „פּאָלקסצייטונג". וואָס נענטער איך בין צוגעקומען צום הויז פון נאַוואָליפּיע 7, אַלץ וואַרעמער איז געוואָרן אַרום מיר. נישט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך קרעמער פון קאַרמעליצקע און נאַוואָליפּיע און סתם באַלעבאַטישע יידן האָבן מיר אַנטקעגנגעטראָגן אויף זייערע פּנימער אויסדרוקן פון מיטגעפיל. מאַנכע האָבן, פאַרבייגייענדיק,

מיר אויך צוגעוואָרפן אַ פרײלעכן סוד: זײ האָבן אין קעשענע אַ קאָנפיס־קירטע צייטונג... אויפן טראָטואַר אַרום נאַוואָליפּיע 7 האָב איך אויך געזען זיך אַרומדרייען אַרבעטער מיט צעשפּילעטע קראַגנס און אָפענע רעקלעך. דאָס האָבן זיי, זעט אויס, זיך דערוווּסט וועגן דער קאָנפיסקאַציע פון דער „פאָלקסצייטונג", ווען זיי זענען שוין געווען אין די וואַרשטאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ אין דעם געגנט פון קאַרמעליצקע. האָבן זיי געלאָזט שטיין די אַרבעט, האָבן אַ כאַפּ־געטון אויף זיך די רעקלעך און אַראָפּ אין גאַס זען, וואָס עס הערט זיך מיט זייער „פאָלקסצייטונג".

אַרײנקומענדיק אין טויער פון רעדאַקציע, האָב איך זיך ווידער אָנגעטראָפן אויף שטעכעדיקע בליקן פון פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן דאָרט געהיט, מען זאָל נישט אַרויסטראָגן קיין קאָנפיסקירטע צייטונגען. און ווידער האָב איך דערפילט, ווי אַ קאַלטער ווינט בלאָזט מיר אין פּנים אַריין. אָבער ווען איך בין אַרויף אין רעדאַקציע, האָב איך אויף די טרעפּן און אין די קאָרידאָרן באַגעגנט יידישע אַרבעטער, וועלכע די זאָרג פאַר דעם גורל פון זייער צייטונג האָט צונויפגעבראַכט פון אַלע עקן וואַרשע. לעבן זיי האָב איך גאַנץ גיך פאַרגעסן, אַז מיר איז אַמאָל געווען קאַלט.

דאָס איז געווען די אַטמאָספערע, אין וועלכער עס האָט געלעבט די „פאָלקסצייטונג" אין די לעצטע יאָרן פאַרן גרויסן חורבן — אַן אַטמאָספערע וואָס איז געווען אי קאַלט און אי וואַרעם, אַן אַטמאָספערע וואָס איז געווען אָנגעפילט אי מיט האַס און אי מיט ליבע, אי מיט הילפלאָזיקייט און אי מיט גבורה, אי מיט יאוש און אי מיט האָפענונג.

און אַז איר וועט מיך פרעגן: וואָס איז געווען מער: קעלט אָדער וואַרעמקייט? יאוש, אָדער האָפענונג?

וועל איך ענטפערן מיט דער גאַנצער זיכערקייט:

וואַרעמקייט איז געווען מער!

און מער ווי אַלץ האָט געוואַרעמט די האָפענונג.

די גרויסע האָפענונג...

ב. שעפּנער

**
*

נישט אַלעמען אין דער „פֿאָלקסצייטונג“ האָט די האָפֿענונג געוואַרעמט גלייך; עס איז געווען געווענדט וויפֿל יאָרן איינער האָט געלעבט אין דער דאָזיקער קאַלט־וואַרעמער אַטמאָספֿער און ווי טיף ער האָט אין איר געלעבט. אָבער יעדער פֿון אונדז האָט זי געפֿילט אין די ביינער, פֿון ערליכן ביזן שיק־ייִנגל פֿון רעדאַקציע, פֿון נחן ביז דעם באַלעבאַטישן ייִדן, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט דער עקספּעדיציע פֿון דער צייטונג.

דער לעצטער, דער עקספּעדיטאָר, איז געווען, דאַכט זיך, אַ זייטיקער אין דער „פֿאָלקסצייטונג“ און דרויסנדיקע מענטשן האָבן זיך אָפּטמאָל געוווּנדערט, ווי קומט „אַזאַ ייִד“ צו „זיי“? וואָס געהערט ער זיך אָן מיט בונד און מיט בונט?...

זיי האָבן געוווּסט, אַז דער געוויינלעכער ענטפֿער „פּרנסה“ איז דאָ נישט קיין גאַנצער ענטפֿער. אין דער „פֿאָלקסצייטונג“ גייט מען נישט בלויז צוליב פּרנסה. עס מוז זיין „נאָך עפּעס“. אין וואָס האָט דער דאָזיקער ייִד אַזוינס געזען ביי „זיי“, און וואָס האָבן „זיי“ געזען ביי אים?

דער אמת איז, אַז גראָד דער דאָזיקער ייִד איז אָנגעקומען אין דער „פֿאָלקסצייטונג“, פֿריִער נאָך אין מעדעמס „לעבענס־פֿראַגען“, טאַקע צוליב פּרנסה. (פֿאַר דעם האָט ער געאַרבעט אַלס עקספּעדיטאָר אין „פֿריינד“). אַ ייִד אַ שטילער, אַן ערלעכער, וואָס טוט זיין אַרבעט געוויסנהאַפֿט און מיט געניטשאַפֿט. איז וואָס קען מען האָבן אויסצוזעצן קעגן אים? דווקא ביי דעם טייל פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג“־אַרבעט — ביי דער עקספּעדיציע — איז באַלעבאַטישקייט און סוחרישער צוגאַנג געווען אַ מעלה. מען האָט זיך געדאַרפֿט קענען אויף די פֿאַרשידענע פּראַכטטאַריפֿן, מען האָט געדאַרפֿט יעדן טאָג האָבן צו טון מיט אָנגעשטעלטע פֿון דער פּאָסט און פֿון דער באַן, מען האָט געדאַרפֿט וועגן און באַרעכענען און אַמאָל טאַקע אויך גיין דורך דער הינטערטיר... ער, פֿינגערהוט (אַזוי האָט ער געהייסן), איז געווען פֿאַר דער אַרבעט ווי אָפּגעמאָסטן. ער איז זיך געשטאַנען מיטן רוקן צו דער רוישנדיקער ראָטאַציעמאַשין, ביי אַ גרויסן טיש פֿון דער דרוקעריי, און רויִק צוגעגרייט די צייטונגס־פּעקלעך פֿאַר די באַזונדערע שטעט און שטעטלעך. שפּעטער,

אַז אַלץ איז געווען פּאַרטיק, האָט ער זיך געלאָסן אָנגעטון די קאַפּאָטע און דעם שוואַרצן האַרטן קאַפּעליוש, האָט זיך אַ גלעט געטון דאָס באַ־לעבאַטישע געלע בערדל און איז אַוועק צו דער באַן מיט די פּעקלעך צייטונגען. וואָס איז אים דער אונטערשיד וואָסערע יידישע צייטונגען דאָרט זענען: „פאָלקסצייטונגען", אָדער „פריינדן"? — פאַר אים זענען עס פּעקלעך, וואָס ער דאַרף אַוועקשיקן. דאָס איז זיין פּרנסה.

שבת האָט פינגערהוט, פאַרשטייט זיך, נישט געאַרבעט. נישט עמי־צער האָט עס פאַרלאַנגט פון אים און נישט ער וואָלט עס געטון, ווען מען וואָלט עס יאָ פאַרלאַנגט. ביי אים איז געווען אַ פרום־באַלעבאַטיש הויז מיט אַ כשרן יידישן טיש און מיט יינגלעך, וואָס לערנען אין חדר און מיט אַ פולן שבת, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי ליכט־בענטשן און זיך געענדיקט ביי הבדלה. ערשט נאָך הבדלה האָט פינגערהוט אָנגעטון די וואָכעדיקע קאַפּאָטע און אַוועק צו דער אַרבעט אין דער „פאָלקס־צייטונג".

אָבער מיט דער צייט האָט דער קלימאַט פון דער „פאָלקסצייטונג" אויך דערגרייכט צום ווינקל אין דער דרוקעריי, ווו עס איז געשטאַנען פינגערהוט און געפּאַקט זיינע פּעקלעך. ער איז נישט געוואָרן קיין בונדיסט, ער האָט זיין לעבנס־שטייגער נישט געענדערט, אָבער ער האָט זיך דערפילט ווי אַ שטיקל שותף צו דער גרויסער האָפענונג, וואָס איז דאָ געהאַנגען אין דער לופט...

פינגערהוט האָט פון זיין ווינקל אָנגעהויבן אָבסערווירן מעדעמען, נחן, מיכאַלעוויטשן, ערליכן, קאָסאָווסקין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט מיט די אויגן און מיט די חושים איינגעגראָבן אין זיינע פּעקלעך און אַדרעסן, אָבער אין דער אמתן האָבן די קורצזיכטיקע אויגן זיינע פון אַ זייט געקוקט צו די פירער פון „בונד", אין אָנהייב מיט חידוש, ער האָט געוואָלט דער־גיין, וועր זענען עס די דאָזיקע מאָדנע אַלט־יונגע יידן, וואָס אין גאָט גלויבן זיי נישט און וואָס זייער גאַנצער גאַנג און פירעכץ שמעקט מיט קידוש־השם.... שפּעטער איז דער חידוש אַריבערגעגאַנגען אין דרך־ארץ און ביס־לעכווייז — אין באַוווּנדערונג. פינגערהוט האָט זעלטן גערעדט וועגן די פי־רער פון „בונד", אָבער יעדעס מאָל ווען ער האָט זיי באַגעגנט, האָט ער אויפ־געהויבן די אויגן און זיי לאַנג נאָכגעקוקט...

***

ווען פּאָליציי איז געקומען קאָנפיסקירן די ציישונג, האָט פינגערהוט דאָס טיפער איבערגעלעבט ווי יעדער אַנדערער פון אונדז. פאַר אים איז עס געווען מער ווי אַ געלט־פאַרלוסט (ער איז געווען, ווי יעדער פון אונדז, אַ מיטגליד פון קאָאָפּעראַטיוו „פאָלקסצייטונג״ און יעדע קאָנפיסקאַציע האָט אַרומגעשניטן זיין געהאַלט, אַזוי ווי אונדזערן) און אַפילו מער ווי אַ געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון זיין אַרבעטס־וואַרשטאַט — פאַר אים איז דאָס געווען, ווי מען וואָלט גענומען זיין האַרעוואַניע און זי געוואָרפן אין פייער אַריין. ווייל די אַלע פעקלעך, וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט, און געפּטרט אויף זיי אַ גאַנצע נאַכט אַרבעט, האָט דאָך די פּאָליציי קאָנפיסקירט, אָדער באַלד אויף דער באַן אין וואַרשע, אָדער אויף דער פּראָווינצער סטאַנציע. אין אַזאַ פאַל האָט מען זיך אינדערפרי אַוועקגעשטעלט דרוקן אַ צווייטע אויפלאַגע און פינגערהוט האָט געדאַרפט ביז טיף אין טאָג אַריין אויפסניי שטיין און פּאַקן און שפּעטער ווידער פאָרן צו דער באַן, און ערשט נאָכדעם איז די אַרבעט געווען אַרויסגעוואָרפן, ווייל די פאַרשפּעטיקטע ציישונג איז אין די מייסטע ערטער אויף דער פּראָווינץ אָנגעקומען צוזאַמען מיט דער מאָרגנדיקער ציישונג און זעלטן ווער עס האָט געקויפט אַ נעכטיקע ציישונג, ווען ער האָט שוין געהאַט די היינטיקע.

איך האָב ביי עטלעכע אַזעלכע פאַלן אָבסערווירט פינגערהוטן, און יעדעס מאָל האָט מיך געשראָקן די קרענקלעכע בלאַסקייט וואָס איז פּלוצלונג אַרויסגעטראָטן אויף זיין פּנים. ער האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער אַלץ אין אים האָט זיך ווי צונויפגעקאָרטשעט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, ווי איך הער ווי פון זיין האַרץ וויינט אַרויס אַ טענה צום הימל:

— וואָס ווילן זיי פון אונדז, די רשעים?...

אָבער פאַר אונדז האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט. ער האָט נישט געהאַט קיין טענה צו די שרייבער פון דער „פאָלקסצייטונג״ פאַרוואָס זיי שרייבן „אַזעלכע זאַכן״, צוליב וועלכע מען מאַכט חרוב די ציישונג, בעת די שרייבער פון די איבעריקע יידישע ציישונגען היטן בעסער אָפּ זייער שטיקל ברויט. פאַרקערט, עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז שטאָלץ, וואָס זיינע שותפים היטן נישט זייער שטיקל ברויט...

נאוואליפיע 7

בלויז איינמאָל, געדענק איך, בעת אַ שווערער קאָנפיסקאַציע־שחיטה, ווען טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון דער פרישער צייטונג זענען צוגענומען גע־וואָרן פון דער דרוקעריי פאַר אַ שאַרפן אַרטיקל וועגן דעם באַזוך פון היט־לער־געסט אין פּוילן, איז פינגערהוט צוגעגאַנגען צו ערליכן און שעמעוו־דיק געפרעגט:

חבר ערליך, מען וואָלט אפשר געקענט שרייבן דאָס זעלבע, אָבער אַביסל פאָרזיכטיקער?...

ערליך האָט מיט טיפער סימפּאַטיע אַריינגעקוקט אין פינגערהוטס בלאַסן פּנים:

ניין, ליבער חבר פינגערהוט, מען קען נישט... עס טוט צו־שטאַרק וויי...

— איר זענט גערעכט, חבר ערליך — האָט פינגערהוט געזאָגט מיט טרערן אין דער שטימע — עס טוט צו־שטאַרק וויי...

און אין יענעם מאָמענט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען ערליך וואָלט דעמאָלט געזאָגט צו פינגערהוטן, ער זאָל אַרויסגיין אין גאַס בויען באַרי־קאַדן — וואָלט דער דאָזיקער באַלעבאַטישער ייִד געענטפערט שטיל, אָבער אַנטשלאָסן:

— איך גיי, חבר ערליך...

**
*

אָבער פינגערהוט האָט נישט ערשט געדאַרפט זיך „אָנשטעקן" ביי די רעדאַקטאָרן פון דער „פאָלקסצייטונג", ער האָט דאָס געקענט באַוויזן ביי אירע צוויי „געשעפטס־פירער" — נח (יוזעף) פּאָרטנאָי, און אַבראַם קאַס־טעלאַנסקי.

מיר וועלן זיך מיט זיי באַקענען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

3

די צוויי „געשעפטס־פירער" — נח און אַבראַם

ווען איך בין אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, אַלס יונגער בחור, געקומען פון לאָדזש קיין וואַרשע אויף צו אַרבעטן אין דער „פאָלקסצייטונג", זענען די צוויי ליטוואַקעס, נח (יוזעף) פּאָרטנאָי און אַבראַם קאַסטעלאַנסקי, געווען פאַר מיר דער איינציקער סאָלידער אָנשפּאַר אין אַ סביבה, אויף וועלכער עס איז געלעגן דער שטעמפּל פון צייטווייליקייט, פון וואַקלדיקייט.

דער „בונד" איז געווען יאָ לעגאַל און נישט לעגאַל. די בונדישע אינסטיטוציעס און פאַריינען האָבן געפירט אַ נאָרמאַלע טעטיקייט, אָבער יעדע מינוט זענען זיי געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר, אַז עס קען קומען פּאָליציי און זיי פאַרמאַכן. די „פאָלקסצייטונג" איז דערשינען לעגאַל, אָבער כמעט יעדן צווייטן טאָג האָט מען זי קאָנפיסקירט און כמעט יעדע וואָך האָט מען זי פאַרמאַכט און זי איז באַלד אויף צומאָרגנס דערשינען אונטער אַ נייעם נאָמען, אָפּטמאָל אַלס „איין־טאָג־צייטונג" („יעדנאָדניווקאַ"), וועלכע האָט, לויט די פּוילישע געזעצן, געהאַט אַ רעכט אַרויסצוגיין דריי טעג אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש.

נאָך נישט קיין גאַנצן חודש אין וואַרשע, בין איך שוין געווען אַ מיטאַרבעטער פון פיר צייטונגען. דאַקעגן געהאַלט האָב איך ערשט געהאַט געקראָגן פאַר איין וואָך... גייענדיק אינדערפרי אין רעדאַקציע, בין איך קיינמאָל נישט געווען זיכער, צי איך וועל נאָך טרעפן אַן אָפענע טיר.

אַפילו דער לאָקאַל האָט אויסגעזען צו זיין אַ צייטווייליקער, וואָס אָט־אָט דאַרף מען זיך פון אים אַרויסקלייבן. אויך די שאָקלדיקע טישן, באַדעק־

טע מיט ווייס פּאַפּיר, האָבן געשמעקט מיט ציטווייליקייט. דאָס זעלבע די הינקענדיקע בענקלעך, די נאַקעטע לעמפּלעך, די ענגע זעצעריי, דאָס שאָר־סטקע פּאַפּיר, אויף וועלכע מיר האָבן געשריבן, די אָרעמע הילצערנע פּאָלי־צעס — אַלץ, אַלץ האָט דערציילט, אַז אונדזער עקזיסטענץ הענגט אין דער לופט אויף אַ דין שנירל, וואָס קען זיך יעדע מינוט אָפּרייסן...

אָבער איין קליין צימערל איז דאָרט געווען, אויף וועלכן עס איז גע־לעגן דער שטעמפּל פון סטאַבילקייט — דאָס צימערל, אין וועלכן עס זענען געזעסן די צוויי פּאַרוואַלטער פון דער „פּאָלקסצייטונג": נח און אַבראַם. דאָס זענען געווען גאַנץ פאַרשידענע מענטשן, סיי לויט זייער אויסזען, סיי לויט זייערע כאַראַקטערן און סיי לויט זייער פּאָזיציע אין דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג. נח — אַ הויכגעוויקסיקער, אַ שלאַנקער מיט אַ פּנים און וואָנצעס פון אַ פּוילישן שליאַכטשיץ און מיט געלאַסענע באַוועגונגען און געציילטע ווערטער, וואָס אי זיי באַרויִקן און אי זיי וועקן דרך־ארץ. אי זיי זענען קלאָר, צום פּונקט, און אי עס ליגט הינטער זיי די בישט־דערזאָגט־קייט פון קאָנספּיראַציע און אויף זיי — דער אָפּשיין פון רעוואָלוציאָנע־רער לעגענדע, אין וועלכער זיין נאָמען איז אין די צאַרישע צייטן געווען איינגעהילט. אַבראַם — אַ נידעריקער, מיט אַ טונקל, אָבער אָפן פּנים, מיט רירעוודיקע באַוועגונגען, מיט גיכע, פּשוטע רייד און מיט אַ באַוווסטזיין פון אַ דיסציפּלינירטן זעלנער, וואָס היט אָפּ געטריי די פּאָזיציע אויף וועל־כער די באַוועגונג האָט אים אַוועקגעשטעלט.

די פּאָזיציע איז געווען — דאָס בונדישע, דאָס יידיש־סאָציאַליסטישע וואָרט. אַנדערע האָבן דאָס וואָרט געשריבן און אַבראַמס אויפגאַבע איז גע־ווען עס צו ברענגען צו די הערצער פון וואָס מער מענטשן. פון דער פריִער יוגנט איז דאָס געוואָרן זיין לעבנס־אויפגאַבע — פאַרשפּרייטן סאָציאַליס־טישע ליטעראַטור, העלפן זי דרוקן, אַרויסגעבן, עקספּעדירן, פאַנאַנדער־פירן. פריִער האָט דער יונגער פּינסקער און ווילנער בוכהאַלטער עס געטון אַליין און שפּעטער צוזאַמען מיט זיין פרוי בערטע. ער איז געווען דער פאַרלעגער, דער טעכניקער, דער „געשעפטספירער" פון די אומלעגאַלע בונדישע אויסגאַבן און זי, די שוואַרץ־חנעוודיקע יונגע פרוי — די פאַר־שפּרייטערין. זי האָט גענומען אַן עלעגאַנטע וואַליזע, האָט דאָרט הינטער ווייבערישע שמאָכטעס אַריינגעפּאַקט פּראָקלאַמאַציעס און בראָשורן און מיט

אַ זיכערן גאַנג פון אַ קאַקעטישער יונגער דאַמע אַוועק צו די קאַזאַרמעס און פאַבריקס־געביידעס...

עס זענען געקומען אַרעסטן, טורמע, אָבער באַלד ווי מען איז אַרויס אויף דער פריי, האָבן אַבראַם און בערטע זייער „געשעפט" ווידער געלאָזט אין גאַנג...

פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער „בונד" אין פוילן האָט אָנגעהויבן אַרויס־געבן לעגאַלע ביכער און צייטונגען איז אַבראַם קאַסטעלאַנסקי אויך געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון לעגאַלן בונדישן פאַרלאַג, זיין געשעפטספירער. אַבראַם האָט געוווּסט — נישט לעגאַל, יאָ לעגאַל, אַן איין־טאָג־אויסגאַבע, אָדער אַ נאָרמאַלע צייטונג — דאָס אַלץ זענען בלויז ווערטער און פאָרמען, וואָס קע־נען נישט ענדערן דעם פאַקט, אַז זיין אויפגאַבע איז אַ סטאַבילע, אַ שטענ־דיקע, אַזוי סטאַביל און שטענדיק, ווי עס איז דאָס פרייע וואָרט...

מען קען ווידער מוזן אויף אַ געוויסער צייט אַראָפּ אונטער דער ערד, אָבער מען וועט אויף קיין איין מינוט נישט אויפהערן צו זיין...

און אויב עס האָט אפשר אויף אַ מאָמענט אים באַהערשט אַ צווייפל, איז גענוג געווען, ער זאָל אויפהייבן זיין קאָפּ און אַ קוק־טון אויף נחן, וואָס איז מיט אים געזעסן ביי איין טיש און צוזאַמען געפירט די געשעפטן פון דער „פאָלקסצייטונג", כדי ווידער אינגאַנצן באַהערשט צו ווערן פון דער אַטמאָס־פערע פון סטאַבילקייט, פון דויערהאַפטיקייט.

נחס רוזיקער בליק פון אונטער זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָט מער, ווי עס קען דאָס טון אַ מענטשלעך קול, געזאָגט:

— אַבראַם, מיר זענען דאָ און מיר וועלן ווייטער זיין.

ער האָט נאָך די ווערטער „ווייטער זיין" געשטעלט אַ פּונקט. אַפילו נישט קיין אויסרוף־צייכן.

קילע, רוזיקע פעסטקייט, וואָס נאָר גרויסע שיף־קאַפּיטאַנען דערגייען צו איר, — דאָס איז געווען דער הויפּט־שטריך פון נחן. פון טאָג, ווען דער זיבעצן־יעריקער סטודענט פון ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך ביז צו די לעצ־טע טעג פון זיין לעבן, ווען דער זיבעציק־יעריקער קראַנקער נח איז געלעגן אין יסורים אין ניו־יאָרקער שפּיטאָל, האָט די דאָזיקע רוזיקע אַנטשלאָסנקייט,

אויף ווייפּל עס איז געגאַנגען וועגן דער געמיינזאַמער „זאַך”, אים נישט פאַרלאָזט.

ער איז קוים דריי־און־צוואַנציק יאָר אַלט געווען, ווען ער האָט, שוין זייענדיק לערער פון דער קאָוונער מלוכהשער פאָלקסשול, אָנגעהויבן זיין פינף־יעריקן האַרטן וואַנדער־וועג איבער טורמעס און סיביר, אָבער ער איז אַריין אין טורמע מיט דער זעלבער רויִקער אַנטשלאָסנקייט, מיט וועלכער ער איז פון דאָרטן אַרויס. אָן איין קנייטשעלע. נישט אויף זיין רוקן, נישט צומאָל אויף זיינע קליידער. אַפילו ווען ער איז „געלאָפן” פון סיביר, איז ער אויך נישט געלאָפן, נאָר געגאַנגען רויִק, מיט זיינע געמאָסטענע, ווירדיקע טריט. קיין איין מוסקול פון זיין קלאַסיש־געשניצטן פּנים האָט נישט קיין ציטער געטון. נח האָט נאָכן אַנטלויפן פון סיביר באַגעגנט אויף אַ ווילנער גאַס זיין איינציקע שוועסטער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און וועל־כע ער האָט שוין יאָרן־לאַנג נישט געהאַט געזען. איז ער רויִק פאַרבייגעגאַנ־גען פאַר איר און אַוועק זיין וועג — דעם וועג פון זיין גרויסער שליחות. קאָנספּיראַציע? — זיכער. נח איז געווען דער מייסטער פון קאָנספּיראַציע, אָבער עס איז נישט געווען בלויז דאָס. עס איז געווען די געצוימטקייט און פעסטקייט פון גלויביקן. עס איז געווען אָפּגעקילטער שטאָל...

נח האָט זיך נישט געהיצט און נישט געבליצט. פרִיערדיקע יאָרן פלעגט מען זעלטן ביי אים פועלן, ער זאָל אַרויסטרעטן מיט אַ רעדע. ערשט די לעצ־טע יאָרן, ווען די געפערלעכע קראַנקייט האָט אין אים שוין גענעסטעט, האָט ער זיך דערלויבט פון צייט צו צייט צו רעדן אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף און האָט דעריבער געוואָלט וואָס מער „אָפּטון” פאַר זיין אַוועקגיין. דאָס זענען גיכער געווען פאַרקאָנס־פּירירטע געזעגענונגס־ווערטער, ווי רעדעס. אָבער דאָס ווייניקע, וואָס ער האָט גערעדט, האָט געהאַט וואָג און דאָס נישט אַזוי צוליב די ווערטער, וואָס זענען דאָרט באַנוצט געוואָרן, נאָר צוליב דעם מענטשן, וואָס איז גע־שטאַנען הינטער די ווערטער. מ'הערט אָפטמאָל גרויסע ווערטער, הינטער וועלכע עס שטייט אַ קליינער מענטש. ביי נחן האָט מען הינטערן פּשוטסטן, קלענסטן וואָרט געזען דעם גרויסן מענטש. מען האָט געזען דעם אָנהויבער, דעם פּיאָנער, און דעם פאָרזיצער; מען האָט געזען דעם סיבירער און דעם לאָדזשער נח און אויך דעם וואַרשעווער יוזעף (זיין פאַרטיי־נאָמען אַלס פּי־

ב. שעפנער

רער פון לעגאַלן „בונד“ אין אומאָפּהענגיקן פּוילן) און ביידע האָבן זיך האַרמאָניש דערגענצט און נאַטירלעך געקייטלט. אין ערגעץ איז נישט געווען קיין איבערגעריסענער רינג, קיין טונקעלער, אָדער אומבאַקאַנטער פּונקט. סיביר — טורמעס — באַריקאַדן — צוואַנגס־לאַגער און ווידער קאַמף, און דאָס אַלץ אָן העלדישע זשעסטן, אָן פּאַטאָסדיקן „אָ“ און „אַך“, אָן היץ.

אין פאַרלויף פון די קנאַפּע צוואַנציק יאָר, וואָס איך בין געווען אונטער איין דאַך מיט נחן, אָדער, ריכטיקער, מיט יוזעפן, האָב איך קיין איין מאָל נישט געזען ער זאָל זיך היצן, אָדער זיך בייזערן. זיינע ווערטער האָבן נישט געיאָגט איינע די צווייטע, נאָר זענען שטענדיק געגאַנגען רויִק און מיט גלייכע טריט, ווי ער אַליין, אָבער ביי זייער גאַנצער רויִקייט און אַפילו פּראָזאַאישקייט איז געלעגן אויף זיי דער צויבערלעכער אָפּשיין פון דער „זאַך“. נח איז ערשט אַרויס פון טורמע און שוין האָט ער גערעדט מיט פּראָזאַאישער געלאַסנקייט וועגן די אויפגאַבן, וואָס מען האָט איצט אויסצופירן. אַקוראַט, ווי ער וואָלט זיך ווייטער געפירט דעם שמועס, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן דעמאָלט, איידער ער איז אַריין אין תפיסה. ער האָט אינגאַנצן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער געצוווּנגענער „הפסקה“. דאָס איז נישט געווען וויכטיק, דאָס האָט דאָך זיך מער נישט אָנגעהערט מיט דער „זאַך“. אָבער דווקא דערפאַר, ווייל ער האָט וועגן דעם אויסגעמיטן צו רעדן, האָט איר אין דעם נישט געקענט פאַרגעסן און אַלץ ליבער איז אייך געווען אים נאָכצוגיין און אויסצופירן זיינע באַפעלן.

באַפעלן? — יאָ, נח איז געווען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן דער באַפעלער אין „בונד“, הגם ער אַליין האָט קיינמאָל אַזעלכע אויסדריקן ווי „איך הייס“, אָדער „איך זאָג“ נישט באַנוצט. ער פלעגט געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן זאָגן:

— כ׳מיין, אַז איר וואָלט געדאַרפט...

דאָס איז געווען גענוג, אַז יעדער איינער זאָל מסכּים זיין אויף זיך צו נעמען די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אויפגאַבן, וואָס נח האָט אים איבערגעגעבן.

וואָרום אויב נח „מיינט“ אַזוי, איז נישטאָ מער וואָס צו רעדן. און ער האָט טאַקע מער וועגן דעם נישט גערעדט. ער האָט שוין גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש און אַלץ מיטן זעלבן רויִקן, געלאַסענעם טאָן. אַרויס פון זיין צימער

איז מען נאָך אַזאַ שמועס באַלאָדן מיט אַ שווערער שליחות, און דאָך האָט מען זיך געפילט גרינגער, ווי ווען מען איז אַהין אַריין. מען האָט געוווּסט, אַז וויפל ער פאַרלאַנגט נישט, פאַרלאַנגט ער נאָך אַלץ פון יעדן פון אונדז ווייניקער וויפל ער גיט אַליין...

איז ווי קען מען האָבן ספקות און זיך וואַקלען, ווען מען זיצט צוזאַמען ביים טיש מיט נחן און מען פירט מיט אים צוזאַמען דאָס „געשעפט?"

האָב איך טאַקע קיינמאָל אויך נישט געזען דעם צווייטן „געשעפטס־פירער" אין דער „פאָלקס־צייטונג" אַבראַם קאָסטעלאַנסקין אין אַ שטימונג פון צווייפל, שוין אָפגערעדט פון פאַרצווייפלונג, הגם מיר האָט זיך נישט איינמאָל אויסגעדוכט, אַז ער האָט אַ גוטן גרונד דערצו. געווען טעג ווען אין טיר פון דער אַדמיניסטראַציע האָט זיך באַוויזן איין נישט־געוווּנטשענער גאַסט נאָכן צווייטן. אָט איז געקומען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר קאָנפיסקירן די צייטונג. נאָך איידער ער איז אַוועק, האָט זיך געיאַוועט אַ סוחר מאָנען אַ חוב פאַר פאַרב, אָדער פאַר פּאַפּיר. הינטער אים איז געגאַנגען אַ פרוי פון אַ זעצער. זי איז געקומען בעטן קאָסטעלאַנסקין, אפשר קען ער איר געבן אַביסל געלט אויפן חוב, וואָס עס קומט איר מאַן. זי דאַרף צאָלן דירה־געלט... דערווייל איז דאָנערשטיק און קאָסטעלאַנסקי מאַכט פּלענער ווי מען קריגט אַ גמילת־חסד, כדי מאָרגן כאָטש קענען אויסצאָלן אַ טייל פון געהאַלט די אָממייסטן באַדערפטיקע מיטאַרבעטער.

ער האָט געגנומען דאָס שטעקעלע און אַרויס אין גאַס זוכן אַ הלוואה. נישט איינמאָל איז ער צוריקגעקומען צוזאַמען מיט אַ פּראָצענטניק, וועלכן ער האָט געגעבן טשעקן אויסגעשטעלט אויף ווייטע טערמינען אין דער האָפענונג, אַז ביז צו יענער צייט וועט אין באַנק זיין געלט און אויב נישט — וועט מען פּרוּוון די טשעקן אויסטוישן אויף שפּעטערדיקע...

פון אַזעלכע „אָפּעראַציעס" האָט קאָסטעלאַנסקי שטאַרק געליטן, אָבער עס איז אים אויף קיין סעקונדע נישט איינגעפאַלן, אַז מען וואָלט געדאַרפט זיך פון דער לאַסט באַפרייען. זיין יעדע באַוועגונג האָט געזאָגט:

— עס איז אַ גרויסע און סטאַבילע אונטערנעמונג. איך בלייב מיט איר פאַרבונדן אויף שטענדיק...

***

און די דאָזיקע אַטמאָספערע פון סטאַבילקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון דעם קליינעם קאַבינעט פון נחן און אַבראַמען צו דעם גרויסן צימער אין וועלכן עס זענען געזעסן איבער די געשעפטס־ביכער די אָנגעשטעלטע פון דער אַדמיניסטראַציע פון דער „פאָלקסצייטונג".

די געשעפטס־ביכער פון דער „פאָלקסצייטונג"...

פון זיי האָט, דאַכט זיך, מער ווי פון ערגעץ אַנדערש אַרויסגעשריגן די צייטווייליקייט און די קרישלדיקייט פון אונדזער „געשעפט". ציפערן זענען געוויינלעך קאַלטע לונג־און־לעבערס. זיי רעדן האַרטע פּראָזאַאישע רייד. האָבן זיי דערציילט, די ציפערן, וועגן אָרעמע, פּראָלעטאַרישע איינקונפטן און וועגן גרויסע אויסגאַבן; וועגן קאָנפיסקאַציעס, וואָס מאַכן די אויסגאַבע נאָך גרעסער און די איינקונפטן נאָך קלענער; וועגן חובות, וואָס מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט צאָלן; וועגן געהאַלטן, וואָס ווערן געקירצט און דאָך נישט אויסגעצאָלט; וועגן פּאַפּיר, וואָס מען מוז קויפן יעדן טאָג ביי קליינע הענדלער, ווייל די פּאַפּיר־פאַבריק וויל מער נישט געבן אויף קרעדיט... בקיצור — וועגן אַ געשעפט, וואָס איז באַנקראָט, און וואָס קען אייגנטלעך מער קיין איין טאָג נישט שטיין אויף די פיס...

האָבן אַבראַם און די איבעריקע אָנגעשטעלטע פון דער אַדמיניסטראַציע געקוקט אויף די דאָזיקע ציפערן און... זיי זענען נישט נתפעל געוואָרן. נישט ווייל זיי האָבן געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון די ציפערן — ווי האָבן זיי געקענט צווייפלען, אַז זיי האָבן דאָך די ציפערן אַליין פאַרשריבן אין די ביכער? נאָר ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז די ציפערן דערציילן נאָך נישט דעם גאַנצן אמת. זיי פאַרצייכענען בלויז די געלט־איינקונפטן, אָבער די אַנדערע איינקונפטן פון דער „פאָלקסצייטונג" דערמאָנען זיי נישט. נעמט, אַ שטייגער, דעם איינקונפט פון עטלעכע ייִדישע לערן־ייִנגלעך ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, וואָס האָבן אָנגעהויבן לייענען די „פאָלקסצייטונג" און מיט אַמאָל זיך דערפילט אַלס מיטבאַלעבאַטים פון אַזאַ גרויסער שיינער וועלט... אין געלט איז דער איינקונפט געווען גאָר אַ קליינער, ווייל די אַלע לערן־ייִנגלעך האָבן געקויפט בשותפות נישט מער ווי איין צייטונג, אָבער אין אַנדערע ווערטן — אין די ווערטן וואָס זייער קורס איז אין דער „פאָלקס־

ציַיטונג״ גאָר הויך פאַרנאָטירט געוואָרן — האָט ער באַטראָפן זייער אַ סך, אפשר מער, ווי דער גאַנצער דעפיציט פון דער ציַיטונג...

און נאָך אַ סך אַזעלכע און ענלעכע איַינקונפטן האָט געהאַט די „פאָלקס־ציַיטונג״ — איַינקונפטן, וועלכע דער „געשעפטס־פירער״ אַבראַם קאָסטע־לאַנסקי און זיַינע מיטאַרבעטער, — ליזע, כשר, קופערבערג, קראָנזילבער צי מאָניעק, ד. דער שפּעטערדיקער פראָלעטאַרישער געשעפטס־פירער, דער זעצער אַדלער, — האָבן אַריַינגערעכנט אין חשבון, ווען זיי האָבן געמאַכט דעם געשעפטס־באַלאַנס און דערפאַר געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ זיכער און ראַיעל געשעפט...

זיי זענען געווען בוכהאַלטערן, וואָס האָבן אין זייערע געשעפטס־ביכער אויך פאַרשריבן חלומות...

4

יוסף כמורנער

פֿאַראַן אויף דער וועלט אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז הומאָריסטישע שרייבער זענען אין טאָג־טעגלעכן לעבן טרויעריקע מענטשן, מרה־שחורה־ניקעס, און אַז גראָד אויף די פּנימער פֿון ערנסטע שרייבער קען מען אָפּט־מאָל באַגעגענען אַ שמייכל. אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, איז דאָס נישט ריכטיק. הומאָריסטישע שרייבער פֿאַרמאָגן געוויינלעך אויך הומאָר אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און, דאַקעגן, ערנסטע שרייבער, אַנגעכמורעטע, זענען אויך אין זייער פּריוואַטן לעבן ערנסט און אָנגעכמורעט, אָדער ווי די ליטוואַקעס וואָלטן געזאָגט: „סעריאָזנע״.

דער אמת איז אָבער, אַז אין ביידע קאַטעגאָריעס זענען דאָ אויסנאַמען. איר טרעפֿט הומאָריסטישע שרייבער, וואָס אין טאָג־טעגלעכן לעבן פֿאַר־גינען זיי זיך נישט קיין שמייכל צו טון (דער גרעסטער ייִדישער הומאָריסט שלום עליכם און דער גרעסטער אַמעריקאַנער הומאָריסט מאַרק טוועין האָבן צו די אויסנאַמען נישט געהערט), און איר באַגעגנט ערנסטע שרייבער, וואָס ווי נאָר זיי לייגן אַוועק די פֿעדער און גייען אַריבער צום פּריוואַטן שמועס, שפּרודלט עס פֿון זיי מיט הומאָר און שאַרפֿזין, אָדער ווי דער פֿראַנצויז רופֿט עס — „עספּרי״.

אַזאַ אויסנאַם צווישן די ערנסטע שרייבער איז געווען מיין חבר אין דער רעדאַקטאָרן־קאָלעגיע פֿון דער וואַרשעווער „פֿאָלקסצייטונג״, יוסף לעשטשינסקי (כמורנער).

יוסף כמורנער האָט געהערט צו דער אַזוי גערופֿענער „שווערער אַר־

טילעריע״ פון דער „פאָלקסצייטונג״. זיינע אַרטיקלען זענען כמעט שטענדיק געווען אויף פאָליטישע טעמעס, און זייער טאָן — תמיד אַ שאַרפער, אַן אַנגרייפערישער. אָבער דאָס איז קיינמאָל נישט געווען די שאַרפקייט פון סאַטירע, נאָר די שאַרפקייט פון לאָגיק, געפּאָרט מיטן צאָרן פון אַ רעוואָלוציאָנער. איז דאָך כמורנער געווען דער פירער פון דער לינקער פראַקציע פון פוילישן „בונד״, איר לערער און טעאָרעטיקער, און אים איז אויסגעקומען כסדר צו שווימען „קעגן שטראָם״ (דאָס איז אויך געווען דער נאָמען פון דעם זשורנאַל, וואָס די כמורנער־פראַקציע האָט אַרויסגעגעבן) נישט נאָר אין די פרעמדע וואַסערן, נאָר אויך אין די אייגענע, בונדישע וואַסערן.

קען מען שמייכלען, ווען מען שווימט קעגן שטראָם? ווען מען איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט שונאים און קעגנער? האָט טאַקע כמורנער אין זיינע אַרטיקלען זיך קיינמאָל נישט פאַרגונען צו געבן אַ שמייכל. דאָס זענען דאָך מייסטנס געווען מלחמה־אַרטיקלען. ער האָט מיט זיין פעדער געפירט מלחמות אויף אַ סך פראָנטן. ער האָט געפירט אַ פאַרביסענע מלחמה מיט דער רעאַקציע, מיטן קאַפּיטאַליזם; ער האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די רעכטע סאָציאַליסטן, דערונטער אויך קעגן די רעכטע אין „בונד״ פאַר זייער, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן, „רעפאָרמיזם״ און פאַר זייער שאַרפער קעגנערשאַפט צו סאָוועטרוסלאַנד, און ער האָט אויך געפירט אַ שאַרפע מלחמה קעגן די קאָמוניסטן פאַר זייער פאַרקריפּלען די רוסישע רעוואָלוציע און פאַר זייערע ברודער־קאַמפן קעגן אַנדערש־דענקנדיקע סאָציאַליסטן.

אויף די אַלע פראָנטן האָט כמורנער געקעמפט פאַר גאַנצע הונדערט פראָצענט פון זיין פראָגראַם, קיין איין פראָצענט נישט ווייניקער. אַ פּיזיש־שוואַכער, אַן אויסגעצערטער פון זיין ערנסטער לונגען־קראַנקייט, האָט ער פונדעסטוועגן אין זיינע פאָליטישע קאַמפן קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע סימנים פון שוואַכקייט, פון נאָכגיביקייט. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז אינמיטן פון אַ שאַרפער פאָליטישער דיסקוסיע האָט פלוצלונג דער הוסט אים גענומען שטיקן און ער האָט געמוזט איבעררייסן. עטלעכע לאַנגע פיינלעכע מינוטן איז ער אַזוי געשטאַנען אַ הילפלאָזער, דער טונקעלער, קלוגער פנים באַדעקט מיט אַ פייכטער רויטקייט, און שאַרף געהוסט, אָנשפאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אין טיש. אָבער קוים האָט ער אויפגעהערט הוסטן, האָט דאָס מיליטאַנטישע פייערל

זיך ווידער אַנגעצונדן אין זיינע שוואַרצע אויגן און פון זיין מויל האָבן זיך באַלד ווידער גענומען שיטן שאַרפע, לאָגישע אַרגומענטן, וואָס האָבן ווי אָפּגעווישט סיי זיין אייגענע קראַנקייט און סיי זיין געזונטן קעגנער...

די דאָזיקע קאָמפּראָמיסלאָזיקייט אויפן געביט פון גלויבן און אידעען האָט כמורנער געבראַכט פון זיין שטרענג־פרומער היים אין אוקראַינישן שטעטל האָראָדישטש, ווו ער האָט ביזן פערצנטן יאָר פון זיין לעבן שוין באַוויזן צו ווערן אַ תנ״ך־קענער און אַ שווימער אין ים פון תלמוד, און שפּעטער — אַ שווימער אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן און אויך אין די פּאָליטישע וואַסערן, וואָס האָבן פלוצלונג גענומען שטראָמען איבער יידישע שטעט און שטעטלעך. כמורנער האָט דערצו נאָך געהערט צו אַ דור, וואָס איז געוואָרן פרי בר־מצווה און וואָס פאַר אים האָט בר־מצווה געמיינט — נישט באַפרייען זיך פון לעצטן ביסל יידישקייט, נאָר נעמען אויף די יונגע פּלייצעס דאָס שווערע יידישע פּעקל און נישט זעלטן אויך דאָס שווערע וועלט־פּעקל...

שוין צו פופצן יאָר האָט כמורנער געהערט צו דער פּאַרטיי ס. ס. (סאָציאַליסטן־ציוניסטן, סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן), און שוין צו ניינצן יאָר האָט ער געשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן אָרגאַניזירן אַ יידישע זעלבסטשוץ. און אַט אַזוי האָט יוסף לעשטשינסקי, נאָך איידער ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון צוואַנציק יאָר, שוין זיך פאַרנומען מיט שרייבן פּראָקלאַמאַציעס, רעזאָלוציעס, לייט־אַרטיקלען אין פּאַרטיי־צייטונגען, טעזיסן פאַר פּאַרטיי־קאָנגרעסן, אויף וועלכע דיליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג זענען געפירט געוואָרן אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון די ערשטע דונערן פון דער אָנקומענדיקער רוסישער רעוואָלוציע...

צווישן רעזאָלוציעס און רעוואָלוציעס האָט דער יונגער לעשטשינסקי דערווייל באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַביסל פילאָזאָפיע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן אין קיעווער אוניווערזיטעט און נאָכדעם אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע, אָבער דאָס האָט זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען נישט געמאַכט ווייניקער ערנסט און זיינע פּאָליטישע קאַמפן — ווייניקער קאָמפּראָמיסלאָז. און אַזעלכער איז ער אויך געבליבן, ווען ער איז נאָך דער ערשטער

וועלט־מלחמה געקומען פון דער האַלב־חרובער סאָוועטיזירטער קיעוו קיין וואַרשע, ווו ער איז באַלד געוואָרן, צוזאַמען מיטן וואַרשעווער חיים וואַסער, פירער פון דער לינקער פראַקציע פון „בונד".

געווען אַ קורצע צייט, ווען די לינקע פראַקציע האָט געהאַט אַ מערהייט אין „בונד", און דעמאָלט איז כמורנער געווען פאַקטיש דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג". עס איז געווען אין יענער קורצער פּעריאָדע, ווען די פאַלשע פייערן פון מאָסקווער קרעמל האָבן פאַרבלענדט די אויגן פון מיליאָנען סאָציאַליסטן, און נאָך מער פון פּשוטע אַרבעטער איבער גאָר דער וועלט און זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זעען זיי די זון, וואָס גייט אויף פון מזרח פאַר דער גאַנצער פאַרחלשטער מענטשהייט.

מער ווי די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער און לענדער, האָבן די יידישע אַרבעטער פון פּוילן געהאַט אַ גרונד זיך צו לאָזן פאַרבלענדן פון מאָסקווער ליכט. געפּייניקט פון נויט, געטראָטן פון רעכטלאָזיקייט, באַשפּיגן פון אַנטיסעמיטיזם — האָבן זיי ווי אַ וווּנדער־מעשהלע אויפגענומען די ידיעות, וואָס זענען צו זיי דערגאַנגען וועגן דעם נייעם לעבן אויף יענער זייט גרענעץ; וועגן נאַציאָנאַליזירטע פאַבריקן און באַפרייטע פּריצישע מאַיאָנטקעס; וועגן אָפענע טירן פון לערן־אַנשטאַלטן פאַר די קינדער פון פאָלק, וועגן יידישע קאָלאָניעס און יידישע מלוכה־טעאַטערס...

אָבער גאַנץ גיך האָט די מערהייט פון די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען דעם „בונד", זיך אויסגעניכטערט פון מאָסקווער שיכרות. דערצו האָט מיטגעהאָלפן דער ריח פון בלוט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון סאָוועטישן „וווּנדער־מעשהלע". עס איז אָבער געבליבן אין „בונד" אַ שטאַרקע מינדערהייט, וואָס האָט ווייטער אויפריכטיק געגלויבט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זינד און ברוטאַליטעטן פון די באָלשעוויסטישע הערשער, בויט זיך אין סאָוועטרוסלאַנד אַ נייע אָרדענונג, פריי פון עקספּלואַטאַציע און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, און אַז דאָס לעבן וועט אין דער נאָענטסטער צייט צווינגען די סאָוועטישע פירער צו ליקווידירן זייער ביוראָקראַטישן צענטראַליזאַציע־אַפּאַראַט און זייער טעראָר־מאַשין און צו דעמאָקראַטיזירן דעם רעזשים, אַזוי אַז ער זאָל אַרומנעמען די אַרבעטער־ און פּויערים־פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען.

ב. שעפנער

די דאָזיקע אילוזיעס מעגן טאַקע אויסזען קאָמיש אין אונדזערע אויגן היינט, נאָך איבער אַ דריטל יאָרהונדערט סטאַליניסטישער פּראַקטיק; מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז מיט דריי און אַפילו מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק האָבן זיי אַנדערש אויסגעזען, דערצו נאָך אין ליכט פון דער יידישער נויט און אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן און פון די יידישע קאַטעדרעס און „יידישע אויטאָנאָמער געגנט" (ביראָבידזשאַן) ביי די סאָוועטן.

און יוסף כמורנער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט אין די דאָזיקע אילוזיעס און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שאַרפער פעדער געקעמפט פאַר זייער עקזיסטענץ אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־ציַיטונג". ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אין דער מינדערהייט, אַז ער איז אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע נאָר איינער פון דריי, אָבער דאָס האָט זיין קאַמף נישט שוואַכער געמאַכט, נאָר פאַרקערט — געמאַכט שאַרפער, עקשנותדיקער. עס איז גאָרנישט געווען אַזוי גרינג אים איבערצושטימען. ער האָט פאַרביסן געקעמפט פאַר יעדן זאַץ און אַפילו פאַר יעדן וואָרט פון זיינעם אַן אַרטיקל, אָדער נאָטיץ, וואָס די מערהייט (העברעאיש ערליך און איך) האָבן געפּרוּווט אויסשטרייכן, אָדער בלויז אָפּשוואַכן. גאַנץ אָפט האָט ער אינמיטן פון אַזאַ שטרייט זיך צעהוסט און קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן. אָבער דאָס איז פאַר אים קיין שטערונג נישט געווען. געענדיקט הוסטן, האָט ער אָנגעהויבן דעם קאַמף פון דעם אָרט, ווו ער האָט אים געהאַט איבערגעריסן. די קאָנצענטרירטע עקשנות אויף זיין בלאַס־געוואָרענעם פּנים, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ לומדישן שטערן העט־אַרויף ביים נאַקעטן קאָפּ, האָט שאַרף געלאָזט וויסן:

— איך טרעט נישט אָפּ!

אָבער אויך ערליך איז נישט געווען פון די, וואָס מאַכן פּאָליטישע קאָמפּראָמיסן. ביי זיין גאַנצער ברייטהאַרציקייט און נאָבלקייט, איז ער אין אַזעלכע פאַלן געבליבן האַרט און אומבויגזאַם. וואָס שייך מיר, בין איך זיך מודה, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען כמורנער האָט מיך מיד געמאַכט און איך בין גרייט געווען אַביסל אָוועקצוקוקן. זאָל בלייבן אין זיין אַרטיקל אַ „לינקער" זאַץ, האָב איך זיך געטראַכט, עס איז נישט קיין גוואַלדיק אומגליק. אין אַ צייטונג מוזן נישט די מיינונגען פון אַלע

שרייבער שטימען אויפן גראַד. אין איינעם אַזאַ פאַל, געדענק איך, ווען איך האָב געשטימט צוזאַמען מיט כמורנען, האָט ערליך אַ כאַפּ־געטון דעם מאַנטל און איז אַרויסגעלאָפן פון רעדאַקציע. כמורנערן האָט עס אָבער נישט געאַרט. ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע — גאַנצע הונדערט פּראָצענט!

***

אָבער דער דאָזיקער, דוכט זיך, אַנגעכמורעטער, ערנסטער שרייבער, וואָס האָט אַפילו פאַר זיין פּסעוודאָנים אויסגעקליבן דעם נאָמען כמורנער, איז אין פּריוואַטן לעבן און אויך אין די שמועסן אין דער רעדאַקציע, אויב נאָר זיי האָבן נישט אַנגערירט קיין פּאָליטיק, געווען פול מיט הומאָר און וואַרעמער מענטשלעכקייט. נישט דאָס הוסטן און אויך נישט זיין מאַטעריעלע נויט זענען נישט אימשטאַנד געווען אים אַריינצוברענגען אין אַ שלעכטער שטימונג. פאַרקערט, גאַנץ אָפט פלעגן זיי ביי אים דינען אַלס קוואַל פאַר גלייכווערטלעך. ער האָט געוווינט נישט ווייט פון רעדאַקציע, אויף קאַרמעליצקע 15, וואָס דאָס האָט, לויט זיינע רייד, געהאַט אי אַ מעלה און אי אַ חסרון — אַ מעלה, וואָס ער דאַרף נישט גיין קיין סך, און אַ חסרון — וואָס ער געפינט זיך ווייניק אויף דער לופט. וואָלט ער נישט געהוסט, וואָלט געווען, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל צווישן זיינע שוואַרצע וואָנצעס, גאָר שלעכט. ער וואָלט בלויז געציילטע מינוטן געווען אויף דער לופט. האָט אָבער גאָט אים צוגעשיקט אַ הוסט, אַזוי אַז אויפן קורצן וועג פון רעדאַקציע ביז אַהיים דאַרף ער זיך עטלעכע מאָל אָפּשטעלן און זיך אויסהוסטן. געניסט ער דערווייל פון דער לופט...

אָבער אויך שפּעטער, ווען ער איז שוין אַריין צו זיך אין הויף, האָט ער ווידער־אַמאָל געגאָסן פון זיין הוסט. אַזוי ווי ער האָט געוווינט אויפן פערטן שטאָק, איז אים אויסגעקומען אויף די טרעפּן זיך עטלעכע מאָל אָפּצושטעלן און זיך אויסהוסטן. איז אַז זיין ווייב פאַלע האָט דערהערט אויבן זיין הוסטן, האָט זי גענומען גרייטן דעם טיש, און ווען ער איז אַרויפגעקומען, האָט שוין דאָס מיטיק געוואַרט אויף אים...

זיין ווייב פלעגט ער מיט ליבשאַפט רופן „מיין פאַלע“. און מיט דער

זעלבער ליבשאַפט האָט זי אים גערופן „מיין יוסף". זי איז געווען די איינציקע טאָכטער פון דעם אָנגעזעענסטן גביר פון זייער שטעטל און איר ליבע צו דעם אָרעמען בחור האָט געדאַרפט בייקומען אַ סך שטערונגען ביז זי האָט, ווי די פּאָעטן זאָגן, געבראַכט צו דער באַהעפטונג פון די צוויי יונגע הערצער. אָבער עס איז געווען כדאַי — פּאָר ביידע, נאָך צוואַנציק יאָר צוזאַמענלעבן אין מאַטעריעלער נויט און אין שטענדיקער אומזיכערקייט, נישט האָבנדיק קיינמאָל קיין אייגענע דירה (אויך זייער וווינונג אין וואַרשע איז באַשטאַנען פריִער בלויז פון איין צימער און שפּעטער פון צוויי צימערן, איינגעדונגען ביי יענעם), האָבן ביידע נאָך אַלץ געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן ערשט אָנגעהויבן זייער האָניק־חודש. זייער איינציקע טאָכטער, גאַלי, וואָס האָט פאַרמאָגט די מאַמעס ווייכע באַוועגונגען און דעם טאַטנס שוואַרץ־חנעוודיקייט און הומאָר, פלעגט נישט איינמאָל גוטמוטיק קיבעצן אירע פאַרליבטע טאַטע־מאַמע.

כמורנערן איז געווען גאַנץ שווער אַרויסצושלאָגן די פּרנסה. דער געהאַלט פון דער „פּאָלקסצייטונג" האָט נישט געקלעקט און צו פאַרדינען מיט לעקציעס, ווי דאָס האָבן געטון אַנדערע מיטגלידער פון רעדאַקציע, איז כמורנערן, צוליב זיין שוואַכן געזונט, נישט מעגלעך געווען. דערצו נאָך איז פּאָלע, די גבירישע בת־יחידה, געווען אַביסל אומבאַהאָלפן אין פירן באַלעבאַטישקייט. האָט כמורנער צווישן די אַלע קאַמפּן פאַר רעזאָלוציעס, טעזיסן און פּראָגראַם־אַרטיקלען געמוזט זוכן אַ גמילת־חסד פון אַ פּאָר צענדליק זלאָטעס — אָדער אויף די לויפנדיקע הוצאות, אָדער אויף אָפּצוגעבן דעם ביי וועלכן ער האָט געבאָרגט יענע וואָך. דאָס פלעגט ער טון באַלד אינדערפרי, איידער ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער פלעגט דאָס רופן: „פינאַנציעלע אָפּעראַציעס".

— היינט — האָט ער זיך פאַר מיר אַמאָל פאַרענטפערט, פאַרוואָס ער איז נאָך נישט פאַרטיק מיט דעם לייט־אַרטיקל — האָבן מיינע „פינאַנציעלע אָפּעראַציעס" זיך אַביסל פאַרצויגן אַזוי אַז ערשט עלף אַזייגער האָב איך זיך געקענט אָנהויבן נעמען צו דער וועלט...

וואָס דאָס האָט געמיינט — צום לייט־אַרטיקל.

**
*

ביים שרייבן דעם לייט־אַרטיקל פֿלעגט כמורנער זיך שאָקלען און אונטערברומען אַ ניגון, וואָס האָט מיך ווי אַוועקגעפֿירט אין ליידיקן בית־המדרש שפּעט ביינאַכט, ווו צווישן די שאָטנס האָט אַרומגעבלאָנקעט דאָס פֿאַרבענקטע קול פֿון איינזאַמען מתמיד. כמורנער פֿלעגט זיין אַזוי פֿאַרטיפֿט אין אַריינברומען דעם ניגון אין זיין לייט־אַרטיקל, אַז ער האָט אינגאַנצן נישט באַמערקט ווי איך בין אַריין אין צימער. דעמאָלט פֿלעג איך זיך שטיל אַוועקזעצן אויף מיין פּלאַץ און נעמען מיטברומען מיט כמורנערן דעם ניגון. דאָס האָט געקענט אַמאָל געדויערן היפּשע מינוטן, ביז עס האָט זיך פֿלוצלונג האַסטיק געעפֿנט די טיר און עס האָט זיך דערהערט דאָס געשריי פֿון וויקטאָר שולמאַן, דעם סעקרעטאַר פֿון רע־דאַקציע:

— ווי זיי האָבן זיך עס צעזונגען, די בית־המדרשניקעס! — האָט זיין מויל זיך געבייזערט און זיינע אויגן האָבן געשמייכלט — און דער־ווייל רוקט זיך דער זייגער און דעם לייט־אַרטיקל זעט מען נישט... סיידן, מען וועט אָנשטאָט דעם לייט־אַרטיקל היינט אַריינגעבן אַ קאַפּיטל פֿון ביאַליקס „מתמיד“...

דאָס וואָרט „היינט“ האָט ער ספּעציעל אַקצענטירט. דאָס האָט ער אונדז כסדר אַריינגעהאַקט אין קאָפּ, אַז אין אַ רעדאַקציע פֿון אַ טעגלעכער צייטונג איז די צייט געררוקט פֿאַרויס אויף אַ טאָג. היינט מאַכט מען דאָך די מאָרגנדיקע צייטונג, דעריבער איז היינט — מאָרגן, מאָנטיק איז דינס־טיק און אַזוי כסדר. טאָמער האָט זיך, חלילה, עמעצער פֿון אונדז אַרויס־געכאַפּט און ,למשל, אין אַ מיטוואָך געזאָגט: „מאָרגן, דאָנערשטיק...“, האָט אים וויקטאָר שולמאַן שאַרף אויסגעבעסערט: „מאָרגן איז פֿרייטיק, נישט דאָנערשטיק“... ער האָט געהאַלטן, אַז אַלע פֿאַרשפּעטיקונגען פֿון דער צייי־טונג נעמען זיך דערפֿון, וואָס מיר, די מיטאַרבעטער, פֿאַרגעסן צו קוקן אויפֿן זייגער און צו קוקן אויפֿן קאַלענדאַר. האָט ער, דער „פּראַקטישער“, וועלכער האָט איינער אַליין געהאַלטן זיין פֿינגער אויפֿן דופּק פֿון דער צייט, אונדז, די „בטלנים“, שטענדיק דערמאָנט וועלכער טאָג עס איז און וועלכע שעה...

ב. שעפּנער

***

נישט זעלטן איז אינמיטן אונדזער ברומען דעם גמרא־ניגון אַריינגעקור־מען ערליך. ער פלעגט געוויינלעך קומען אין רעדאַקציע שפּעטער פון אונדז און דערפאַר פלעגט ער נישט אַהיימגיין, ווי מיר, אינמיטן טאָג אויף מיטאָג, נאָר בלייבן ביז אַרום זעקס אַזייגער אינאָוונט. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געוווינט די לעצטע יאָרן ווייט פון רעדאַקציע און וואָס אינדערפרי פלעגט ער דאַרפן אָפּטרעטן אין געריכט, אָדער אין אַן אַנדער אָפיציעלן אַמט, אין די אינטערעסן פון זיינע אָרעמע קליענטן. איז ערליך געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיך אַ צעשמייכלטער צוגע־הערט צו אונדזער „כאָר".

— זינגט וויטער — האָט ער זיך ביי אונדז געבעטן — וועל איך זיך אויסלערנען און אויך מיטהאַלטן...

עס איז אָבער נישט דערגאַנגען דערצו, אַז ערליך זאָל „מיטהאַלטן". אַזעלכע ניגונים לערנט מען זיך נישט, נאָר מען זאַפּט זיי איין און דאָס אין די יונגע יאָרן. דאָס גאַנצע לעבן בלייבן זיי שוין אין די ביינער און פון צייט צו צייט, ווען מען ריכט זיך גאָרנישט, נעמען זיי פּלוצלונג אַרויסזינגען... ערליך, הגם ער איז געקומען פון אַ חסידיש־נגידישער שטוב אין לובלין, און ביזן פערצנטן לעבנס־יאָר געלערנט אין חדר, האָט אָבער קיין גרויסן באַגאַזש יידישקייט אין „בונד" נישט אַריינגעבראַכט. פאַרקערט, ערשט ביים „בונד" און ביי דער „פאָלקסצייטונג" האָט ער געשעפּט יידישקייט און אויך יידיש לשון. געווען צווישן די פירער פון „בונד" דריי קאַטעגאָריעס: איינע, וואָס איז געקומען פון אוניווערזיטעט, אַ צווייטע — וואָס איז געקומען פון ישיבה און אַ דריטע — וואָס איז געקומען פון ביידע. ערליך, פּונקט ווי מעדעם, נח, אַנמאַן־ראָזענטאַל, קאָ־סאָווסקי, קרעמער, גראָסער, אַלטער און פיל אַנדערע, האָט געהערט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. אין די ערשטע צייטן איז אים אַפילו געווען שווער צו שרייבן יידיש, און ער האָט געמוזט דערצו באַנוצן אַ באַזונ־דערע פעדער, נישט די פעדער, מיט וועלכער ער האָט געשריבן פון לינקס אויף רעכטס... פלעגט טאַקע ערליך, געוויינלעך, די לייט־אַרטיק־לען אויף יידישע טעמעס איבערלאָזן פאַר כמורנערן, וועלכער איז טאַקע

געוועזן דער לינקסטער, אָבער גלייכצייטיק דער יידישסטער צווישן די עדיטאָריעל־שרייבער פון דער „פאָלקסצייטונג".

זייטיקע מענטשן פלעגן זיך אַמאָל חידושן, ווען זיי האָבן געלייענט כמורנערס לייט־אַרטיקל אויף יידישע טעמעס. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער לינקער כמורנער דאַרף אויך זיין אַן עקסטרעמיסט אין יידישע פראַגן, ער דאַרף פאָכען מיט דער שווערד אין וואַרשע, שיער נישט ווי ליטוואַקאָוו, כמורנערס אַמאָליקער פאַרטיי־חבר פון ס. ס., האָט דעמאָלט געפאָכעט אין מאָסקווע. אָבער כמורנער איז אין יידישע פראַגן דווקא געוועזן נאָכגיביק און אַמאָל צו נאָכגיביק אַפילו אין די אויגן פון רעכטע בונדיסטן. איך אַליין בין זיך מיט כמורנערן אַמאָל פאַנאַנדערגעגאַנגען אין אַזאַ קאַרדינאַלער יידישער פראַגע, ווי באַטייליקן זיך אין די רעלי־גיעזע יידישע קהילות. איך, דער רעכטער, בין געוועזן קעגן גיין אין די קהילות און כמורנער איז געוועזן פאַר, און די דאָזיקע שטעלונג האָט ער פאַרטיידיקט מיט נישט ווייניקער ברען, ווי זיין שטעלונג נישט אַריינצו־טרעטן אין צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל... און דווקא אין דער ערשטע פראַגע (וועגן די יידישע קהילות) האָט אים אונטערשטיצט ערליך...

כמורנערס ניגון האָט אַפּעלירט צו ערליכן, און אַפילו כמורנערס יידישקייט האָט צו אים נישט זעלטן אַפּעלירט. כמורנער איז געוועזן אינ־טים פאַרבונדן מיט די יידישע פּראָבלעמען, ער האָט מיט זיי געלעבט (נאָך מיכאַלעוויטשעס טויט איז אויף זיין אָרט כמורנער געוואָרן דער פאַר־שטייער פון „בונד" אין דער וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג און אויך פאָרזיצער פון די צישאָ־שולן). כמורנער איז געוועזן פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט זיך געפרייט מיט יעדן נייעם יידישן טאַ־לאַנט, וואָס האָט זיך באַוויזן. האָט יענער אַפילו געמעגט פּאָליטיש גע־הערן צו אַ פרעמדן לאַגער. נישט איינמאָל האָבן מענטשן אויף יענער זייט טיר פון אונדזער רעדאַקציע־צימער געהערט ווי כמורנער קאָכט זיך שטאַרק און זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס קאָכט ער זיך צוליב אַ לינ־קער רעזאָלוציע, אָדער טעזיסן, וועלכע ער וויל דורכפירן, און אין דער אמתן האָט דאָס מאָל כמורנער גאָר גערעדט מיט התפעלות וועגן מאַנ־

גערס אַ ניי ליד, אָדער האָט זיך געשפּאַרט מיט אונדז וועגן אַ נייער טעאַטער־אויפפירונג.

עס האָט געטראָפן, אַז אַזאַ ליטעראַרישער שמועס איז פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן פון עטלעכע שטאַרקע קלעפּ אין טיר, וועלכע זענען באַגלייט געוואָרן פון וויקטאָר שולמאַנס הויכן קול:

— גייט אַראָפּ אויף דער ערד און קוקט אויפן זייגער!...

דעמאָלסט האָט ערליך שטילינקערהייט געבעטן כמורנערן, ער זאָל אים געבן אויף איבערצולייענען דאָס נייע בוך וואָס ער האָט ערשט אַזוי געלויבט. מיט שטומע קונדסישע באַוועגונגען האָט כמורנער עס אים דערלאַנגט, און יענער האָט עס אַריינגעשטופּט אין זיין טעקע, וועלכע איז געווען אָנגעפּאַקט מיט צייטשריפטן אין פאַרשידענע שפּראַכן, מיט פּאַרטיי־דאָקומענטן, געריכטס־אַקטן און ענלעכע פּאַפּירן. אויף צומאָרגנס האָט ערליך אונדז דערציילט, אַז ביז פיר פאַרטאָג האָט ער געלייענט דאָס בוך. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ליטעראַרישע דיסקוסיע, וועלכע עס האָט ווידער איבערגעריסן וויקטאָר שולמאַן...

**
*

אין אַלגעמיין האָבן יידישע פראַגן קיין באַזונדערע מיינונגס־פאַרשידנקייטן אין רעדאַקציע נישט אַרויסגערופן, אָבער אין די ווייניקע פאַלן, ווען זיי זענען יאָ אַנטשטאַנען, איז די פאַרטיילונג געווען אַן אַנדערע ווי ביי די אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן. גראָד ערליך, דער געקומענער פון דער פרעמד, איז אין מאַנכע יידישע פראַגן געווען יידישער, ווי די רעדאַקציע־מיטגלידער וואָס זענען געקומען פון בית־המדרש...

איך דערמאָן זיך ערליכס שאַרפע קעגנערשאַפט צו דעם געדאַנק, אַז די „פאָלקסצייטונג" זאָל אָנהייבן שרייבן די העברעיִשע ווערטער מיט יידישן אויסלייג, סיי כמורנער, סיי איך, זענען אין געוויסע פּעריאָדן געווען געניייגט צו דעם געדאַנק. עס איז נישט געווען קיין פראַגע פון פּרינציפּ, נאָר פּשוט פון נויטווענדיקייט. די „פאָלקסצייטונג" האָט אַלץ מער געקומען געווינען לייענער צווישן די פּשוטע אַרבעטער און אָרעמקייט, וועלכע האָבן אין בעסטן פאַל בלויז געגאַנגען פון אַ פּאָר יאָר חדר, אָדער תלמוד תורה. אַנדערע האָבן בלויז אַ כאַפּ געטון ביי אַ לערער

אַביסל אלף־בית. איז לייענען ייִדיש האָבן זיי מיט דער צייט ווי עס איז זיך אויסגעלערנט, אָבער אַז עס איז געקומען צו אַ העברעיִשן וואָרט, זענען זיי געבליבן שטיין, ווי פאַר אַ הויכן באַרג. און אַזוי ווי אַריבער־קריכן האָבן זיי נישט געקענט, זענען זיי פשוט צוריקגעגאַנגען און אויף צו מאָרגנס שוין דעם וועג אינגאַנצן אויסגעמיטן און די צייטונג אין האַנט נישט גענומען... מיר האָבן באַקומען בריוו פון לייענער מיט הייסע בקשות איבערצוגיין צום ייִדישן אויסלייג. אויך אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען איז נישט איין מאָל די פאָדערונג אַרויסגערוקט געוואָרן — האָבן מיר דעריבער געטראַכט, אַז עס איז אפשר כדאַי צו מאַכן אַזאַ פּרווו. פאַר־וואָס אַוועקשטעלן צווישן דער „פאָלקסצייטונג" און טויזנטער ייִדישע אַרבעטער אַ העברעיִשע וואַנט?

אָבער ערליך האָט וועגן דעם אפילו נישט געוואָלט הערן.

— איך בין אַנטשידן קעגן דעם! — האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן דער וויכטיקסטער פּרינציפּיעלער פראַגע.

געוויינלעך האָט ער ביים פאַרטיידיקן זיינעם אַ שטאַנדפּונקט באַנוצט אַרגומענטן, וואָס זענען געווען געבויט אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט פון לאָגיק, פון יורידישע קענטענישן, פון מאָראַלישע פּרינציפּן. דאָס מאָל, אָבער, האָט ער אַזעלכע אַרגומענטן אינגאַנצן נישט באַנוצט. דער איינ־ציקער אַרגומענט זיינער איז געווען, אַז עס געפעלט אים נישט אַזאַ רע־פאָרם, אַז זי האָט קיין טעם נישט...

זיין שאַרפע קעגנערשאַפט האָט אויך אונדז אָפּגעקילט, און מיר האָבן די פראַגע מער נישט באַרירט.

אָבער ערליכן איז געווען ווייניק, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד" די העברעיִשע ווערטער מיט דעם העב־רעיִשן אויסלייג. ער האָט נאָך זיך באַמיט די צאָל העברעיִשע ווערטער אין דער „פאָלקסצייטונג" צו פאַרגרעסערן. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו באַנוצן וואָס מער העברעיִשע ווערטער אין זיינע אַרטיקלען, טענהנדיק, מיט רעכט, אַז דאָס מאַכט די שפּראַך זאַפטיקער, גיט איר צו קאָליר. „אָבער פון אַזאַ צוגעבן קאָליר — האָט מען צו אים געטענהט — קען מען דאָך פאַרלירן לעזער". האָט ער זיך געמאַכט נישט הערן און זיך

ווייטער געיאָגט נאָך העברעישע ווערטער. ער האָט אויך געהאַט חשק צו גמרא־ווערטער, און אַז ער האָט פון מיר אָדער פון כמורנערן געהערט אַ גמרא־וואָרט, האָבן זיך די אויגן ביי אים אָנגעצונדן מיט נייגעריקייט.

איינמאָל האָט ער אינמיטן שרייבן דעם לייט־אַרטיקל צו מיר אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

ווי האָט איר נעכטן געזאָגט: איפכע.. איפכע?...

—איר מיינט „איפכא מסתברא״?

— יאָ, יאָ... — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט, און מיר אונטערגערוקט אַ שטיקל פּאַפּיר, איך זאָל אים דאָס דאָזיקע גמרא־וואָרט (וואָס באַדייט, אַז די זאַך איז לויטן שכל, פּונקט פאַרקערט) אָנשרייבן, כדי ער זאָל עס קענען אַריינגעמען אין זיין פּאָליטישן לייט־אַרטיקל...

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס, הענריק? — האָב איך מיט אים גע־פּרוווט איינטענהן — וועלכער אַרבעטער וועט וויסן דעם טייטש? וואָלט נישט געווען בעסער, איר זאָלט פּשוט עס זאָגן אויף יידיש?

— ניין, ניין — האָט ער מיט חשק אַ נעם געטון פון מיר דאָס שטיקל אָנגעשריבענע פּאַפּיר, — אַזוי איז געשמאַקער...

די דאָזיקע שוואַכקייט צו העברעישע ווערטער האָבן אויך געהאַט די איבעריקע צוויי לייט־אַרטיקלען־שרייבער, וועלכע זענען, ווי ערליך, געקומען צו דער „פּאָלקסצייטונג״ פון דער דרויסנדיקער וועלט — וולאַ־דימיר קאָסאָווסקי און וויקטאָר אַלטער. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן ביי זיי אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

5

וולאַדימיר קאָסאָווסקי

יעדעס מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען צו האַלטן אין האַנט די געשריבענע בלעטלעך פון אַ לייט־אַרטיקל פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען: נחום לעווינסאָן), איינער פון די פיר שטענדיקע לייט־אַרטיקלען־שרייבער פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", האָב איך זיך נישט געקענט אָפּוונדערן פון דער פערלדיקער יידישער האַנטשריפט, פון דעם געטאָקטן יידישן זאַץ־בוי און פון דער גרויסער צאָל העברעיִשע ווערטער.

פון וואַנען, האָב איך זיך געפרעגט, קומט צו דעם דאָזיקן רוסיפיצירטן, ליטוויש־יידישן אינטעליגענט, דעם זון פון אַסימילירטן קאָוונער דאָקטער, אַזאַ פערלדיקער, געטאָקטער יידיש, דורכגעפלאָכטן מיט לשון־קודש?

איר האָט געקענט מסכים זיין מיט קאָסאָווסקיס אַן אַרטיקל, אָדער נישט — אָבער קיין וואָרט האָט איר פון דאָרט נישט געקענט אַרויסנעמען און קיין וואָרט נישט צוגעבן. סיי אויף דער שפּראַך און סיי אויפן אינהאַלט איז געלעגן דער שטעמפּל פון גרינטלעכקייט.

דאָס איז אייגנטלעך געווען אין דער נאַטור פון אַלע, יענע סאָציאַליסטישע פּיאָנערן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די אייגענע באַקוועמע וועלט און געקומען אויף דער אָרעמער יידישער גאַס, כדי זיך צו באַהעפטן מיט זייערע באַליידיקטע און געפּלאָגטע ברידער. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון קיין פילאַנטראָפּיע, פון געבן בלויז אויף אָפּצוקומען, אויף איינצושלע־

פערן דעם אייגענעם געוויסן. אַליין גאַנצע מענטשן, האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט האַלבער אַרבעט. זייער אידעאַל איז גע־ווען גאַנצקייט — האַרמאָניע. אַלץ וואָס מען טוט דאַרף מען טאָן גרינט־לעך, אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. און אַז מען באַהעפט זיך מיט די יידישע אַרבעטער, דאַרף מען זיך אויך באַהעפטן מיט זייער שפּראַך, מיט זייער געזאַנג, מיט זייערע לידער. „אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד״...

איז דערפאַר אויך דער יידיש געוואָרן גאַנץ גיך אין מויל פון די דאָזיקע אָפּגעפרעמדטע יידן אַ נאַטירלעכער, אַן אָרגאַנישער, ווי זיי וואָלטן מיט אים געבוירן און געהאָדעוועט געוואָרן. מיטן שרייבן יידיש איז עס אָבער צוגעגאַנגען שווערער. די פעדער איז צו לאַנג געווינט געוואָרן צו גיין פון לינקס אויף רעכטס. דאָ האָט מען געדאַרפט זיך אַוועקזעצן קנעלן — און קיין צייט איז נישט געווען. יעדער פון די דאָזיקע פּיאָנערן האָט טאַקע געקעמפט פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אָבער נישט פאַר זיך... פונדעסטוועגן האָבן די מערסטע פון זיי אויך גאַנץ גיך גע־נומען שרייבן אַ גוטן, ליטעראַרישן יידיש און דאָס איז באמת געווען אַ ווונדער. לייענענדיק אַ יידישן אַרטיקל פון קאָסאָווסקין איז פשוט געווען שווער צו גלויבן, אַז ער האָט אין דער ווילנער „פאָלקסצייטונג״ נאָך גע־שריבן זיינע אַרטיקלען אין רוסיש און מען האָט זיי געדאַרפט איבער־זעצן.

אָבער נאָך מער האָבן מיך געוואונדערט די העברעיִשע ווערטער, וועלכע ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט אַריינגענומען אין זיינע אַרטיק־לען. און גראָד זיי זענען געווען ביי אים מער אָפּגעציטערט, ווי די יידישע ווערטער. אים האָט ווייניק געאַרט, ווען איר האָט געפּרווט ענדערן אַ יידישן וואָרט אין זיינעם אַן אַרטיקל, אָבער ווען איר האָט געוואָלט ענדערן אַ לשון־קודשדיק וואָרט אויף אַ יידישן, האָט ער אויפגעציטערט. מעגלעך אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דאָס אויסלערנען זיך די העברעיִשע ווערטער איז אים אָנגעקומען שווערער, ווי די יידישע: ער האָט זיי דעראָבערט מיט מער מי, און דערפאַר מער אָפּגעהיטן. ווייל קיין ספּעציעלן סענטימענט פאַר העברעיִש האָט קאָסאָווסקי נישט געהאַט. ער איז טאַקע געווען דער שעפער און באַגרינדער פון דער נאַציאָנאַלער פּראָג־ראַם פון „בונד״, און אויף אים איז אויסגעפאַלן די ראָלע צו פאַרטיידיקן

דעם בונדישן „נאַציאָנאַליזם" אין לײַדנשאַפֿטלעכע מינדלעכע און שריפֿט־לעכע שטרײַטן מיט אַזעלכע לײַבן, ווי מאַרטאָוו און לענין — אָבער מיט לשון־קודש האָט זיך דאָס נישט אָנגעקערט, נאָר מיט ייִדיש, מיט דער שפּראַך פֿון די ייִדישע מאַסן און פֿון זייער קולטור.

ער איז בכלל געווען ווײַט פֿון סענטימענטן, דער דאָזיקער טיפּי־שער ליטווישער תּלמיד־חכם. בלויז אין זעלטענע מאָמענטן, אויף אַ בונ־דישער ליאַמע, ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך צעוואַרעמט און די כוואַליעס פֿון התלהבֿות האָבן ווי אָנגערירט אויך קאָסאָווסקיס קני, דער־מאָלט האָט זיך אויף זײַן אַסקעטישן פּנים באַוויזן אַ בלאַסער שמייכל, וואָס איז באַלד פֿאַרלוירן געוואָרן אין די גרויסע וואָנצעס, און עטלעכע קנייטשן אויף זײַן הויכן לומדישן שטערן האָבן זיך אויסגעגלייכט. מיט־געזונגען האָט ער אָבער קיינמאָל נישט; ער האָט בלויז אַקצעפּטירט דאָס געזאַנג פֿון די אַנדערע. אַזוי האָבן זיכער אויסגעזען זײַנע אַסקעטישע זיידעס, די ליטווישע לומדים, ווען זיי זענען געזעסן אויף אַ קהלשער שׂמחה. אַביסל איז זיי געווען פֿריקרע, וואָס מען האָט זיי אָפּגעריסן פֿון לערנען און אַביסל האָבן זיי זיך געטרייסט, אַז דאָס־אַ איז דאָך אויך אַ מצווה...

*
* *

זײַן וועלט איז געווען — דאָס וואָרט, אָבער נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל עס האָט געדינט אויסצודריקן מיט דער פֿעדער קלאָר און שאַרף דעם דרייסטן געדאַנק, דעם פּיאָנערישן; דעם געדאַנק, וואָס גייט פֿאָרויס דער דרייסטער רעוואָלוציאָנערער טאַט. באַפֿליגלטע ווערטער, פּריזירטע, מיט סטענגעלעך און בלעטעלעך, ווערטער־פּראַנטן, האָט ער פֿײַנט געהאַט, פּונקט ווי ער האָט פֿײַנט געהאַט מענטשן־פּראַנטן. קאַלטער, לאָגישער אַנאַליז איז בײַ אים געווען געפּאָרט אָפֿטמאָל מיט שאַרפֿן סאַר־קאַזם און לײַדנשאַפֿטלעכן פּראָטעסט. עס איז נישט געווען שווער אונטער זײַנע קאַלטע שורות זיך צו דערגראָבן צום באַהאַלטענעם פֿײַער, וואָס זײַן נאָמען איז געווען: גלויבן. טיפֿער, נישט־געבראָכענער גלויבן אין דער אויסלייזערישער מיסיע פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק.

אָבער זײַן גלויבן האָט אים נישט געשטערט צו בלײַבן ניכטער, אייביק ניכטער, אַפֿילו דעמאָלט, ווען אַנדערע פּיאָנערן, אויך ליטוואַקעס,

האָבן זיך געלאָזט מיטשלעפּן מיט דער שיכּרות־כוואַליע און גענומען אַ קאַפּיטשקע.

ער איז געווען אַ גלויביקער, אָבער נישט קיין חסיד, נאָר אַ מתנגד. אין די עיקרים האָט ער קיינמאָל נישט געלייקנט, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון ווייטער זוכן, פון גראָבן זיך טיפער און טיפער, נישט שרעקנדיק זיך טאָמער וועט ער דאָרט געפינען דעם צווייפל... דער דענקער, דער טעאָרעטיקער האָט נישט געלאָזט זיך באַהערשן פון ליידנ־שאַפטלעכן רעוואָלוציאָנער. צוזאַמען גיין? — יאָ, אָבער נישט צוזאַמען שפּרינגען, נישט צוזאַמען אָנשיכּורן זיך מיט שאַרפן בראָנפן און מיט שטאַרקע ווערטער. האָבן דעם מוט צו גיין אויף אַ נייעם וועג, נישט דערפאַר, ווייל ער איז אַ נייער, נאָר ווייל ער איז דער ריכטיקער. און מעג דער נייער וועג אויסזען ווי שיין, אויב ער איז נישט דער ריכטיקער, דאַרף מען האָבן מוט, רעוואָלוציאָנערן מוט, פון אים צו ווייכן און אַליין און אויך אַנדערע צו רופן גיין אויפן אַלטן וועג...

אַזאַ רעוואָלוציאָנערן מוט האָט דער ניכטערער וולאַדימיר קאָסאָוור־סקי נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן און דערמיט אָפּגעראַטעוועט אַ סך שי־כּורים. איין פאַל אַזאַ איז למשל, געווען, אין באַגינען פון דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג, ווען אין דעם חושך פון ייִדישער רעכטלאָזיקייט און רעזיגנירטער מאַכטלאָזיקייט האָט פּלוצלונג אַ שימער־געטון די העלדנ־טאַט פונעם שוסטער הערש לעקערט און אויפגעוועקט ליכטיקע, שטאָל־צע חלומות ביי טויזנטער אייניקלעך פון די חשמונאָים. אַפילו ניכטערע בונדיסטישע פירער האָבן דעמאָלט נישט געקענט ביישטיין דעם שאַרפן שמעקעדיקן אַראָמאַט פון דעם לעקערט־געטראַנק. בלויז קאָסאָווסקי איז דעמאָלט געבליבן אַ ניכטערער און מיט אַ קלאָרן קאָפּ אָפּגעשאַצט די גרויסע געפאַר, וואָס עס ליגט פאַר דער גאַנצער פרייהייטס־באַוועגונג, אויב טעראָר פון איינצלנע העלדן וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון קאָלעק־טיווער העלדישקייט און פון פּאָליטישן מאַסן־קאַמף. און טאַקע קאָסאָווס־קין האָט מען אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס דער „בונד" איז דעמאָלט נישט אַוועק אויפן נייעם, פּינקעלדיקן, אָבער גליטשיקן וועג פון טעראָר־אַקטן, נאָר ווייטער געגאַנגען אויפן אַלטן, האַרטן וועג פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מאַסן־פּאַרטיי.

אויך מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר שפּעטער, ווען די קלאָרסטע קעפּ פון די אייראָפּעישע און אויך אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער האָבן זיך אָנגעשיכורט מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז עס ווידער געווען קאָסאָווסקי, וועלכער האָט דער ערשטער פון צווישן די ערשטע ניכטער אָפּגעשאַצט די נייע „גאולה" און פאַר איר געוואָרנט.

אַפילו אין זיין לעצטן אַרטיקל, וואָס דער קראַנקער פיר־און־זיבעציק־יעריקער קאָסאָווסקי האָט געשריבן קורץ פאַר זיין טויט אין ניו־יאָרק און וועלכן ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, איז ער אַלץ דערזעלביקער דענקענדיקער רעוואָלוציאָנער, וואָס שטייט אַ ניכטערער אין אַ וועלט פון שיכרות. עס זענען געווען דעמאָלט בלויז איינע חדשים נאָכדעם ווי היטלער האָט אַזוי פּלוצלונג און ברוטאַל איבערגעריסן זיין אָפּמאַך מיט סטאַלינען און מיטן גאַנצן רוצחישן אימפּעט אַ לאָז געטון זיין מעכטיקע קריגס־מאַשין, געטריבן פון פריינטלעכן סאָוועטישן אויל, איבער רוסישע שטעט און דערפער. וולאַדימיר קאָסאָווסקי האָט דעמאָלט מיט דער גאַנצער קראַפט געפאָדערט צו אָרגאַניזירן הילף פאַר דער באַפאַלענער סאָוועטרוסלאַנד, אָבער די נייע ראָזע קאָליר, וואָס איז דאַן געפאַלן אויף דער רויטער אַרמיי, ווי אויף דער הויפּט־קעמפערין קעגן די היטלער־חיילות, האָט נישט פאַרשטעלט קאָסאָווסקיס אויגן נישט צו זען ווייטער דעם גרויען באָלשעוויסטישן הויקער און אַלע די, וואָס זענען פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך.

„די וואָרצלען פון דיקטאַטאָרישן הויקער — שרייבט קאָסאָווסקי אין זיין לעצטן אַרטיקל, וואָס איז נאָך זיין טויט דערשינען אין בונדישן חודש־זשורנאַל „אונדזער צייט" — ליגן ווייט אין דער פאַרגאַנגענהייט. און פאַרן הויקער איז פאַראַנטוואָרטלעך אויך טראָצקי".

***

וולאַדימיר קאָסאָווסקי האָט אינגאַנצן נישט געהאַט קיין פּריוואַט לעבן. ער האָט געלעבט אַליין. וועגן זיך האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט און אויך נישט געלאָזט אַנדערע רעדן. ער האָט אין אַזאַ פאַל אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געהייסן: „ווייס איך וואָס, פּוסטע זאַכן"... אָדער ער האָט גאָר אייך געלאָזט שטיין און איז אַוועק־

געגאַנגען. בלויז צוויי מאָל האָב איך אַרויסגעקראָגן פון אים עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיין אינטימען לעבן.

דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען אין דרייסיקסטן יאָר אין בערלין. עס איז געווען אַ פרייליגס־טאָג און מיר האָבן צוזאַמען שפּאַצירט איבער דעם זוניקן טיר־גאַרטן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער פון קעשענע אַרויסגענומען אַ קליין זייגערל און אַ קוק געטון. איך האָב אים גע־פרעגט: „וולאַדימיר, וויפל איז דער זייגער?" ער האָט עפּעס שעמעוודיק, גאַרנישט ווי זיין שטייגער, אַ שמייכל געטון:

— איך ווייס נישט.

נאָך אַ פויזע האָט ער צוגעגעבן שטיל, אַריינלייגנדיק דאָס זייגערל אין קעשענע:

— עס שטייט, דאָס זייגערל... שוין צוואַנציק יאָר...

אין אָפּגעהאַקטע, שעמעוודיקע רייד האָט ער מיר דערציילט, אַז דאָס זייגערל איז ביי אים אַן אָנדענק. ער האָט עס געקראָגן אַמאָל אין דער שווייץ... פון אַ פרוי, וועלכע איז אים געווען זייער טייער... עס שטייט שוין צוואַנציק יאָר, אָבער ער טראָגט עס שטענדיק מיט זיך.

איך האָב מער נישט געפרעגט און ער האָט מער נישט דערציילט. מיר זענען נאָכדעם אַ היפּשע ווײַלע געגאַנגען צוזאַמען שווייגנדיק. איך האָב דעמאָלט פלוצלונג דערפילט אין דער פרילינגס־לופט דעם האַרבסט־אַראָמאַט פון אַ לערמאָנטאָוו־ליבע...

דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען אין זומער 1938, אין פוילישן קור־אָרט דרוסקעניק ווו מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אונדזער וואַקאַציע. מיר זענען געזעסן אויף אַ קאָנצערט אין פּאַרק. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם טשאַיקאָווסקי־וואַלס פון „יעווגעני אָניעגין". דער שמע־קעדיקער זומער־אָוונט, די פּאָרלעך אין די שאָטנדיקע אַלייען, די מוזיק, די וואַקאַציע־אַטמאָספער — אַלץ צוזאַמען האָט דעם שמועס אַוועקגע־פירט אויף דער טעמע פון פּערזענלעכן מענטשלעכן לעבן. איך האָב פאַר־זיכטיק געפרעגט קאָסאָווסקין, פאַרוואָס ער לעבט זיינע אַלע יאָרן אַליין, איינזאַם. זיין ענטפער איז געקומען אין געציילטע, אָפּגעהאַקטע ווערטער: דעמאָלט, אין „יענע יאָרן", איז נישט געווען קיין צייט פאַר פּריוואַט־

לעבן. מען איז אינגאַנצן געווען פאַרשלונגען מיט דער „זאַך"; און שפּע־טער, ווען עס איז שוין געווען אַביסל מער צייט, איז שוין געווען צו שפּעט... און ער האָט לייכט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט...

**
*

זיינע אַרטיקלען פלעגט קאָסאָווסקי געוויינלעך שרייבן אין זיין איינ־זאַמען, אַלט־בחורשן צימערל, פון וועלכן ער איז, אַגב, קיינמאָל נישט געווען צופרידן און האָט דערפאַר אָפט געביטן זיינע דירות. ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון אינערלעכן דראַנג צו אַנט־לויפן פון דער אייגענער איינזאַמקייט. אָבער אין יעדער נייער דירה איז די איינזאַמקייט מיט אים מיטגעגאַנגען... אין רעדאַקציע איז ער געקומען שוין מיטן פאַרטיקן אַרטיקל. אַוועקגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל ביי אַ הויפן צייטונגען און זשורנאַלן פון אַלערליי שפּראַכן און לאַנגע שעהן געלייענט אַ שווייגנדיקער, רויכערנ־דיק איין ציגאַרעט נאָך דער צווייטער. אויך אַהער אין דעם ווינקל האָט די איינזאַמקייט אים באַגלייט...

6

אַלטער־ערליך, ערליך־אַלטער

דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי איז געווען דער פערטער לייט־אַרטיקל־שרייבער פון דער „פאָלקסצייטונג“, וויקטאָר אַלטער.

אויך ער איז געקומען צו די ייִדישע אַרבעטער פון דער דרויסנדי־קער וועלט, באַלאָדן מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן.

אָבער די סביבה, פון וועלכער ער איז געקומען, איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי קאָסאָווסקיס. עס איז געווען די חסידיש־נגידישע סביבה פון ייִדישן פוילן. און הגם וויקטאָר אַלטער האָט זיין פרי־פאַרשטאָרבענעם פאָטער, דעם חסידישן וואַלד־סוחר פון מלאַווע, נישט געקענט, האָט ער אָבער פון אים געירשנט סיי זיין גרויסע לעבנס־לוסט און סיי שטאַרקע אמונה אין העכערע ווערטן.

מיר איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען אין לעבן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין באַשאָנקען, מיט אַזוי פיל מתנות, ווי וויקטאָר אַלטער. די, וואָס האָבן אים בלויז געזען פון ווייטן, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גרעסטע מתנה איז זיין אויסערלעכער אויסזען. האָט מען זיך אָבער מיט אים באַקענט, איז מען געוואָרן איבעררראַשט פון די אַנדערע מתנות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט. ער איז אומעטום געווען אין דער היים: אין מאַטעמאַטיק און אין פילאָזאָפיע, אין עקאָנאָמיק און אין ליטעראַטור, אין פראַנצויזיש ווי אין פויליש, אין ענגליש ווי אין רוסיש, אין ספּאָרט און אין רעוואָלוציע. אויף אַלעם האָט ער געהאַט צייט — שרייבן לייט־

אַרטיקלען אין „פאָלקסצייטונג“, זיין רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער פּוי־לישער צייטונג, שרייבן אַ בוך אין פראַנצויזיש וועגן דיווירטשאַפטלעכע וועלט־פּראָבלעמען, באַטייליקן זיך אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, פירן אַ קאַמף מיט די פוילישע אַנטיסעמיטן אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט וועגן יידישע רעכט, אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און קאָאָפּעראַטיוועס פאַר יידישע אַרבעטער, און אין דער צווישן־צייט נאָך זיך פאַרנעמען מיט פערזענלעכע אינטערווענצן פאַר אָרעמע יידן.

איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט ווי עס ענדיקט זיך ביי אַלטערן די גרויס־אַרבעט און ווו עס הייבט זיך אָן די אַזוי גערופענע קליין־אַרבעט; ווען ער איז פאַרנומען מיט טעאָרעטישע פּראָבלעמען און ווען מיט פּראַקטישע פראַגן, ווייל אַלץ איז געטון געוואָרן מיט דעם שעפערישן שווּנג פון אַ קינסטלער און מיט דעם ברען פון אַ רעוואָלוציאָנער.

דאָס זענען, אייגנטלעך, געווען די צוויי אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אַממיינסטן דאָמינירט אין אַלטערס פערזענלעכקייט — זיין שעפערישקייט און זיין רעוואָלוציאָנערישקייט. איז עס דאָך נישט קיין צופאַל, וואָס אַל־טער איז געווען דער ערשטער סאָוועטישער אַרעסטאַנט, וואָס האָט גע־וואָגט אין אַ באָלשעוויסטישער טורמע צו דערקלערן אַ הונגער־שטרייק (ווען ער איז אין 1921, זייענדיק אין מאָסקווע אַלס שליח פון פוילישן „בונד“, אַרעסטירט געוואָרן דורך זיינע סאָוועטישע „גאַסט־געבער“. דער הונגער־שטרייק האָט דעמאָלט געדויערט עלף טעג און זיך געענדיקט מיט אַלטערס באַפרייאונג), און וואָס אויך מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין מלחמה־צייט, ווען ער איז געזעסן אין דער סאָוועטישער תּפיסה אונ־טערן שאָטן פון טויט, האָט ער ווידער דערקלערט אַ הונגער־שטרייק, דאָס מאָל כדי אויסצוקעמפן אַ בליישטיפט און פּאַפּיר אויף צו קענען שרייבן זיין וויסנשאַפטלעך ווערק — „די נייע פיזיק“...

אויסגעזען האָט עס, אַז אַלץ וואָס ער טוט קומט אים אָן גרינג, אַז ער דאַרף זיך אינגאַנצן נישט אָנשטרענגען. זיין גאַנג איז שטענדיק געווען אַ לייכטער, אַ באַהעמישער, ווי ער וואָלט קיין שום לאַסט נישט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס. נאָך אַ ווילע, און ער וועט, דאַכט זיך, אויספייפן אַ פריילעך שלאַגער־לידל...

מיט דעם דאָזיקן לייכטן גאַנג פּלעגט ער אויך אַריין אין רעדאַקציע אויף צו שרייבן זיין לייט־אַרטיקל.

— אַ טעמע האָט איר? — האָט ער אונדז געפרעגט.

עס האָבן אים קיינמאָל נישט געפעלט קיין טעמעס, אָבער ער האָט נישט געשריבן אָן זיך פריִער צו באַראָטן וועגן דער טעמע מיט דער רעדאַקציע. זיך צונויפגערעדט וועגן דער טעמע, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און נאָך איידער מיר האָבן זיך רעכט באַוויזן אומצוקוקן, איז ער שוין געווען פאַרטיק.

— שוין וויקטאָר? — האָב איך נישט איינמאָל אין אַזאַ פאַל אים געפרעגט אַ פאַרחידושטער, זעענדיק ווי ער שטייט מיט די אָנגעשריבענע בלעטלעך אין האַנט — אַזוי גיך?

האָט ער געשמייכלט:

— ווי לאַנג דאַרף דען נעמען אַ לייט־אַרטיקל? עס זענען דאָך קורצע שורות און קורצע געדאַנקען...

אַלטערס לייט־אַרטיקלען זענען געוויינלעך טאַקע געווען קורץ, און אויך דער אופן פון זיין שרייבן איז געווען אַ לייכטער. אָבער שטענדיק האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז מען וועט דאָרט ערגעץ טרעפן אַ נייעם געדאַנק, אָן אָריגינעלן איינפאַל, אַ בליציקע באַמערקונג. ווייל אַלטערס געדאַנק האָט קיינמאָל נישט גערוט, שטענדיק האָט ביי אים אין קאָפּ זיך עפּעס געפּיקט. זיין אָפּטימיזם און לעבנס־לוסט האָבן אים אויף קיין איין מינוט נישט געשטערט צו זיין אומצופרידן מיט דעם סטאַטישן, פאַרגליווערטן צושטאַנד, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאַר דרייסטע פּלענער, פאַר נישט־פּאָפּולערע געדאַנקען. פאַרקערט, ער איז זיי מיט זיין לייכטן האָפערדיקן גאַנג אַנטקעגן געגאַנגען, נישט רעכענענדיק זיך מיט געפאַרן און וואָרענונגען. אַליין פון די רעכטסטע אין „בונד“, איז ער געווען מער רעוואָלוציאָנער ווי די לינקסטע בונדיסטן. נישט איינמאָל פּלעגן זיי איינמיטן די שאַרפסטע שטרייטן מיט אַלטערן קוקן אויף אים מיט נישט־געצוימטער באַוווּנדערונג.

„וויקטאָר אַלטער — האָט זיך אַמאָל וועגן אים אויסגעדריקט יוסף כמורנער — איז אַ לאָטעריע־צעטל. מען קען אויף אים געווינען דאָס גרויסע געווינס“...

די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז געווען זייער אַ טרעפלעכע. אַלטערס פּלע־נער האָבן געשמעקט מיט ריזיקע, אָבער אויך מיט האָפענונג אויף גרויס געווינס. דאָס שטייט אויף אַן אָרט — סיי אין געדאַנק, סיי אין דער טאָט — האָט אים דענערווירט. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך באַוועגן, אַז מען דאַרף זוכן נייע וועגן. נישט אומזיסט האָט וויקטאָר אַלטער זיין ווערק „דער מענטש אין דער געזעלשאַפט", וואָס ער האָט געשריבן אויף פּויליש, און שפּעטער אַליין איבערזעצט אויף פראַנצויזיש (צו דער פראַנצויזישער אויסגאַבע האָט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטע הקדמה לעאָן בלום) אָנגעהויבן מיט אַ קאַפּיטל, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אין די וועגן פון דאָן קיכאָט". דאָרט שטעלט זיך אַלטער אויף דער זייט פון די, וואָס נישט „דערפאָלג", אַפילו אין בעסטן זין פון וואָרט, איז זייער ציל אין לעבן, נאָר — דאָס אומאויפהערלעכע און אומדערמידלעכע זוכן פון אמת, פון דעם אמת, וואָס איז גאָרנישט פאַראַן.

„דאָס דאָזיקע האָפענונגסלאָזע זוכן — האָט ער דאָרט ווייטער געשריבן — איז אָבער שיין דערמיט, וואָס עס לערנט קוקן וואָס אַמאָל אַלץ העכער".

איז טאָקע אויף אַלעם, וואָס ער האָט געטון, אַפילו אויף דעם קליינעם לייט־אַרטיקל וועגן אַזעלכע וואָכעדיקע ענינים ווי רייניקן די וואַרשעווער גאַסן, געלעגן דער אָפּגלאַנץ פון דעם דאָזיקן ליידנשאַפט־לעכן דראַנג זיינעם צו קוקן העכער.

און אויך אין דער לעצטער מינוט, ווען ער איז געשטאַנען פאַר סטאַלינס הענקער, האָט זיך אַלטערס בליק אויפגעהויבן העכער. און דאָרט, אין דער הויך, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם בליק פון זיין אינטימען חבר — הענריק ערליך.

***

ערליך־אַלטער... מען איז געוווינט די ביידע נעמען אַרויסצוזאָגן צוזאַמען ווי זיי וואָלטן געווען איין נאָמען, הגם דאָ זענען געווען צוויי מענטשן, וואָס סיי זייער אויסערלעכער אויסזען און סיי זייערע כאַראַק־טערן זענען געווען גאַנץ פאַרשידענע.

ערליך — הויך, סאָליד, אַ געשטאַלט פול מיט רו׳קער ווירדע. זיין שמאָל, גרוי בערדל און וואָנצעס, זיין ברייטער הויכער שטערן און דער ווייכער בליק פון זיינע ברוינע אויגן האָבן פון דער ערשטער מינוט אים אייך געמאַכט נאָענט און גלייכצייטיק אייך באַוויגן צו אים אַרויפצו־קוקן. ער איז געווען דער אידעאַליסטישער יוריסט־פובליציסט, וואָס פון הינטער יעדן זאַץ פון זיינער אַ רעדע אָדער אַרטיקל האָט אַרויסגעקוקט אַ קלאָרע לאָגיק און אַ קרישטאָלענע פערזענלעכקייט.

אַלטער — הויך און שלאַנק, דאָס לענגלעכע, מענערשע פּנים פול מיט אויסדרוק און באַוועגלעכקייט, די לעבעדיקע טונקעלע אויגן רוען נישט קיין איין מינוט; אַרום די זינלעכע, פיין־געשניצטע ליפּן באַהאַלט זיך אַ קלוגער, אָבער לעבנסלוסטיקער שמייכל. ער איז דער שאַרפער מאַטעמאַטיקער און גלייכצייטיק דער ברויזנדיקער רעוואָלוציאָנער. פונקט ווי זיין פּנים רוט אויך נישט קיין איין מינוט זיין געדאַנק. אין קאָפּ פּיקט זיך שטענדיק עפּעס, אָדער אַ נייע טעאָריע פון פיזיק, אַן אָריגינעלער פּראָיעקט וועגן דער וועלט־ווירטשאַפט און גאָלד־וואַליוטע, צי גאָר אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די יידישע טרעגערס און באַשיצן זייערע באַדראָטע אַרבעטס־פּאָזיציעס...

ביידע, ערליך און אַלטער, זענען געקומען פון נגידישע יידיש־פּוילישע היימען, ביידע האָבן שטודירט אין אויסלענדישע אוניווערזי־טעטן. ביידע האָבן, אַ דאַנק זייערע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן און אויך אָפּשטאַמונג, געהאַט פאַר זיך אָפן דעם וועג צו אַ גלענצנדער קאַריערע און צו אַ זאָרגלאָזן לעבן און ביידע האָבן גיכער אויסגעקליבן דעם האַרטן וועג פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער, פון אַן אייביקן שותּף צו די נויטן און פריידן פון די יידישע קעלערס און בוידעם־שטיבער; ביידע האָבן אַריינ־געבראַכט די גרויסע וועלט־חלומות אויף די שמאָלע יידישע געסלעך פון פּוילן און ביידע האָבן זיך אויסגעלערנט שרייבן יידיש און ליב האָבן יידיש און די יידישע ליטעראַטור ערשט ביים אינטערנאַציאָנאַליסטישן „בונד“.

און דערפאַר איז נישט געקוקט אויף זייער פאַרשידנקייט געווען אַזאַ ענלעכקייט צווישן זיי ביידן. ביידע האָט פאַראייניקט נישט בלויז דער גרויסער ציל און דער געמיינזאַמער גאַנג צום ציל, נאָר אויך דער

נאָוואָליפּיע 7

פּעסטער באַשלוס, ווי אַזוי צו גיין. ביי זיין גאַנצן רעוואָלוציאָנערן טעמ־פּעראַמענט און חשק צו פליִען האָט פונדעסטוועגן אַלטער מיט נישט ווייניקער ערנסטקייט און געדולד ווי ערליך זיך פאַרנומען מיט אַזאַ „קליייניקייט", ווי נישט לאָזן אַרויסוואַרפן פון זיין קעלער אַן אַרבעטסלאָזן ייִדן, וואָס האָט נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, אָדער מיט אַרויסשיקן אין אַ סאַנאַטאָריע אַ קראַנק ייִדיש קינד, צי מיט נישט לאָזן אַראָפּטרייבן פון מאַרק אַן אָרעמע גאַסן־הענדלערקע; ביי ערליכן ווי ביי אַלטערן איז די טאָג־טעגלעכע נויט פון די ייִדישע מאַסן און די טאָג־טעגלעכע מאָראַל און קולטור געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון גרויסן ציל. און דערי־בער האָבן זיי זיך נישט ערשט געדאַרפט אַראָפּלאָזן צו די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע „קלייניקייטן". פאַרקערט, זיי האָבן די קלייניקייטן צו זיך אויפגעהויבן און זיי באַלויכטן מיט די שטראַלן פון גרויסן ציל. זיי האָבן באַוויזן, אַז נישט בלויז דורך שיקן פרייוויליקע און הילף קיין שפּאַניע קען מען „פליִען", נאָר מען קען אויך „פליִען" דורך באַזאָרגן מיט אַ היים און שולע אַ ייִדיש גאַסן־קינד, אָדער דורך העלפן דעם פאַריין פון ייִדישע צייטונגס־פאַרשפרייטער זיך איינשאַפן אַן אייגענעם בלאָז־אָר־קעסטער...

און אויך שפּעטער אין די אָפּגעזונדערטע קאַמערן פון די סאָוועטישע תּפיסות, דאַן ביי די אומענדלעכע נאַכט־אויספאָרשונגען, דערנאָך פאַר די „ריכטער" און אַפילו אויף זייער לעצטן איינזאַמען וועג האָבן זייביידע זיך מאָראַליש צונויפגעטראָפן. דאָ און דאָרט איז די האַלטונג פון גע־צוימטן ערליכן געווען אין איר אויסערלעכער פאָרעם אַ ביסל אַנדערש ווי די פון טעמפּעראַמענטפולן אַלטער, אָבער אין זייער תּוך זענען ביידנס האַנדלונגען געווען אינגאַנצן צו זיך ענלעך.

ערליך האָט די גאַנצע צייט פון זיין אַרעסט ,וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן ערשטן טויט־אורטייל, נישט געוווסט וועגן אַלטערן, פּונקט ווי אַל־טער האָט נישט געוווסט וועגן ערליכן. יעדער פון זיי איז אַליין געזעסן פאַר זיין אינקוויזיטאָר און זיך צוגעהערט צו די אומזיניקע באַשולדיקונ־גען, וועלכע מען וואַרפט אים פאָר און צו דער פריינטלעכער עצה פון אויספאָרשונגס־ריכטער זיך „מודה צו זיין" און אונטערצושרייבן דאָס צוגעגרייטע „על חטא"־פּאַפּיר. אָבער ווען דער אינקוויזיטאָר האָט גע־

ענדיקט, האָט אַלטער זיך אויפגעשטעלט און טראַציק אַ זאָג געטון: „אַלץ איז ליגן, פון אָנהויב ביזן סוף". ערליך דאַקעגן האָט, ווי ער האָט דאָס נאָך דער באַפרייאונג דערציילט זיין חבר אַברהם פיינזילבער, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען געוווינט אין האָטעל אין קוטבישעוו, נאָכן איבערלייענען דאָס פּאַפּיר, וואָס מען האָט אים אונטערגערוקט אונטערצושרייבן, גאָר־נישט געזאָגט דעם אויספאָרשער. אָט ווי ער אַליין האָט דאָס דערציילט:

„איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און געלייענט דאָס געשריבענע ביזן סוף. איך האָב אַ קוק געטון אויף דעם אויספאָרשער, וועלכער האָט גראָד טאַקע זיך געשפּילט מיט זיין רעוואָלווער. האָב איך צוגעקוועטשט דאָס שמוציקע פּאַפּירל און מיט געמאַכטער רויִקייט עס אַריינגעוואָרפן אין פּאַפּיר־קאָרב, וואָס איז געשטאַנען ביים שרייבטיש. איך האָב אין יענער מינוט געוואַרט אויף דער קויל פון זיין רעוואָלווער, ווי אויף אַ דערלייזונג. איך האָב געוואָלט ער זאָל דאָס טון. איך האָב געקוקט אויף אים מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן בליק און געוואַרט..."

איך פאַרמאַך איצט די אויגן און זע ביידע: אַלטער, ווי ער גיט טראַציק אַ טרייסל מיט זיין שיינעם קאָפּ און רופט אויס: „אַלץ איז ליגן!" און ערליך, ווי ער צעקוועטשט לאַנגזאַם מיט זיינע זויבערע פינגער דאָס פּאַפּירל און וואַרפט עס אַזוי רויִק אין קויש אַריין.

ביידנס האַנדלונג אַזוי פאַרשידן און — אַזוי ענלעך...

און אָט שטייען ביידע, יעדער אין אַן אַנדער „געריכט", פאַר סטאַ־לינס מאַריאָנעטן־ריכטער און הערן אויס דעם אורטייל: „טויט דורך דער־שיסן". ביידע קוקן אַריבער איבער די קעפּ פון זייערע ריכטער. אַלטער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און ערליך רויִק, אַפילו אָן פאַראַכטונג אין בליק. אויך דאָס וואָלט פאַר זיי געווען צופיל...

יעדן האָט מען דערנאָך אַוועקגעפירט אין אַ טויטן־קאַמער, אים אויסגעטון די שיך און אָנגעטון די אַזוי גערופענע טויטן־לאַטשן. יעדן האָט מען געמאָלדן, אַז ער קען אָנגעבן אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג און יעדער האָט זיך אָפּגעזאָגט...

אָבער יעדער פון זיי, איינער נישט וויסנדיק פון צווייטן, האָט גע־בעטן פּאַפּיר צו שרייבן. אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָנשרייבן אַ ניי קאַפּיטל פון זיין אַרבעט וועגן פיזיק, וואָס ער האָט שוין פריִער, מיט

גאָוואָליפּיע 7

דער דערלויבעניש פון דער טורמע־מאַכט, אויסגעקעמפט מיט דער הילף פון עטלעכע הונגער־שטרייקן, אָנגעהויבן שרייבן אין טורמע, און ערליך האָט דאָס פּאַפּירל געוואָלט אויסצונוצן אויף אָנצושרייבן אַן אַרבעט, וואָס זאָל אויסדריקן די גרונט־פּרינציפּן פון זיין סאָציאַליסטישן גלויבן מיט דער האָפענונג, אַז אַמאָל, ווען רוסלאַנד וועט פריי ווערן און מען וועט עפענען די רעגירונגס־אַרכיוון, אַזוי ווי דאָס איז געשען נאָכן פאַלן פון צאַריזם, וועט מען דעם דאָקומענט פאַרעפנטלעכן. אָבער ער האָט נישט געשריבן און דאָס דערפאַר, ווייל אין דער טויטן־קאַמער האָט ערליך געטראָפן אַ רוסישן בינע־קינסטלער, וואָס האָט זייער שווער איבערגע־לעבט דאָס וואַרטן אויפן טויט. יענער איז געווען קראַנק, האָט ערליך זיך מיט אים פאַרנומען, ער האָט צו אים גערעדט גאַנצע טעג און נעכט. האָט ער דעריבער זיך נישט צוגערירט צום פּאַפּיר...

ברענגען אַ ביסל טרייסט אַן אומגליקלעכן מענטשן איז וויכטיקער געווען פאַר ערליכן ווי איבערצולאָזן אַפילו די שענסטע און קליגסטע פּאָליטישע צוואה...

**
*

איבער אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר בין איך טאָג־טעגלעך געזעסן מיט ערליכן ביי איין טיש אין דער רעדאַקציע פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־ציַיטונג“, ווו ער האָט זיך פאַרנומען נישט בלויז מיט שרייבן און רע־דאַקטירן. נאָר אויך מיט פאַרטיי־אַרבעט, מיט אויפנעמען פאַרשידענע מענטשן, מיט געבן יורידישע עצות און אויך מיט היימישע שמועסן מיט די קאָלעגן וועגן אַלגעמיינע און אויך פּערזענלעכע ענינים. אַ חוץ דעם פלעגן מיר אויך אויסער דער רעדאַקציע אָפטמאָל פאַרברענגען צוזאַמען — אויף זיצונגען, מיטינגען און אין דער היים. איך האָב דעריבער געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו זען ערליכן אין די פאַרשידנסטע שטימונגען און לוינעס, אין וועלכע מען קען זען און דערזען מענטשן. דערצו נאָך איז ערליך ביי זיין גאַנצער אַריסטאָקראַטישקייט, נישט געווען קיין פאַרשלאָ־סענע נאַטור, קיין שטרענג פאַרקנעפּלטער אויף אַלע קנעפּלעך. ער האָט געקענט אין מיטן שרייבן דעם לייט־אַרטיקל זיך פלוצלונג דערמאָנען עפּעס אַן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש, וואָס ער האָט געהאַט נעכטן אינ־

אָונט, אָדער היינט אויפן וועג אין רעדאַקציע, האָט ער אַוועקגעלייגט די פעדער און גענומען דערציילן. און פונקט מיט אַזאַ לייכטקייט האָט ער געקענט אַוועקלייגן די פעדער, ווען עמעצער פון אונדז האָט גענומען עפּעס דערציילן. שפּעטער, אַז ער האָט זיך דערוווּסט ווי ס׳האַלט דער זייגער, האָט ער כלומרשט אַ פאַרשאַרץ געטון די אַרבל און אויסגערופן אויף דייטש, אימיטירנדיק אַ דייטשן גאַסן־אַרבעטער, אַ פּויליאַק, וועלכן ער האָט אַמאָל באַגעגנט אין בערלין, אין זיינע סטודענטן־יאָרן:

— אַרבייטען וויר אים גאָטעס נאַמען...

אויך זיינע געפילן פון פרייד אָדער צער, פון סאַטיספאַקציע אָדער אַנטוישונג, פלעגט ער נישט פּרוּוון פאַר אונדז באַהאַלטן. אָבער וואָס לענגער איך האָב אים געקענט און וואָס מער איך האָב אים געזען פון דער נאָענט, אין זיין טאָג־טעגלעכקייט, אַלץ מער איז געוואַקסן מיין ליב־שאַפט און נאָך מער מיין טיפע פאַרערונג פאַר ערליכן.

ערליך איז געווען אַ מענטש פון גרויסע קענטענישן און פעיִקייטן. ער איז געווען אַ יוריסט, אַ פּובליציסט און רעדנער פון גרויסן סטיל. אָבער אויב ער האָט צוגעשמידט צו זיך מענטשן מיט זיין מויל און מיט זיין פעדער און זיי באַוויזן די גאַנצע צייט צו אים אַרויפצוקוקן, איז עס נישט געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער — ער איז קיין קינסטלער נישט געווען, הגם ער איז געווען זייער מוזיקאַליש — נאָר ווייל ער איז געווען אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסע פּערזענלעכקייט.

איר האָט דאָס געפילט נישט בלויז אין זיין רעדן און שרייבן, נאָר אויך אין זיינע רוּיִקע, נאָבעלע באַוועגונגען, אין זיין בליק, אין דעם אופן, ווי ער איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, אָדער ווי ער איז געגאַנגען אין אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע. זיין הויכע, ווירדיקע געשטאַלט איז ווי מיט עטלעכע קעפּ אַריבערגעוואַקסן אַלעמען און גלייכצייטיק גע־געבן אַלעמען דאָס געפיל פון אייגענער דערהויבנקייט...

און נישט נאָר אייגענע, אויך פרעמדע, אויך פאַרביסענע שונאים און ייִדן־פרעסער, פאַר וועלכע אַ ייִד איז געווען נישט בלויז אַ טייוול, נאָר אויך אַ קאָמישע באַשעפעניש, אַ „זשידעק״, האָבן אין אַנבליק פון ערליכן דערפילט די אויסשטראַלונג פון זיין גרויסער פּערזענלעכקייט. דאָס האָט מען געקענט באַמערקן בעת ערליכס רעדעס אין וואַרשעווער

שטאָט־ראַט. אַפילו אין די שווערסטע צייטן, ווען די לופט אין פּוילן איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם שטיקנדיקן ריח פון זאָאָלאָגישן אַנטיסע־מיטיזם, און ווען דער שכנותדיקער היטלעריזם האָט אַריינגעגאָסן פריש בלוט אין די אָדערן פון די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס, מאַכנדיק זיי פילן, אַז „מען מעג שוין אַלץ" — אַפילו דעמאָלט האָט אַ דרך־ארצדיקע שטיל־קייט פלוצלונג באַהערשט דעם זאַל פון היסטאָרישן וואַרשעווער ראַטהויז, ווען ערליך האָט אָנגעהויבן רעדן.

איינער פון די פאַרביסנסטע וואַרשעווער אַנטיסעמיטן האָט זיך טאַקע אויסגעדריקט נאָך ערליכס אַ רעדע אין שטאָט־ראַט:

— אַזעלכע ווי ערליך בויגט מען נישט. אַזעלכע קען מען נאָר ברעכן...

אויך די פּוילישע רעגירונגס־לייט האָבן אַרויסגעוויזן די דאָזיקע דרך־ארצדיקע באַציִונג צו ערליכן. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט דאָס צו אָבסערווירן, ווען מיר איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט ערליכן צו זיין אין פּוילישן סיים (מיר ביידע זענען אַ רייע יאָרן געווען די פאַרטרעטער פון דער „פאָלקסצייטונג" אין פּוילישן פּאַרלאַמענט, שפּעטער איז אַ חוץ מיר, געווען פּנחס שוואַרץ), גייענדיק איבער די קאָרידאָרן און בופעט פון סיים, פלעגט יעדע ווילע עמעצער אַנדערש פון די פּאָליטישע פירער פון פּוילן, צי פון פּ. פּ. ס., פּויערים־פּאַרטייען אָדער רעגירונגס־בלאָק, מיט פאַרערונג באַגריסן ערליכן. מיט די פּוילישע סאָציאַליסטישע און פּויערים־פירער פלעגט ערליך זיך אָפּשטעלן און אַ שטיקל צייט שמועסן, פאַרשטייט זיך ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. די רעגירונגס־לייט, אָבער, פלעגט ער ענטפערן מיט אַ קילן שאָקל מיטן קאָפּ און ווייטער גיין, מאַכנדיק זיך נישט באַמערקן, ווען מאַנכע פון זיי האָבן געפּרווט צו אים אויסשטרעקן די האַנט... איינער פון די דאָזיקע רעגירונגס־לייט איז געווען דער אָנגעזעענער פירער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, קאָשטשאַל־קאָווסקי, וועלכער האָט אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע אַלס ליבעראַל און וואָס איז אַ געוויסע צייט אויך געווען ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרערונג פאַר ערליכן. ער האָט נאָכדעם פאַרנומען פאַרשידענע מיניסטאָרן אַמטן אין פּילסודסקיס רעגירונג און איינמאָל אויך געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער. טאַקע אין יענער צייט, ווען

ער איז געווען פּרעמיער, האָט ער באַגעגנט ערליכן אין סיים און געוואָלט אים דערלאַנגען די האַנט. ערליך האָט אים אָבער בלויז געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זיך ווייטער געגאַנגען מיט זיין שטאָלצן, רויקן גאַנג... איך בין דעמאָלט געגאַנגען לעבן ערליכן, און אויך מיין טריט איז עפּעס, ווי פון זיך אַליין, געוואָרן שטאָלצער...

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך ערליך צו מיר אָפּגערופן (אין ייִדיש — מיר האָבן שטענדיק גערעדט צווישן זיך אין סיים ייִדיש):

— עס ווערט דאָ אַלץ קלענער די צאָל פון די, וועלכע מען קען דערלאַנגען די האַנט...

**
*

ווּ איז געלעגן די סיבה פון דער דאָזיקער אַלגעמיינער, טיפער פאַרערונג צו ערליכן?

פריִער פאַר אַלץ איז זיין מאָראַלישער זויבערקייט, וואָס איז געווען געפּאָרט מיט זיין רויִקער, אָבער טיפער ליבע צו דער געקריוודעטער און שעפערישער ייִדישער מאַסע. איר האָט די זויבערקייט ממש געקענט דערשפּירן מיט דער נאָז. נאָר באמת גרויסע מענטשן קענען דערגרייכן צו אַזאַ זויבערקייט, וועלכע שליסט אויס יעדעס מינדעסטע שפּרענקעלע פון פּערזענלעכן אינטערעס, פון אייגענער אַמביציע. איך האָב ערליכן אַ סך מאָל געזען אַן אויפגערעגטן, אַ פאַרזאָרגטן, מיט טיפן צער און זיינע אויגן, צוליב אַן עוולה, וואָס איז קעגן עמעצן באַגאַנגען געוואָרן, אָבער קיין איינציק מאָל איז דער עמעצער נישט געווען ער אַליין, נאָר אַן אַנדערער אָדער אַנדערע. מאָראַלישע ריינקייט איז געווען פאַר אים דער באָדן, אויף וועלכן ער האָט אין זיין דמיון געזען די מאָרגנדיקע באַ־פרייטע וועלט. אָן דעם דאָזיקן באָדן האָט די וועלט, נישט די היינטיקע און נישט די מאָרגנדיקע, נישט געהאַט פאַר אים קיין שום ווערט...

און סיי די זויבערקייט און סיי די ליבע האָט ער באַטראַכט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ באַשטאַנדטייל פון זיך, אַט אַזוי ווי די אייגענע הויט, וואָס דאָס טראָגן זי איז נישט קיין לאַסט און נישט קיין העלדישקייט...

אַ ידיעה וועגן אַ נייער געמיינהייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין

וואַרשע, צי אין בערלין, אין מאָסקווע, צי אין מאַדריד, פלעגט ער אויפ־נעמען מיט אַ געפיל פון פיזישן עקל. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט אויף זיין בלאַס פּנים זיך באַווייזן אַ גרימאַסע, אַזוי ווי אַ הויפן שמוץ וואָלט גע־פאַלן אויף זיין זויבערן מאַנטל.

ער האָט אָבער זיין אויסערלעכע רויִקייט נישט פאַרלאָרן. היסטע־ריע איז אים געווען פרעמד. אויך דאָס, ווי בכלל יעדער גרילצנדיקער טאָן און באָמבאַסטישער אויסדרוק, האָט אינגאַנצן נישט געפּאַסט צו זיין פערזענלעכקייט.

איך דערמאָן זיך, ווי אין אַ טריבן פרייטיק האָט אַמאָל ערליך גע־שריבן אַ לייט־אַרטיקל וועגן בראָניסלאַוו גראָסער, וועמענס יאָרצייט עס איז יענעם טאָג אויסגעפאַלן. גראָסער, דער זון פון אַ שטאַרק־אַסימילירטן וואַרשעווער אַדוואָקאַט, איז געקומען צום „בונד" צוזאַמען מיט ערליכן. זייער אינטימע פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין מאָלערישן קוזמיר, ווו דיביידע רייכע סטודענטן האָבן פאַרבראַכט אויף וואַקאַציע, האָט אָנגעהאַלטן ביזן טאָג, ווען דער יונגער, קוים ניין־און־צוואַנציק־יעריקער בונדישער פירער גראָסער, וועלכער האָט ווי אַ מעטעאָר אַ שיין־געטון אויפן ייִדישן הימל אין פּוילן, איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס קראַנקייט. ערליך האָט מיר דערלאַנגט דעם אָנגעשריבענעם לייט־אַרטיקל, געשטאַנען לעבן מיר און געוואַרט איך זאָל ענדיקן איבערלייענען, כדי ער זאָל קענען, אַהיימגייענדיק, אים אַריינגעבן אין דער זעצעריי.

איך האָב געלייענט ווי ערליך שילדערט די מאָלערישע זויבערקייט און דעם גרויסן אידעאַליזם פון דעם דאָזיקן יונגן, גלענצנדיקן אַדוואָקאַט, פאַר וועלכן עס איז געשטאַנען אָפן דער וועג פון אַ גרויסער קאַריערע און פון אַ באַקוועם ליכטיק לעבן. אָבער אָנשטאָט גיין אַהין, איז ער אַוועק צו די טונקעלע ייִדישע אַרבעטער־געסלעך און פאַרבונדן זיינע אַלע האָפענונגען מיט דער האָפענונג פון די געקריוודעטסטע פון די געקריוודעטע און פון די פאַרשטויסנסטע פון די פאַרשטויסענע. אָבער גראָסער האָט דאָס אַבסאָלוט נישט באַטראַכט פאַר קיין קרבן, נאָר פאַר אַ זכיה, עס איז די טיפע באַפרידיקונג — אַזוי אומגעפער האָט געשריבן ערליך — ווען מ'קען אויפלייזן די בענקשאַפט נאָך פערזענלעכער באַ־קוועמלעכקייט אין דער גרויסער בענקשאַפט נאָך אַ ביסל גליק פאַר די

מיליאָנען הונגעריקע און געפּייניקטע; ווען אָנשטאָט פאַרנעמען זיך מיט אויפבויען די אייגענע קאַריערע, קען מען ווידמען די אייגענע פעיִקייטן אויף העלפן אויפבויען אַ וועלט, אין וועלכער מענטשן זאָלן קענען לעבן צוזאַמען.

ווען איך האָב געלייענט דאָס לייט־אַרטיקל, האָב איך פון אַ זייט געכאַפּט אַ בליק אויף ערליכן און דערביי איז מיר דורגעלאָפן אַ געדאַנק:

— דאָס איז דאָך ער!...

גראָסער איז געווען טעמפּעראַמענטפולער ווי ערליך, אָבער סיי מיט זייער מאָראַלישער זויבערקייט, סיי מיט זייער גרויסן אידעאַליזם, סיי מיט זייערע פעיִקייטן און אַפילו מיט זייער אימפּאָנירנדיקן אויסערלעכן אויסזען זענען זיי געווען ענלעך. איך האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז ביי אַ יובילעום־פייערונג לכבוד ערליכן, וואָלט מען לייכט געקענט איבערדרוקן דעם דאָזיקן אַרטיקל, ענדערנדיק בלויז דעם נאָמען פון גראָסער אויף ערליך. אָבער אויף קיין יובילעום־פייערונג לכבוד ערליכן האָבן מיר זיך נישט דערוואַרט. אָנשטאָט דעם האָבן מיר טרויער־פייערונגען לכבוד ערליכן...

7

מען לאָזט נישט זינדיקן

פון אַלע צייטונגען אין וואַרשע איז די „פאָלקסצייטונג״ געווען די אָרעמסטע, נישט געקוקט דערויף וואָס איר צירקולאַציע האָט זיך אין די לעצטע צען יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה מער ווי פאַרדרייפאַכט און האָט אַפילו אַריבערגעיאָגט די צירקולאַציע פון מאַנכע רייכע וואַרשעווער צייטונגען. אויך אין איר אָרעמקייט האָט די „פאָלקסצייטונג״ געטריי אָפּגעשפיגלט דאָס לעבן פון אירע לעזער, די ייִדישע אַרבעטער פון פּוילן. זייער נויט איז געווען דער קוואַל פון איר אָרעמקייט.

קויפן אַ צייטונג איז פאַר די מייסטע ייִדישע אַרבעטער און אַפילו קליינע קרעמער און בעל־מלאכות געווען אַ לוקסוס, ספּעציעל אויף דער פּראָווינץ. פלעגן אַ סך לעזער זיך אַן עצה געבן און צונעמען שותפים צו זייער צייטונג. געווען אין פּוילן ייִדישע שטעטלעך, וועלכע האָבן אויס־געשריבן איין צייטונג און גאַנץ קהל האָט זי געלייענט. אָט אַזוי ווי מען האָט אַלע געבענטשט מיט איין אתרוג.

דערביי איז געווען איינגעשטעלט אַן אָרדענונג, צו וועלכע יעדער האָט זיך צוגעפּאַסט. פריִער האָט געלייענט דער הויפּט־שותף, און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זי איבערגעגעבן דעם צווייטן שותף און יענער ווידער האָט נאָכן לייענען זי ווייטער געגעבן ביז זי איז אַרומגע־גאַנגען צו אַלע שותפים.

נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז די פרייטיקדיקע צייטונג איז אָנגע־קומען צום לעצטן שותף ערשט אַרום מאָנטיק־דינסטיק. אָבער מען האָט

זיך דאָס ווייניק געגומען צום האַרצן. וואָס ברענט עס? צייט האָט מען געהאַט גענוג און אויב די נייעס איז דערוויל אַ ביסל עלטער געוואָרן, איז אויך נישט געווען קיין אומגליק, ווייל דער עיקר ביי אַ יידישן לעזער אין פוילן זענען אין צייטונג נישט געווען די נייעס, נאָר די אַרטיקלען, די באַשרייבונגען, די פעליעטאָנען, די פּאָלעמיקס צווישן זיינע שרייבער מיט די קעגנערישע שרייבער, און דער עיקר — מיט די אַנטיסעמיטישע שרייבער. דער פּוילישער ייד האָט ליב געהאַט צו לייענען ווי זיין שרייבער „זאָגט אָריין" די יידן־פרעסער. דאָס איז געווען דאָס געשמאַקע ביסעלע נחת, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער וועלט. ער האָט זיך דערמאָלט דערפילט דערהויבענער, זיכערער אין דער פיינטלעכער אָרומרינגלונג, צווישן די שטעכעדיקע אַנטיסעמיטישע בליקן און שטייפע פּריצישע וואָנצעס.

— מיר האָבן זיי אין דער ערד — האָט ער זיך דעמאָלט געטראַכט — מיר וועלן זיי איבערלעבן...

אַזאַ שאַרפער אַרטיקל אָדער פעליעטאָן איז אין לעזערס אויגן קיינמאָל נישט געווען פאַרעלטערט, האָט ער אַפילו געמעגט זיין פון פאַראַיאָרן. מען האָט לאַנגע וואָכן און חדשים זיך מיט אים אַרומגעטראָגן, אים דיסקוטירט, נאָכגעזאָגט די געלונגענע פראַזן און ווערטלעך.

דער שרייבער האָט דערפון געהאַט גרויס נחת, אָבער גאָר ווייניק הכנסה, ווייל די באַגייסטערטע לעזער זענען אין די מערסטע פאַלן געווען נישט מער ווי שטיקלעך קויפער, און נישט זעלטן בלויז לייענער. זיי האָבן געצאָלט דעם צייטונגס־פאַרקויפער אַ פאָר גראָשן אַ וואָך פאַר איבערלייענען די צייטונג. אַפילו אין די גרויסע שטעט ווי וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, לובלין זענען געווען צייטונגס־פאַרקויפער, וועלכע האָבן געגעבן די יידישע בלעטער אויף אויסצולייענען. שפּעטער האָבן זיי נאָך די אויסגעלייענטע צייטונגען צוריקגעגעבן אין דער רעדאַקציע.

אַלע יידישע צייטונגען אין פוילן האָבן געליטן פון דער דאָזיקער צרה, וואָס האָט זיך גערופן „געבן צייטונגען אויף אויסצולייענען" און זיי האָבן כסדר קעגן דעם געקעמפט סיי מיט מאָראַלישע מיטלען און סיי מיט פּראַקטישע מיטלען. צו די מאָראַלישע מיטלען האָבן געהערט — אויפרופן מיט אַפּעלאַציעס צום געוויסן פון די לייענער און צו די פּראַק־

טישע — פאַרמאַכן די צייטונג מיט אַ דרעטל. יידן האָבן זיך אָבער אָן עצה געגעבן און זיך אויסגעלערנט פאַרזיכטיק צו עפענען די דאָזיקע „דראָט־פאַרצוימונג" און שפּעטער — נאָכן איבערלייענען — דאָס דרעטל צוריק אַריינצושטעלן... מען האָט אויך געפּרוווט באַקעמפן די צרה מיטן כוח פון דאָקטוירים. די ייִדישע צייטונגען האָבן געבראַכט מיינונגען פון די גרעסטע דאָקטוירים, אַז דאָס לייענען אַ צייטונג, וואָס אַנדערע האָבן שוין פריִער געלייענט, איז נישט היגיעניש. ווייל מען קען קיינמאָל נישט וויסן צי דער לייענער פאַר דיר איז נישט געווען קראַנק אויף קיין אַנ־שטעקנדיקער קראַנקייט.

דער דאָזיקער אַרגומענט האָט אָבער געהאַט אַ גאַנץ שוואַכן עפעקט. פּראָווינצער יידן האָבן אים אָוועקגעווישט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— היגיענע־שמיגיענע...

***

אָבער מער פון אַלע ייִדישע צייטונגען האָט פון דער צרה געליטן די „פאָלקסצייטונג". ווייל יענע, די בירגערלעכע ייִדישע צייטונגען, האָבן זייער הויפּט־איינקונפט געהאַט פון אַנאָנסן, בעת די „פאָלקסצייטונג" איז אויסשליסלעך געווען אָנגעוויזן אויף דער הכנסה פון איר צירקולאַציע. קיין האַנדלס־אַנאָנסן האָט זי כמעט נישט געהאַט, און דאָס נישט אַזוי דערפאַר, ווייל די קאַפּיטאַליסטישע פירמעס האָבן נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו פאַרשטאַרקן די קאַסע פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג, נאָר ווייל עס האָט פאַר זיי טאַקע זיך נישט געלוינט צו אַנאָנסירן זייע־רע סחורות אין דער „פאָלקסצייטונג".

דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די ייִדישע אַרבעטער אין פּוילן איז געווען זייער אַ נידעריקער. דאָס אַלטע ייִדישע פאָלקס־לידל „זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס..." איז געווען הונדערט פּראָצענטיקע פּראָזאַ־אישעווירקלעכקייט אין ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. דאָס איינציקע, וואָס דער ייִדישער אַרבעטער אין פּוילן האָט אין דעם ליטוואַקישן לידל געדאַרפט ענדערן, כדי עס צו קענען איינגאַנצן אַדאָפּטירן, איז געווען דאָס וואָרט „בולבעס", אַריינ־שטעלן אויף דעם אָרט דאָס וואָרט „קאַרטאָפל"...

אַפילו צוקער איז אין די מייגסטע ייִדישע און אויך נישט־ייִדישע אַרבעטער הייזער אויף דער פּראָווינץ געווען „אַ נאַש“ און עס האָבן וויניק געהאָלפן די רעקלאַמעס, וואָס דער פּוילישער צוקער־מאָנאָפּאָל האָט פאַנאַנדערגעהאָנגען איבער אַלע וואָקזאַלן און אויך אַריינגעגעבן אין די צייטונגען מיט גרויסע אויפשריפטן: „צוקער קזשעפּי!“ (צוקער מאַכט שטאַרק). די לעזער פון דער „פאָלקסצייטונג“, ווען אַפילו זיי וואָלטן געלייענט די צוקער־רעקלאַמעס אויף די שפּאַלטן פון זייער צייטונג, וואָלטן זיי קיין גרעסערע צוקער־פאַרברויכער נישט געוואָרן. אַ שוואַכע קעשענע, האָבן זיי געוווּסט, וועט פון צוקער נישט שטאַרקער ווערן, זי ווערט נאָך שוואַכער. אַז מען וועט אויסגעבן די פּאָר גראָשן אויף צוקער, וועט נישט זיין אויף צו קויפן אַביסל קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט. דער צוקער־מאָנאָפּאָל האָט דעריבער נישט געהאַט קיין אורזאַך צו רעקלאַמירן זיין סחורה אין דער „פאָלקסצייטונג“. נאָך וויניקער האָבן געהאַט אַן אורזאַך דאָס צו טון די פירמעס פון שאָקאָלאַד, פון דעליקאַטעסן, פון נייע מעבל, פון מאַנופאַקטור, שוין אָפּגערעדט פון לוקסוס־אַרטיקלען.

***

וואָלט אייגנטלעך שוין דאָס וואָס זי האָט קיין געשעפטס־אַנאָנסן נישט געהאַט, גענוג געווען, כדי די „פאָלקסצייטונג“ זאָל זיין די אָרעמסטע טעגלעכע צייטונג אין וואַרשע. אָבער עס זענען געווען נאָך סיבות. איינע פון זיי איז געווען דער פּאַרטייאישער כאַראַקטער פון דער „פאָלקס־צייטונג“.

ווי דער צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד“ אין פּוילן, האָט די „פאָלקסצייטונג“ געמוזט דרוקן אַ סך פּאַרטייאישן מאַטעריאַל און אויך אָפּגעבן מער פּלאַץ, ווי אַנדערע ייִדישע צייטונגען, פאַר אַזוי גערופענע „שווערע“ אַרטיקלען און פּאָליטישער אינפאָרמאַציע, אַזוי אַז אין די טעגלעכע זעקס זייטן איז געבליבן גאַנץ וויניק אָרט פאַר דעם לייכטן מאַטעריאַל, וואָס דער ברייטער עולם האָט געווייגלעך ליב צו לייענען; פאַר דעם מאַטעריאַל, ביי וועלכן דער מידער לעזער דאַרף נישט קנייטשן דעם שטערן, נאָר קען זיך אַביסל אָפּרוען און אַ שמייכל טון; ביי דעם לייכטן, טשעקאַווען

מאַטעריאַל, וועלכן מען האָט אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצײַ־טונג" גערופן — „שאַלאַמויזן"...

דער געשווירענער לייענער פון דער „פאָלקסצייטונג" איז געווען דער באַוווסטזיניקער, פּאָליטיש־רייפער יידישער אַרבעטער און אויך יידי־שער אינטעליגענט, וואָס האָט געקענט צעקייען די שווערע אַרטיקלען און פּאָליטישע אינפאָרמאַציע, און וועלכער האָט זיך אָפּגערוט אין זיין בלאַט ביי אַן ערנסטן ליטעראַרישן אַרטיקל, ביי אַ קינסטלערישער דערציילונג, ביי אַ פּאָליטישן פעליעטאָן. קיין „שאַלאַמויזן" האָט ער נישט געזוכט, האַלטנדיק, אַז זיי נידעריקן אַראָפּ דעם ניוואָ פון דער צייטונג.

אָבער די „פאָלקסצייטונג" האָט זיך נישט געקענט באַגנוגענען בלויז מיט די דאָזיקע פאַר טויזנט געקליבענע לעזער. איר אַמביציע איז געווען צו געווינען אויך די פּשוטע יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע זענען לע־זער פון דער ביליקער גאַסן־פּרעסע. און אַפילו די, וועלכע לייענען נאָך איבגאַנצן נישט קיין צייטונג. אַ סך פון די דאָזיקע יידן זענען אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה געוואָרן אָנהענגער פון „בונד", און ביי אַלע וואַלן געשטימט פאַר בונדישע קאַנדידאַטן. פונדעסטוועגן זענען די מיינסטע פון זיי ווייטער געבליבן לייענער פון די גאַסן־צייטונגען. די אידעען פון „בונד" זענען פאַר זיי געווען צוגענגלעך, אָבער די צייטונג פון „בונד" איז פאַר זיי געבליבן נישט־צוגענגלעך... איז ווי אַזוי מאַכט מען, אַז אויך זי זאָל פאַר זיי זיין צוגענגלעך?.

דאָס איז געווען אַ שווערע פראַגע, וועלכע איז אייגנטלעך נישט געווען קיין ספּעציפיש־יידישע. יעדער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־צייטונג, אָנהייבנדיק ביי קאַרל מאַרקס, דעם רעדאַקטאָר פון דער „רהיינישער צייטונג", האָט זיך מיט איר געמאַטערט און וועט זיך זיכער אויך אין דער צוקונפט מיט איר מאַטערן. עס גייט וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרייניקן אַזעלכע צוויי זאַכן, וועלכע זעען אויס צו זיין אין קריגס־צושטאַנד איינע מיט דער צווייטער — אַ פּאַרטיי־צייטונג און אַן אינטע־רעסאַנטע צייטונג...

פאַר דער „פאָלקסצייטונג" וואָלט אַ גינסטיקע לייזונג פון דער פראַ־גע באַדייט — אַ רעטונג פון טיפער נויט, אין וועלכער זי האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען. די בונדישע באַוועגונג אין פּוילן האָט זיך אַלץ

מער פאַרצווייגט און אירע נויטן זענען דערפאַר כסדר געוואָרן גרעסער. די פּאַרטיי האָט מער נישט געקענט זיך פאַרנעמען מיט די דעפיציטן פון דער „פאָלקסצייטונג" און דעריבער פאַרוואַנדלט די צייטונג אין אַ קאָאָפּעראַטיוו פון אַלע אירע מיטאַרבעטער, פון שיק־יינגל ביזן רעדאַק־טאָר און פאַרוואַלטער. וויפל עס וועט זיין, אַזויפיל וועט מען פאַרטיילן צווישן אַלעמען. וועט נישט זיין אין וואָך — וועט מען וואַרטן אויף דער צווייטער וואָך...

איידער די דאָזיקע „רעפאָרם" איז איינגעפירט געוואָרן, האָט מען אייגנטלעך אויך געדאַרפט וואַרטן אויף דער צווייטער וואָך און אַמאָל אויף דער דריטער, צי גאָר אויף דער פערטער. אָבער דעמאָלט האָט עס געהייסן, אַז פאַר די נישט־געצאָלטע וואָכן בלייבט אַ חוב ביי דער פּאַרטיי, אָבער נאָך דער „רעפאָרם" זענען מער קיין חובות נישט געווען. עס איז געבליבן אַ ריינער טיש — די וואָך, ווען עס איז קיין לוין נישט געווען, איז אָפּגעווישט געוואָרן און די אויגן האָט מען געדאַרפט ווענדן צו דער נייער וואָך...

די צייטונג האָט געפילט די נויט און יעדער איינער פון די שותפים האָט זי געפילט, הגם מען האָט וועגן איר זייער זעלטן גערעדט. אָרעמקייט איז טאַקע נישט קיין שאַנדע, אָבער אַ צרה איז זי יאָ; אַ צרה, וואָס הערט נישט אויף איינצורוימען אין אויער אַריין: „געדענק, דו ביסט אַ קבצן"... אין אָנהייב האָט זיך אויסגעדוכט, אַז בלויז עטלעכע טויזנט נייע לעזער וועלן די צייטונג אַרויסראַטעווען פון דער נויט. אָבער ווען מיר האָבן די פּאָר טויזנט לעזער געוווּנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף אויסצוגלייכן זיך די ביינער, דאַרף די צייטונג נאָך אַ פּאָר טויזנט נייע לעזער, און נאָכדעם האָבן ווידער געפעלט אַ נייע פּאָר טויזנט...

***

די נייע טויזנטער לעזער האָבן מיר געוווּנען טיילווייז אַ דאַנק דער וואַקסנדיקער פּאָפּולאַריטעט פון דעם „בונד" און טיילווייז דורך אונדזערע באַמיִונגען צו מאַכן די צייטונג לעבעדיקער. די „פאָלקסצייטונג" איז די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ סך אינטערעסאַנטער, ליטעראַרישער. מען האָט אַלץ אָפטער דאָרט געקענט געפינען אַ לייכטן אַרטיקל, אַ שפּילעוודיקן

פעליעטאָן, אַ פאַרביקע רייזע־באַשרייבונג, אַ לעבעדיקן רעפּאָרטאַזש, אַ טשיקאַווע מעשה.

די „פאָלקסצייטונג" האָט לעצטנס געהאַט אַ היפּשן שטאַב נישט נאָר פון ערשטקלאַסיקע פובליציסטן און זשורנאַליסטן, נאָר אויך פון אָנ־געזעענע יידישע דיכטער און פּראָזע־שרייבער, וועלכע וואָלטן געווען אַ צירונג פאַר יעדער צייטונג. ל. אָדעס (שפּעטער — מיטרעדאַקטאָר אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם יוסף כמורנער), מ. אָזשעך, דינה (מיכאַלע־וויטש), סאָפיע דובנאָוו־ערליך, שלום הערץ, אַרטור זיגעלבוים, י. י. טרונק, י. יאַשונסקי, ל. לעווין, שלמה מענדעלסאָן, ד. ניימאַרק (אַריה), עמנואל נאָוואגרודזקי, יעקב פּאַט, יהושע פּערלע, ח. ש. קאַזשדאָן, מלך ראַוויטש, פּנחס שוואַרץ, ד"ר ע. שערער א.אַנד. אַ חוץ די שוין פריער דערמאָנטע דריי רעדאַקטאָרן, לייט־אַרטיקל־שרייבער און רעדאַקציע־סעקרעטאַר. מיט זייער הילף איז נישט געווען שווער צו מאַכן אַ לעבע־דיקע און אינטערעסאַנטע צייטונג. אָבער די מורא זיך „אַראָפּצולאָזן צו דער גאַס" האָט געהאַלטן אין צוים די רעדאַקציע. און אויב עמעצער פון די מיטאַרבעטער האָט אַמאָל גאַנץ אומשולדיק זיך געפּרוווט צופּיל אַ בויג טון אין דער ריכטונג פון דער „גאַס", איז באַלד געקומען די העכס־טע אינסטאַנץ — דער געשווירענער לעזער פון דער „פאָלקסצייטונג" — און פּראָטעסטירט...

איך דערמאָן זיך אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל, וואָס איז געשען אין די דרייסיקער יאָרן: דער שטאָט־רעפּאָרטער האָט ביינאַכט אַריינגעגעבן אין דער צייטונג אַ שטיקל וואַרשעווער כראָניק וועגן אַ גאַסן־געשלעג צווישן אונטערוועלט־לייט און דערביי באַשריבן גאַנץ לעבעדיק איינע פון די צעשלאָגענע פרויען, וואָס איר נאָמען איז געווען וואַצלאַווע. ווען איך בין געגאַנגען אינדערפרי אין רעדאַקציע, האָב איך די צייטונג נאָך נישט געהאַט געלייענט, איך בין דעריבער געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען מיך האָט אָפּגעשטעלט אַן אַרבעטער און מיט פאָרוואורף געפרעגט:

— חבר שעפנער, ווי קומט וואַצלאַווע צו אונדז אין דער „פאָלקס־צייטונג"?

— וועלכע וואַצלאַווע? — האָב איך געפרעגט אַ דערשטוינטער.

— אַזוי? — איז דער אַרבעטער געבליבן ביי זיין שטרענגן טאָן — איר ווייסט גאָרנישט ווער זי איז? אָבער אונדזער „פאָלקצייטונג" ווייס יאָ! — און ער האָט מיר געוויזן מיטן פינגער אויף אַ שטיקל נייעס אין דער צייטונג, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

ווען איך בין אַריין אין רעדאַקציע, האָט דאָרט מיר אַנטקעגנגע־שמייכלט כמורנער:

— איר האָט שוין געהאַט אַ גרוס פון וואַצלאַווען?...

עס איז נישט אַוועק קיין האַלבע שעה און אין רעדאַקציע איז האַס־טיק אַריין ערליך און זיך געווענדט צו אונדז מיט אַ פראַגע:

— ווער איז די וואַצלאַווע?...

ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך ער, פונקט ווי די איבעריקע מיטאַרבע־טער פון דער צייטונג, האָט די גאַס נישט געקענט דורכגיין צוליב וואַצ־לאַווען. אַרבעטער האָבן אים אָפּגעשטעלט אויף פּזשעיאַזד, באַלד ווי ער איז אַרויס פון טראַמוויי, און ביי אים מיטן האַרבן וואָרט געפאָדערט אַ חשבון פאַר וואַצלאַווען. איז ער גיך אַוועק אין רעדאַקציע פרעגן, ווער עס איז דאָס די דאַזיקע וואַצלאַווע...

אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך צו דערוויסן, ווער עס איז וואַצלאַווע און ווי אַזוי זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער „פאָלקסצײַ־טונג", האָט מען אים גערופן צום טעלעפאָן, און טאַקע וועגן זעלבן ענין — וועגן וואַצלאַווען...

צוריקקומענדיק פון טעלעפאָן, האָט דאָס פּנים ביי ערליכן גע־שמייכלט:

— אַז אַפילו מיר וואָלטן שוין געוואָלט זינדיקן — האָט ער צו אונדז זיך אָפּגערופן מיט אַ געפּיל פון שטאָלץ — וואָלטן מיר נישט געקענט. זיי וואָלטן אונדז נישט געלאָזט...

זיי — די געשווירענע לעזער פון דער „פאָלקסצייטונג".

אויף כמורנערס טונקל פּנים האָט געלויכטן פון נחת.

— מיר וועלן שוין מוזן — האָט ער געזאָגט — בלייבן ווייטער די זעלבע בטלנים...

זענען מיר ווייטער געבליבן די זעלבע בטלנים און אויך די זעלבע קבצנים. אָבער צו דעם האָט מיטגעווירקט נאָך אַ סיבה, וואָס האָט געהייסן דער צענזאָר. ער האָט דער „פאָלקסצייטונג" שטאַרק געהאָלפן צו בלייבן אָרעם ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

ער איז געווען אַ ייִד, דער צענזאָר אונדזערער, און אַ טשיקאַווער טיפּ, וועלכער פאַרדינט מען זאָל אים פאַראייביקן. מיר וועלן דאָס טון אין קומענדיקן קאַפּיטל.

8

דער צענזאָר שטיינבאַק

די ייִדישע פּרעסע אין אַמאָליקן רוסלאַנד און שפּעטער אין אומאָפּהענגיקן פּוילן האָט געהאַט פאַרשידענערליי צענזאָרן, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געטראָגן אַזאַ נאָמען, וואָס זאָל אים אַזוי פּאַסן צום פּנים און צו זיין פּראָפעסיע, ווי דער צענזאָר פון די ייִדישע צייטונגען אין וואַרשע אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

שטיינבאַק האָט ער געהייסן.

סיי דער „שטיין" און סיי דער „באַק" זענען געווען באַרעכטיקטע באַשטאַנדטיילן פון זיין נאָמען; זיין רויטער בליישטיפט, מיט וועלכן ער פלעגט אויסשטרייכן די „נישט־כשרע" אַרטיקלען און שטיקער פון די ייִדישע צייטונגען, איז מיט רעכט פאַרגליכן געוואָרן צו אַ חלף. מיט דעם דאָזיקן בליישטיפט פלעגט שטיינבאַק שעכטן דעם אמת, און אין איין וועגס אויך אָפּשעכטן די טעגלעכע הכנסה פון דער קאָנפיסקירטער ייִדישער צייטונג, און מאַנכעס מאָל אַפילו דעם גאַנצן וועכנטלעכן לוין פון די מיטאַרבעטער. אויף דער הייסער מינוט פלעגן דעמאָלט די געליטענע אינגאַנצן פאַרגעסן דעם צווייטן טייל פון זייער שוחטס נאָמען און בלויז זען, אָדער ריכטיקער, בלויז פילן דעם ערשטן טייל, — דעם שטיין.

אין דער אמתן, אָבער, איז דער צווייטער טייל פון אונדזער צענזאָרס נאָמען געווען פאַר אים מער צוגעפּאַסט ווי דער ערשטער טייל. שטיינבאַק איז געווען מער „באַק" ווי „שטיין". זיין רויטער בליישטיפט האָט טאַקע געשאָכטן און פון זיין שחיטה האָט טאַקע גערונען וואַרעם בלוט, ייִדיש

בלוט, פונדעסטוועגן איז שטיינבאַק נישט געווען קיין טיפּישער שוחט און אויך נישט קיין שטיין. גראָד די, וואָס האָבן אַממערסטן געליטן פון זייך שחיטה, די מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקסצייטונג״, האָבן אַמוויי־ניקסטן באַמערקט דעם ערשטן טייל פון שטיינבאָקס נאָמען, און אַמ־מערסטן — דעם צווייטן טייל.

געווען אַפילו מיטאַרבעטער אין דער „פאָלקסצייטונג״, וואָס האָבן אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן דעם „שטיין״ פונעם צענזאָרס נאָמען. אַז עמי־צער האָט גערעדט דורכן טעלעפאָן צו איינעם פון די מיטאַרבעטער וועגן דעם, וואָס מען טאָר נישט דרוקן אין דער מאָרגנדיקער צייטונג, האָט דער עולם ביי די טישן זיך באַלד אָנגעשטויסן ווער עס רעדט און מיט אַ שעפּטשען איבערגעגעבן דאָס איינער דעם צווייטן:

— באָק רעדט...

**
*

די מיינסטע יידישע צענזאָרן פון צאַרישן רוסלאַנד זענען געווען תלמידי־חכמים און משומדים. שטיינבאַק, אָבער, איז געווען נישט קיין תלמיד־חכם און נישט קיין משומד, נאָר אַ באַשיידענער באַאַמטער, וואָס האָט געטריי געדינט זיין פּוילישן באַלעבאָס מיט אַלע כוחות און פעי־קייטן, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

אָבער קיין סך האָט אים גאָט נישט געגעבן. שטיינבאַק איז געווען אַ קליין מענטשעלע, אַזוי אין זיין פיזישער און אַזוי אויך אין זיין גייס־טיקער וווקס. זיין מילכיק פּנים האָט גאָרנישט געזאָגט, אַפילו נישט ווי אַלט עס איז. איך האָב שטיינבאָקן געקענט קנאַפּע צוואַנציק יאָר און איך האָב נישט באַמערקט, ער זאָל זיך אין עלטערן. אויך זיינע טריט זענען געווען שטילע, ווי פון אַ באַאַמטן וואָס ווייסט, אַז נישט ווייט זיצט זיין שעף. לויטן אויסזען און אויך לויט זיין קליידונג, האָט מען אים גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ צווייטראַנגיקן באַנק־אָנגעשטעלטן, איידער פאַר אַ וויכטיקן באַאַמטן פון פּאָליצייאיש־פּאָליטישן אַפּאַראַט פון אַ דיקטאַ־טאָרישער מלוכה. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איידער ער זעצט זיך אַוועק ביי זיין צענזאָר־טיש און נעמט דעם רויטן בליישטיפט אין האַנט, טוט ער אָן אַ פּאָר באַזונדערע שטויב־אַרבל, כדי נישט אויסצו־

דרייבן די אַרבל פון זיין טונקל רעקל, און ציט פּאַרזיכטיק אַרויף די הויזן, כדי צו באַשיצן זיינע הויזן־קנייטשן...

שטיינבאַק איז געקומען פון אַן אַסימילאַטאָריש־באַלעבאַטישער סביבה, ווו ער האָט באַקומען פּוילישע בילדונג און אויך אַביסל ידיעות אין יידישער רעליגיע און יידישער געשיכטע. ער איז געווען אַ פּוילישער פּאַטריאָט, אַן אָנהענגער פון פּילסודסקיס לעגיאָנען און אַזוי אַרום געקומען צו זיין אַמט אַלס צענזאָר פון דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע. זיינע יידיש־קענטענישן זענען געווען גאַנץ מאָגערע. ער האָט מער „געכאַפּט" יידיש, ווי געלערנט.

פאַר אַ שווער יידיש וואָרט האָט ער זיך געשראָקן, באַזונדערס ווען ער האָט עס געטראָפן אין דער „פאָלקסצייטונג". ער האָט מורא געהאַט, אַז מען האָט עס אומישנע אַריינגעשטעלט, כדי אים אָפּצונאַרן; כדי הינטער זיין נאָז דורכצושמוגלען עפּעס נישט־כשרס... אין די ערשטע צייטן פלעגט ער זיך שעמען צו שטרייכן ווערטער, אָדער זאַצן, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געשעמט פאַר די שרייבער און ער האָט זיך אויך געשעמט פאַרן... געזעץ. ווייל אָפיציעל איז פּוילן געווען אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, וואָס ווערט רעגירט לויט קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצן.

די דיקטאַטור אין פּוילן איז אין אָנהויב געווען גאַנץ שעמעוודיק און האָט איר יעדן פאַרברעכן זיך באַמיט צו שטיצן אויף אַ פּסוק פון דער קאָנסטיטוציע... לויט דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע, האָט אין פּוילן געהערשט פרייהייט פון וואָרט און יעדערער האָט געמעגט שרייבן וואָס ער וויל, נישט רעכענענדיק זיך אינגאַנצן וואָס עס טראַכט שטיינבאַק. דער צענזאָר האָט טאַקע געאַרבעט מיט זיין רויטן בליישטיפט, אָבער... נישט אָפיציעל. עס האָט געהייסן, אַז אויב עמעצער שטעלט מיט זיין שרייבן אין געפאַר „די זיכערקייט פון דער מלוכה", דעמאָלט האָט די מלוכה אַ רעכט יענעם אָנצוקלאָגן אין געריכט.

מיט דער צייט, אָבער, איז די פּוילישע דיקטאַטור געוואָרן אַלץ ווייניקער שעמעוודיק און גלייכצייטיק אַלץ מער אַנטיסעמיטיש, און דעמאָלט האָט אויך שטיינבאַק געענדערט זיין טאַקטיק. אויב נאָר ער האָט

עפּעס נישט פאַרשטאַנען, האָט ער דערויף אָנגעשטעלט זיין רויטן בליי־שטיפט.

מער פון אַלע יידישע צייטונגען האָט פון דער דאָזיקער נייער טאַק־טיק פון שטיינבאַקן געליטן די „פאָלקסצייטונג“, וועלכע האָט געהאַט די אַמביציע נישט צו טון דאָס וואָס פרומע און שטאַרקע לייט הייסן.

דערין איז דאָך אייגנטלעך געלעגן איר גאַנצע עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג. אויף צו שווייגן זענען דאָך אין וואַרשע געווען גענוג צייטונגען...

מען שלאָגט יידן אין די גאַסן און אויף די אוניווערזיטעטן, מען שמייסט פויערים אין גאַליצישע דערפער, מען גיסט נאַפט אין מויל פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, מען מאַכט פּאַראַד־אויפנאַמעס אין דער פּוילי־שער הויפּט־שטאָט פאַר היטלער־געסט — קען אַ יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג דאָס פאַרשווייגן? זי מוז דאָך וועגן דעם שרייבן.

קומט אָבער אַ צווייטע שטימע און שטעלט אַ פראַגע:

— אָבער דאָס שרייבן וועט דאָך סיי־ווי נישט דערזען די ליכטיקע שיין. דער איינציקער, וואָס וועט דאָס לייענען, וועט זיין שטיינבאַק...

— אַלץ איינס — וויל די ערשטע שטימע נישט נאָכגעבן — מען מוז פּרוּוון.

און די „פאָלקסצייטונג“ האָט געפּרוּווט, און שטיינבאַק האָט גע־שטראָכן מיט זיין רויטן בליישטיפט...

***

שטיינבאַק האָט דאָס אָבער נישט געטון מיט קיין גרינג האַרץ. קיי־נער האָט דאָס אַזוי גוט נישט געוווּסט, ווי מיר אין דער „פאָלקסצייטונג“. געווען ציטן, ווען שטיינבאַק פלעגט יעדן טאָג קלינגען אין רעדאַקציע און אונדז פריינטלעך ראַטן, מיר זאָלן נישט איינשטעלן די מאָרגנדיקע צייטונג און בעסער דאָרט נישט אַריינגעבן די און די באַאומרויקנדיקע „קלאַנגען“, וועלכע די רעגירונג וואָלט נישט געוואָלט זיי זאָלן פאַר־שפּרייט ווערן... זיי קענען אין אויסלאַנד שאַפן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז אין פוילן הערשט אומגעזעצלעכקייט... די דאָזיקע „פריינטלעכע עצות“ זענען, פאַרשטייט זיך, געווען באַפעלן און שטיינבאַק האָט נאָר אויסגע־פירט אַן אָפיציעלע שליחות, וואָס זיינע עלטסטע פון רעגירונגס־קאָמי־

סאַריאַט האָבן אים אָנפּאַרטרויט. פונדעסטוועגן האָבן מיר געפילט, אַז שטיינבאַק וויל מיטן גאַנצן האַרצן, מיר זאָלן אויף זיך רחמנות האָבן און נישט ברענגען אים דערצו, ער זאָל אויף אונדז ווידער דאַרפן אַראָפּלאָזן זיין חלף... און וואָס שוואַכער עס איז געווען זיין האָפענונג ביי אונדז דאָס צו פועלן, אַלץ ווייניקער האָט ער חשק געהאַט אונדז שלעכטס צו טון...

ביי זיין גאַנצער געהאַרכזאַמקייט און פּחדנות פאַר דער העכערער מאַכט (און אפשר גאָר טאַקע דערפאַר) האָט שטיינבאַק טיף אין האַרצן געהאַט דרך־ארץ פאַר די, וואָס זענען נישט געהאַרכזאַם און נישט־שרעקעוודיק...

דערצו נאָך האָט שטיינבאַק אין די לעצטע יאָרן, ווען די פּוילישע רעגירונגס־פּאַרטיי האָט זיך גענומען אַלץ מער און מער פאַרקוקן אויף היטלערן און גיין אין זיינע וועגן, זיך דערפילט שטאַרק איינזאַם אין רע־גירונגס־קאָמיסאַריאַט. די צאָל פּילסודסקי־יידעלעך, וואָס האָבן דאָרט גע־אַרבעט, אַממיינסטן משומדים, איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן. עס האָט זיך אין אָפּיצילן פּוילן אַלץ מער אָנגענומען די ראַסן־טעאָריע, לויט וועל־כער אַ ייד, מעג ער אַפילו זיין אַ משומד און אַ פּילסודסקי־מענטש, קען ער נישט זיין קיין „עכטער פּאָליאַק", ער בלייבט אַ „זשיד".

די פּוילישע רעגירונג האָט דעריבער אירע משומדים און „זשידקעס" אָנגעהויבן פאַרשיקן אויף גוטע שטעלעס אין יידישע אינסטיטוציעס און אַזוי אַרום דערגרייכט צוויי זאַכן מיט אַמאָל: אי זי האָט אויסגערייניקט אירע אַמטן פון „זשידאָווסקע" באַאַמטע און אי זי האָט אַריינגעזעצט אירע פּאַרטרויאונגס־מענטשן אין די יידישע אינסטיטוציעס.

שטיינבאַקן האָט נישט געדראַט די געפאַר „פאַרשיקט" צו ווערן אין אַ יידישער אינסטיטוציע, אים האָט מען געמוזט האָבן, ווייל עס איז נישט געווען קיין „עכטער פּאָליאַק", וואָס זאָל קענען לייענען יידיש. פאַרקערט, זיין אַמט איז געוואָרן חשובער, ווייל איצט האָט מען די יידן געמוזט מער האָבן אויפן אויג, אָבער ער אַליין איז געוואָרן געפאַלענער, מינדערוועדטי־קער. אין די בליקן פון זיינע עכט־פּוילישע קאָלעגן און עלטסטע האָט ער געפונען אי חוזק און אי פאַרדאַכט — חוזק, וואָס אַ „זשידעק" האָט זיך אונטערגענומען צו דערשטיקן דעם ווײ־געשריי פון זיינע אייגענע געשלאָ־

גענע ברידער, און פאַרדאַכט — ווייל ווער ווייס צי ער קאָמבינירט נישט עפּעס מיט זיינע „זשידקעס" הינטער די פּלייצעס פון זיינע עלטסטע. ער איז דאָך פּאַרט פון זייער ראַסע...

די דאָזיקע איינזאַמקייט אַרום שטיינבאַקן האָט אין אים דערוועקט אַ געפיל פון פּריינטשאַפט צו די בונטאָווּשטשיקעס פון דער „פּאָלקסציי־טונג" און גלייכצייטיק אַ געפיל פון שרעק. ווער ווייס וואָס אַזעלכע לייט קענען אַלץ צוטראַכטן, כדי אָפּצונאַרן די פּוילישע צענזור...

זיין שרעק איז נישט געווען אומזיסט. וואָס ברוטאַלער עס איז גע־וואָרן די דיקטאַטור אין פּוילן און וואָס מער דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן הפקר, אַלץ דערפינדערישער זענען מיר געוואָרן אין אונדזערע באַמיונגען צו שאַפן שפּעלטעלעך, דורך וועלכע עס זאָל זיך קענען דורכ־רייסן דער פּראָטעסט פון די פאַרפאָלגטע פּוילישע יידן. אויב מיר האָבן דאָס נישט געקענט דערגרייכן דורך אַרטיקלען, האָבן מיר עס געפּרוווט טון דורך פעליעטאָנען, מעשהלעך, אַלעגאָריעס, משלים. מיר האָבן גע־פּרוווט איבער די פּלייצעס פון שטיינבאַקן אַריבערוואַרפן צו אונדזערע לעזער און אויף שטום־לשון זיי דערציילן זאַכן, וואָס מען האָט נישט געטאָרט דערציילן. און נישט איינמאָל איז דאָס אונדז געלונגען. שטיינ־באַק האָט זיך נישט געכאַפּט און דער לעזער האָט זיך יאָ געכאַפּט...

***

צוויי פאַלן אַזעלכע האָבן זיך באַזונדער איינגעקריצט אין מיין זיכרון.

דער ערשטער פאַל איז געווען נאָכן פּאָגראָם אין בריסק. פּוילישע כוליגאַנעס זענען אינמיטן טאָג באַפאַלן יידישע הייזער און קראָמען, האָבן געשלאָגן, גערויבט און געברענט און פּאָליציי האָט גאָרנישט באַמערקט. דאָס איז געווען דער ערשטער פּוילישער פּאָגראָם אין גרויסן „קלאַסישן" סטיל מיט הונדערטער אָרגאַניזירטע אָנטיילנעמער, מיט באַפלאַסטערטע גאַסן מיט פעדערן פון יידישע קישנס און מיט... אַרעסטירטע יידן. עס איז געווען גרויס דער ווייטיק, אָבער נישט קלענער איז געווען די חרפּה. יידישע שרייבער זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרשטאָפּטע מיילער. יעדער פּרווו אויסצושרייען דעם ווייטיק איז דערשטיקט געוואָרן דורכן צענזאָר.

ב. שעפּנער

בלויז פאַרן דערמאָנען דאָס וואָרט „פּאָגראָם" זענען יידישע צייטונגען קאָנפיסקירט געוואָרן.

אין יענע ביטערע, שטומע טעג איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אָנ־צושרייבן אַ פעליעטאָן וועגן אַ נאַטור־ווונדער, וואָס איז געשען אין בריסק.

„נישט איין רייכער טוריסט — האָב איך אָנגעהויבן יענעם פעליע־טאָן אונטערן נאָמען „שניי" — וואָלט אַ סך געגעבן, כדי צו זען דאָס דאָזיקע נאַטור־ווונדער: אינמיטן דעם ליכטיקן חודש מאַי, אַרומגערינגלט מיט צעבליטע קאַשטאַן־ביימער, ליגט אַ פאַרשנייטע גאַס. פון אויבן די וואַרעמע מאַי־זון, אין די זייטן דער דופטיקער בעז און אונטן — שניי. עס איז אַ וואונדערלעכער שפיל פון קאָלירן: בלוי, גרין און ווייס, אַ שפיל צווישן פרילינג און ווינטער..."

דאָס פוילישע נאַטור־ווונדער — האָב איך צוגעגעבן — האָט מען אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דייטשלאַנד און איטאַליע. וואָלט דאָרט אינמיטן פרילינג קיין ווינטער נישט געווען, וואָלט איצט אין בריסק נישט געשנייט...

דער פעליעטאָן, וועלכער איז געווען פול מיט אָנצוהערענישן אויף די יידישע פעדערן, וואָס האָבן באַדעקט די בריסקער גאַסן, איז בשלום אַרויס פון הינטער די הענט פון שטיינבאַקן און דערגאַנגען צו טויזנטער לעזער. צומאָרגנס האָב איך אויף שריט און טריט באַגעגנט יידן, וואָס האָבן צו מיר געהיימנישפול צוגעווונקען:

„שניי"...

דער צווייטער פאַל האָט געטראָפן אייניקע מאָנאַטן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז געווען דער הויך־פונקט פון דער פויליש־דייטשער פריינטשאַפט. אָפיציעלע געסט פון דייטשלאַנד זענען כסדר געפאָרן אויף פריינטשאַפט־וויזיטן קיין וואַרשע. יעדער אַזאַ וויזיט איז געווען באַגלייט מיט אַ פאַרשטאַרקטער העצע קעגן יידן. מיט גאָר אַ באַזונדערן ברען איז דעמאָלט צוגעגרייט געוואָרן די אויפנאַמע פאַר היט־לערס מיניסטער פון „גערעכטיקייט" ד״ר פראַנק (דערזעלבער, וואָס איז אַביסל שפּעטער געקומען קיין פוילן אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אָקו־פירטן לאַנד...). די יידישע צייטונגען פון פוילן האָבן, פאַרשטייט זיך, שטאַרק חשק געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם גאַסט, אָבער דער צענזאָר (עס האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט שטיינבאַקס נאָכפאָלגער ד״ר שימקע־

וויטש), האָט באַצייטנס אָנגעקלונגען אין אַלע ייִדישע רעדאַקציעס, וואָ־רענענדיק, זיי זאָלן נישט וואַגן קיין איין וואָרט צו שרייבן וועגן פראַנקס וויזיט, אויב זיי ווילן נישט ריזיקירן מיט זייער עקזיסטענץ.

איך דערמאָן זיך ווי מיר זענען אין יענעם טאָג געזעסן אין רעדאַק־ציע מיט פאַרקריצטע ציין. עס איז געווען שרעקלעך דער געדאַנק אַרויס־צולאָזן צומאָרגנס אינדערפרי אַ צייטונג און דאָרט אינגאַנצן צו פאַר־שוויגן וועגן אָנקומען פון דעם גאַסט. שרייבן, ווידער, האָט דאָך קיין שום צוועק נישט געהאַט. צו די לעזער וועט עס דאָס סיי־ווי נישט דער־גיין. די „באַגריסונג“ וועט בלויז לייענען דער צענזאָר...

ברעכנדיק זיך דעם קאָפּ וואָס צו טון, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב מיט אַ צייט צוריק געהאַט געלייענט אַ הומאָריסטיש ליד פון טונקעלערן, געווידמעט די געסט, וואָס קומען אויף דאַטשעס. איך בין באַלד אַוועק אין ביבליאָטעק און גענומען דעם טונקעלערס בוך, ווו דאָס ליד איז געווען געדרוקט. איך האָב עס נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און איך האָב געזען, אַז עס פּאַסט זיך גאַנץ גוט פאַר אונדזערע נאַצי־געסט, באַ־זונדערס די לעצטע שורה. אויף צו מאָרגנס אינדערפרי האָבן די לעזער פון דער „פאָלקסצייטונג“ געפונען אָפּגעדרוקט מיט פעטער שריפט דאָס פאָלגנדיקע ליד, וואָס איז געווען פאַרזען מיטן נאָמען פון אויטאָר און אויך פון בוך, פון וועלכן עס איז אַרויסגענומען:

גייען געסט, גייען געסט
פונקט ווי אויף אַ מאַניפעסט.
ס'ציען, גייען, קומען געסט
געסט, געסט, געסט, געסט.
קומען זאָל אויף זיי אַ פּעסט!

דער עולם האָט געלייענט און געשמייכלט. מאַנכע האָבן אַפילו אונ־טערגעברומט די לעצטע סטראָפע: „קומען זאָל אויף זיי אַ פּעסט...“

**
*

מאַנכע אַזעלכע שפּיצלעך, וואָס מיר האָבן אָפּגעטון דער פּוילישער צענזור, זענען מיט דער צייט אַנטפּלעקט געוואָרן. אַמאָל האָט דאָס גע־טון אַ מסור און אַן אַנדערש מאָל דווקא אן אייגענער, וועלכער האָט פּשוט זיך געוואָלט רייצן מיט דעם צענזאָר: „זע ווי די „פאָלקסצייטונג“ האָט

דיך געפירט אין באָד אַריין״. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט צו פאַרריכטן. דער פּעליעטאָן איז שוין געווען אין די קעפּ פון די לעזער...

איז דערפאַר שטיינבאָק אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, אַ צעשראָקענער. די אַנדערע יידישע צייטונגען האָט שטיינבאַק געלייענט רויק, דאַקעגן די „פאָלקסצייטונג״ האָט ער געלייענט מיט נערוועזיטעט און פאַרדאַכט, זוכנדיק דאָרט כסדר צווישן די שורות, „וואָס באַהאַלטן זיי דאָרט, די געפערלעכע לייט?״ — האָבן זיינע הילפלאָזע אויגן געפרעגט און נאָך אַמאָל גענומען לייענען דעם כלומרשט אומשולדיקן פעליעטאָן, וועלכן ער האָט שוין געהאַט איבערגעלייענט. לעבן אים איז געשטאַנען דאָס שיק־ייִנגל פון „פאָלקסצייטונג״, וואַרטנדיק אויפן אורטייל, כדי צו קע־נען לאָזן וויסן אין דער דרוקעריי וועגן גורל פון מאָרגנדיקן נומער. אָבער שטיינבאָק האָט אָפטמאָל זיך געוואַקלט. דאָס האַרץ (דאָס יידישע און דאָס מענטשלעכע) האָט געהייסן זאָגן „כשר״ און דער קאָפּ פון צענזאָר האָט געשאָקלט אויף ניין: „שטעל בעסער נישט איין, פּאַניע שטיינבאָק. ביזט אַ רעגירונגס־באַאַמטער. זיי, די בונדיסטן, וועלן דאָך דיך סיי־ווי „פאַראַכטן״... און אין מייסנטע פאַלן האָט געזיגט דער קאָפּ פון צענזאָר. שטיינבאַק האָט אַראָפּגעלאָזט זיין רויטן בליישטיפט, רייסנדיק אַזוי אַרום לעבעדיקע שטיקער פון איר לייב... אַזוי איז ער געווען זיכערער מיט זיין פּאָזיציע; זיכערער, אַז אַ שונא זיינער וועט אים נישט פאַרמסרן פאַר זיינע עלטסטע, דאָס ער איז צו מילד צו די „זשידאָווסקע בונטאָוו־שטשיקעס״...

ערשט אייניקע וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער צענזאָר (דער שוין דערמאָנטער ד״ר שימקעוויטש) גענומען אָפּן אַרויסווייזן זיין פריינטשאַפט צו דער „פאָלקסצייטונג״. דאָס איז געווען אין יענע וואָכן, ווען היטלער האָט געעפנט די אויגן פון די פאַרבלענדעטע און פאַרשיכורטע פוילישע רעגירונגס־פירער און זיי גאַנץ דייטלעך גע־לאָזט וויסן וואָס ער טראַכט וועגן פוילנס פריינטשאַפט און וועגן איר צוקונפט.

דעמאָלט האָבן מיטאַמאָל די היטלעריסטישע טעאָריעס אויפגעהערט צו זיין אין דער מאָדע און שלאָגן יידן איז מער נישט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּאַטריאָטיש־פוילישער טאַט. דער צענזאָר האָט מער נישט גע־

קלונגען אין די יידישע צייטונגען, אַז מען טאָר נישט באַליידיקן די דייטשע רעגירונגס־מענער...

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט...

***

אַ קליין מענטשעלע איז געווען דער צענזאָר שטיינבאָק; אַ געהאָרכזאַמער, פּחדנותדיקער באַאַמטער, וואָס האָט געטריי אויסגעפירט די העכערע באַפעלן, האָבן זיי אַפילו געמעגט זיין געווענדט קעגן זיינע אייגענע ברידער. אָבער — זאָל עס אים נאָכגעזאָגט ווערן צו זיין שבח — קיין הנאה פון אויספירן די באַפעלן און פון שעכטן מיט זיין רויטן בליישטיפט האָט ער נישט געהאַט. דאַקעגן האָט ער זיך גוט געפילט, ווען ער האָט אַמאָל געקראָגן פון זיינע באַלעבאַטים דאָס רעכט נישט צו שעכטן...

9

שלח־מנות דער „פֿאָלקסצייטונג‟

דערנענטערנדיק זיך צום סוף פֿון מײַנע דעראינערונגען וועגן דער וואַרשעווער „פֿאָלקסצייטונג‟ אין וואַרשע, קום איך צוריק צו דעם טיש אין דעם רעדאַקציע־צימער אויף נאָוואָליפּיע 7, בײַ וועלכן עס איז גע־זעסן די דרײַ־קעפּיקע רעדאַקטאָרן־קאָלעגיע און ווו עס איז געבוירן גע־וואָרן דער געדאַנק זיך אָפּצוגעוווינען פֿון רויכערן.

גראָד אין יענעם טאָג — עס איז געווען פּורים, וואָס איז אויסגע־פֿאַלן אין אַ פֿרײַטיק — ווען דער געדאַנק איז אַנטשטאַנען, זענען בײַם טיש נאָר געזעסן צוויי: ערליך און איך. כמורנער איז געווען אין דער היים. די ייִדישע צײַטונגען אין וואַרשע, מיטן אויסנאַם פֿון דער „פֿאָלקס־צײַטונג‟, זענען שבת נישט דערשינען. דער רו־טאָג פֿון אַלע ייִדישע צײַטונגס־מיטאַרבעטער איז דעריבער געווען פֿרײַטיק. אויך בײַ אונדז אין דער „פֿאָלקסצײַטונג‟ איז געבליבן פֿרײַטיק דער רו־טאָג פֿאַר די מײַנסטע רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. בלויז עטלעכע שרײַבער האָבן גע־אַרבעט פֿרײַטיק, צוגרייטנדיק דעם שבת־נומער, וועלכער איז אַרויסגע־גאַנגען אין אַ פֿאַרקלענערטן פֿאָרמאַט. דאָס מאָל האָבן די מאָרגנדיקע צײַטונג צוגעגרייט מיר ביידע — ערליך און איך.

די שטימונג אונדזערע איז געווען גאָרנישט קיין געהויבענע. סיבות זענען געווען עטלעכע. די וויכטיקסטע איז געווען — אַ קאָנפֿיסקאַציע. אינדערפֿרי איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן דער פֿרײַטיק־נומער, וועלכער איז געווען געוויינלעך אַ דאָפּלטער. (די ייִדישע צײַטונגען אין פּוילן האָבן

פּרייטיק און נישט זונטיק, ווי עס טוען די ניו־יאָרקער און אַרגענטינער יידישע צייטונגען, אַרויסגעגעבן זייערע הויפּט־נומערן) אַזוי אַז דער שאָדן איז געווען פיל גרעסער ווי פון אַ קאָנפיסקאַציע פון אַ געוויינלעכן נומער.

די צווייטע סיבה איז געווען — מידקייט. נאָך אַ וואָך שווערער־אויפרעגנדיקער אַרבעט, האָט דער זינדיקער גוף געבענקט נאָך אַ ביסל אָפּרו, אָבער אַמוויניקסטן האָט וועגן דעם זיך געקענט דערלויבן צו טראַכטן ערליך. עס איז געווען דעמאָלט ערב אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און יעדן שבת זענען אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד אָפּ־געהאַלטן געוואָרן וואַל־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זענען געפירט געוואָרן ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס צווישן בײדע ריכטונגען אין „בונד״, די „רעכטע״ און „לינקע״ (אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן „איינסער״ און „צווייער״), פאַר געווינען פאַרן אייגענעם צד וואָס מער דעלעגאַטן.

צו יעדער אַזאַ פאַרזאַמלונג זענען פון צענטראַל־קאָמיטעט דעלע־גירט געוואָרן צוויי הויפּט־רעדנער, איינער פון די „איינסער״ און איינער פון די „צווייער״. אין די גרעסערע פּראָווינצער אָרגאַניזאַציעס זענען גע־שיקט געוואָרן ערליך און כמורנער. טאַקע צו מאָרגנס פאַרטאָג האָט ערליך זיך געדאַרפט טרעפן אויפן וואָקזאַל מיט כמורנערן און צוזאַמען זיך אַוועקלאָזן אין אַ פּראָווינץ־שטאָט אויף מלחמה... פון דאָרט האָבן זיי געדאַרפט צוריקקומען זונטיק אינדערפרי און גלייך אַוועק צו דער אַרבעט אין רעדאַקציע. אויך איך האָב יענעם שבת געדאַרפט אַרויספאָרן אויף לעקציעס און אין איין טאָג „נעמען״ צוויי שטעטלעך.

עס איז אויך געווען אַ דריטע סיבה, וואָס האָט יענעם פאַרנאַכט געווירקט אויף אונדזער געמיט — די שטילקייט אין רעדאַקציע און דער פּורימדיקער טומל אין דרויסן. עס איז עפּעס געווען מאָדנע שטיל אַרום אונדז. אַ וואָכעדיקע פּוסטקייט האָט זיך געטראָגן פון די ליידיקע, טונ־קעלע רעדאַקציע־צימערן. אין פאַרלויף פון שעהן האָט זיך די טיר נישט געעפנט. דערפאַר אָבער אין דרויסן האָט זיך געטומלט. פון אונדזער באַלקאָן־פענצטער אויפן ערשטן שטאָק האָבן מיר געזען יום־טובדיק אָנגעטאָנענע יידן, איילנדיק איבער דער שמאָלער מילנע־גאַס און פּזשעיאַזד. מיר האָבן אויך געזען פּורים־שפּילער, גייענדיק אין גאַנצע

גרופּן אינמיטן גאַס, און שלח־מנות־טרעגער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט פון טראָטואַר, מורא־האָבנדיק, אַז דורכגייער זאָלן זיך אין זיי נישט אָנשטויסן. מיר האָבן זיך דערפילט אינגאַנצן אין אַ זייט פון דער דרויסנדיקער יום־טובדיקייט און דאָס האָט די שטילקייט אַרום אונדז געמאַכט נאָך טיפער...

מיטאַמאָל דערהערן מיר ווי די טיר עפנט זיך און אין טונקעלן קאָ־רידאָר בלייבט עמיצער שטיין. איך בין אַרויס אַ קוק־טון און צו מיין איבעראַשונג דערזען אַ טרעגער, האַלטנדיק אין די הענט אַ ריזיקן טאָרט.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— שלח־מנות — האָט ער געענטפערט.

— פאַר וועמען?

— פאַר אייך.

— פאַר וועמען, זאָגט איר? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

דער יונג האָט מיך אָנגעקוקט אַ צעטומלטער. דאָס איז געווען אַ געדונגענער שלח־מנות־טרעגער, וואָס האָט געמיינט, אַז מען שיקט אים אין אַ פּריוואַט הויז און דערפאַר שוין אין קאָרידאָר זיך פאַרלוירן, דער־זעענדיק, אַז ער איז גאָר אַריינגעפאַלן עפּעס אין אַ ביורא. וואָס מיר טוען דאָ האָט ער, זעט אויס, נישט געוווּסט. ער האָט, אָבער, דערשפּירט, אַז מיר פאַרנעמען זיך דאָ נישט מיט שיקן און אויך נישט מיט אָפּנעמען שלח־מנותער...

— מען האָט מיר געזאָגט — האָט ער גענומען שטאַמלען — נאָוואָ־ליפּיע זיבן... אויפן הויף... אויפן ערשטן שטאָק... האָב איך געמיינט...

דערהערנדיק אונדזער שמועס, איז באַלד אַרויס אין קאָרידאָר ער־ליך און מיט נייגעריקע אויגן געקוקט אויף דעם טרעגער און אויף דעם גרויסן טאָרט, וואָס יענער האָט געהאַלטן אין ביידע הענט.

— איר האָט זיכער געמאַכט אַ טעות אין אַדרעס — האָט ערליך באַרויִקט דעם טרעגער — גייט צוריק און פרעגט זיך נאָכאַמאָל נאָך וווּהין אין דאַרפט גיין.

— אַ שאָד — האָב איך צוגעגעבן — אַזאַ שלח־מנות זאָל אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט.

פּאַוואַליפּיע 7

ער האָט אונטערטעניק געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַרויס.

דער אומגעריכטער וויזיט האָט אונדז אַביסל אויפגעהייטערט. מיר האָבן געפּרוווט טרעפן וואָס עס וואָלט געווען ווען מיר נעמען צו דעם פרעמדן טאָרט און ווען דער געליטענער שיינער באַלעבאָס (ווער דען וועט שיקן אַזאַ טאָרט?) ווערט שפּעטער געווויר אין וועמענס מיילער זיין שלח־מנות איז אַריינגעפאַלן... באַלד האָבן מיר זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט, ווערנדיק ווידער באַהערשט פון דער אַרומיקער שטילקייט.

עס זענען אוועק קוים אַ צוואַנציק מינוט — די טיר עפנט זיך ווי־דער, אָבער דאָס מאָל זענען די טריט שוין דרייסטער. דער מענטש, וואָס איז אַריינגעקומען בלייבט מער נישט שטיין אין קאָרידאָר, נאָר גייט גלייך צו אונדז אין צימער.

— ווידער אַ פאַרבלאָנדזשעטער שלח־מנות? — לויפט אונדזביידן אַדורך דער זעלבער געדאַנק.

אָבער ניין, נישט ווידער. עס איז געווען דער זעלבער שלח־מנות און דער זעלבער טרעגער, וואָס פריִער. ער איז צו צו אונדזער טיש מיט זיכערע טריט און דאָרט אַוועקגעשטעלט דעם ריזיקן טאָרט.

— עס איז יאָ פאַר אייך! — האָט ער אויסגערופן מיט אַנטשלאָסנקייט.

— פאַר וועמען? — האָבן מיר ביידע איבערגעפרעגט.

— פאַר דער „פאָלקסצייטונג“ — האָט ער געענטפערט.

זעט אויס, אַז די צושיקער האָבן דאָס מאָל אים שוין אַלץ אָנגע־זאָגט פּאָדראָבנע, ער זאָל קיין טעות נישט קענען מאַכן. איצט ווייס ער שוין צו וועמען מען האָט אים געשיקט און ווער עס האָט אים געשיקט.

— דאָס איז פון די בעקערס — האָט ער געוויזן אויף דעם טאָרט, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש — דאָרט איז אָנגעשריבן.

מיר זענען צו צום טיש און גענומען פאַרנאַנדערנעמען די פּאַפּירן, מיט וועלכע דער ריזיקער טאָרט איז געווען אַרומגעדעקט און דאָ האָבן מיר פאַר זיך דערזען אַ פּיראַמידע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט אירע קונציקע טורעמלעך און בלומען, אויסגעאַרבעט פון שאָקאָלאַד און קרעם. אינמיטן איז געווען אַן אויפשריפט, צוזאַמענגעשטעלט פון מאַנ־שטערנדלעך: „פאַר דער רעדאַקציע „פאָלקסצייטונג“ — בונדישע בעקער־אַרבעטער“.

אַ וואַרעמקייט האָט אונדז מיט אַמאָל אַרומגענומען. דער געדאַנק, אַז בעקער־אַרבעטער האָבן נאָך אַ טאָג, אָדער נאַכט שווערער אַרבעט זיך אָוועקגעשטעלט אויספורעמען דאָס דאָזיקע מייסטער־ווערק, כדי צו פאַרשאַפן אַ ביסל פריד די שרייבער פון זייער צייטונג, האָט אין איין מאָמענט פאַרטריבן די גאַנצע מידקייט פון די ביינער און זיי אָנגעפילט מיט אַ מונטערקייט.

— מען וואָלט געדאַרפט אַרויפרופן די זעצער — האָט ערליך פאָר־געלייגט — און צוזאַמען פראַווען פורים.

— פאַרשטייט זיך — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט און באַלד זיך אַ לאָז געטון איבער דעם איינעם שטאָק טרעפּן, וואָס האָט געפירט צו דער זעצעריי.

— חברים — האָב איך פייערלעך אויסגערופן, אַריינקומענדיק אין דער זעצעריי — ערליך לאַדט אייך איין צו אַ פּראָלעטאַרישער פורים־סעודה...

דאָס איז אָבער נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישע, נאָר אַ בורזשואַזע פורים־סעודה, ווייל קיין טייערערן טאָרט האָט אַפילו דער גרעסטער בור־זשוי זיך דעמאָלט נישט געקענט דערלויבן. צום טאָרט האָבן מיר צוגע־טרונקען טיי, וואָס מיר האָבן אַליין אויפגעקאָכט אין דער רעדאַקציע־קיך. אויפעסן דעם גאַנצן טאָרט איז געווען איבער אונדזערע כוחות און אויך קעגן אונדזערע פּלענער. מיר האָבן אויפגעגעסן קוים אַ פערטל און דאָס איבעריקע — איבערגעלאָזט פאַר דעם עולם אונדזערן, וואָס וועט מאָרגן, שבת, קומען צו דער אַרבעט. אַזוי ווי כמורנער האָט מאָרגן אינדערפרי געדאַרפט אַוועקפאָרן און אַזוי ווי ער האָט געוווינט בלויז עטלעכע הייזער פון רעדאַקציע, האָט ערליך פאָרגעלייגט מען זאָל אים זיין חלק איצט צושיקן אין שטוב אַריין און זאָל ער אויך געשטרויכלט ווערן מיט אַ קלעריקאַלער עבירה...

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, דעם פאָרשלאַג אָנגענומען און באַלד איז טאַקע דאָס יינגל פון דער דרוקעריי אַוועק מיטן שלח־מנות צו כמור־נערן.

*****

אָבער נישט בלויז בעת אונדזער אימפּראָוויזירטער „פּורים־סעודה" האָט ערליך דערמאָנט כמורנערן, ער האָט דאָס אויך געטון שפּעטער, ווען מיר זענען ווידער געבליבן אַליין ביים רעדאַקציע־טיש. ערליך האָט גע־רעדט מיט אומרו וועגן כמורנערס געזונט־צושטאַנד, וואָס האָט זיך לעצטנס פאַרערגערט.

די סיבה פון דער דאָזיקער פאַרערגערונג איז געווען אַ דאָפּלטע: דער נאַסער, קאַלטער ווינטער און די הייסע דיסקוסיעס ערב דעם פּאַר־טיי־צוזאַמענפאָר. כמורנער איז אין דעם דאָזיקן קאַמף־פּעריאָד געווען שאַרפער ווי שטענדיק. ער האָט קיינעם נישט געשאַנעוועט און אַמוויי־ניקסטן — זיך, זיין אייגענעם געזונט. ער האָט געשריבן מער ווי שטענ־דיק, האָט געהאַלטן מער רעדעס ווי שטענדיק, האָט זיך געקאָכט מער ווי שטענדיק, האָט געדרויכערט מער ווי שטענדיק און האָט געהוסט מער ווי שטענדיק...

אין יענע טעג זענען די באַציִונגען צווישן די „רעכטע" און „לינקע" אין „בונד" געווען באַזונדערס אָנגעצויגן און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, מער ווי אומעטום זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג", ווו עס האָבן זיך געפונען די גענעראַלן פון ביידע לאַגערן. פונדעסטוועגן דערמאָן איך זיך, אַז די טעמע פון די שאַרפסטע קריגע־רייען, וואָס זענען אין יענער צייט פאָרגעקומען אין רעדאַקציע צווישן ערליכן און כמורנערן, איז געווען וועגן לעצטנס געזונט־צושטאַנד. דאָס האָט ערליך געשריגן אויף כמורנערן, הלמאי ער שאַנעוועט זיך נישט...

ערליך האָט מיר אויך פאַרטרויט, אַז אויף די פּראָווינצער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, ווו ער טרעט אַרויס צוזאַמען מיט כמורנערן, מוז ער זיך מאַנכעסמאָל שטאַרק צוימען, כדי נישט אַרויס פון געדולד, הערנדיק דעם לעצטנס ביטערע אַטאַקע קעגן דער רעכטער פּאַרטיי־מערהייט. אָבער ווי שטאַרק אים, ערליכן, טוען נישט וויי כמורנערס שאַרפע אַרגומענטן, טוט אים נאָך מער וויי כמורנערס שאַרפער הוסט...

זיין נאָענטער פריינט ד״ר וויגדאָראָוויטש האָט אונדז געהאָט גע־זאָגט, אַז דאָס רויכערן פאַרערגערט שטאַרק כמורנערס צושטאַנד. מיר

האָבן דעריבער נישט איינמאָל אים געבעטן, ער זאָל אויפהערן רויכערן. ער פלעגט אָבער אונדז ענטפערן ווי יענער חזן, צו וועלכן מען האָט גע־האַט טענות פאַרוואָס ער זינגט נישט כאָטש אַביסל בעסער:

— איך קען דען און וויל נישט? איך וויל דאָך און קען נישט...

האָבן מיר אים פאַרשטאַנען. מיר זענען דאָך אַליין געווען שטאַרקע רויכערער. מיר האָבן דאָך אַלע דריי געראַיכערט צוזאַמען. איז ווי קען ער אַליין אויפהערן רויכערן?

זיצנדיק יענעם פורימדיקן פרייטיק פאַרנאַכט מיט ערליכן אין רע־דאַקציע, האָבן מיר ווידער זיך אומגעקערט צו דער דאָזיקער אָנגעווייטיקדיקער פראַגע: וואָס טוט מען, אַז כמורנער זאָל אויפהערן רויכערן? פלוצלונג האָט זיך ערליך אָפגערופן:

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן מיר זאָלן אַלע דריי אויפהערן רויכערן?

— איך בין גרייט — האָב איך זיך באַלד אָפגערופן — איך דאַרף דאָס אפשר נישט ווייניקער פאַר מיינע אויגן, ווי ער פאַר זיינע לונגען.

און באַלד אויפן אָרט האָבן מיר אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן מיט אַלע איינצלהייטן. מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוהייבן פון זונטיק. אַזוי ווי איך פלעג געוויינלעך קומען צו דער אַרבעט פריִער פאַר ערליכן, האָב איך געדאַרפט זונטיק איינדערפרי מעלדן כמורנערן אונדזער ביידנס באַשלוס און אים בעטן, ער זאָל אין אונדזער אָנוועזנהייט נישט רויכערן, כדי אונדז נישט צו ברענגען צו קיין נסיון... שפּעטער, ווען ערליך וועט קו־מען, וועט אויך ער בעטן כמורנערן אונדז נישט צו שטערן דורכצופירן אונדזער פּלאַן.

ווי אַזוי דער פּלאַן איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן — אין לעצטן קאַפּיטל.

10

די געוועגענע מלחמה

זונטיק אינדערפרי האָט ערליך צו מיר אָנגעקלונגען אַהיים. ער איז ערשט געהאַט צוריקגעקומען פון דער פּראָווינץ און פאַרן גיין אין רע־דאַקציע אָפּגעטראָטן אין שטוב.

— איז הייבן מיר, הייסט עס, היינט אָן די מלחמה? — האָט ער גיכער באַשטעטיקט, ווי געפרעגט.

— זיכער — האָב איך געענטפערט — איך גיי טאַקע באַלד אַוועק אויפן מלחמה־פּלאַץ.

— אויב אַזוי — האָט ער פאָרגעשלאָגן — לאָמיר אויסרויכערן דעם לעצטן פּאַפּיראָס.

איך האָב מסכים געווען און פאַרן גיין אין דער רעדאַקציע פאַר־רויכערט און מיט אַ באַזונדערער הנאה פאַרצויגן דעם רויך.

דעמאָלט, ביים אָפּגעווינען זיך דאָס ערשטע מאָל פון רויכערן, האָב איך נאָך נישט געוווּסט דאָס, וואָס איך ווייס שוין איצט — נאָכדעם ווי איך האָב זיך שוין צוויי מאָל אָפּגעוווינט: אַז דער ערשטער באַדינג דאָס אַזאַ אונטערנעמונג זאָל האָבן אַ דויערנדיקן דערפאָלג איז — נישט אָפּ־לייגן. קוים באַשליסט מען אויפהערן רויכערן — דאַרף מען באַלד דעם באַשלוס אויספירן. קיין איין מינוט טאָר מען נישט וואַרטן. פון דער אַנטשלאָסנקייט און כאַראַקטער־פעסטקייט, וואָס מען ווייזט אַרויס אין דער ערשטער מינוט, איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג פון דער גאַנצער

אונטערנעמונג, פונקט ווי פון ערשטן טריט, וואָס אַן אַקטיאָר מאַכט אויף דער בינע, איז אָפּטמאָל אָפּהענגיק זיין גאַנצע שפּעטערדיקע קאַריערע.

ווייל די מייסטע מענטשן זענען בטבע אָפּלייגער. שוין נאָכדעם ווי זיי נעמען אָן זייער באַשלוס זיך צו געזעגענען מיט זייער רויכיקן לעבנס־באַגלייטער, נעמען זיי ערשט זוכן אַ פּאַסיקן טערמין פאַר דער צעשיידונג:

— דינסטיק וועל איך אויפהערן. דינסטיק איז אַ מזלדיקער טאָג...

און דערווייל, ביז דינסטיק, גיבן זיי נאָך מער נאָך דעם יצר־הרע, באַווייזנדיק אַזוי אַרום זיך און אים, אַז זיי ליגן נאָך אַלץ ביי אים אין וועסטל־קעשענע. איז וואָסער מלחמה מיטן יצר־הרע איז דאָס, ווען זי הייבט זיך באַלד אָן מיט אַן אַקט פון שוואַכקייט?... עס איז דאָס זעלבע, ווי אַן אַפּיקורס, וואָס איז שבת געוואָרן אַ בעל־תשובה, זאָל באַשליסן, אַז דינסטיק וועט ער אָנהייבן צו דאַווענען...

אַ חוץ דעם האָט אַזאַ באַשלוס אויפצוהערן רויכערן ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער נאָך אַ חסרון: דאָס רויכערן אין די פּאָר טעג צווישן דעם באַשלוס און דער דורכפירונג באַקומט גאָר אַ ספּעציעלן טעם. עס ליגט דערין עפּעס פון „לעצטן מאָלצייט" פון אַ פּאַראָורטיילטן. דער דאָזיקער ספּעציעלער טעם בלייבט לאַנג אין זכרון און הערט נישט אויף צו רייצן אין די טעג פון נסיון. און מיטן רייץ פון אַזאַ לעצטן פּאַפּיראָס איז זיך שווערער צו ראַנגלען, ווי מיטן רייץ פון אַ געוויינלעכן ציגאַרעט, וועלכן מען האָט פריער געררויכערט.

צווייטנס — ווען מען געווינט זיך אָפּ פון רויכערן, איז בעסער נישט אַוועקצוואַרפן די פּאַפּיראָסן, וואָס מען האָט אין קעשענע אָבער אויך נישט זיי איבערלאָזן ביי זיך גאַנצערהייט. וויפל פּאַפּיראָסן איר זאָלט דאָרט נישט האָבן — צעברעכט זיי אויף צוויי העלפטן און באַהאַלט זיי ביי זיך. דער שאָדן איז אַ קליינער, אָבער דער געווינס קען זיין אַ גרויסער. אין מאָמענטן פון שוואַכקייט זענען אַזעלכע צעבראָכענע פּאַפּיראָסן אַ גוטער אָנשפּאַר. זיי דערמאָנען וויפל כוח און נערוון מען האָט שוין אינוועסטירט אין דער אונטערנעמונג און ווי לייכט מען קען דאָס אַלץ אַוועקלאָזן מיטן רויך פון איין סיגאַרעט. און אויך אַ פערזענלעכע פראַגע פרעגן זיי אייך, אַזעלכע צעבראָכענע פּאַפּיראָסן, אַ פראַגע אויף וועלכער עס איז זייער שווער צו געבן אַן ענטפער:

— איז צו וואָס, גיבור איינער, האָסטו אונדז צעבראָכן — כדי דו זאָלסט דיר באַלד קויפן אַנדערע?...

אָבער דאָס אַלץ האָב איך, ווי געזאָגט, דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט און דערפאַר טאָקע זיך רויק פאַררויכערט יענעם זונטיק אינדערפרי, אויפן דריטן טאָג נאָך אונדזער באַשלוס, דעם „לעצטן פּאַפּיראָס“. זיין טעם ליגט מיר נאָך ביז היינט אין זכרון און ווער ווייס, צי ער איז נישט געווען דער הויפּט־שולדיקער, וואָס איך האָב אין אַכט וואָכן שפּעטער ווידער אָנגעהויבן רויכערן.

ווען איך בין געקומען אין רעדאַקציע איז שוין כמורנער געזעסן ביים טיש און געשריבן, אונטערברומענדיק זיין, ווי איך האָב עס גערופן, „קלעריקאַלן ניגונדל“.

ער האָט אויסגעזען ערגער ווי שטענדיק, די „מלחמה“, וואָס ער האָט אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג געהאַט געפירט מיט ערליכן ערגעץ אין אַ פויל־געפּאַקטן, אָנגערויכערטן פּאַרטיי־לאָקאַל אויף דער פּראָווינץ, און שפּעטער די שלאָפלאָזע נאַכט אין אַ דריטן קלאַס וואַגאָן, האָבן איבער־געלאָזט שפּורן אויף זיין טונקל פּנים און אַרום זיינע אויגן. אָבער די קענטיקע אויסגעמאַטערטקייט האָט אויף זיין שטימונג נישט געהאַט קיין באַזונדערן איינפלוס. דער ניגון זיינער האָט געקלונגען אַזוי געשמאַק ווי שטענדיק און אויך די רינגעלעך רויך זענען אַרויס פון זיין מויל פּונקט אַזוי פּאַוואָליע ווי שטענדיק.

באַלד נאָכן „גוט מאָרגן“ בין איך צוגעטראָטן צו ענין.

— איך האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה, יוסף — האָב איך אָנגעהויבן — אייגנטלעך נישט איך אַליין, נאָר אויך ערליך — מיר האָבן ביידע באַשלאָסן פון היינט אָן אויפצוהערן רויכערן. מיר טוען עס פאַר אונדזער געזונט. ער — פאַר די לונגען, וואָס זענען, ווי איר ווייסט, ביי אים אַביסל אָנגעגריפן. איך — פאַר מיינע אויגן, וועלכע ווערן אָפט אָנט־צונדן, צוליבן פּאַפּיראָס־רויך. איז האָבן מיר געוואָלט אייך בעטן, אויב דאָס איז אייך נאָר מעגלעך, איר זאָלט אין אונדזער אָנוועזנהייט נישט רויכערן... אויב איר וועט דווקא וועלן אין רעדאַקציע פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, גייט אַרויס אויף אַ ווײַלע און נאָכן אויסרויכערן קומט צוריק אַריין... מען קען ברענגען אַזאַ קרבן פאַר נאָענטע חברים...

בעת איך האָב גערעדט, האָט אַ קונדס׳יש שמייכעלע זיך באַוויזן אין כמורנערס לעבעדיקע אויגן און ביסלעכווייז זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף זיין פּנים, פאַרכאַפּנדיקביידע ווינקלען אַרום זיינע שוואַרצע וואָנצעס.

— אַזוי, אַזוי — האָט ער זיך אָפּגערופן, ווען איך האָב פאַרענדיקט — פאַרלאַנגט איר, הייסט עס, פון מיר אַ קרבן?...

עס איז געוועןקלאָר, אַז ער ווייסט די סיבה פון אונדזער באַשלוס. האָבן מיר זיך דאָך ביי אים נישט איינמאָל געבעטן, ער זאָל אָוועקוואַרפן דאָס רויכערן. אָבער ער האָט, זעט אויס, דערוויילבאַשלאָסן מיטצושפּילן.

— אַז חברים בעטן — האָט ער זיך אָפּגערופן אין זעלבן שפּאַסיקן טאָן — טאָר מען נישט אָפּזאָגן. ווי לאַנג איך וועל קענען פאַר אייך ברענגען דעם קרבן — וועל איך ברענגען... אַז ס׳וועלן פאַרפעלן כוחות, וועט איר דאָך אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן?...

— מיר רעדן דאָך נאָר וועגן דערווייל — האָב איך אָנגעשלאָגן אַ פילאָזאָפישן טאָן — דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אויף דערווייל...

— און דעם פּאַפּיראָס — האָט ער אָנגעוויזן אויפן האַלב־אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס אין זיין האַנט — מעג איך דערווייל ענדיקן?

— אַז איר ווילט דווקא...

— ניין, האָט ער געזאָגט — צעקוועטשנדיק דעם פּאַפּיראָס אין אַש־קעסטל — איך וויל נישט דווקא...

אַ שטיקל צייט זענען מיר ביידע געזעסן און געאַרבעט. דער ערש־טער האָט ער איבערגעריסן די אַרבעט און גענומען עסן פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, אַ קאַנאַדער עפּל, וואָס ער האָט געבראַכט פון דער היים, און פון אַ גלאָז טיי, וואָס דאָס רעדאַק־ציע־ייִנגל האָט דערלאַנגט. איך האָב אין רעדאַקציע בלויז געטרונקען טיי, ווייל פרישטיק האָב איך געגעסן אין שטוב. ער, אָבער, האָט באַלד אינדערפרי נישט געקענט עסן און דעריבער מיטגענומען אין רעדאַקציע פרישטיק. די לעצטע יאָרן האָב אויך איך מיטגענומען אַן עפּל און דאָס צוליב כמורנערן: כדי נישט צו מוזן ביי אים נעמען אַ האַלבן עפּל. אָפּזאָגן אים איז געווען אוממעגלעך. ער איז אין דעם עפּל־שטרייט נישט געווען ווייניקער איינגעשפּאַרט, ווי אין די פּאָליטישע שטרייטן אין רעדאַקציע...

פאַרענדיקט דעם פרישטיק, האָט ער צו מיר זיך אָפּגערופן:

— ווען איך דאַרף נישט פאַר אייך ברענגען קיין קרבן, וואָלט איך איצט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס...

אין דעם מאָמענט איז אַריין אין רעדאַקציע ערליך. זיינע שמייכלדיקע אויגן האָבן זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע, ווי עס זעט אויס די „סיטואַציע״...

אָנשטאָט מיר האָט געענטפערט כמורנער:

— איך ברענג שוין דעם קרבן...

מיר האָבן זיך אַלע דריי צעלאַכט. דער ערשטער האָט אויפגעהערט לאַכן כמורנער:

— חברים — האָט ער זיך צו אונדז געווענדט אין אַן ערנסטן טאָן — איך וויל נישט דעם קרבן. איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז איך וועל מער נישט רויכערן. איר מעגט רויכערן. עס וועט מיר נישט אַרן.

אָבער מיר האָבן פּראָטעסטירט: מיט וואָסער רעכט קען ער אונדז צווינגען צו רויכערן?... אַז מיר האָבן ענדלעך געפונען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצוגעוווינען און מיר זענען שוין „אויפן וועג״, וויל ער פון אַלעם אַ תל־מאַכן?... ער וויל זיך צעריקציִען — זאָל ער. מיר וועלן זיך נישט צוריקציִען...

— גוט, גוט — האָט ער זיך אונטערגעגעבן.

מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און זיך באַמיט צו פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי פּאַפּיראָסן, אָבער עס איז צוגעגאַנגען שווערלעך. סיי די אַרבעט און סיי דאָס פאַרגעסן. מיר האָבן כסדר געדענקט, אַז מען דאַרף פאַרגעסן... פון צייט צו צייט האָט יעדער איינער פון אונדז געכאַפּט פון אַ זייט אַ קוק אויף די איבעריקע צוויי קרבנות־ברענגער, וועלנדיק טרעפן צי זיי קומט עס אויך אָן אַזוי שווער ווי אים... נאָך איבער אַ שעה פון אַזאַ שווערער, נערוועזער שטילקייט האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן ערליך. ער האָט אַוועקגעלייגט די פעדער און אונדז אָנגעקוקט:

— נו?...

— נו־נו — האָבן מיר ביידע געענטפערט.

אים, ערליכן איז שווערער אָנגעקומען דאָס אָפּגעוווינען זיך פון רויכערן, ווי אונדז, ווייל זיין אַרבעט איז געווען אַ מער נערוועזע ווי

אונדזערע. אַחוץ שרייבן האָט ער דאָך נאָך געהאַט אַ סך אַנדערע ענינים: פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, יורידישע, וואָס איינע האָט געיאָגט די צווייטע און ער האָט געדאַרפט אָניאָגן אַלע. איז אַז מען האַלט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, דאַכט זיך אויס, אַז מען וועט מער באַוויזן אָנצויאָגן...

מיר האָבן זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו רעדן, כדי נישט אַרויפצוקומען אויף „יענער" טעמע. אָבער נאָך אַ צוויי שעה האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שמועס.

— מיך אַרט עס נישט — האָט געזאָגט כמורנער.

— און איך פיל זיך מאָראַליש שטאַרק — האָב איך זיך אָפּגערופן. ערליך האָט אונדז אָנגעקוקט מיט אַ פינצטערן בליק און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. מער האָבן מיר יענעם טאָג נישט גערעדט. יעדער האָט זיך געפירט זיין מלחמה אין דער שטיל...

אויף צומאָרגנס האָבן מיר נאָך אַלץ מורא געהאַט צו באַרירן די אָנגעווייטיקטע פראַגע. מיר האָבן גערעדט וועגן אַלעם, אָבער נישט וועגן „דעם". אָבער אויפן דריטן טאָג האָבן מיר שוין יאָ גערעדט וועגן „דעם" און דאָס מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער דאָזיקער טאָג האָט אונדז אָנגענעם איבערראַשט. מענטשן האָבן אונדז געהאַט געזאָגט, אַז דער דריטער טאָג איז דער שווערסטער, האָבן מיר זיך פאַר אים געשראָקן. אָבער ער איז גראָד געווען דער לייכטסטער. יעדער איינער פון אונדז האָט אַזוי געפילט. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן קוראַזש.

— נישט מסוכן — האָט אַ זאָג געטון האָפערדיק כמורנער און זיך צעהוסט.

אין מיטן הוסטן האָט ער אונדז געוויזן מיט דער האַנט אויפן האַלדז, וואָס דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן, אַז אים הוסט זיך איצט לייכטער ווי שטענדיק. שפּעטער האָט ער דאָס אונדז נאָך בעסער מסביר געווען:

— איך האָב איצט מער הנאה פון הוסטן ווי פריִער...

דאָס איז געווען די ערשטע פרוכט פון אונדזער מי. איצט האָבן מיר אויף זיכער געוווּסט, אַז מיר וועלן זיך נישט ברעכן. דער דאָזיקער באַוווסטזיין האָט אונדז געמאַכט לייכטער דעם קאַמף אין די ווייטערדיקע טעג און וואָכן, וואָס זענען געקומען. יעדעס מאָל ווען מיר האָבן געהאַט

אַ שוואַכע מינוט (און שוואַכע מינוטן האָבן מיר געהאַט אַ סך) איז געגנוג געווען זיך צו דערמאָנען, אַז כמורנערס געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, כדי באַלד זיך צו דערפילן שטאַרקער...

מיר האָבן זיך געפרייט מיט אונדזער דערגרייכונג און אַלע מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקסצייטונג", אַריינגערעכנט פון דער אַדמיניסטראַציע און זעצעריי, האָבן זיך מיטגעפרייט. די לופט אין אונדזער צימער, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעפילט מיט געדיכטן, בלויען רויך, אָדער ווי וויקטאָר שולמאַן האָט דאָס אָנגערופן: „מיט קוילן־שטאָף", איז איצט געווען קלאָר און לויטער.

עס האָט געלוינט דער קרבן.

**
*

נאָך צוויי חדשים האָבן ערליך און איך ווידער אָנגעהויבן צו רויכערן. כמורנער איז דעמאָלט געווען אויף וואַקאַציע. עס איז געווען אַ טאָג פון שווערע איבערלעבונגען. פּאָליציי איז געקומען אין דרוקעריי און קאָנפיסקירט די גאַנצע אויפלאַגע, זוכנדיק אויך אין אַלע צימערן פון דער רעדאַקציע איינצלנע נומערן פון דער „טריפּהנער" צייטונג. ערליך איז געזעסן אַ הילפלאָזער אין אָנבליק פון דעם דאָזיקן פּאָליציייִשן איבערפאַל. מיטאַמאָל האָט ער אַ שווייגנדיקער געעפנט דעם שופלאָד, וווּ עס איז די גאַנצע צייט געלעגן כמורנערס לעצטע נישט־פאַרענדיקטע קעסטעלע פּאַפּיראָסן, און מיך געפרעגט:

— מירן אפשר נעמען איינעם?...

איך האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. און אַזוי זענען מיר צוריק געוואָרן רויכערער. כמורנער, אָבער, האָט שוין מער נישט גערויכערט ביזן סוף פון זיין לעבן.

**
*

דערמיט פאַרענדיק איך דערווייל מיין קליינעם צושטייער צו דער עפּאָפּייע „נאָוואָליפּיע 7". עס איז נאָך געבליבן אַ סך צו דערציילן און דאָס וועלן זיכער טון היסטאָריקער. מיר איז בלויז געגאַנגען אין איבערגעבן דעם קלימאַט פון נאָוואָליפּיע 7, דעם ניגון — פון נאָוואָליפּיע 7.

ניו־יאָרק, ווינטער 1954.

דער „בונד“

(צו זיין פופציקסטן יובל — 1897־1947)

ווען איך וואָלט זיך געפונען אין אַן ענלעכער לאַגע ווי אַמאָל דער תנא הלל און וואָלט געדאַרפט אין איין קורצן זאַץ איבערגעבן דעם אויפטו פון „בונד“ אין יידישן לעבן, וואָלט איך געזאָגט:

דער „בונד“ האָט באַפרייט דעם יידישן אַרבעטער פון נעבעך.

דער יידישער בעל־מלאכה איז ביז דעם „בונד“ אייגנטלעך געווען מער קבצן ווי אַרבעטער. ער האָט טאַקע געמעגט אַרבעטן פופצן־זעכצן שעה אין מעת־לעת, דאָך איז די אַרבעט געבליבן גיכער אַ צוגאָב־באַשעפטיקונג, און די הויפט־באַשעפטיקונג זיינע איז געווען — קבצנות.

— נעבעך, אַ בעל־מלאכה...

און באַלעבאַטישע יידן מיט ווייכע הערצער האָבן אַ זיפץ געטון. אַמאָל אַפילו — ווען בעלי־מלאכות זענען אין אַ שאַרפן ווינטער אַרומגעגאַנגען ליידיק — מיט עפּעס אַרויסגעהאָלפן. קהל האָט געשענקט אַ שייטל האָלץ, אַ ביסל קאַרטאָפל, „אַ רחמנות, נעבעך“.

דער „נעבעך“ איז שטענדיק אַנטקעגנגעגאַנגען דעם יידישן אַרבעטער און האָט אים אויך אייביק באַגלייט. פון פאָרנט אַ „נעבעך“, פון הינטן אַ „נעבעך“ און אינמיטן — ער, דער „גרויסער פאַרדינער“, דער שפּייזער, מ׳שטיינס געזאָגט.

די דאָזיקע צוויי „נעבעכס“ זענען געווען די ווענט, וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט נישט נאָר פון דער ווייטער, ברייטער וועלט, נאָר אויך פון דעם אייגענעם, יידיש־באַלעבאַטישן וועלטל, אָפטמאָל — אַפילו פון די

אַנדערע ייִדישע קבצנים. אַן אָרעמאַן, נישט קיין אַרבעטער, איז געווען העכער ווי אַ בעל־מלאכה. ער איז געווען אַ שענערער קבצן. מיט יענעם איז מער אָנגעשטאַנען זיך משדך צו זיין, ווי מיט, אַ שטייגער, אַ שניי־דער־יונג.

טענהט דאָך גאָלדע, טביה דעם מילכיקערס ווייב, ווען איר מאַן דערציילט איר, אַז אים האָט זיך געחלומט, דאָס זייער טאָכטער צייטל איז אַ כלה געוואָרן פאַרן שניידער־יונג מאָטל קאַמזויל:

„פון וואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען אַ שניידער? אין אונדזער משפחה זענען פאַראַן מלמדים, חזנים, שמשים, קברות־ייִדן און גלאַט אַזוי אָרעמע־לייט, נאָר נישט, חלילה, קיין שניידערס און נישט קיין שוסטערס".

און אָט איז מיט פופציק יאָר צוריק געקומען דער „בונד" אין די טונקעלע אָפּגעשלאָסענע געסלעך פון דער פאַרהאָרעוועטער ייִדישער אָרעמקייט און געבראַכט די בשורה:

— אויס נעבעך!

דער „בונד" האָט ביי די מאָטלס און פּייוולס אַראָפּגענומען דעם „נעבעך" נישט בלויז פון זייער מלאכה, נאָר אויך פון זייער ייִדישקייט און פון זייער שפּראַך.

פון „נעבעך, אַ בעל־מלאכה", איז געוואָרן אַ שטאָלצער אַרבעטס־מענטש; פון „נעבעך, אַ ייִד", איז געוואָרן אַ ייִד מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און פון „נעבעך, אַ זשאַרגאָן", וואָס דער דאָזיקער בעל־מלאכה האָט פאַרשעמטערהייט געטראָגן אין זיין מויל, איז געוואָרן אַ דערהויבענע מענטשלעכע שפּראַך, אין וועלכער עס קלינגט אַזוי נאַטירלעך און פאַר־שטענדלעך די ווערטער:

— מיר פאָדערן!

דאָס איז אפשר געווען די גרעסטע רעוואָלוציע, וואָס עס איז דורכ־געפירט געוואָרן אין ייִדישן לעבן: דאָס וואָס דער „בונד" האָט צוגענומען די „נעבעך"־ווענט, וואָס האָבן דעם ייִדישן אַרבעטס־מענטש אַרומגע־רינגלט און דערמיט פאַר אים געעפנט דעם וועג צו דער וועלט.

**
*

דער „בונד“ איז אײגנטלעך געװען די װאָכעדיקסטע ייִדישע באַװעגונג אױף דער ייִדישער גאַס. שױן דער נאָמען איז אַ װאָכעדיקער, װאָס נישט מען דאַרף אים איבערזעצן און נישט מען קען עפּעס אין אים אַרײַנטײַטשן: אַלגעמײנער ייִדישער אַרבעטער־בונד. דאָס איז אַלץ. קלאָר און אײנפאַך, װי װאַסער. אױך די פּראָגראַם — אױב מען קען זי בכלל אַזױ אָנרופן — איז געװען אַן אײנפאַכע, אַ קורצע און אַ פּראָסטע; אָן שאַרפזיניקן טעאָרעטישן פּילפּול און אָן פּראָגראַמאַטישע טורעמס: ייִדישער סאָציאַליזם. מער נישט. ייִדן און סאָציאַליסטן. װאָכעדיק און פּרימיטיװ, װי די אײנשטאָקיקע הײזקע אין װילנע, װוּ דער „בונד“ איז געבױרן געװאָרן: פּיר װענט, אַ פּאָר פענצטער, אַ קױמען אױפן דאַך און אַ בױם אין פראָנט. עס פעלט אינגאַנצן דער לאַנגער, שאָטנדיקער קאָרידאָר, װאָס שאַפט די װירדיקע דיסטאַנץ, דעם צװישנשײד צװישן דרױסן און אינעװײניק; עס פעלט די פײערלעכע, אַ ביסל געהײמנישפולע צוגרײטונג, דאָס טעאָרעטישע אַרומרעדן, די פּראָגראַמאַטישע באַגרינדונג — דער „בונד“ הײבט באַלד אָן בײַ טאָן, װאַרפט זיך גלײַך אַרײַן אין פּראַקטישער אַרבעט; װענדט זײַן גרעסטע אױפמערקזאַמקײט אױף די עקאָנאָמישע נױטן פון די אַרבעטער, אױף די אַרבעטער־קאַסעס, אױף דער פּראָפעסיאָנעלער באַװעגונג. בײַ אים איז כסדר אינדערװאָכנס.

אַפילו אין זײַן באַציִונג צו ייִדיש, פעלט, דאַכט זיך, יום־טובדיקײט. דער ייִדישער אַרבעטער רעדט ייִדיש. דאָס איז זײַן שפּראַך און שױן דערמיט איז זי אַ גלײַכע צװישן גלײַכע מיט די שפּראַכן פון אַנדערע פעלקער, פּונקט װי ער איז אַ גלײַכער צװישן גלײַכע מיט די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. אַ גלײַכער שותּף. דאָס איז אַלץ. קײן ייִדישיסטישע טעאָריע האָט דער „בונד“ אינגאַנצן נישט געהאַט, און דעם װיכטיקסטן פּונקט פון זײַן פּראָגראַם — די פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אױטאָנאָמיע — נעמט ער ערשט אָן אין 1905, אַכט יאָר נאָך זײַן גרינדונג.

אָבער די דאָזיקע בונדישע װאָכעדיקײט איז געװאָרן דער טיפסטער קװאַל פון דערהױבענער באַגײַסטערונג פאַר אַזעלכע הױכע „נישט־פּראַקטישע“ זאַכן, װי מענטשלעכע װירדע און אױך נאַציאָנאַלע װירדע.

איז עס דאָך געווען דער רעכטלאָזסטער פון צווישן די רעכטלאָזע, דער דערשלאָגנסטער פון צווישן די דערשלאָגענע — דער ייִדישער אַר־בעטער אין צאַרישן רוסלאַנד — וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אויפוועקן די געפילן פון מענטשלעכע ווירדע און פון רעוואָלט קעגן אונטערדריקונג אויך ביי דעם רוסישן אַרבעטער. איז דאָך דער „בונד" געווען דער הויפּטאיניציאַטאָר פון ערשטן צוזאַמענפּאָר פון דער רוסי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי...

און איז עס דאָך געווען דער בונדישער שוסטער הירש לעקערט, וואָס האָט געהייליקט דעם מענטשלעכן נאָמען און דעם ייִדישן נאָמען, שיסנדיק אין דעם צאַרישן סאַטראַפּ פאָן וואַל, וועלכער האָט געוואַגט צו שמייסן אַרעסטירטע אַרבעטער. און האָט דאָך דער זעלבער וואָכעדי־קער, וויינען־ייִדישלעכער „בונד" דער ערשטער געגרינדעט זעלבסטשוץ־אָפּטיילונגען צו באַשיצן ייִדן פון פּאָגראָמען, און אין דער דאָזיקער טע־טיקייט אויך אַריינגעצויגן נישט־ייִדישע פרייהייטס־קעמפער, פּונקט ווי ער איז עס געווען אין 1913 דער אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן ייִדישן פּראָ־טעסט־שטרייק קעגן דער צאַרישער רעגירונג (פאַר אַראַנזשירן דעם בלוט־בלבול־פּראָצעס קעגן ביילִיסן) און אין 1937 — דער אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן ייִדישן פּראָטעסט־שטרייק קעגן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן — אַ שטרייק, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקער, שטאָלצער ייִדישער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע.

דער „בונד" איז, דאַכט זיך, געווען דער שטאַרקסטער אינטערנאַ־ציאָנאַליסט צווישן די ייִדישע פּאַרטייען; ער האָט זיך אַממערסטן „גע־מישט אין גוייִשע געשעפטן", ווי קעגנער האָבן אים אָפט פאָרגעוואָרפן, און דאָך האָט גראָד ער געפונען אַממערסטן פּאַטאָס פאַר בויען ייִדישע שולן, ייִדישע ביבליאָטעקן, ייִדישע פאָלקס־אוניווערזיטעטן און גראָד צווישן זיינע האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענטן האָבן זיך געפונען אַזעל־כע, וואָס זענען צוריקגעקומען צו ייִדיש...

אָבער דאָס דאָזיקע רעטעניש לאָזט זיך גאַנץ לייכט דערקלערן:

דער „בונד" איז געווען די איינציקע ייִדישע פּאַרטיי (נישט־רעכע־נענדיק די פאָלקס־פּאַרטיי, וועלכע האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין פּוילן בלויז געציילטע יאָרן), וואָס האָט געווענדט די בליקן פון דעם

יידישן אַרבעטער אויף דעם „דאָ״ — דאָ, אויפן אָרט דאַרף מען שאַפן אַ שענער לעבן, דאָ מוז מען געפינען דאָס שטיקל גליק, וואָס איז אָנגע־גרייט פאַרן מענטשן. דאָ — זון! דאָ — גראָב!

די פּאַרטיי פון די פרומע יידן, די „אַגודה״, האָט געהאַט אַ ליכטיקן „דאָרטן״, ווו צו ווענדן די יידישע האָפענונג און אויך די יידישע ענער־גיע; אויך די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ שטראַלנדיקן „דאָרטן״ — דאָרטן איז געווען דאָס הויז, און דאָ דאָס פאָדערהויז. דאָרט — דער גאָרטן, און דאָ — דער מדבר. האָט מען דעריבער זיך געקענט דערלויבן דאָ אויף אַ סך זאַכן אָוועקצוקוקן, איבערצולאָזן אַזוי ווי עס איז. סיי־ווי וועט מען דאָ גאָרנישט קענען אויפטון. וויפל מען וועט דאָ גראָבן, וועט מען סיי־ווי מער ווי זאַמד און שטיינער נישט אַרויסגראָבן. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם ווילן און דעם כוח צו גראָבן, און גלייכצייטיק גע־שטאַרקט דעם כוח צו פאַרטראָגן די צרות און אויך די שמיץ פון דעם שווערן דאָאיקן לעבן: עס איז דאָך נאָר אויף דערווייל. מען האָט געלעבט ווי היינריך היינעס בעטלער־ייד — די גאַנצע וואָך מיט דער האָפענונג, אַז שבת וועט מען זיין אַ פּרינץ.

דער „בונד״, אָבער, האָט אַזאַ „דאָרטן״ נישט געהאַט. אַלץ האָט מען געמוזט באַקומען דאָ, אויפן אָרט. קיין זון וואַרט „דאָרטן״ נישט, מוז מען דעריבער האָבן אַ שטיקל זון דאָ. מיט די ציין מוז מען זי אַראָפּ־שלעפּן, אויב מען וויל נישט אויסגיין אין דער פינצטערניש. אַלע אַרו־מיקע מוז מען נעמען צו הילף. קיין שבת־פּרינץ וועט מען נישט ווערן, מוז מען דעריבער דעם אינדערוואָכן פאַרשענערן. אינמיטן מיטוואָך דאַרף מען דעריבער שטאָלץ און פּריציש אויפהייבן דעם קאָפּ.

אַזוי אַרום האָט זיך עס געשאַפן די פּאַראייניקונג פון טאָג־טעגלעכ־קייט מיט טרוים וועגן ליכטיקן מאָרגן; דער אָרגאַנישער בונד פון גרויע אַרבעטער־נויטן מיט באַפליגלטע מענטשלעכע אַספּיראַציעס; די פאַרביג־דונג פון ברויט מיט חלום.

דער בליק געווענדט צום ברייטן האָריזאָנט, אָבער די פיס שטענדיק אויף דער האַרטער ערד; דאָס אויג צו דער זון, אָבער דעם אויער שטענ־דיק געווענדט צום מויל און צום האַרצן פון דער יידישער מאַסע. איר ווילן, אירע נויטן קומען פריער, און ערשט דערנאָך קומען די טעאָריעס.

די פּראָגראַמען. נישט צופּאַסן דעם קאָפּ צום היטל, נאָר דאָס היטל צום קאָפּ. בעסער זינדיקן צוזאַמען מיט דער ייִדישער מאַסע, ווי ס׳האָט געזאָגט וולאַדימיר מעדעם, ווי זיין אַליין אַ צדיק. דער מענטש איז געווען דער צענטער, און אַלץ איבעריקע איז געווען דער צוגאָב.

דערין איז געלעגן דער צויבער פון דער בונדישער וואָכעדיקייט און דערין איז אויך געלעגן דער סוד, וואָס דעם „בונד" איז געלונגען אַרויסצוקומען גאַנץ פון אַ סך קריזיסן, וועלכע האָבן אַנדערע פּאַרטייען געשפּאָלטן און געבראָכן: רעזאָלוציעס און פּראָגראַם־פּונקטן, ווי ליידנשאַפטלעך זיי זאָלן נישט האָבן געוואָרן דיסקוטירט און ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט האָבן געווען, האָבן זיי שטענדיק זיך געבויגן פאַר די פּאַקטישע נויטן און אמתע געפילן פון דער ייִדישער מאַסע.

עס האָט געגאָלטן דעם בעל־שמס פּרינציפּ:

„אַ מענטש איז טיפער פון אַ בלאַט גמרא".

דעם „בונד" וואָלט קיינמאָל נישט געלונגען אַזוי צו צעאַקערן דעם באָדן פון דער ייִדישער גאַס, ווען זיין אַקער־אייזן זאָל נישט געווען געשאַרפט ווערן מיט דעם צויבער־וואָרט „דאָ" — דאָ מוז מען גראָבן!

ווייל דאָס מוזן אַפילו די פאַרביסנסטע קעגנער פון „בונד" און פון „דאָאיקייט" צוגעבן:

דער גלויבן אין דער דאָאיקייט (וואָס דאָס איז אייגנטלעך דער גלויבן אין מענטשן), איז געווען דער קוואַל, פון וועלכן אַזויפיל פאַרהאָרעוועטע ייִדן האָבן אין די לעצטע פופציק יאָר געשעפּט אָן אַ שיער שעפערישע באַגייסטערונג, פּאַטאָס און פרייד. וואָלט דער „בונד" נישט געעפנט דעם דאָזיקן קוואַל, וואָלט דאָס ייִדישע לעבן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ סך אָרעמער און טרויעריקער.

***

געווען...

עס איז אַ גרויליק וואָרט: דער „בונד" האָט באַגלייט די ייִדישע קעמפער איבער די חורבות פון די ברענענדיקע געטאָס, און ער האָט אויך באַגלייט די געפּאַנגענע און געבונדענע ייִדן צו די קאַלך־אויוונס. אויף דער ערד, וווּ עס האָט געשפּרודלט אַזאַ גרויס און שעפעריש ייִדיש

לעבן, איז מוראדיק שטיל. בלויז איין וואָרט קלינגט אימהדיק אין דער שטילקייט:

גערוען...

און מיט דעם דאָזיקן וואָרט זענען מיר אַלע אויף אייביק באַ־האָפטן — בונדיסטן ווי נישט־בונדיסטן. אַפילו אין די מאָמענטן פון אונדזערע גרעסטע שמחות וועט עס פון אונדז נישט אָפּטרעטן.

אָבער עס וואָלט געווען אַ געפערלעכער ליגן, ווען מיר זאָלן אין אונדזער פאַרצווייפלונג זיך זאָגן, אַז אונטער די חורבות פון די געטאָס און אין דעם אַש פון די טרעבלינקעס ליגט אויף אייביק באַגראָבן אונ־דזער גלויבן אין מענטשן.

אויב עס איז אַזוי — דעמאָלט זענען נישט בלויז זעקס מיליאָן ייִדן באַגראָבן, נאָר גאַנצע זעכצן מיליאָן ייִדן; אויך די, וואָס דרייען זיך נאָך איצט אַרום אויף די פיס — סיי „דאָ" און סיי „דאָרטן". צוזאַמען מיט זיי זענען אויך באַגראָבן נאָך צוויי און אַ האַלבער ביליאָן מענטשן.

צום גליק, איז עס נישט אַזוי.

נישט די אַטאָם־באָמבע און נישט מאַידאַנעק קענען נישט זיין דער שטאָף, וואָס מאַמעס זאָלן איינוועבן אין זייער וויג־לידער.

עס וועט זיך ווידער צעגליִען דער גלויבן אין מענטשן, און נאָר אויף דעם דאָזיקן גלויבן וועט די וועלט קענען בויען איר לעבן. און אַוודאי וועלן ייִדן אויף קיין שום אַנדער פונדאַמענט זייער לעבן נישט קענען בויען.

און אַזוי לאַנג ווי ייִדן, צעוואָרפענע צווישן פעלקער פון דער וועלט, וועלן נישט וועלן פאַרלירן נישט זייער מענטשלעכן פּנים און נישט זייער ייִדישן פּנים — אַזוי לאַנג וועלן ייִדישע אויגן זיך ווענדן צו יענעם קוואַל, וואָס עס האָט מיט פופציק יאָר צוריק געעפנט דער „בונד".

ניו־יאָרק, דעצעמבער 1947

אַ פרילינג־שפּאַציר

אין אַ רעגנדיקן, סוף־האַרבסטיקן פרייטיק־צו־נאַכטס פון יאָר ניינצן הונדערט צוויי און פופציק, זענען עטלעכע הונדערט ייִדן און צוזאַמען אַוועק אויף אַ גרויסן פרילינג שפּאַציר.

אויך איך בין געווען איינער פון זיי. ווען איך האָב אָנגעהויבן דעם שפּאַציר איז מיר דער רעגן נאָך געלעגן נישט בלויז אויף די קליידער, נאָר אויך אויף דער נשמה. האַרבסט־רעגנס, ווי איר ווייסט, האָבן ליב צו קריכן וואָס טיפער. אָבער נאָך עטלעכע מינוט האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן סיי אין רעגן און סיי אין קאַלענדאַר. אַרום מיר האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט דעם דערפרישנדיקן אַראָמאַט פון אָנהייב פרילינג און אין אַזיג האָבן זיך געגומען שפּיגלען די ערשטע שטראַלן פון אַ פריי־מאָרגן־זון, וואָס איז אויפגעגאַנגען איבער די גרינע שפּיצן פון אַ יונגן, נאָך שלאָפנדיקן וואַלד.

און דאָס מערקווירדיקסטע — די אַלע בשורות פון פרילינג זענען צו מיר, ווי צו די איבעריקע באַטייליקטע אין יענעם פרייטיק־צו־נאַכטיקן שפּאַציר, געקומען פון אַלטע, פאַרגעלטע פּאַפּירלעך, וואָס זענען געלעגן זאָרגפעלטיק אויסגעלייגט אין דעם גרויסן, ליכטיקן זאַל פון אַטראַן קולטור־הויז אויף דער אויסשטעלונג פון דעם „בונד"־אַרכיוו פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג (אויפן נאָמען פון פראַנץ קורסקי), וועלכער האָט נאָך לאַנגע, געפּערלעכע וואַנדערונגען און גילגולים ענדלעך געפונען זיין שטענדיקע היים אין ניו־יאָרק.

איצט שטויסט איר זיך שוין זיכער אָן אין וואָסער פרילינג איך האָב עס אין דעם רעגנדיקן האַרבסט־אָוונט אַריינגעשפּאַצירט — אין דעם פרילינג פון דער מאָדערנער ייִדישער פרייהייטס־באַוועגונג.

***

דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט ביי דעם דאָזיקן שפּאַציר די ערשטע שוואַלבן, וואָס איך האָב באַגעגנט. אַרום און אַרום איז נאָך געווען ווינטער. יידישע הייזקעס זענען נאָך געלעגן טיף איינגענורעט אין שניי. און מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ שוואַלב אויף אַ שטרויען דעכל און גענומען דערציילן מעשיות וועגן פרילינג.

אַ געוויסע אומבאַהאָלפנקייט איז נאָך געלעגן אין דעם דאָזיקן דערציילן, אַן אומבאַהאָלפנקייט, וואָס איז געקומען פון דער אַרומיקער קעלט און פון דער אייגענער אומדערפאַרנקייט. אָבער גראָד די דאָזיקע אומבאַהאָלפנקייט האָט אַפּעלירט. זי האָט געשמעקט מיט עכטקייט, מיט אויפריכטיקייט. אַזוי קען מען נאָר דערציילן אַן אמת. איך זע איצט די דאָזיקע אומבאַהאָלפנקייט אַראָפּקוקן פון די פאַרשידענע געלע בלעטלעך, וואָס זענען אַרויס אין פעריאָד ערב־בונד און אויך אין די ערשטע יאָרן נאָכדעם ווי דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן. צו דער דרוק־מאַשין האָט מען נאָך נישט געקענט דערגרייכן. האָט מען מיט אַ ציטערדיקער האַנט ביי זיך אויפן בוידעם־שטיבל די פרילינגס־בשורה אויסגעציקלט מיט דער פעדער און זי דערנאָך אַרויסגעלאָזט אין ווינטערדיקן דרויסן.

מיט אַן אינערלעכן ציטער קוקסטו אויף די פּערלדיקע יידישע אותיות פון די סטאַטוטן פון אַהרן ליבערמאַנס ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין „אגודת הסציאליסתים העברים בלונדון", וואָס זענען געשריבן געוואָרן נאָך מיט איין־און־צוואַנציק יאָר איידער דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן, אין 1876, און לייענסט די לעצטע שורות, וואָס קלינגען נאָך אַזוי פריש און פרילינגדיק היינט־צו־טאָג:

„ווייל מיר יידן זענען אַ טייל פון דער מענטשהייט, דעריבער קען פאַר אונדז נישט קומען קיין ישועה, מער נישט, ווי דורך דער דערלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט".

וויפל מאָל האָבן קלוגע יידן געפּרוווט אָפּלייקענען דעם דאָזיקן סאָציאַליסטישן (אַגב, אויך אַלט־יידישן) אמת, וועלנדיק אָפּטיילן יידישע גאולה פון אַלגעמיין־מענטשלעכער גאולה און זיי האָבן זיך אַנטוישט?...

באַלד פאַרהאַלט זיך דאָס אויג ביי אַ צווייטער זעלטענער אויסגאַבע,

איך אויסגעציקלט מיט דער האַנט, אָבער שוין העקטאָגראַפירט — דאָס ערשטע ביכעלע לידער פון אַ. ליעסין, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1897 און ווו צום ערשטן מאָל אין יידיש גייט דאָס רעוואָלוציאָנערע וואָרט געפּאָרט מיטן עכטן, קינסטלערישן אויסדרוק —

אין לאַנד ווו ס׳קייקלט די לענא
איר מעכטיקן וואַסער דעם קאַלטן —
דאָרט שטייט זיך אַ קליינינקע יורטע
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן...

עס ציט זיך דער ענדלאָזער ווינטער
אין ווילדער, אין העלישער מאַכט;
עס ציט זיך דער ענדלאָזער חושך,
דער אומעט פון אייביקער נאַכט.

אָבער לאַנג קענסטו זיך נישט אָפּשטעלן ביי דעם דאָזיקן סיבירער ווינטער, ווייל פון אַ זייט גיט אויף דיר ווידער אַ ווייע מיט פרילינג. דאָס מאָל טראָגט זיך דער פרילינג־ווינט פון אַ היפּשן העקטאָגראַפירטן העפט „דער קאַמף" פון סעפּטעמבער 1900, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער האָמלער קאָמיטעט פון „בונד" און וואָס זיין רעדאַקטאָר איז געווען דער שפּעטערדיקער באַרימטער העברעיִשער שרייבער און סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער פּיאָנער י. ח. ברענער. מיר לייענען דאָרט ברענערס פעליעטאָן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ניין און טויזנט מאָל ניין!":

„ניין, זאָג איך, ברודערקע, ניין. עס דאַרף אַנדערש זיין. מיר דאַרפן אַוודאַי וויסן, אַז מיר זענען נישט קיין בהמות, אַז מיר זענען מענטשן, וואָס דאַרפן וועלן מיט זייער לייב און זעעל פריי זיין, נישט האָבן אויף זיך קיין פערד־צוים, קיין אָקס־יאָך. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז אַלע לעבנס־מיטלען זענען מעשי ידינו להתפּאר, אַז זיי זענען אונדזער האָרעוואַניע, אונדזער שוויס און אַז פּאַראַזיטן זיצן אויף אונדז און זויגן און טאָטשען און מיר האָבן נישט קיין באַרוטע מינוט, מיר זענען פאַרקנעכטעט ביי אונדזער מלך חסד און זיין איידעלער חברותא, וועלכע האַלטן זיך צוזאַמען מיט די רייכע און שמאַלץ־צעגאָסענע בורזשואַזיע און רייטן אויף אונדזער פּלייצע אַ סך ערגער ווי פרעה מלך מצרים אויף אונדזערע עלטערן".

„...יאָ, ליבער ברודער, אַ ברענענדיקער חשק לעבט אין אונדזער הארצן צו אַן אַנדער לעבן. מיר קענען מער נישט זיין קיין בלינדע. מיר קענען נישט נישט־קעמפן. ניין, טויזנט מאָל ניין!"

מיט דער גרינדונג פון „בונד" איז דער דאָזיקער „ברענענדיקער חשק", וואָס האָט געלעבט אין הארצן, אַלץ מער און אַלץ דרייסטער אַרויס אין דרויסן. צענדליקער בלעטער אויף דער אויסשטעלונג פון „בונד"־אַר־כיוו דערציילן אונדז וועגן דעם. פריִער זענען אַרויס די פּיאָנערן, די ערשטע שוואַלבן, נאָך זיי זענען געקומען די דרייסטע אַרבעטער, די בער־שטער, די גאַרבער, די וועבער, די שניידער און שוסטער, און שפּעטער האָבן אויך אָנגעהויבן קומען די נישט־דרייסטע, די אָפּגעשטאַנענע, די דער־שלאָגענע. זיי האָבן זיך אין דער ערשטער מינוט צעשראָקן אומגעקוקט. די אויגן צוגעוווינטע צו דער אייביקער „באַשערטער" פינצטערניש, האָבן זיך פאַרזשמורעט פון דער דרויסנדיקער ליכטיקייט, די פיס האָבן זיך געוואַקלט צווישן גיין און צוריקגיין, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צו־געוווינט און אויך זייער ברענענדיקן חשק צו אַן אַנדער לעבן אַריינגע־טראָגן אין שותפות אַריין. דינסטן זענען אויך אַרויס מאָנען אַ חלק אין אַ נייער וועלט, קעכינס, מצה־בעקער... אָט לייען איך טאַקע אַן אויפרוף, וואָס דער וויטעבסקער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אין 1901 אַרויסגעלאָזט וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון די מצה־בעקער. אין פשוטע ווערטער, געשריבן מיט אַזעלכע ציטערדיקע, געכתיבהטע אותיות דערציילט דער אויפרוף, ווי די איצטיקע מצה־בעקער האָבן אָפּגעפינצטערט אַ גאַנצן לאַנגן ווינטער, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו היילן „די קראַנקע האַרץ, די צעפוילטע לונגען, די צעוויטיקדיקע אויגן". איצט האָט אויך די אַרמיי פון קראַנקע און דערשלאָגענע ייִדן באַקומען מוט צו פאַרלאַנגען עולם־הזה...

און אָט ליגט דערנעבן, מיט דער האַנט געשריבן, אַן אויפרוף „צו אַלע מאָהילעווער קעכינס". זיי מאָנען אַ 14־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, זיי מאָנען אַ הוספה פון 50 קאָפּיקעס צום לוין פון 4 רובל אַ חודש, זיי מאָנען אַ האַלבן שבת און ענלעכע שטיקער עולם הזה, אָבער מער פאַר אַלץ מאָנען זיי „אַ בעסערע באַהאַנדלונג", אַ ביסל מענטשלעכקייט...

דאָס איז אייגנטלעך די הויפּט־אייגנשאַפט פון יענעם פרילינג —

ער איז דורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון מענטשלעכקייט. אַ שענער לעבן, אַ נייע וועלט, דאָס באַדייט פריִער פאַר אַלץ — אַ מענטשלעך לעבן, אַ מענטשלעכע וועלט. אַ וועלט, ווו יעדער וועט זיין אַ מענטש פאַר זיך און אויך אַ מענטש פאַרן צווייטן.

ציט זיך טאַקע אַ גלייכע ליניע פון יענעם פרימיטיוון אויפרוף צו די מאָהילעווער קעכינס ביז צו דער העראָאישער עפּאָפּייע פון הירש לעקערט אין ווילנע, ביז צו די העלדישע זעלבסטשוץ־גרופּן אין רוסלאַנד, און פון דאָרט צו דער לעגאַלער עפּאָכע אין פּוילן מיט איר גרויסער נעץ שולן און פאַרלאַגן, מיט אירע גרויסע קאַמפּן קעגן אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע און מיט אירע כלומרשט קליינע קאַמפּן פאַר נישט לאָזן אַראָפּ־טרייבן יידישע הענדלער פון מאַרק אָדער אַרויסוואַרפן אַן אַלמנה פון איר קעלער־שטיבל. און פון דאַנען ציט זיך די זעלבע גלייכע ליניע צום לעצטן פונקט — צום געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע...

וואָס איז דאָ קליין און וואָס גרויס? וואָס מער וויכטיק און וואָס ווייניקער וויכטיק? אַז יעדע זאַך איז אַ טייל פון איין גאַנצקייט, וואָס איר נאָמען איז מענטשלעכקייט?...

אַ הייליק געפיל באַהערשט דיך, ווען דו לייענסט דעם אויפרוף פון „בונד" וועגן דער שענדלעכער טאַט פון ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל, וואָס האָט געלאָזט עפנטלעך שמייסן 26 באַטייליקטע אין דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע פונעם יאָר 1902, צוואַנציק יידן און זעקס פּאָליאַקן.

„דערוואַרט — זאָגט דער אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער — אַז איר זענט מענטשן מיט מענטשלעכע געפילן. דערווייזט, אַז איר זענט גרייט צו פאַרטיידיקן אייער מענטשלעכע ווערדע.

„ביז היינט איז אונדזער פּאַרטיי געווען קעגן טעראָר. אויך איצט זאָגן מיר זיך אָפּ אָנצווענדן טעראָר אַלס מיטל פון קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. אָבער די ווילדע מעשים פון פאָן וואַל רופן אַרויס אַ שרעקלעכע אויפרעגונג ביי אַלע אונדזערע חברים. מיר זענען איבער־צייגט, אַז פון די רייען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין אַ ראַ־כע־נעמער, וועלכער וועט זיך נוקם־זיין פאַר דער דערנידערונג פון זיינע ברידער".

און ווען דער ראַכע־נעמער, אין דער פּערזאָן פון ווילנער שוסטער, הירש לעקערט, איז אויפגעשטאַנען און ווען ער איז שפּעטער אַ שטאָל־צער געגאַנגען צו דער תליה, האָט דער „בונד" אַרויסגעלאָזט אַ צווייטן אויפרוף און דאָרט געשריבן:

„מיר זענען שטאָלץ מיט דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ער האָט פון זיינע רייען אַרויסגעגעבן אַ מענטשן, וואָס פילט לעבעדיק די באַליידיקונג פון זיינע נאָענטע. מיר זענען פול מיט פרייד, וואָס אין פאָן וואָלן האָט געשאָסן אַן אַרבעטער, אַ ייד, ווייל דאָס באַווייזט, אַז אין די טיפעניש פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען: ער איז שוין מער נישט קיין דערשלאָגענער, קיין פּאַריאַ־טער. ער איז ריזיק אויסגעוואַקסן. ער איז געוואָרן אַ מעכטיקער, שטאָל־צער קעמפער, וועלכער קעמפט דרייסט פאַר זיינע רעכט, קעמפט פאַר־צווייפלט פאַר זיין פרייהייט, כבוד און אייגענער ווערדע".

איין טעמע — מענטש...

אָבער אָט האָלטסטו אין האַנט אַן אויפרוף וועגן אַ גאָר, דאַכט זיך, נידעריקן ענין, אַן אויפרוף וועגן אָנפאַלן אויף די פּראָסטיטוציע־הייזלעך אין וואַרשע אין דעם יאָר 1905 און אויך פון דאָרט דערטראָגט זיך צו דיר דער זעלבער אַראָמאַט פון מענטשלעכקייט.

אין די אומרויִקע טעג פון 5טן יאָר, ווען די וואַרשעווער גאַסן זענען נאָך פול געווען מיט נישט־אויסגעלאָדענעם פאָלקס־צאָרן, האָבן גרופּן יידישע אַרבעטער, מייסטנס נישט־אָרגאַניזירטע, זיך אַ לאָז געטון איבער די „הייזלעך" און דאָרט געמאַכט אַ חורבן. די גאַס איז געוואָרן באַדעקט מיט צעבראָכענע שטיקער מעבל און מיט פעדערן פון אויפגעשניטן בעטגעוואַנד; די מאַסע האָט געשלאָגן און געשטאָכן די „מומעס" פון די הייזלעך, זייערע באַשיצער, די ווילע יונגען און אויך די מיידלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. דער דאָזיקער פּאָגראָם, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַן אויסדרוק פון שלעכט־פאַרשטאַנענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַ שענערער און ריינערער וועלט, האָט אַרויסגערופן גרויס צופרידנ־קייט ביי דער פּאָליציי („זאָלן זיך די בונטאָוושטשיקעס מיט די ווילע יונ־גען קעגנזייטיק אויסהרגענען"...) און שטאַרקע אומצופרידנקייט ביים „בונד".

„די פּראָסטיטוטקעס — לייענען מיר אין אויפרוף פון „בונד“ וועגן דעם פּאָגראָם אויף די הייזלעך — דאָס זענען די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכע. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט זיי ביז דער ערד געבויגן און יעדער טרעט אויף זיי. פּאַסט עס פאַר אונדז אָט־די אומבאַשיצטע נפשות צו שלאָגן?? פּאַסט עס דען בכלל פאַר אונדז צו רייסן און ברעכן?“

פּרוווט צונויפדריקן דעם אויפרוף אין איין זאַץ און עס וועט זיך באַקומען איין קורצער רוף: „געדענקט, מיר און זיי זענען מענטשן!...“

און ווייל מיר זענען מענטשן שאַפן מיר מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם שולן, ווי מיר אָרגאַניזירן יוניאָנס; מיר עפענען קיכן, פּונקט ווי פאָלקס־אוניווערזיטעטן; מיר פאַרטיידיקן ידישע גאַסן־הענדלער קעגן כוליגאַנעס, פּונקט ווי מיר שטעלן זיך איין פאַר ידישע סטודענטן, וואָס מען וויל אָוועקזעצן אויף ספּעציעלע געטאָ־בענק. דערפאַר ווילן מיר ווירדיק לעבן און דערפאַר קענען מיר אויך ווירדיק שטאַרבן...

דער געדאַנק וועגן שטאַרבן באַגלייט מיך, ווען איך וואַנדער מיט די אויגן איבער די אונטערערדישע צייטונגען, וואָס זענען אַרויס אין געטאָ. אָט איז אַ רירנד געבעט פון אַ יונגן בונדיסט אין געטאָ אונטערן נאָמען: „איך וויל אַזוי שטאַרק לעבן“, און אָט איז אַ באַריכט וועגן קולטור־אַרבעט אין געטאָ, אַ ביסל ווייטער זענען געדרוקט די ערשטע שוידערלעכע באַריכטן פון טרעבלינקע און מיטאַמאָל קומט גאָר אַן אַרטיקל, אין וועלכן די געטאָ־צייטונג באַהאַנדלט די פּראָבלעמען, וואָס וועלן שטיין פאַר דער וועלט נאָכן קריג...

מיר דאַכט זיך, ווי איך הער ווי פון די דינע בלעטלעך טראָגט זיך אַ פייערלעך געזאַנג, וואָס שמעקט מיט פרילינג און מיט פּרצן:

שטאָלצע מענטשן זענען מיר — שטאָלצע ידן זענען מיר.

***

ווען איך האָב זיך נאָך צוויי שעה אומגעקערט פון דעם פרילינגס־שפּאַציר איז דרויסן נאָך אַלץ געגאַנגען דער האַרבסט־רעגן. אָבער איך האָב אים מער אַזוי שטאַרק נישט געפילט ווי פריער. עס איז גוט, ווען מען קען אין אַ האַרבסט־אָוונט דערפילן די ריחות פון פרילינג...

האַרבסט 1952

י. ל. פּרץ

(צום הונדערטסטן יאָר פון זיין געבוירן — 1852־1952)

פּרץ איז געווען דער מאָדערנסטער פון צווישן אונדזערע דריי קלאַ־סיקער, און אויך דער וועלטלעכסטער. אויב די ערשטע צוויי, מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם, זענען מיט זייערע שאַפונגען און איבער־הויפּט מיט זייער שעפערישקייט געבליבן אין שטעטל, האָט פּרץ שוין אין די ערשטע יאָרן זיך געפילט פונקט אַזוי היימיש אויך אין דער גרוי־סער שטאָט; אויב זיי האָבן געלעבט אין דער יידיש־באַלעבאַטישער סבי־בה, אַריבערקוקנדיק מיט בליקן פול מיט ליבשאַפט און רחמנות צו דער יידישער אָרעמקייט, האָט פּרץ דער ערשטער פון די יידישע וואָרט־קינסטלער זיך דערנענטערט צו דעם מאָדערנעם יידישן אַרבעטער און צו זיינע בונטאַרישע אידעען; אויב זיי זענען געקומען צו יידיש פון לשון־קודש, איז ער געקומען צו איר אויך פון אַ דרויסנדיקער, פרעמדער ליבע — פון פּויליש; אויב זיי האָבן געלעבט מער־ווייניקער בשלום מיטן יידישן גאָט און מיט ארץ ישראל, איז פּרץ געווען דער ערשטער אַפּיקורס און דער ערשטער אַנטי־ציוניסט אין דער יידישער ליטעראַטור; אויב די קינסטלערישע איינפלוסן אונטער וועלכע זיי האָבן זיך געפונען זענען אויסשליסלעך געקומען פון יידישע קוואַלן, אַלטע און צוביסלעך אויך נייע, משכילישע, איז פּרץ פון צייט צו צייט אויך אַרונטערגעפאַלן אונ־טער די איינפלוסן פון אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע פרעמדע קינסטלער ווי וויספּיאַנסקי, גאָרקי, איבסען און אַפילו ניטשע.

אויך זיין שפּראַך, סטיל און טעמאַטיק, ווי טיף יידיש־לומדיש זיי זענען נישט מאַנכעסמאָל געווען, זענען געווען מאָדערנער, וועלטלעכער,

אוניווערסאַלער, ווי די פון זײַנע צוויי שכנים אויפן פּאַרנאַס פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

און דאָך איז פון צווישן די דריי ייִדישע קלאַסיקער פּרץ דער אַמ־מײנסטן ייִדישער, דער אַממײנסטן נאַציאָנאַלער. אין זײַן שאַפן שפּיגלט זיך אַמשטאַרקסטן אָפּ די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעע.

וואָס איז אַזוינס די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעע?

צום ענטפער אויף דער פראַגע קומט מען דורך אַ צווייטער פראַגע:

ווי האָבן די אָרעמע, דערשלאָגענע ייִדן געגומען כוח אויסצוהאַלטן דעם מעכטיקן דרוק פון דרויסן — דעם דרוק פון צײַט און אָרט? ווי האָט זיך עס דאָס שוואַכע שבת־ליכטל אין דעם שטיבל פון ייִדישן דאָרפס גייער, אָדער וואַסער־טרעגער געקענט אַנטקעגנשטעלן די ווינטן פון וואָ־כעדיקייט, וואָס האָבן געבלאָזן פון אַלע זײַטן?

איז דער תּירוץ דער זעלבער, וואָס עס האָט געגעבן אַ ייִדישער קלעזמער, ווען מען האָט אים געפרעגט, פון וואַנען ער נעמט אויף שבת אין די לאַנגע זומערדיקע וואָכן, ווען קיין חתונות טאָרן נישט געפּראַוועט ווערן:

— אַ ביסל — האָט ער געענטפערט — נעם איך פון נעכטן, און אַ ביסל פון מאָרגן...

„פון נעכטן" — דאָס האָט ער געמיינט די פּאָר גילדן, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון חתונה־סעזאָן און „פון מאָרגן" — די פּאָר גילדן, וואָס ער באָרגט מיט דער האָפענונג, אַז מאָרגן, ווען ער וועט ווידער אָנהייבן שפּילן אויף ייִדישע שמחות, וועט ער דעם חוב קענען אָפּגעבן.

די שווערסטע צײַטן האָבן ייִדן געקענט דורכלעבן, אַ דאַנק דעם נעכטן און אַ דאַנק דעם מאָרגן. הײַנט איז טאַקע נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, די פאַרצווייפלונג איז דערגאַנגען ביזן האַלדז, אָבער מען האָט געשעפּט בטחון פון די קוואַלן פון דעם גרויסן ייִדישן נעכטן, און מען האָט אויך געקענט זיך „אויסבאָרגן אויף שבת" ביים ליכטיקן מאָרגן. סיי די ייִדן פון אַלטן דור, סיי די ייִדן פון נײַעם דור האָבן געהאַט אַזאַ ליכטיקן מאָרגן, פון וואַנען אין אַ נויטפאַל צו נעמען אַ גמילות־חסד. ביי די ערשטע איז געווען דער ליכטיקער מאָרגן „יענע וועלט", ביי די אַנ־דערע — די נײַע וועלט, די וועלט פון גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט.

דאָ דאַרף מען טאַקע זוכן די סיבה, פאַרוואָס די פּוילישע ייִדן אין די געטאָס האָבן פאַרמאָגט אַ סך מער ווידערשטאַנד־קראַפט, ווי, למשל, די דייטשע ייִדן. די לעצטע האָבן שטענדיק געלעבט פון האַנט צום מויל, איז געווען, אַז די פּרנסה זאָל זיך אויף אַ קורצע צייט אָפּשטעלן, כדי זיי זאָלן נישט האָבן אויף שבת און נישט אויף אײַנדערוואַכן. די פּויִלישע ייִדן, אָבער, האָבן געהאַט אַ גרויסן גײַסטיקן קאַפּיטאַל, אָפּגעשפּאָרט פון ייִדישן נעכטן און אויך אַ גרויסן אויסגעחלומטן מאָרגן, פון וועלכן צו באָרגן אין אַ רעגנדיקן טאָג...

דאָס איז געווען די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעע, וואָס אין איר פּלאָם האָט עס אָנגעצונדן י. ל. פּרץ זײַנע שבת־יום־טובדיקע־ליכט.

אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווי זיי זענען נישט פאַרשידנאַרטיק און פול מיט ווידערשפּרוכן, זענען באַשטראַלט פון דער דאָזיקער דערהויבענער ליכטיקייט, וואָס קומט פון נעכטן און פון מאָרגן.

די גרענעצן פון אָרט און צייט זענען ביי אים אָפּגעווישט. יאָרהונדערטער גיבן זיך די הענט. די וועלט איז היינט פול מיט גרויער וואָכעדיקייט? פּרץ גייט אַריבער די גרענעץ פון וואָכעדיקן היינט און שפּאַנט אַריין אין שבת. דער דאַך פון שטיבל איז נידעריק און לאָזט דעם קאָפּ נישט אויפהייבן? פּרץ שפּאַרט אַרויס דעם דאַך און פאַר די אויגן עפנט זיך אַ ברייטער אומענדלעכער הימל מיט מיליאָנען שטערן.

אָנשטאָט דער באַלעבאַטיש־פּראַקטישער און אין תוך גענומען אַנטי־ייִדישער עצה: „אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער“, זאָגט דורך זײַנע ווערק פּרץ:

צי מען קען יאָ אַריבער, צי מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַריבער...

אויב נישט, האָט דאָס גאַנצע לעבן קיין שום טעם און זינען נישט. נישט דערפאַר איז דער מענטש געקומען אויף דער וועלט, כדי צו קריכן; כדי שלום צו מאַכן מיטן שטאַרקן און צו אַקצעפּטירן רשעות. אַ מענטש דאַרף זיך פאַרמעסטן צו פליִען...

***

„פליגל", „פליִען", „אָדלער", „באַרג־שפּיצן", — דאָס זענען ווער־טער, וועלכע מען טרעפט אָפט ביי פּרצן. שוין אין דער פריסטער יוגנט, דערציילט אונדז פּרץ, האָט ער געזען די מענטשלעכע נשמה אין גע־שטאַלט פון אַ צעפלאַטערטן פויגל. אין איינער פון די ערשטע דערציי־לונגען, „משיחס צייטן", דערציילט פּרץ, ווי דער שטאָט־משוגענער האָט אים ייִנגלווייז דערציילט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן קינדער גע־בוירן ווערן מיט פליגל. אין אָנהייב וועלן זיך די מענטשן דערשרעקן פאַר די קינדער מיט פליגל, אָבער דערנאָך וועלן זיי זיך צוגעוווינען „ביז עס וועט אויפוואַקסן אַ גאַנצער דור מיט פליגל, אַ דור, וואָס וועט זיך מער נישט וואַלגערן אין דער בלאָטע און וועט זיך מער נישט רייסן איבער אַ פּרנסה־ווערעמל".

אויך פּרץ, פּונקט ווי מענדעלע און שלום עליכם, האָט באַשריבן אָרעמקייט און נויט פון ייִדישן שטעטל. אָבער אַפילו אין די סאַמע רעאַ־ליסטישע שילדערונגען גיט פּרץ גאַנץ אָפט פלוצלונג אַ פאַרקערעווע אין דער הויך. אָט גייט, אַ שטייגער, דאָס אָרעמע יתומל אין פּרצעס „רייזע־בילדער", אַרויס אין מאַרק מיט פּרצן און באַקומט דאָרט רחמנות אויף דער לבנה, וואָס זי איז אַזוי קליין. „פון טאַטן האָט ער געבעטן, דערציילט אונדז פּרץ, נאָך אַ שטיקל שטשיפּירעק און פון טאַטן אין הימל — ער זאָל די לבנה גרעסער מאַכן. עס איז אַ רחמנות אויף דער לבנה..." אויך אין „קראַנקן ייִנגל" חלומט אַן אָרעם קינד, אַז די שול זאָל וואַקסן העכער... אַזוי פליִען ייִדישע קינדער ביי פּרצן... אַלע פליִען ביי אים, קליין און גרויס, פּראָסטע ייִדן און גאונים, דער וועבער־יונג און דער ביאַלער רבי, ר' יוחנן מלמד און דער קונצן־מאַכער.

דאָס פליִען האָט איין גרויסן צוועק, וואָס צו אים זענען פּרצעס אָד־לער־אויגן אייביק געווענדט — אַריבערשפּאַנען גרענעצן.

די גרענעצן, וואָס צוימען דעם מענטשן און לאָזן אים נישט אַרויס־גיין פון נויט, פון פינצטערניש, פון מרה־שחורה.

***

אַ סך ווידערשפּרוכן פון פּרצן ווערן פאַרשטענדלעך, ווען מען האָט אינזינען, אַז פריִער פון אַלץ איז פּרץ געווען אַ גרענעץ־שטורמער.

ב. שעפּנער

נעמט פּרצעס גרויסן פּאַטאָס פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט — אַ פּאַטאָס פון אַן עמוס און פון אַ מאָדערנעם רעוואָלוציאָנער. איך צווייפל, צי אין דער יידישער ליטעראַטור ביזן היינטיקן טאָג, אַריינרעכענענדיק אויך די אַזוי גערופענע „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין סאָוועטרוסלאַנד, איז פאַראַן אַזויפיל צאָרן און האַס קעגן עקספּלואַטאַציע פון מענטש איבער מענטש, קעגן סאָציאַלער אומגלייכהייט, ווי אין פּרצעס צוויי לידער „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע", און „דאָס געבעט" און אין זיין דערציילונג „וועבער ליבע". פּרצעס דערנענטערונג צום „בונד" איז נישט געווען קיין קורצער פלירט, נאָר אַ ליבע, אַ פרייע ליבע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין לעבן. פּרץ האָט נישט סתם רחמנות געהאַט אויפן אַרבעטער, נאָר זיך סאָלידאַריזירט מיט זיין פרייהייטס־קאַמף און געחלומט וועגן זיין ענדגילטיקן נצחון, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט, ווי ער האָט דאָס געטון אין זיין באַרימטער עסיי „האָפענונג און שרעק", אויסצודריקן זיין מורא פאַר דעם, וואָס עס קען געשען נאָכן זיג...

פּרץ האָט פון איין זייט ביטער אויסגעלאַכט דעם ציוניזם און די אידעע פון אַן אייגענער יידישער מלוכה, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו שרייבן מיט גרויס פּיעטעט וועגן ארץ־ישראל און צו פאָדערן פון דער יידישער ליטעראַטור „אָפּקלאַנגען פון די דונערן ביים באַרג סיני". פּרץ איז געווען פול מיט ליבשאַפט פאַרן פאָלק און איז גרייט געווען, ווי ער האָט עס דורכן מויל פון זיין נחמקע זבאַרזשער און פון ביאַלער רבין זיך אָפּצוזאָגן פון גן־עדן, ווייל „דאָרט איז נישטאָ וועמען צו טרייסטן", און „צו גיין בעסער אין גיהנום מיט כל ישראל איידער זיין אין גן־עדן אַליין", אָבער דער זעלבער פּרץ האָט גלייכצייטיק מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג אַרויפגעקוקט צו דער גרויסער פערזענלעכקייט, צו דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַט, צו ר' שלמה פון דער „גאָלדענער קייט"; פּרץ, דער בייסיקער אויסלאַכער פון „שטריימל", דער פאַרפאַסער פון דער קורצער דערציילונג „דאָס פּראָבלעם", וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „מיר האָבןביידע נעילה נישט געדאַוונט" — דערזעלבער פּרץ איז עס געווען דער גרעסטער און אַממייגסטן באַגייסטערטער באַזינגער פון חסידות.

אָבער די אַלע און נאָך אַנדערע קאָנטראַסטן זענען אייגנטלעך בלויז פאַרשידנפאַרביקע פעדערן פון די זעלבע פּרציִשע אָדלער־פליגלען.

פּרץ האָט פיינט געהאַט די מענטשלעכע נויט, ווייל זי איז די גרעס־טע שטערונג פאַרן מענטש זיך אויפצוהייבן.. אַמשטאַרקסטן זאָגט דאָס פּרץ טאַקע אין זיין „געבעט“, ווען ער פרעגט גאָט, ווען ער וועט „פאַר־שיטן דעם אָפּגרונט דעם טיפן, וואָס טיילט דיינע קינדער אויף שטאַרקע און שוואַכע, אויף לעמער און שינדער“, אַן אָפּגרונט, ווו עס „ברעכן די פליגל די אָדלער די גרעסטע, עס ווערן פאַרשטיינערט די הערצער די בעסטע“. די דאָזיקע צעבראָכענע פליגל באַוויינט אַמשטאַרקסטן פּרץ. מענטשן קענען, צוליב דער נויט, זיך נישט אויפהייבן, מענטשן קענען די גרענעץ נישט אַריבער, אָדער ווי ער זאָגט דורכן מויל פון זיין דאָרף־שניידערל (צו די מקובלים אין דער „וואַלד־ישיבה“), „ניין־און־נייַנציק מענטשן הונגערן און פאַרקויפן די נשמה פאַר אַ שטיקל ברויט און דער הונדערטסטער זיצט ווי אַ פּליג אויף אַ פלאַסטער האָניק און ווערט אָנ־געשוואָלן און פאַרזינדיקט זיך די יאָרן“.

באַפרייען מענטשן פון נויט, מיינט פאַר פּרצן, באַפרייען זייערע פליגלען און דערפאַר טאַקע וואָלט ער וועלן, אַז נאָך זיין זיג זאָל דער באַפרייטער מענטש נישט געשטרויכלט ווערן מיט איבערזאַטקייט. אויך דאָס קען אַמאָל זיך לייגן ווי בליי אויף די מענטשלעכע פליגל. אויך ביי דער גרענעץ פון זעלבסטצופרידנקייט קען אַמאָל דער זיגער בלייבן שטיין...

אויך די גרענעץ פון מלוכה אימפּאָנירט נישט דעם אומרויִקן אייביק־זוכנדיקן פּרצן, וואָס רייסט זיך כסדר צו דעם, וואָס געפינט זיך ווייטער, העכער, צו דעם ציטערדיקן, צום דעם קוים־געאַנטן, צום ערשט־געבוי־רענעם, צו די „אומרויִקע שאָטנס, וואָס רייסן זיך קעגן גאָטס ווילן צו ליכט און לעבן, נאָך איידער ער האָט זיי מיט פלייש און בלוט באַקליידט“ (אין „גיי נישט מיט מיר“).

עס איז דער אייביקער דראַנג פון פּרצן אַרויסצורייסן פון דער גרויקייט פון די קליינע מצווהלעך און קליינע עבירהלעך און צו דערגיין צו האַרמאָניע.

העכער!... העכער!...

אַרויס פון די פּאַרמען, אין וועלכע דאָס גרויע לעבן האָט אונדז איינגעפּעגטעט! אַריבער די גרענעצן!

פּרץ, בלייבנדיק דער עכטער קינסטלער און עסטעט, האָט פונדעסט־וועגן כסדר זיך געווערט קעגן דער פּוסטער פּאַרעם. אויך דאָ איז פּרץ געבליבן געטריי דער נאַציאָנאַלער יידישער אידעע, וואָס שטרייכט אונ־טער אומאויפהערלעך די וויכטיקייט פון אינהאַלט, פון „מה שיש בו״ און איז מבטל די אויסערלעכע פּאַרעם, דעם „קנקן״, אָדער האָבן געוווּסט, אַז מיט פּאַרעם, מיט אויסערלעכן גלאַנץ, מיט מונדירן, עפּאָלעטן און „צאַצקעלעך״, וועלן זיי די פרעמדע וועלט קיינמאָל נישט קענען איבער־יאָגן, מוז מען דעם כוח אַריינלייגן אין אינהאַלט, אין געדאַנק, אין דער אידעע. פּרצעס העלדן טאָר מען נישט משפּטן, נישט לויטן אויסזען און נישט לויט די קליידער. די סקולער רביצין איז אַ שטיקל דינער פּאַרמעט, וואָס מען קען מיטן מויל אָוועקבלאָזן, אָבער אין דעם דאָזיקן שוואַכן „קנקן״ ליגט אַ ים פון גוטסקייט און לייטזעליקייט. דעם זאַמאָשטשער רב ר׳ זיסעלעס גרויסע נשמה „האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט גע־קענט שפּאַצירן אונטערן טיש״. דער קונצן־מאַכער גייט קרוע־ובלוע, אין אַ צעקנייטשטן צילינדער און — ער איז אליהו הנביא. משפּט נישט לויט די קליידער. אָט איז אַ צעשונדענע קאַפּאָטע פון אַ וואַסער־טרעגער, צי פון אַ האַלץ־העקער און אונטער איר — אַ זיידן העמדל פון אַ יוסף הצדיק. דער ערשטער בליק זאָגט גאָרנישט. קוקט טיפער, קוקט העכער...

שפּרייזט איבער די גרענעץ!...

אויך פּרצעס שורות זענען ענלעך צו זיינע העלדן. זיי זענען, דאַכט זיך, דאָס און נישט בלויז דאָס. נאָך דעם געזאָגטן קומען נאָך פּינטעלעך — טרעפן, וואָס פירן העכער, איבער דער גרענעץ פון וואָרט...

עס איז ווי עס זאָגט זיין ר׳ יוחנן מלמד: „די „שניים אוחזין בטלית״ זענען פאַר מיר נישט קיין מענטשן פון גאַס, נישט קיין פּראָסטע ראובן און שמעון, ווי איך פאַרטייטש פאַר מיינע תלמידים. דער טלית, איבער וועלכן זיי שפּאַרן זיך, איז נישט קיין טלית, וואָס מען קויפט ביי יאָסל פּעשעס אין געוועלב. איך נעם טיפער. איך זאַפּ דאָ איין די ניצוצין, די ליכטיקע פונקן, פון צווישן די ווערטער, פון צווישן די אותיות״.

נאָוואַליפּיע 7

**
*

צווישן די פאַרשידענע גרענעצן, וואָס י. ל. פּרץ האָט אַריבערגע־שפּרייזט, האָבן זיך אויך געפונען די גרענעצן פון וואָרט.

יעדער עכטער שרייבער איז פריִער פאַר אַלץ אַ וואָרט־מייסטער. דאָס וואָרט איז זיין אינסטרומענט, וואָס דורך אים ברענגט ער אַרויס זיינע געפילן און געדאַנקען. מער ווי שלום עליכם און אַפילו מער ווי דער זיידע מענדעלע האָט פּרץ געמייסטערט דאָס וואָרט, האָט עס געוויגן און געמאָסטן, האָט עס געשליפן און ווידער אַמאָל געשליפן, און ערשט דערנאָך געוועזן אומצופרידן און עס אויפסניי גענומען שלייפן. איז דאָך פּרץ פון צווישן די דריי יידישע קלאַסיקער געווען דער פּאָעט, און אַריינ־געפאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער, נישט ווי זיי, מיט אַ פּראָ־זאַאיש ווערק, נאָר מיט אַ פּאָעמע, מיט „מאָניש", וואָס אירע קורצע, געהאַמערטע שורות האָבן שוין געהאַט אויף זיך דעם שטעמפּל פון פּרצעס שפּראַך־מייסטערשאַפט.

אָבער אין זיין רייסן זיך העכער, צו פאָלקאָמענהייט, צו האַרמאָניע, צו פולער מענטשלעכער אויסלייזונג האָט פּרץ זיך אויך דערפילט ענג אין די גרענעצן פון וואָרט.

וואָס איז העכער פון וואָרט? — דער ניגון. די מעלאָדיע.

דאָ זענען נישטאָ קיין גרענעצן, וואָס צוימען. נישטאָ קיין שפּראַך, וואָס שטייט ווי אַ וואַנט צווישן פאָלק און פאָלק, און אויך צווישן די געלערנטע און די פּראָסטע לייט פון אייגענעם פאָלק.

דאָרט, וווּ דאָס וואָרט האָט מער קיין כוח נישט אויסצודריקן די געפילן, וואָס רייסן זיך פון מענטשלעכן האַרץ, קומט דער ניגון און טראָגט זיי ווייטער אויף זיינע פליגל. דאָס וואָרט בלייבט ליגן אַ מידער ביי דער גרענעץ און דער ניגון שפּאַנט ווייטער...

קיינער פון די יידישע שרייבער האָט נישט אַזויפיל געשריבן וועגן נגינה, ווי פּרץ און קיינער, ווי ער, האָט נישט אַזוי פיל געזונגען אָן ווערטער און אַפילו אָן קול.

ביי פּרצן האָט אַ ניגון, פּונקט ווי אַ מענטש, אַ גוף און אַ נשמה. דער גוף — דאָס זענען די קלאַנגען, די טענער —

„און די נשמה פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש; זיין ליבשאַפט, זיין צאָרן; לייטזעליקייט, נקמה, האַרצבעבנקעניש, חרטה, צער, — אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פילט קען ער אַריינגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון — לעבט.

„וואָרום איך גלויב, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז מיך מחיה, מוז אַליין האָבן חיות, לעבט אַליין. און היינט אַז אַ ניגון איז מיך מחיה, אַז איך באַקום פון אַ ניגון אַן אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט.

„און והא ראיה: נעמט אַ ניגון און צעשניידט אים, זינגט אים קאַ־פויר, כאַפּט פריִער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיטן סוף, נו, האָט איר אַ ניגון? בסך־הכל האָט איר אַלע קולות, עס פעלט אייך קיין איינציקער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבע־דיקע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נשמה" (אין „אַ גילגול פון אַ ניגון").

אָבער אויך צווישן ניגונים מיט נשמות זענען פאַראַן שטופן, מדרגות אָדער ווי עס רופט זיין דער ראש־ישיבה אין פרצעס „מקובלים" — בחינות. און פרץ גאַרט צו דעם העכסטן, צו דעם ניגון אָן ווערטער, צו דעם ניגון אָן קול.

„עס איז פאַראַן אַ ניגון, וואָס מוז האָבן ווערטער — דאָס איז גאָר אַ נידעריקע בחינה... עס איז פאַראַן אַ העכערע בחינה — אַ ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער, אַ ריינער ניגון — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„דער אמתער ניגון זינגט זיך גאָר אָן אַ קול. עס זינגט זיך אינע־ווייניק, אין האַרץ, אין די געדערים".

און דאָ טאַקע, ביים אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון וואָרט האָט פרץ זיך צונויפגעטראָפן מיטן שעפער פון חסידות, דעם בעל־שם און זיינע תלמידים: דעם טאַלנער, דעם נעמיראָווער, דעם ביאַלער.

אויך זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אַריבערצושפרייזן די גרענעץ צוליבן זעלבן צוועק וואָס ער, דער גרויסער, גלויביקער אַפּיקורס:

אויסלייזן דאָס פאָלק פון מרה־שחורה און פאַרשעמטקייט, טרייסטן און דערהייבן די „שטומע נשמות".

***

דער בעל־שם איז געקומען אין אַ צייט, ווען די ייִדישע אָרעמקייט איז געווען מער ווי שטענדיק אָפּגעשניטן נישט בלויז פון די מאַטעריעלע, נאָר אויך פון די גייסטיקע קוואַלן. צווישן דער ייִדישער מאַסע און דער דרויסנדיקער וועלט מיט אירע פעלדער און וועלדער, מיט איר ציווילי־זאַציע און פּרנסות זענען געשטאַנען הויכע ווענט פון שנאה, פון רעכט־לאָזיקייט, פון פאָראורטיילן. אָבער אויך אינעווייניק, אין ייִדישן שטעטל, זענען געשטאַנען געגנוג הויכע ווענט, וואָס האָבן אָפּגעטיילט אָרעם פון רייך, פּראָסטאַק פון תּלמיד־חכם. דורך די שפּאַרעס און לעכער פון אָרע־מע ייִדישע דעכלעך זענען אַלץ אָפטער אַריין ווינטן און רעגנס, אָבער אַלץ זעלטענער — דער אָפּשיין פון הימל און דער גלאַנץ פון שטערן.

ביי דער גרענעץ פון הימל איז געשטאַנען דער בריסקער רב, אָדער אַן אַנדערער פון זיינס גלייכן און שטרענג געפּאָדערט ביי יעדן, וואָס האָט געוואָלט אַרויף, אַ תּורה־פּאַספּאָרט, און אַז מען האָט נישט געהאַט, האָט ער מיט אַ שטייפן פינגער געוויזן אַראָפּ־צו:

— צוריק!...

דער הימל, דער גן־עדן איז נאָר פאַר ייִדן לערנער, פאַר תּלמידי־חכמים. בלויז דאָס לומדישע וואָרט, אַרומגעגאַרטלט מיט דינים, קען אַהין אַריין.

זענען זיי, די שטומע נשמות, די בעלי־מלאכות, די טרעגער, די האָלץ־העקער, צוריקגעגאַנגען פאַרשעמטע, דערשלאָגענע, דערפילנדיק זיך אונטן איצט נאָך נידעריקער, ווי פריִער, איידער זיי האָבן געפּרוווט אַרויפגיין.

און שאַרפער האָט אָנגעהויבן נאָגן דער הונגער, שטאַרקער האָט געגומען ברענען די טרער פון קינד, די קללה פון ווייב...

און דעמאָלט האָט זיך עס באַוויזן דער בעל־שם און מיט אַ קול פול מיט לייטזעליקייט אַ זאָג געטון, אַרויפלייגנדיק זיין וואַרעמע האַנט אויף דער פּלייצע פון אַזאַ פאַרשעמטן אָרעמען ייִדן:

— קום מיט מיר... מירן צוזאַמען אַרויפגיין...

מען איז געגאַנגען צוזאַמען זינגענדיק, און קיינער האָט מער ביי די

טויערן פון הימל נישט אָפּגעשטעלט. אַ תורה־פּאַספּאָרט? — אַ מענטש איז גרעסער פון אַ ספר, אַ ניגון איז העכער פון לומדישע רייד.

דער עיקר איז, די נשמה זאָל גאַרן צו ליכטיקייט; דאָס האַרץ זאָל זיין לויטער. אַלץ איבעריקע איז בלויז פאָרעם, קליידער. דער פּורפּור־מאַנטל, אויב ער פאַרדעקט פּוסטקייט, איז נישט מער, ווי אַ שמאַטע, און דאַקעגן לייוונטענע פלודערן קענען זיין בגדי־מלכות; דער שאַרפּ־סטער, טורעמדיקסטער פּילפּול, אויב ער האָט דעם צוועק בלויז אָפּצו־ווענדן, צו זאָגן „ניין", קען ווי בליי אַראָפּציִען צו דער ערד און, דאַקעגן, דער פייף פון אַ פּראָסטן פּאַסטוך קען שפּאַלטן הימלען.

דער גאַנג פון חסידות, ווי דער בעל־שם האָט אים אָנגעהויבן און ווי פּרץ, דער ראָמאַנטיקער, האָט אים געזען, איז געווען דער דערהויבנס־טער גאַנג פון דער יידישער אָרעמקייט צו אויסלייזונג.

גרענעצן, וואָס עס האָט זיך אויסגעדוכט, מען וועט זיי קיינמאָל נישט זיין אימשטאַנד דורכצוגיין ,זענען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן אונטערן כישוף־שפּרוך פון אַ שטיקל פּראָסטן תהילים, אָדער פון אַ פּשוטן קרעכץ, וואָס איז געקומען פון האַרצן. מען האָט געמיינט, אַז כדי צו קענען אַרויף אין דער הויך דאַרף מען האָבן אַ פייערדיקן רייט־וואָגן און דאָ גיבן אַ מחנה אָרעמע יידן אין צעדריוולטע קאַפּאָטעס ביי שלוש־סעודות זיך אַ כאַפּ־אַרויף אין דער הויך אויפן רוקן פון אַ דאַרן הערינג און גיבן אַ שווים־צו גלייך צום כסא־הכבוד אויף אַ ים פון עטלעכע טראָפּן בראָנפן...

דאָ, אויף דעם דאָזיקן ברייטן, גרענעצלאָזן וועג, הינטער דעם אומ־ענדלעכן, אויסגעשטערנטן הימל, האָט פּרץ, דער רעוואָלוציאָנער, פּרץ דער גרענעץ־שטורמער און אויך פּרץ, דער סאָציאַלער דיכטער זיך אָמ־בעסטן געפילט. דאָ איז ער געווען אין זיין וועלט.

פּרצעס באַגייסטערונג פאַר חסידות איז דערפאַר נישט אין קיין שום ווידערשפּרוך צו זיינע סימפּאַטיעס פאַר דעם סאָציאַליזם, נאָר פאַרקערט — זייביידע דערגענצן זיך. ביי זיינע שענסטע חסידישע העלדן האָבן הימל און גן־עדן נאָר אויף אַזוי פיל אַ ווערט, אויף וויפל זיי זענען צוטריטלעך פאַרן גאַנצן פאָלק, און נישט בלויז פאַר אויסדערוויילטע, פאַר תורה־אַריסטאָקראַטן. אַמבעסטן ווייזט דאָס אונדז פּרץ אין חלום פון ביאַלער רבין („צווישן צוויי בערג"), ווען דער בריסקער רב פירט

אַרום זיין תּלמיד, דעם ביאַלער, איבער די ליכטיקע, אָבער לײדיקע זאַלן פון גן־עדן־פּאַלאַץ.

„...און עס איז אים (דעם ביאַלער) באַפאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו ייִדן, צו חברים, צו כּל־ישׂראל. אַ קלייניקייט — מען זעט קיין ייִד נישט פאַר זיך...". „בענק נישט נאָך קיינעם, מאַכט צו אים דער בריסקער רב, דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זיין בריסקער רב", און דער רבי (דער ביאַלער) האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אין דער וואַנט נישט אומ־צופאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט, נאָר נישט ווי פייער בריט, נאָר ווי אייז בריט. „רבי, האָט ער אַ געשריי געטון, די ווענט זענען אייז, נישט קרישטאָל. פּשוט אייז". „רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען. איך וויל נישט זיין אַליין מיט אייך. איך וויל זיין צוזאַמען מיט כּל־ישׂראל".

אָבער נאָך נעענטער צו פּרצן, דעם סאָציאַלן דיכטער, איז די שענ־סטע פון זיינע חסידישע מעשׂיות, זיין באַרימטע „אויב נישט נאָך העכער". דאָרט געפינט זיך דער הימל אינגאַנצן נישט אויבן, נאָר אונטן, אין דער הייזקע פון דער קראַנקער אַלמנה, וווהין דער נעמיראָווער רבי גייט אַוועק יעדן פרימאָרגן, סליחות־צייט, פאַרקליידט אַלס פויער, מיט אַ בינטל האָלץ און מאַכט פייער. די חסידים מיינען, אַז דער רבי גייט פאַר־טאָג אין הימל אַריין, אָבער ער, דער טרוקענער ליטוואַק, וואָס האָט נישט געגלויבט די חסידישע רייד און דערפאַר דעם רבין געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטאָגס אויפן אויג, האָט געזען וווהין דער רבי גייט און דאָס האָט אין זיינע אויגן דעם נעמיראָווער ערשט דערהויבן. ווען ער, דער ליטוואַק, האָט געהערט שפּעטער, ווי די חסידים דערציילן, אַז דער רבי גייט פאַרטאָגס אין הימל אַריין, פלעגט ער שוין נישט לאַכן, נאָר ציגעבן שטילערהייט: „אויב נישט נאָך העכער". אין דעם דאָזיקן קורצן מעשׂהלע האָט פּרץ פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם שענסטן פון אַלע זיינע הימלען...

פּרץ האָט געהאַט אויך פּעריאָדן פון צווייפלען, פון ביטערקייט, פון אַנטוישונגען. אין אַזאַ פּעריאָד האָט ער אָנגעשריבן זיין דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", געבויט אויף דעם אַש פון דער דורכגעפאַלענער רו־סישער רעוואָלוציע. אויך זיין דראַמע „די גאָלדענע קייט", די דראַמע פון גייסטיקן אַריסטאָקראַט, פון רבין ר' שלמה, וואָס וויל מיט געוואַלד

ברענגען די גאולה און וויל שבת־צו־נאַכטס קיין הבדלה נישט מאַכן, איז איינגנטלעך אַן אָפּווייכונג פון נעמיראָוועס וועג — דעם וועג פון טראָגן אַ ביסל האָלץ צו אַ קראַנקער אלמנה, פון אָפּווישן אַ טרער פון אַ יחיד, פון ברענגען אַ שטיקל טרייסט אַ געפאַלענעם מענטשן. ר׳ שלמה האָט זיך פאַרמאָסטן גאָר גרויס. אָדער אַלץ, אָדער גאָרנישט. ער האָט פונקט אַזאַ פאַראַכטונג פאַר קליינע מצוהלעך, ווי פאַר קליינע עבירהלעך. פּרץ האָט געשריבן זיין „גאָלדענע קייט" אונטער דער ווירקונג פון צוויי מאַג־נעטישע געשטאַלטן, וואָס האָבן אים אין יענעם פעריאָד אַמשטאַרקסטן באַאיינפלוסט, — פרידריך ניטשעס „איבער־מענטש" און דער קאָצקער רבי. אָבער ר׳ שלמה איז מענטשלעכער, דערבאַרעמדיקער ווי דער קאָצ־קער; דאָס גרויסע האַרץ און די גרויסע לייטזעליקייט פון פּרצן האָט אים געשטערט צו לאָזן דעם קאָצקער מיט זיין גאַנצע מידת־הדין אַריינגיין אין ר׳ שלמהן. האָט דעריבער פּרץ אַריינגעגעבן ר׳ שלמהן אויך אַ פונק פון ביאַלער. ר׳ שלמה פונקט, ווי דער קאָצקער, יאָגט טאַקע פון זיך די קליינע מצוהלעך און די קליינע ייִדעלעך, אָבער פונקט ווי דער ביאַלער וויל ער אויסלייזן די וועלט פון מרה־שחורה...

***

אָבער פּרץ האָט נישט נאָר אַריבערגעשפּרייזט די גרענעץ פון וואָרט, נאָר אַפילו די גרענעץ פון געזאַנג, פון ניגון.

פון אַלע ייִדישע שרייבער האָט ער זיך אַמווייניקסטן באַגרענעצט מיט בלויז שרייבן און זינגען. פּרץ האָט נישט נאָר געשריבן פאַרן טעאַ־טער, נאָר אויך אַקטיוו באַטייליקט זיך אין בויען דאָס נייע ייִדישע טעאַטער; פּרץ האָט נישט נאָר געמייסטערט און געפורעמט די ייִדישע שפּראַך, נאָר אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן די באַרימטע טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די רעכט און די חשיבות פון דער שפּראַך פון דער אויפגעוואַכטער ייִדישער מאַסע; פּרץ האָט נישט נאָר געלייענט לעקציעס אין וואַרשעווער „הזמיר", נאָר איז געווען איינער פון זיינע בויער; און אַז ייִדישע היימלאָזע האָבן אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה גענומען שטראָמען קיין וואַרשע, האָט פּרץ זיך נישט באַ־גנוגנט מיט באַזינגען און באַוויינען אויפן פּאַפּיר זייער גורל, נאָר איז

אַרויס העלפֿן שאַפֿן אַ דאַך פֿאַר די היימלאָזע און אַ ביסל וואַרעם געקעכץ און אַ וואַרעם ווינקל פֿאַר זייערע קינדער. און אַז עס זענען נישט געווען קיין לידער אויף צו זינגען מיט די קליינע, היימלאָזע ייִדעלעך, האָט פּרץ זיך אַוועקגעזעצט שרייבן פֿאַר זיי קינדער־לידער און טאַקע אינמיטן שרייבן אַזאַ ליד האָט פּרצעס האַרץ זיך אויף אייביק אָפּגעשטעלט.

אויך אין דעם פּרט איז פּרץ געבליבן געטריי דער נאַציאָנאַלער ייִדישער אידעע, וועלכע שטעלט אויפֿן צווייטן אָרט דאָס שיינע דרשענען און אויפֿן ערשטן אָרט — די טאַט, דאָס טון. זאָלן אַנדערע „ריינע קינסטלער" זיך אויסהיטן פֿון „פֿאַרשוועכן" זייער קונסט מיט געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, מיט „קהלשע ענינים". דער גרויסער פּרץ האָט דערפֿאַר נישט קיין מורא געהאַט און עס האָט אים אויך נישט געשאַט. זיין קונסט איז דערפֿון נישט קלענער געוואָרן, נאָר גרעסער.

דאָס איז טאַקע אויך געווען איינע פֿון די אורזאַכן, פֿאַרוואָס פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע שרייבער איז פּרץ געוואָרן דער ליבלינג און פֿירער פֿון דער נאַציאָנאַלער ייִדישער יוגנט פֿון זיין דור, סיי פֿון דער אַרבעטער־יוגנט און סיי פֿון דער יוגנט פֿון שולע און בית־המדרש. ער האָט פֿאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפֿטן, וואָס וועקן די שענסטע חלומות אין יונגע הערצער; ער האָט צו זיי אין די גרויע געסלעך געבראַכט דאָס באַפֿליגלטע וואָרט, דאָס דערהויבענע געזאַנג פֿון אויסלייזונג, צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט דער מענטשלעכער טאַט.

אויך אונדזער דור וואָלט געקענט נאָך אַ סך געניסן פֿון דער גרויסער פּרץ־ירושה. מען דאַרף נאָר וועלן פֿון איר געניסן — מען דאַרף נאָר פּרוּוון זיך אויפֿהייבן צו פּרצן; מען דאַרף נאָר אָנטון זיך אַ כּוח און אָפּרייסן דאָס אויער פֿון די מרה־שחורהדיקע לידער פֿון אונטערגאַנג און זיך איינהערן אין דעם גלויביקן און אייביק־יונגן געזאַנג פֿון פּרצן.

ניו־יאָרק, מאַי 1952

צווייטער טייל

אייגענע און נאענטע

ב. יאושזאָן

ב. יאושזאָן.

פּאַר הונדערטער טויזנטער ייִדן פון פּאַר־מלחמהדיקן פּוילן, און אויך ווייט איבער פּוילנס גרענעצן, איז דאָס געווען דער נאָמען פון זייער באַליבטסטן צייטונגס־שרייבער, וואָס האָט טאָג־טעגלעך, פריִער אין דער וואַרשעווער צייטונג „מאָמענט" און די לעצטע יאָרן אין ציוניסטישן וואַר־שעווער „היינט", זיי פאַרשאַפט נחת־רוח מיט זיין בליציקן הומאָר און מיט זיינע לומדישע איינפאַלן און תורה־ווערטלעך, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ ספּעציעלן ייִדישן אַראָמאַט זיין שרייבן. מען פלעגט אָפּט אין די באַנען, אין די גערטנער און אַפילו אין די בתי־מדרשים הערן, ווי פּוילישע ייִדן רעדן שעהן־לאַנג וועגן זייער „איטשעלען" (זיינע פּריוויטיקדיקע שמועסן וועגן דער וועלט־פּאָליטיק אונטערן נאָמען „פּאָליטישע בריוו־לעך", געשריבן אין אַ הומאָריסטישן טאָן, פלעגט ער חתמענען מיטן נאָמען „איטשעלע"). „האָסט געלייענט, ווי איטשעלע האָט זיי אַריינגע־זאָגט?", „וואָס זאָגסטו היינט צו איטשעלען?"; „אָט דאָס הייסט — אַ פּען!" ייִדן האָבן זיך פּשוט נישט געקענט אָפּלויבן פון „איטשעלען". אי־טשעלעס אַ גלייכווערטל וועגן ענגלאַנד אָדער וועגן אַ היימישן פּאָליטישן קעגנער פלעגט ארומגיין אין ייִדישע מיילער פון איין עק פּוילן ביזן צווייטן.

ב. יאושזאָן (משה יוסטמאַן) איז געווען דער שאַרפסטער און טעמ־פּעראַמענטפולסטער ציוניסטישער זשורנאַליסט אין פּוילן. ער פלעגט עס פירן די מלחמה מיט די קעגנער; ער פלעגט טאָג־טעגלעך זיך אָפּרופן אויף אַלע וויכטיקע געשעענישן אינעם ייִדישן לעבן אין פּוילן. און ווי

איז געווען צו דעם, וועלכער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער יאושזאָנס שאַר־פער פען. ב. יאושזאָן האָט געקענט די קונסט פון שטעכן מיט אַ וויץ, מיט אַ משל, וואָס אָנגעהויבן האָט ער זיך, דאַכט זיך, מיט אַ בן־מלך, און זיך געענדיקט מיט אַ דין שפּילקעלע, וואָס האָט געטראָפן אויפן סאַמע אָנגעווייטיקסטן אָרט.

איך האָב יאושזאָנען נישט ליב געהאַט. איך האָב אָנערקענט זיין שרייבערישן טאַלאַנט, אָבער איך האָב אים נישט געקענט מוחל־זיין זיין חוזק־טאָן קעגן סאָציאַליסטן. צו אַנטי־ציוניסטן האָט יאושזאָן זיך באַ־צויגן ווי צו משומדים, אין בעסטן פאַל ווי צו האַלבע ייִדן. מיך פלעגט אויסקומען צו פּאָלעמיזירן אין דער וואַרשעווער „פּאָלקסצייטונג" מיט יאושזאָנען, און הגם די דאָזיקע פּאָלעמיק האָט קיינמאָל, נישט פון מיין זייט און נישט פון זיין זייט, נישט געטראָגן קיין כאַראַקטער פון פּערזענ־לעכע אָנגריפן, איז זי אָבער שטענדיק געווען אַ שאַרפע, אַ בייסיקע, יעדנפאַלס איז זי געווען זייער ווייט פון צו זיין אַ פריינטלעכע.

מיר איז אויך געווען דערווידער, וואָס יאושזאָן פלעגט זיך פאַר־שטעלן אַלס רעליגיעזער ייִד. איך האָב געוווסט, אַז אַפילו איינציקע שריי־בער פון דער אָפיציעלער אָרטאָדאָקסישער צייטונג אין וואַרשע, „דאָס ייִדישע טאָגבלאַט", זענען געווען „געכאַפּט אין דער מעשה" און זייער פרומקייט איז געווען נישט מער ווי אָנשטעל. איז ווי האָב איך געקענט גלויבן אין דער פרומקייט פון אַזאַ טעמפּעראַמענטפולן זשורנאַליסט, ווי יאושזאָן, וועלכער האָט געאַרבעט שטענדיק אין נישט־פרומע צייטונגען און וואָס זיין ערשטער אַרויספאַר אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַ סאַטירישער ראָמאַן פון דעם לעבן פון די פּוילישע רביים, אונטערן נאָמען „אין רבינס הויף"? איך בין געווען זיכער, אַז אויך זיין רעליגיעזקייט איז נישט מער ווי אַן אָנשטעל, מיט וועלכער ער וויל זיך צושמייכלען צו זיינע צענדליקער טויזנטער פרומע לעזער.

פּערזענלעך האָב איך זיך מיט ב. יאושזאָנען נישט באַגעגנט. איך האָב געוווסט, אַז יאושזאָן איז דער רייכסטער ייִדישער זשורנאַליסט אין פּוילן. די ייִדישע פּרעסע אין אָרעמען פּוילן איז געשטאַנען אויף אַזאַ מדרגה, אַז זי האָט ביז די לעצטע יאָרן, פאַרן אויסברוך פון דער צווייי־טער וועלט־מלחמה, געצאָלט גאָר הויכע האָנאָראַרן אירע מיטאַרבעטער,

אַפילו אין פֿאַרגלייך מיט דער ייִדישער פּרעסע אין אַמעריקע. יאָושזאָן איז געווען אין פּוילן דער בעסט־באַצאָלטער ייִדישער צייטונגס־שרייבער. פֿאַר אים האָבן געקעמפט צווישן זיך די צוויי גרעסטע ייִדישע נאַציאָנאַלע צייטונגען אין פּוילן — „מאָמענט" און „היינט". און ווען דעם „היינט" האָט זיך איינגעגעבן „אַרויסצורייסן" ב. יאָושזאָנען, איז די ציר־קולאַציע פון דער צייטונג מיטאַמאָל געשטיגן אויף טויזנטער עקזעמפּ־לאַרן. מחנות פון יאָושזאָנס לעזער זענען מיט אים מיטגעגאַנגען פון „מאָמענט" אין „היינט". יאָושזאָן איז דעריבער געווען דער גביר אין דער ייִדישער שרייבער־משפחה אין פּוילן, און אויך דאָס האָט קנאַפּ געקענט ווירקן, מיר זאָלן זיך דערנענטערן. אויסגעזען האָט עס, אַז מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט באַגעגענען. אונדזערע וועגן זענען געווען קעגנזעצ־לעכע און עס איז, דוכט זיך, נישט געווען קיין איין פּונקט, אין וועלכן זיי זאָלן זיך צונויפטרעפן.

אָבער אָט איז געקומען די מלחמה, און איך האָב מיטאַמאָל דערזען לעבן זיך — יאָושזאָנען; און זינט יענעם מאָמענט איז דער דאָזיקער פֿאַרביסענער פּאָליטישער קעגנער מיינער, געוואָרן איינער פון מיינע אינטימסטע און נאָענטסטע פריינט.

***

דאָס איז געווען אין אַ פינצטערער, טראַגישער סעפּטעמבער־נאַכט פון 1939. וואַרשע האָט זיך געריכט, אַז מאָרגן זאָלן אַריין אין שטאָט די נאַציִשע האָרדעס. די פּוילישע רעגירונג האָט אינאָווונט געגעבן צו וויסן, אַז ביינאַכט גייט אָפּ פון וואַרשע דער לעצטער צוג, און מיט דעם צוג דאַרפן אויך אַרויספאָרן די פירנדיקע זשורנאַליסטן פון וואַרשע, דאָס הייסט, די, וואָס געפינען זיך זיכער אויף דער נאַציִשער „שוואַרצער ליס־טע". צווישן דער גרופּע עוואַקויִרטע זשורנאַליסטן האָבן זיך געפונען 16 ייִדן פון אַלע וואַרשעווער ייִדישע צייטונגען. יעדער האָט באַקומען אַ באַפעל מיטצונעמען נאָר אַ קליינע האַנט־וואַליזע, ווייל פֿאַר באַגאַזש איז אין צוג קיין אָרט נישטאָ. עס איז אַפילו פֿאַר יעדן פון אונדז נישט גע־בליבן קיין צייט זיך רעכט צו געזעגענען מיט דער פֿאַמיליע. קיין טראַמ־וויען און טאַקסיס האָבן שוין אין שטאָט נישט קורסירט. די טראַמווייען

זענען געלעגן טויטע און פינצטערע אין מיטן גאַס, כדי צו דינען אַלס באַריקאַדן קעגן היטלערס טאַנקן...

אַזוי ווי די שעה, ווען דער צוג וועט אָפּגיין, איז געהאַלטן געוואָרן אין געהיים, צוליב דער מורא פאַר שפּיאָנען, האָט מען זיך געמוזט איילן, כדי וואָס פריִער אָנצוקומען צופוס צום ווייטן מזרח־וואָקזאַל. דער געדאַנק, אַז „מאָרגן קומט היטלער" און „באַלד גייט אָפּ דער לעצטער צוג", האָט געטראָגן, ווי אין דער לופטן, די מידע פיס איבער די אויסגעשטאָרבענע, פינצטערע וואַרשעווער גאַסן. באַלד זענען מיר שוין אַלע געווען איינגעפּרעסט אין וואַגאָן: אַרטאָדאָקסן און סאָציאַליסטן, ציוניסטן און פאָלקיסטן, אומפּאַרטייאישע און „נאַש פּזשעגלאָנדיסטן" (די רעדאַקטאָרן פון דער ייִדיש־פּוילישער צייטונג „נאַש פּזשעגלאָנד") — די גאַנצע פאַרבנרייכע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט פון פאַר־מלחמהדיקן פּוילן איז דאָ איצט געווען צונויפגעטוליעט אין פינצטערן וואַגאָן.

און דעמאָלט, ווען יעדער פון אונדז איז געזעסן פאַרזונקען אין זיינע פינצטערע געדאַנקען וועגן די נאָענטסטע, וואָס ער לאָזט דאָ איבער און וועגן דער אומבאַקאַנטקייט, אין וועלכער ער לאָזט זיך איצט — אין יענעם מאָמענט האָב איך מיט אַמאָל דערפילט אויף מיינע פּלייצעס אַ האַנט. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען אין דער פינצטער דאָס בלייכע פּנים פון יאושזאָנען.

— אונדזער פּאָלעמיק איז איצט איבערגעריסן געוואָרן — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ שטילן, וואַרעמען טאָן.

— יאָ, איבערגעריסן געוואָרן — האָב איך אים געענטפערט, און אינסטינקטיוו אָנגערירט זיין האַנט.

די איינזאַמקייט האָט אין יענער טראַגישער נאַכט אַזוי געפּרעסט דאָס האַרץ, אַז עס האָט זיך מער ווי ווען־עס־איז פריִער געבענקט נאָך אַ נאָענטן מענטשן, נאָך אַ ביסל מענטשלעכער וואַרעמקייט. מיר האָבן געפילט, ווי אַ וועלט גייט אונטער. פאַר די אויגן איז געשטאַנען די טראַגיש־פינצטערע נאַכט, אין וועלכער מיר פאָרן איצט אַריין, און אויף אַזאַ וועג איז די שרעקלעכסטע באַגלייטערין — די איינזאַמקייט. עס גייט זיך אַנדערש, ווען דיין האַנט איז דעמאָלט אַריינגעפלאָכטן אין אַ צווייטנס

וואַרעמער האַנט. און די צווייטע, וואַרעמע האַנט איז געווען פאַר מיר אין יענער נאַכט — די האַנט פון יאושזאַנעץ.

און זייט יענער נאַכט האָב איך זיך צו דעם מענטשן צוגעבונדן, און דער דאָזיקער בונד איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אינטימער און פעסטער.

שוין אין די ערשטע שעהן פון אונדזער געמיינזאַמען גלות האָבן מיר געשאַפן אַ קליינע פינף־קעפּיקע קאָמונע, וועלכע האָט מיט איר האַרמאָניע און חברישקייט געדינט אַלס מוסטער פאַר דעם גאַנצן צוג. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, די אָריגינעלסטע קאָמונע, וואָס איז ביז־איצט געשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט: זי איז באַשטאַנען פון ב. יאושזאַן און דעם צווייטן מיטאַרבעטער פון ציוניסטישן „היינט", י. מ. ניימאַן; פון רעדאַקטאָר פון אָרטאָדאָקסישן „אידישן טאָגבלאַט", ד. פלינקער, און פון די צוויי פאַרשטייער פון דער בונדיסטישער „פאָלקסצייטונג" פ. שוואַרץ און איך... די קאָמונע האָט פונקציאָנירט די גאַנצע צייט פון אונדזער פינף־וואָכיקער וואַנדערונג, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין ווילנע, ווו יעדער פון אונדז האָט זיך געמוזט אויסזוכן אַ באַזונדער פאַרבאָרגן ווינקל, זיך צו באַהאַלטן פון דער „געפּעאו".

**
*

מלחמה איז נישט נאָר אַ צייט, ווען מענטשן פאַרלירן פלוצלונג זייער האָב און גוטס, זייער היים און זייער לעבן, נאָר אויך ווען פיל מענטשן פאַרלירן איבערנאַכט זייער מענטשלעך פנים, זייער מאָראַל. איך בין געווען אַן עדות, ווי גיך די מלחמה האָט אויסגעטון נאַקעט און אַראָפּ־געצויגן דאָס לעצטע ביסל מאָראַלישע פאָליטור פון מענטשן, וואָס זענען ערשט, דאַכט זיך, געווען גוט־האַרציקע און מאָראַלישע, און וואָס זייע־רע מאַניערן און שפּראַך זענען געווען פון ערשטן סאָרט. עס איז גענוג געווען, אַז עס זאָלן זיך באַווייזן די ערשטע צייכנס פון לעבנס־געפאַר, אָדער הונגער, כדי אויפן אָרט, ווו עס איז נאָר־וואָס געווען אַ מענטש, זאָלסטו פלוצלונג בלויז געפינען אַ פּאָר שפּיציקע עלנבויגנס, וואָס שטעכן זיך ברוטאַל אַריין אין פלייש פון אייגענע פריינט און ליידנס־ברידער און מאַכן זיך אַזוי אַרום אַ וועג: איך!... איך!... איך מוז זיין דער ער־

שטער!...איך דאַרף דער ערשטער גראַטעוועט ווערן!... איך דאַרף דער ערשטער עסן!...

און אין אַזעלכע פינצטערע מאָמענטן האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ב. יאושזאָן אין זיין גאַנצער מענטשלעכער איידלקייט און דערהויבנקייט. אַ פּיזיש־שוואַכער, האָט ער זיך קיינמאָל אין מאָמענטן פון געפאַר און הונגער נישט געשטופּט. ער האָט שטענדיק זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געלאָזט, אַז פריִער זאָלן זיך ראַטעווען די אַנדערע. און אויך צום עסן איז ער געווען דער לעצטער. ווען עס איז געלונגען נאָך לאַנגע הונ־גער־הפסקות צו באַקומען אַ ביסל שפּייז, האָט ער זיך באַמיט צו בלייבן דער לעצטער. זאָלן פריִער אַנדערע עסן. שטענדיק האָט ער אַזוי אויס־מאַנעווירט, אַז עס זאָל אויסקומען, אַז ער איז דאָ גאָרנישט אויסן, קיינ־מאָל די גוטסקייט נישט געשטופּט יענעם אין די אויגן. נישט געמאַכט קיין ווינט: „אָט זעט, ווי גוט איך בין". פאַרקערט, אַלץ איז כלומרשט געווען דערפאַר, ווייל גראָד האָט זיך עס אַזוי געמאַכט. אָט צופעליק...

און גראָד ער האָט אין וועג מער געהונגערט, ווי אונדזער גאַנצע גרופּע. מיר פלעגן אַמאָל אויף אַ סטאַנציע כאַפּן אַ ביסל זעלנערישע זופּ, אָדער קאַשע. מיר האָבן זיך מיט אים געוואָלט טיילן, אָבער ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט — ער האָט עס נישט געוואָלט עסן, עס איז נישט כשר...

דאָס איז פאַר מיר געווען די רירנדיקסטע אַנטפּלעקונג. שוין אין ערשטן טאָג פון אונדזער צוזאַמענלעבן האָב איך דערזען, אַז ער איז טאַקע אַ טיף־רעליגיעזער מענטש. עס איז, אַלזאָ, נישט געווען ביי אים קיין אָנשטעל. ער, וואָס איז פון אָרטאָדאָקסישן בלאַט פאַרשריגן געוואָרן יאָרן־לאַנג אַלס „אַפּיקורס" און „מומר להכעיס", האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן איינציקן אויפריכטיק־רעליגיעזן ייִדן פון אונדזער גרופּע. גאַנצע טעג האָט ער אָפּגעלעבט מיט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט, אָדער שטיקל עפּל, נישט וועלנדיק זיך צורירן צו דעם איבעריקן עסן, וואָס אונדז איז געלונגען אויפן וועג צו באַקומען. איך פלעג זיך לאַנג און פאַרביסן מיט אים אַמפּערן. עס האָט מיר וויי־געטון, וואָס ער זיצט אַ פאַרחלשטער. מיינע אַלע זאַפּאַסן פּסוקים און תּלמודישע מאמרים, וואָס זענען מיר געבליבן פון ישיבה, האָב איך גענומען צו הילף, כדי אים צו איבערצייגן,

אַז איצט, אין מאָמענט פון „פיקוח נפש”, פון לעבנס־געפאַר, איז נישט נאָר מעג ער עסן נישט־כשר, נאָר ער איז מחויב צו עסן. דווקא מיטן נישט עסן באַגייט ער אַן עבירה, די עבירה פון „המאביד עצמו לדעת”, פון באַגיין זעלבסטמאָרד. דאָס איז, דאַכט זיך, געווען די שאַרפסטע און לײדנשאַפטלעכסטע פּאָלעמיק, וואָס איך האָב מיט אים ווען־עס־איז געפירט... ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. ער האָט מיך פּאַרזיכערט, אַז דערווייל קען ער נאָך אויסהאַלטן. ער איז פּשוט נישט הונגעריק. און באַלד ווי ער וועט דערפילן, אַז ער איז טאַקע הונגעריק, וועט ער זיך צוהערן צו מײַנע פּסוקים...

ער איז אויך געווען אַ לײדנשאַפטלעכער רויכערער. אין די ערשטע טעג האָבן מיר ווי־עס־איז באַקומען פּאַפּיראָסן. מיר פלעגן באַנוצן פּאַפּיראָסן צו אַ דאָפּלטן צוועק: אי אויף צו רויכערן און אי אָנשטאָט עסן. שבת פלעגט ער, פאַרשטייט זיך, נישט רויכערן. זיצנדיק שבת לעבן אים אויף דעם פּויערישן וועגעלע, וואָס האָט אונדז געפירט איבער די באָמבאַרדירטע שטעטלעך פון גאַליציע (ביים פאָרן האָט ער שוין אָנערקענט דעם „פיקוח נפש”), האָב איך קיין האָרץ נישט געהאַט צו רויכערן און האָב טאַקע אויך נישט גערויכערט. אָבער ווען עס איז געקומען פאַרנאַכט, האָב איך אים געוויזן, אַז אייגנטלעך, אויב מען זאָל גוט אַרײַנקוקן אין הימל, קען מען שוין זען שטערן און מען מעג שוין רויכערן, אָבער ער האָט נישט פריִער זיך געוואָלט צורירן צום פּאַפּיראָס ביז די שטערן האָבן שוין אַראָפּגעקוקט אויף אונדזער וועגעלע.

איך דערמאָן זיך אין איינעם פון אונדזערע אומצייליקע אינטימע שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט אויף אונדזער וואַנדער־וועג: דאָס איז טאַקע געווען אויף דעם פּויערישן וועגעלע, איבער וועלכן עס פלעגן זיך כסדר באַווייזן דײַטשע עראָפּלאַנען. פון ווייטנס האָבן זיך געזען שטיקער באַלויכטענער הימל. דאָס האָבן ערגעץ געברענט מענטשלעכע ישובים, אָנגעצונדענע פון נאַצישע באָמבעס. אַ לאַנגע צייט זענען מיר געזעסן און געשוויגן. דער געדאַנק, אַז אָט־אָט קענען מיר געטראָפן ווערן פון אַ דײַטשער באָמבע, אָדער גאָר אַרײַנפאַלן לעבעדיקערהייט אין דער נאַצישער פּאַסטקע, האָט אָפּגענומען דאָס לשון. די האָפענונג, אַז אונדזער פאַרחלשטער פערדל וועט באַווייזן צוצוקומען צו דער רומענישער גרע־

נעץ פּאַר די דייטשע פּאַנצער־דיוויזיעס, וועלכע האָבן אונדז געיאָגט פון הינטן, איז פון מינוט צו מינוט אַלץ בלאַסער געוואָרן. די טריט פון פערדל זענען געוואָרן לאַנגזאַמער, די זאַמדן טיפער און די פאַרצווייפלונג — גרעסער. מיטאַמאָל רופט זיך צו מיר אָפּ יאָושזאָן, ווי ער וואָלט הויך פאַרענדיקט אַ געדאַנק, וועלכן ער האָט אין דער שטיל אָנגעהויבן:

— און דאָך, ווען מען זאָל מיך איצט פרעגן, צי וויל איך, אַז אַלץ זאָל ווידער זיין אַזוי ווי עס איז געווען פאַר דער מלחמה; דאָס הייסט, אַז איך זאָל איצט ווייטער ליגן אין מיין וואַרעמען בעט אין וואַרשע און די וועלט זאָל ווייטער ליגן ביי היטלערס פיס אַ נאַכגיביקע, אַ פאַרחלשטע און ער, היטלער, זאָל ווייטער אומגעשטערט וואַקסן אין אַלע־אַלע אַרו־מיקע לענדער, וואָלט איך געענטפערט אָן וואַקלונגען: ניין, איך וויל נישט! איך וויל מער נישט יענעם צושטאַנד, יענע וועלט! מיטן שטן מוז מען זיך פאַרמעסטן, מען מוז זיך אים אַנטקעגנשטעלן, ווען אַפילו עס זאָל, חלילה, אויסקומען אומצוקומען. קיין שום פיין טאָר נישט זיין צו שווער. איך בין מוחל דעם רוּיקן נעכטן!... מוחל!...

**
*

נאָך וואָכן וואַנדערן איבערן חרובן פּוילן, זענען מיר אָנגעקומען אין גאַליציאַנער שטעטל קאָפּיטשינצע, ווו עס האָבן אונדז באַגעגנט די באָלשעוויקעס. איצט איז אונדזער חלום צוצוקומען צו דער רומענישער גרענעץ שוין געווען ענדגילטיק ליקווידירט און מיר האָבן דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי געפינען ערגעץ אַ ווינקל אין דעם דאָ־זיקן וויסטן שטעטעלע ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. ביי די פּויערים האָט מען געקענט פאַר גאָר ביליק געפינען אַן אָרט. די גרעסטע מערהייט פון אונדזער גרופּע האָט זיך טאַקע אַזוי איינגעאָרדנט. אונדזער קליינע קאָ־מונע, אָבער, האָט זיך אויסגעזוכט אַן אָרט, ווו מען זאָל קענען באַקומען כשר עסן. אונדזער באַשיידענע קאָמונע־קאַסע האָט טאַקע, צוליבן כשרות, געקענט אַ ליאַדע טאָג פלאַצן. אָבער פאַרפאַלן, מיר האָבן איינ־שטימיק באַשלאָסן צו ברענגען דעם קרבן פאַר יאָושזאָנען. גראָד אונטער די באָלשעוויקעס זענען די איינציקע צוויי סאָציאַליסטן פון דער גרופּע, מיין קאָלעגע שוואַרץ און איך, געוואָרן „כשרע“ ייִדן...

נאָך עטלעכע מאָנאַטן פאַרברענגען צוזאַמען אין ווילנע, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אונטער ליטע, איז אָנגעקומען פאַר ב. יאָושזאָנען אַן ארץ ישראל־וויזע. ער האָט דאָס אין אַ גרויסער מאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין זון, אַ סטודענט אין לאָנדאָן, וועלכער האָט באַלד ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, זיך געמאָלדן אַלס פרייוויליקער אין דער ענגלישער אַרמיי. (זיין פרוי און טאָכטער זענען געבליבן אין וואַרשע). מיר זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַן אינטימען געזעגענונגס־אָוונט אין ווילנע און דאָרט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט נישט בלויז ב. יאָושזאָן דער מענטש, נאָר אויך דער סאָציאַליסטישער סימפּאַטיקער. אין אַן אינטימער ווידוי־רעדע, וועלכע האָט געגלאַנצט מיט לומדות און אידעאַליזם, האָט יאָושזאָן געזאָגט, אַז ער האָט זיך איבערצייגט, דאָס צוליב דעם רויך פון פאַרטיי־קאַמף, האָט ער נישט געזען דעם גרויסן אידעאַליזם פון זיינע סאָציאַליסטישע קעגנער. די שווערסטע דין־תורה איז, ווען דו זעסט, אַז אויך דער קעגנער איז גערעכט. און אַזאַ דין־תורה האָט ער איצט מיט זיך אַליין. ער האָט גערעדט וועגן זיין טיפער ליבע צו ארץ ישראל און וועגן זיין טיפן רעליגיעזן גלויבן, אָבער ער האָט געפּרוווט דאָס צו פאַרבינדן מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, אין וועלכן ער האָט דערפילט די רעטונג פאַר דער צעפּייניקטער מענטשהייט.

אין דער רעדע זענען געווען אַ היפּש ביסל פאַרנעפּלטע ווערטער, אומקלאָרע, אָבער דווקא זיי, האָבן נאָך בולטער געמאַכט די טיפע אויפריכטיקייט און מענטשן־ליבע, וואָס האָט פון זיי געאָטעמט.

און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אים באַגלייט קיין קאָוונע, אים אַריינגעזעצט אין באַן און ווען דער צוג האָט אים אַוועקגעפירט, איז מיין הייסטער ווונטש געווען, איך זאָל דערלעבן נאָך אַמאָל צו טרעפן זיך אין וואַרשע מיט דעם דאָזיקן פּאָליטישן קעגנער. דאָס מאָל האָב איך געוווּסט, וועלן מיר זיך שוין באַגעגענען נישט בלויז אין דער פּאָלעמיק...

* * *

און אָט איז אַ קורצער אויסצוג פון זיין לאַנגן, צעוויטיקדיקן בריוו, וואָס איז מיר אָנגעקומען צוזאַמען מיט דער פינצטערער בשורה וועגן זיין טויט — אַ בריוו, אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך סיי זיין גייסטיקער

צושטאַנד און סיי זיין שווערער מאַטעריעלער צושטאַנד אין דער לעצטער צייט:

„אַנטשולדיקט פאַר מיין לאַנגן שווייגן. ערשטנס איז אַ לופט־פּאָסט־בריוו פאַר מיר אַ זייער טייערער ביסן, אַן הוצאה (צווישן אונדז זאָל עס בלייבן) פון דריי מיטאָגן... צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — בין איך לעצטנס אַזוי דערשלאָגן פון די דאגות און גרויליקע צייטונגס־ידיעות וועגן דער אַלטער היים, פון וועלכער כ׳האָב שוין מאָנאַטן־לאַנג די מינדעסטע ידיעה נישט, אַז אין אַן אויפריכטיקן בריוו צו אַ פריינט און אָח־לצרה, וואָלט איך באַדאַרפט אָנשטאָט אַ ידידי־בריוול זאָגן קינות. יאָמערן און קלאָגן אויף אונדזער מוראדיקן חורבן, וועלכן מיר אַליין מיט אונדזערע אָפּגעטעמפּטע חושים האָבן שוין, דאַכט זיך, אויפגעהערט תופס צו זיין. וואָס האָבן מיר נאָך יידן שוין גאָר אין בעסטן פאַל צו דערוואַרטן, נאָך דער דאָזיקער טייוולאָנישער מאַסן־פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג? וואָס פאַר אַ טרייסט קען זיין פאַר אונדז דער גלויבן און האָפענונג, די זיכערקייט און הונדערט־פּראָצענטיקע איבערצייגונג אין די ישועות־ונחמות פון „באחרית הימים”, אויב נאָר אַ קליינער שריד־ופליט, די גליקלעכע, וועלכע האָבן באַוויזן באַצייטנס זיך צו ראַטעווען, וועלן זוכה זיין צו זען די נחמה?

„להיפוך! לעצטנס ווער איך כסדר געפּייניקט פון געדאַנק, אַז דאָס גרעסטע פאַרברעכן, וואָס איך האָב אָפּגעטון אין מיין זינדיקן לעבן איז, וואָס איך האָב זיך באַמיט צו זיין איינער פון די דאָזיקע גליקלעכע יחידים און — אַבי זיך, דאָס אייגענע נפשל געראַטעוועט.

„אָבער אַזעלכע שטייגער קלאָג־בריוו ווילט זיך נישט און מ׳טאָר נישט שרייבן צו אַ גוטן פריינט. נאָך וואָס מצער זיין און רייסן די בשותפותדיקע ווונדן?

„...אונדזער עולם דאָ (די איבעריקע יידישע שרייבער פון פוילן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל — ב. ש.) זע איך זייער ווייניק. זיי זיצן אַלע אין תל אביב. איך דאַקעגן פּראַווע מיר ווייטער מיין התבודדות און „ספּלענדיד אַליישאָן” אין ירושלים, אַריינגעטאָן בראשי ורובי אין די ספרים און ביכער. ווי שטייט דאָרט אין פּסוק: „לולא תורתך שעשועי — אָז אבדתי בעניי”. פאַר מיר איז דאָס נישט קיין מליצה, נאָר טאַקע אַן אמת. עס איז דאָס איינציקע, וואָס גיט מיר נאָך אַ ביסל חיות”.

און די לעצטע ווערטער פון בריוו:

„...און גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן נאָך זוכה זיין צו זען זיך אין פריידן. ווי מיינסטו, מיר וועלן נאָך זוכה־זיין?
דיין בלב־ונפש — משה”.

ניין, מיר וועלן מער נישט זוכה זיין...

ניו־יאָרק, מערץ 1942

שלמה מענדעלסאָן

עס טרעפט פון צייט־צו־צייט, ווען דאָס לעבן, ווי אַ גוטער לערער, פאַרטייטשט געוויסע דערשיינונגען נישט מיט דער הילף פון ווערטער, נאָר מיט דער הילף פון לעבעדיקע ביישפּילן. שלמה מענדעלסאָן איז געווען די בעסטע לעבעדיקע פאַרטייטשונג, וואָס דאָס לעבן האָט געקענט געבן פאַר דער גרויסער היסטאָרישער דערשיינונג, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען וועלטלעכע ייִדישקייט אין פּוילן.

צי קען זיין אַזאַ זאַך ווי וועלטלעכע ייִדישקייט? — האָבן זיך אַ סך געפרעגט אין יענע יאָרן, ווען פאַר די אויגן פון דער ייִדישער יוגנט אין פּוילן האָט אויפגעשיינט דער מאָרגנשטערן פון די מאָדערנע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און עס האָט גלייכצייטיק אַ פלאַטער געטון די פעלערינע פון י. ל. פּרץ.

קען מען טאַקע צונויפפּאָרן ייִדישקייט מיט וועלטלעכקייט?

איז מעגלעך, אַ ייִד זאָל זיך אָנטאָן וועלטלעכע פליגל און דאָך נישט אַוועקפליִען אויף דער צווייטער זייט?

אַפילו מאַנכע סימפּאַטיקער פון דער נייער ייִדישקייט האָבן אין אַזאַ מעגלעכקייט געצווייפלט. און דאָס לעבן האָט באַרעכטיקט די דאָזיקע צווייפלען. די רעזולטאַטן פון דער השכלה־באַוועגונג האָבן געשראָקן. די ערשטע סטאַנציע נאָך דער אַלטער, פרומער ייִדישקייט איז געווען די פרעמדע וועלט. אינמיטן — צווישן בית־המדרש און דער אַסימילאַציע — איז קיין סטאַנציע נישט געווען. עס איז געווען מדבר.

אויך שפּעטער, ווען אינמיטן האָבן זיך שוין באַוויזן די גרינע אינדזלען פון דער נייער ייִדישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, איז דער

צווייפל נישט פאַרשווונדן. פיל דרויסנדיקע ייִדן האָבן מיט אומצוטרוי געקוקט אויף דער וועלטלעכער ייִדישקייט אין פוילן. זיי זענען געווען זיכער, אַז עפּעס מוז פאַרט ביי די נייע ייִדן אונטערהינקען: אָדער זייער ייִדישקייט, אָדער זייער וועלטלעכקייט.

אָבער אַפילו די גרעסטע צווייפלער וואָלטן געמוזט קאַפּיטולירן פאַר אַזאַ לעבעדיקן ביישפּיל, ווי עס איז געווען שלמה מענדעלסאָן. דאָ האָט קיין איין זייט נישט אונטערגעהונקען. ער איז געווען דער פערפעקטער סינטעז פון ייִדישקייט און וועלטלעכקייט. ער איז געווען דער מוסטער פון דעם נייעם ייִדן, וואָס דאָס פוילישע ייִדנטום האָט אין זיין דערהויבנסטער עפּאָכע אַרויסגעגעבן.

***

שוין אין דער פריִער יוגנט האָבן זיך די דאָזיקע צוויי עלעמענטן — ייִדישקייט און וועלטלעכקייט — אויפן נאַטירלעכסטן אופן באַהאַפטן אין מענדעלסאָנען. דאָס קינד פון חסידיש־נגידישן וואַרשעווער הויז געפינט אַליין אַ וועג צו דער גימנאַזיע, נישט פאַרלאָזנדיק דערביי דאָס בית־המדרש. ברענענדיקער נייגער און דורשט נאָך וויסן, געפּאָרט מיט זעלטענע פעיִקייטן און מיט זוניקער לעבנס־פרייד — אייגנשאַפטן, וועלכע מענדעלסאָן האָט דורכגעטראָגן דורך אַלע אַנטווישונגען און גלותן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — האָבן דעם יונגן בחורל פאַרשפּאָרט דעם דראַמאַטישן „פאָטער־און־זון־קאַמף". טויזנטער אַנדערע האָבן, געפינענדיק זיך „אויפן שייד־וועג" („על פרשת דרכים"), געדאַרפט באַשליסן: אָדער איבעררייסן מיט דער היים, אָדער רעזיגנירן פון דער דרויסנדיקער שימערירנדיקער וועלט — פון דער וועלט פון בילדונג. מענדעלסאָן, אָבער, האָט פאַרמאָגט געגנוג כוחות אויסצוקלייבן אַ דריטן וועג: ער איז געגאַנגען אי אין בית־המדרש, אי אין דער גימנאַזיע. דאָס לעצטע — אין געהיים. ער האָט זיך געקענט דערלויבן גלייכצייטיק צו שעפּן פוןביידע קוואַלן.

אָבער עס איז געווען נאָך אַ דריטער קוואַל, צו וועלכן דער יונגער מענדעלסאָן האָט אַ דורשטיקער זיך געוואָרפן — דאָס איז געווען די נייע ייִדישע ליטעראַטור, דאָס איז געווען י. ל. פּרץ. שוין אַלס בחורל

פון פופצן יאָר האָט מענדעלסאָן אָנגעהויבן „נאָכגיין" פּרצן. מענדעלסאָן האָט מיר אַמאָל אין אַן אינטימען שמועס דערציילט, ווי טיף עס איז געווען די ווירקונג, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט די באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן. אים האָט צוגעצויגן פּרצעס פילפאַרביקייט, זיין ברייטער פאַרנעם, זיין וואַרעמע פאָלקסטימלעכקייט און גלייכצייטיק זיין אָדלער־פלי — אַלץ אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי אַריינגעפּאַסט אין דער ברייטער פּויליש־יידישער לאַנדשאַפט. אים האָט געכישופט פּרצעס אייביקער אומרו, פּרצעס שעפערישער פיבער, פּרצעס אָפּטימיסטישע אומצופרידנקייט, וואָס האָט אַלע אַרומיקע אָנגעשטעקט; פּרצעס בונט קעגן וואָכעדיקייט.

מענדעלסאָן האָט געזען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און אין פּרצן די דערהויבונג פון יידיש און פון דער יידישער מאַסע — „פון סמאַטשע און סטאַווקע", די גאַסן פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט, וועלכע דער יונגער מענדעלסאָן האָט באַשלאָסן צו דינען.

דאָס איז געווען דער וועג, וואָס האָט געפירט דעם סטודענט מענדעלסאָן צו דער יונגער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי, דורך וועלכער די אָרעמע, דערשלאָגענע יידישע האַנטווערקער און קליינע הענדלער פון פּוילן זענען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַרויס אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע און געגומען רעדן שטאָלצע, מענטשלעכע רייד.

און דורך דעם זעלבן וועג איז שפּעטער, אין 1928, דער רייפער, פאַרטיפטער און שעפערישער מענדעלסאָן געקומען צום סאָציאַליזם — צום „בונד".

מענדעלסאָן האָט אַליין דעם דאָזיקן גאַנג זיינעם אַזוי דערקלערט:

„ווען איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די ליידן און פּיין פון דער יידישער סמאַטשע און סטאַווקע קענען נישט באַזייטיקט ווערן אַזוי לאַנג, ווי עס וועלן זיך נישט ענדיקן אויך די ליידן פון די אַנדערע, פון די נישט־יידישע אָרעמע גאַסן — דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ סאָציאַליסט".

מענדעלסאָן איז געקומען צום סאָציאַליזם דורך זיין ליבשאַפט צו די יידישע מאַסן, צו יידיש. כדי אויסצולייזן די יידישע מאַסן, מוז מען אויסלייזן די וועלט. ער איז געקומען צום סאָציאַליזם מיט פּרצן. דערפון די דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע ליבע פון מענדעלסאָנען צו דער יידישער

קולטור, צו דער ייִדישער שולע — זיין געצערטלט קינד; דערפון די פאַרליבטקייט זיינע אין ייִדישן ליד, אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער דאָס איז געווען אַ פאַרליבטקייט אָן פאַרבלענדעניש, אָן פאַרמאַכטע אויגן. אַ פאַרליבטקייט, וואָס איז געבויט נישט אויף עפּעס אַ מיסטעריעזע פאַר־כישופטקייט, נישט אַ ליבע „אויפן ערשטן בליק", נאָר אַ ליבע, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון טיפע איבערלעבונגען און רייפע, דורכגעטראַכטע מיי־נונגען.

דאָ ליגט, אייגנטלעך, דער צויבער פון מענדעלסאָנס כאַראַקטעריסטיק. אמת, מענדעלסאָנס מייסטערשאַפט אין באַהערשן די טעמע, אין פאַרטיילן דעם מאַטעריאַל, אין שאַפן דעם סינטעז צווישן קלאָרקייט און גייסט־רייכקייט, אין דער בילדערישקייט און אין הומאָר — דאָס אַלץ צוזאַמען מיט זיין אָנגענעמער, טיפער שטימע זענען געווען גענוג אים צו שטעלן אין דער רייע פון די בעסטע ייִדישע רעדנער. אָבער אַמשטאַרקסטן האָט געווירקט דער געצוימטער פּאַטאָס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די ווער־טער און זיי באַפליגלט. עס האָט זיך אַ טראָג־געטון אַ פרישער ווינט פון יענעם רוישיקן פּויליש־ייִדישן וואַלד פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.

מענדעלסאָן, דער באַגאַבטער פּובליציסט און רעדנער, האָט אָפט גערעדט און געשריבן נישט בלויז וועגן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע און ייִדיש־ליטעראַרישע ענינים, נאָר אויך וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלע־מען. זיין ברייט וויסן האָט אים דערלויבט גלייך נאָך אַ געשליפענער לי־טעראַרישער עסיי וועגן דעם קאָמפּליצירטן ה. ד. נאָמבערג (זיין איב־טימער פריינט) צו שרייבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די סאָציאַליסטישע פּערס־פּעקטיוון אין דער נאָכמלחמהדיקער אייראָפּע. זייט יענעם טאָג, ווען מענ־דעלסאָן האָט צוזאַמען מיט סמאָטשע און סטאַווקע אָנגעהאַנגען זיין ייִדי־שע עוולה „אויפן גרויסן בוים פון דער וועלט־עוולה" (זיין אויסדרוק), האָט ער שוין די פאַרבינדונג מיט דער וועלט אויף קיין איין מינוט נישט איבערגעריסן. „מען קען — האָט ער ערשט מיט געציילטע וואָכן פאַר זיין פּלוצלינגן טויט בעת אַ לעקציע־טור אין לאָס אַנדזשעלעס אין פעב־רואַר 1948, געשריבן — מען קען ווערן אין כעס אויף דער וועלט, אָבער מען קען פון איר נישט אַנטלויפן, מען קען זיך מיט איר נישט גטן". און

מענדעלסאָן — צי דאָס איז געווען אין פֿאַר־מלחמהדיקן פּוילן, צי אויף זיין וואָגלער־וועג אין מזרח־אייראָפּע אין די ערשטע קריגס־יאָרן, צי שפּעטער אין אַמעריקע — איז קיינמאָל פֿון דער וועלט נישט אַנטלאָפֿן. אָבער וועגן וואָס מענדעלסאָן זאָל נישט האָבן גערעדט אָדער געשריבן — זיין באַליבסטסטע טעמע איז שטענדיק געבליבן: די דערהויבונג פֿון „סמאָטשע און סטאַווקע״, און זיין באַליבטע מעלאָדיע — דער פּרץ־ניגון.

און ווען „סמאָטשע און סטאַווקע״ זענען איינגעמויערט געוואָרן אין די געטאָס און שפּעטער געטריבן געוואָרן אין די טויטן־קאַמערן, איז עס געווען מענדעלסאָן, וואָס האָט דעם לעבעדיקן גערויש פֿון די געטאָס און די פֿירכטערלעכע שטילקייט פֿון די טרעבלינקעס געבראַכט אין די מי־טינג־זאַלן און אין די היימען פֿון פֿילע טויזנטער ייִדן אין אַמעריקע.

***

געטאָ־ליידן, געטאָ־געזאַנג, געטאָ־ העלדישקייט — מיט וואָסער אָפּ־געציטערטקייט און צערטלעכקייט שלמה מענדעלסאָן האָט טאָג און נאַכט צונויפֿגעקליבן די דאָזיקע אַלע קלאַנגען און אָפּקלאַנגען פֿון „דאָרט״, און זיי צוגעטראָגן צו אונדזערע אויערן.

און מיר האָבן דערהערט אַלע קלאַנגען און אַלע וויבראַציעס פֿון דער דאָזיקער העראָאיש־טראַגישער סימפֿאָניע. עס האָט דורך מענדעל־סאָנס מויל גערעדט דער פֿאַרפּייניקטער קרבן און עס האָט גערעדט דער שטאָלצער מאָנער. און איןביידע פֿאַלן האָבן מיר דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ פֿון מענדעלסאָנען ווערט מיט אַזאַ דערהויבענער פֿאַרשווענדעריש־קייט געוואָרפֿן אויפֿן מזבח פֿון „סמאָטשע און סטאַווקע״.

אָבער טאַקע אין נאָמען פֿון די אידעאַלן פֿון „סמאָטשע און סטאַוו־קע״ האָט מענדעלסאָן, ווי טיף עס איז אים נישט געווען זיין טרויער, די הענט נישט אַראָפּגעלאָזט. „סמאָטשע און סטאַווקע״ האָבן געמאָנט פֿאַר־זעצונג. די, וואָס גייען צוריק פֿון בית־עולם, מוזן לעבן. ייִדיש לעבן דאַרף צוריק אויפֿגעבויט ווערן. מען דאַרף פֿאַרבינדן די וווּנדן, מען דאַרף אָפּווישן אַ טרער, מען דאַרף דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער, מען דאַרף טון וואָכעדיקע אַרבעט אין אונדזער חרובן הויז, און וואָכעדיקע אַרבעט פֿאַר־לאַנגט גלויבן, פֿאַרלאַנגט פּאַטאָס, אויב מען וויל נישט זי זאָל איינגעזונ־

ב. שעפנער

קען ווערן אין זומפּ פון פילאַנטראָפּיע, נאָר זאָל דינען אַלס טרעפּל וואָס פירן אַרויף.

„מען דאַרף דאָס וואָכעדיקע טובל זיין אין ים פון גרויסע טרוימען, פון גרויסע פאַרלאַנגען" — האָט ער גערופן.

און דאָס איז עס געווען, וואָס מענדעלסאָן האָט געטון זינט דעם גרויסן חורבן־פּוילן. אונטערן צייכן פון דער דאָזיקער ווידעראויפבוי־אַרבעט פון יידישן לעבן איז עס געשטאַנען די שאַפונג פון וועלט־קאָאָר־דיניר־קאָמיטעט פון „בונד", אין וועלכער מענדעלסאָן האָט געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָל. עס איז געווען דער פיבערדיקער דראַנג און די בענק־שאַפט נאָך המשך, מיט וועלכע מענדעלסאָן האָט אָנגעשטעקט די אַלע, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג. עס איז געווען דער פלאַ־טערנדיקער יידישער פּרק־ניגון, וואָס מענדעלסאָן האָט אַרומגעטראָגן אויך אין אונדזערע טריבע, טרויעריקע טעג.

ניו־יאָרק, פעברואַר 1948.

דער טונקעלער

דער טונקעלער (יוסף טונקעל), האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק צו זיין דער פּאָפּולערסטער פרייד־צושטעלער פון די פוילישע יידן אין פאַרלויף פון העכער צוויי צענדליק יאָר. ער, דער באַברויסקער ליטוואַק, איז געווען דער באַליבטסטער, אָממייניסטן געלייענטסטער און אַממיינסטן געהערטער הומאָריסט אין פוילן אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און אויך שפּעטער, אין די געטאָס, אַז איר זענט פאַרבייגעגאַנגען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס איבערן ליידיקן מאַרק־פּלאַץ פון אַ יידיש שטעטל אין פוילן און געהערט ווי פון דעם ליכטיקן פּייערלעשער־זאַל, אָדער ביבליאָטעק־לאָקאַל טראָגט זיך אַ פריידיק יידיש געלעכטער, האָט איר נישט געדאַרפט ערשט האָבן קיין ווייטן בליק, כדי זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס קוועלן יידן אָן פון שלום עליכמען, אָדער פון טונקעלערן. יעדער יידישער אַקטיאָר און דעקלאַמאַטאָר האָט געוווּסט, אַז מיטן טונקעלער גייט ער אויף אַ זיכערער בריק. דער עולם וועט זיכער לאַכן און אַמאָל אויך שעלטן פון גרויס הנאה:

— אַז געשעדיקט זאָל ער ווערן!...

ווען מען זאָל צונויפנעמען אין אַ זאַל די פרייד, וואָס דער טונקע־לער האָט געבראַכט די פּוילישע יידן בלויז אין איין ווינטערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס, וואָלט זיך באַקומען אַזאַ וווּנדערלעכער אוצר, וואָס וואָלט דרייסט געקענט פאַרנעמען אַן אָרט צווישן פּרצעס „דריי מתנות“.

***

אין זיין שאַרזש־אויטאָביאָגראַפיע, אין וועלכער דער טונקעלער לאַכט אָפּ פון טונקעלער, גיט ער אַ זאָג וועגן זיך:

„... אין מאַנכע ליטעראַרישע קרייזן הערט מען זאָגן „היינע און דער טונקעלער", נאָר דאָס איז אַ טעות. היינען טאָר מען בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיטן טונקעלער, וואָרום היינע איז בעצם אַ טאַלאַנטלאָזיקייט, האָט ער געשאַפן אַזעלכע הויך־פּאָליטישע, גייסטרייכע ווערק, כדי מען זאָל מיינען, אַז ער איז גייסטרייך. דער טונקעלער, אָבער, מאַסקירט זיך נישט. וואָס ער האָט — האָט ער. פאַרקערט, דער טונקעלער האָט געשריבן אַ סך שוואַכע זאַכן, כדי צו פאַרמאַסקירן זיין געניאַליטעט".

דער דאָזיקער אופן פון אָפּלאַכן פון אַנדערע און אויך פון זיך איז איינגנאַרטיק טונקלעריש. דער טונקעלער איז דער מייסטער פון שאַרזש און פּאַראָדיע אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געוווּסט ווי אָנצושטעלן זיין „קרומען שפּיגל", כדי מען זאָל אַמבעסטן קענען זען דאָס קאָמישע און לעכערלעכע. די קאַריקאַטור איז אין אַ סך פאַלן פיל אמתער ווי די פאָטאָגראַפיע. דורך פילפאַך פאַרגרעסערן די אויסגעקרומטע נאָז, אָדער די בראָדעווקע אויפן פּנים פון אַן איינצלנעם מענטשן, אָדער אויפן פּנים פון אַ פּאַרטיי, צי גאָר פון אַ גאַנצן קלאַס מענטשן מאַכט דער קאַריקאַטוריסט מעגלעך פאַר אונדז צו דערזען דאָס לעכערלעכע, דאָס קרומע, בעת אויף דער פאָטאָגראַפיע וואָלטן פיל פון אונדז דאָס גאָר נישט באַמערקט. דערצו זענען דאָך נאָך פאָטאָגראַפיעס שטענדיק אַ ביסל צוגעפּוצט.

דער טונקעלער האָט אויך געהאַט אַ ספּעציעלן חוש פאַר דעם אַזוי גערופענעם סיטואַציע־הומאָר. אַזוי, צום ביישפּיל, זעט איר ביי אים אַן איוואַן, וועמען אַן אומגליקלעכער צופאַל האָט געצוווּנגען צו לעבן אין צאַר'ס רוסלאַנד אויף אַ יידישן פּאַספּאָרט, ווי ער ליידט, נעבעך, פון זיין יידישקייט. מיינט איר דאָך אַוודאי, אַז דאָס איז שלום עליכמס „בלוטיקער שפּאַס?" ניין, דער איוואַן איז נישט שלום עליכמס נאָר טונקעלערס; אַ סימן, די געשיכטע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס דער גוי האָרכט די עצה פון קלוגן יידן און ער גייט אַוועק זיך שמדן...

אָבער ביי טונקעלערן איז נישט בלויז פאַראַן אַ גוי, וואָס ליידט פון זיין יידישקייט, נאָר אויך אַ... ייִד, וואָס ליידט פון זיין יידישקייט. ווען איר זיך דאָך וווּנדערן: ווו איז דאָ דער הומאָר? זאָרגט זיך נישט, ער איז דאָ, און טאַקע אַן עכטער טונקלערישער, אַ שאַרפזיניקער און גוט־

מוטיק־שמייכלענדיקער — אַ הומאָר, וואָס איז קיינמאָל נישט באַנאַל. ביי טונקעלערן, אַז אַ ייִד ליידט פון ייִדישקייט, איז עס אַ טשיקאַווער ייִד אין אַ טשיקאַווער סיטואַציע. דער ייִד זיצט מיט ייִדן אין אַן ענגן אייזנבאַן־וואַגאָן און ער שפּילט אַ גוי, כּדי ייִדן זאָלן פאַר אים האָבן דרך־ארץ און אים לאָזן זיצן אויף זיין באַקוועם פּלאַץ. דאָס שפּיל גיט זיך איין. דער ייִד האָט אַ פּוילישן אויסזען, ער לייענט אַ פּוילישע צייטונג און רופט זיך איגנאַץ — אַ פּאָלנער גוי. שטייען טאַקע ייִדן צונויפגעדריקט און וואַגן נישט צו פאַרמינערן די באַקוועמלעכקייט פון דעם פּאָליאַק. און טאָמער פרעגט איגנאַץ ווי שפּעט עס איז, כאַפּן זיך באַלד צען ייִדן צו די זייגערס און טראָגן זיי אונטער מיט גרויס פריינטלעכקייט צום גויס אויגן. אָבער אָט געשעט פּלוצלונג אַן אומגליק: דעם „פּאָליאַקס״ אַ באַקאַנטער קומט אַריין אין וואַגאָן און ער דערפרייט זיך מיט אים: „וואָס מאַכסטו, גרשון־דוד?״ — פרעגט ער אים אויף מאַמע־לשון. און דערמאָלט ענדיקט זיך „איגנאַצס״ גן־עדן. ייִדן זענען אַנטוישט: „אַ ייִד גאָר?...״ „מנוע...״ מען הערט זיך אויף מיט „איגנאַצן״ צו צערעמאָניען, מען הייסט אים מוחל זיין און זיך אַ רוק־טון; עטלעכע ייִדן לייענען שוין זיין צייטונג: „איר לייענט — ווילן מיר אויך לייענען״, און איין ייִדענע האָט זיך גאָר מיישב געווען און געגעבן דעם נאַר־וואָס אַנטפּלעקטן ייִד צו האַלטן איר קינד...

אַ קרבן פון ייִדישקייט...

***

אָבער טונקעלערס גרעסטע דערגרייכונג איז, ווי געזאָגט, דער שאַרזש, די פּאַראָדיע. אויף די געביטן האָט דער טונקעלער צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן ביי ייִדן. טונקעלערס אַ פּאַראָדיע אויף אַ ייִדישער מעלאָדראַמע, אָדער אַ שונד־ראָמאַן איז קלאַסיש און וועט אַזוי לאַנג אַרויסרופן געלעכטער ביי ייִדן ווי לאַנג מען וועט נאָר לייענען ייִדיש. אויף די וועכנטלעכע פאָרזעצונגען פון זיין שאַרזש־ראָמאַן „חיים־יאַנקל דער האָניקקוועטשער״, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין טונקלס הומאָריסטישער ביילאַגע פון דעם וואַרשעווער „מאָמענט״, האָבן ייִדישע לייענער געוואַרט מיט נישט קיין קלענערער שפּאַנונג ווי מען האָט געוואַרט אויף אַ פאַר־

זעצונג פון די שונד־ראָמאַנען „די בלוטיקע נקבה", אָדער „אין נעץ פון זינד". איך בין זיכער, אַז טונקעלערס שאַרזש־ראָמאַן מיט די מלמדים, וואָס ווערן פאַרוואָרפן קיין סטאַמבול אַלס יעוונוכען פון סולטאַנס האַרעם, און מיט די געהיים־אַגענטן, וואָס טראָגן היטלעך מיט אויפשריפטן „גע־היים־אַגענט" — אַז אָט דער חוזק־ראָמאַן האָט אין פוילן געשפּילט נישט קיין קלענערע ראָלע אין אויסלאַכן און אין פאַרשפּעטן דעם קלאַ־סישן יידישן שונד־ראָמאַן אין די אויגן פון די יידישע לייענער, ווי אין זיין צייט דער באַרימטער „שמרס משפט" פון שלום עליכם.

די זעלביקע געזעלשאַפטלעכע ראָלע האָט אויך געשפּילט דעם טונ־קעלערס פּאַראָדיע אויפן „פּינטעלע ייד". ווען דער עולם האָט געלאַכט ביז טרערן פון טונקעלערס העלדין גנענדל־עליזאַבעט, בעת זי רופט אויס: „אָ, ניעמאַלס, ניע וועט כאַשע די יתומה הייראַטן מיין זאָהן פּרינץ פליאַסקעדריגע", אָדער פון דער צווייטער העלדין, די יידישע כינעזערין ציפּע־טשו, ווי זי גיט אַ געשריי אויס צו דער וואַך פון איר קעניגלעכן פּאַלאַץ: „וואַכע, פּירט אַריין די העלדן!" — דעמאָלט האָט שוין דער עולם אין איינוועגס אויך געלאַכט פון די העלדן פון אמתן, טאָמאַשעווסקישן „פּינטעלע ייד" און, אַליין נישט באַמערקנדיק, באַקומען דרך־ארץ פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

דאָס איז געווען די גרויסע סאַטיספאַקציע פון יידישן שרייבער אין פוילן, אפילו ווען ער האָט, דאַכט זיך, געשאַפן בלויז פאַרוויילונג, האָט ער אויך געשאַפן געזעלשאַפטלעכע פאַקטן. ווען דער טונקעלער, צום ביישפּיל, האָט געגעבן אַ מאַל־אַפּ אַ פּוילישן אַנטיסעמיט, האָט ער דעם פּוילישן ייד נישט בלויז געגעבן פאַרוויילונג, נאָר אויך בטחון, גלויבן אין זיך און קוראַזש צו בויען. אַ קאָמישער אַנטיסעמיט וואַרפט נישט אָן אַזאַ שרעק, ווי אַן ערנסטער, אָדער ווי דער טונקעלער האָט זיך ליב גע־האַט אויסצודריקן, אַ „סעריאָזנער" אַנטיסעמיט.

***

אַממייסטן האָט אָבער טונקעל אויסגעלאַכט אונדזערע אייגענע שוואַכקייט און קרומקייט, אונדזערע אייגענע בראָדעוועס און אויך די, וואָס באַזינגען און באַהנפענען די דאָזיקע בראָדעוועס, די וואָס קלאַפּן

זיך אין בייכל און אַנדערע אין פּלייצע; די פּחדנים, וואָס שפּילן די העלדן; די, ווי ער דריקט זיך אויס, „וואָס שטייען אויף דער וואַך און לויפן די ערשטע".

יעדער הומאָריסט איז לויט זיין באַרוף אַ שונא פון פאַלשן פּאַטאָס, פון רעדן אויף די הויכע טענער און פון גיין אויף שטאָלצן. הומאָר איז פריִער פון אַלץ היימישקייט, נאַטירלעכקייט. די שטייפקייט און אָנגעבלאָזנקייט איז אין דער ערשטער רייע לעכערלעך און דער גאָט־גע־בענטשטער הומאָריסט באַמערקט דאָס באַלד אויף דעם ערשטן בליק. אין דער ריכטונג זענען אַממיינסטן געווען געצילט דעם טונקעלערס פיילן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז איינע פון טונקעלערס גלענצנדיקסטע פּאַראָדיעס זיין פּאַראָדיע אויף אַן אינטערוויו פון ראובן ברייניו מיט דעם באַרימטן דראַמאַטורג הענריק איבסען. דער גאַנצער אינטערוויו באַשטייט פון די רייד פון ראובן ברייניו און פון דעם שווייגן פון הענריק איבסען. אָבער דאָס איז נישט געווען סתם קיין שווייגן. אין טונקעלערס שאַרזש שטעלט פעסט ברייניו, אויף זיין פּאַטעטישן שטייגער, אַז איבסען „האָט געשוויגן מיט האַרץ, מיט טעמפּעראַמענט, מיט זין"; זיין שווייגן איז געווען אינ־טערעסאַנט, „אַזוי אינטערעסאַנט"...

אָבער טונקעלערס הומאָר איז נישט געווען קיין בייזער, ער האָט נישט געשטאָכן ביז בלוט. זיינע ליטעראַרישע פּאַראָדיעס, וואָס געהערן, לויט מיין מיינונג, צו די אַממיינסטן רייפע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס זענען אַרויס פון זיין פעדער, טראָגן טאַקע דעם נאָמען „פריינטלעכע פּאַ־ראָדיעס" און דער נאָמען איז גראָד נישט קיין הומאָריסטישער. אויך דעם נאָמען, וואָס טונקעלער האָט געגעבן איינע פון זיינע זאַמלונגען, „אין גוטן מוט", איז זייער אַ צוגעפּאַסטער באַהויכט מיט דעם פילאָזאָפישן שמייכל פון יוסף טונקל דעם ליריקער־באַהעם. דער שמייכל האָט געזאָגט: „מיר זענען אַלע נישט מער ווי מענטשן".

זיך אַליין האָט טונקעלער שטענדיק אַריינגענומען אין זיין גאַלעריע פון די אויסגעלאַכטע. ער האָט אויסגעלאַכט זיינע אייגענע שוואַכקייטן און אַפילו זיינע פיזישע פעלערן: זיין שטאַרקע קורצזיכטיקייט, זיין קירצערן פוס. טיילווייז האָט דאָס געטון דער אינטעליגענטער קינסטלער אין אים און טיילווייז דער קלוגער סטראַטעג. צו וואָס וואַרטן אויף דער קריטיק

פון אַנדערע? — בעסער זיי פאַרלויפן דעם וועג. ער האָט געוווסט, אַז ביי זיך אַליין וועט ער בעסער אָפּשניידן...

דער טונקעלער האָט אָפּטמאָל שטאַרק אויסגעלאַכט זיין אייגענע נישט העלדישקייט און נישט רעוואָלוציאָנערישקייט און אויך זיין קאַרג־שאַפט. אין זיין שוין דערמאָנטער שאַרזש־אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ער, צום ביישפּיל: „אין יאָר 1905 איז אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע, אין וועלכער דער יונגער דיכטער (דאָס מיינט ער זיך) איז אַבסאָלוט אומשולדיק".

אָבער איןביידע פאַלן, סיי וועגן זיין נישט־העלדישקייט און סיי וועגן זיין קאַרגשאַפט, האָט טונקעלער היפּש איבערגעטריבן. ווי אַ נאָענטער פריינט זיינער וואָלט איך דאָס געקענט באַשטעטיקן מיט אַ היפּשע צאָל פאַקטן. זעלטן ווער עס ווייסט, אַז אין פאַרלויף פון יאָרן האָט טונקעלער מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער בונדישער „פאָלקסצייטונג", אונטערן פען־נאָמען אַנדרוגינוס, געבענדיק אַ סעריע פון פּרעכטיקע פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס אָן איין גראָשן האָנאָראַר. דאָס איז געווען אַ געוואַגטקייט פון זיין זייט, ווייל אויב זיין צייטונג, „דער מאָמענט", וואָלט זיך וועגן דעם דערוווסט, וואָלט עס אים געקענט אַ סך קאָסטן. איך האָב אויך נישט זעלטן ביי אים באַקומען געלט פאַר נויטבאַדערפטיקע קאָלעגן. דערביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער טוט דאָס, כדי צו פאַרדעקן זיין גרויסע קאַרגשאַפט...

און נאָך אַ באַהאַלטענעם מיין האָט טונקעלער געהאַט מיטן איבער־געטריבענעם אויסלאַכן זיינע אייגענע פעלערן: ער האָט אַזוי אַרום גע־וואָלט זיך אויסהיטן פון לייטנס רחמנות. אַ מענטש, וואָס וויצלט זיך אַליין איבער זיין קורצן פוס, וועט מען נישט באַדויערן, דערפאַר וואָס ער הינקט אַביסל אונטער. דאָס זעלבע אויך מיט זיין עלנטקייט און אויך מיט זיין פיזישער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט זיך געוויצלט איבער זיין צושטאַנד ביז דעם לעצטן טאָג, וואָס ער איז געווען ביים באַוווסטזיין. ער האָט מיר אַמאָל אָפן געזאָגט:

„איך אַנטלויף פון רחמנות..."

**
*

דעם טונקעלערס לעצטע יאָרן אין אַמעריקע זענען געווען יאָרן פון שווערע פיזישע און מאָראַלישע ליידן. דאָס וואַלגערן זיך אינעם ערשטן מלחמה־יאָר איבער פאַרשידענע לאַגערן און וואָקזאַלן אין פראַנקרייך און בעלגיע (ווו ער האָט זיך געפונען אַלס טוריסט בעת דעם קריגס־אויס־ברוך) האָט זיין שוואַכן געזונטצושטאַנד נאָך מער אונטערגעגראָבן. דערצו זענען צוגעקומען די מאָראַלישע ליידן. דער טונקעלער האָט אין פוילן פאַרלוירן זיין איינגעפונדעוועטע היים, ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי, זיי־נע אַלע פאַמיליע־מיטגלידער (אַ חוץ אַ ברודער, וואָס האָט ביז מיט צוויי יאָר פאַר טונקעלערס טויט געלעבט אין אַ שטעטל אין דזשאָר־זשיאַ), ער האָט פאַרלוירן זיינע פריינט און באַקאַנטע, און ער האָט פאַר־לוירן זיינע געשווירענע פרייד־אָפּנעמער און פרייד־געבער — די פּוי־לישע ייִדן...

דער טונקעלער האָט נאָך אין אַמעריקע געהאַט גענוג כּוחות אויף אָנצושרייבן די מגילה פון זיינע מלחמה־וואַגלענישן — זיין בוך „גלות", ווו לעבן די בעסטע מוסטערן פון טונקלערישן הומאָר און שאַרזש איז אויך פאַראַן צום ערשטן מאָל אַ לויטערע הייסע טרער — אַ טרער אויפן גרויסן ייִדיש־פּוילישן חורבן, פון וועלכן דער חורבן־טונקעלער איז נאָר געווען איין פּינטעלע.

„ווו זענען — פרעגט דער טונקעלער, ליגנדיק אין אַ שטאָל אין אַ פאַרוואָרפן פראַנצויזיש דאָרף — ווו זענען מיינע חברים־פריינט און מיינע חברים־שונאים? גיט מיר אַהער איצט מיין גרעסטן שונא און איך וועל אים צום האַרצן צופאַלן, וועל אים האַלדזן, קושן, וויינען, וויינען און וויינען.

„איך פאַרמאַך די אויגן און טראַכט: איך וויל צוריק וויזיאָנעריש אויפלעבן די אַלטע גוטע צייטן פון אונדזער שאַפן און קעמפן, פון אונ־דזערע מיטינגען, וואַלן, קבלת־פּנימס, דיסקוסיעס, פּרעמיע־אויסטיילונ־גען, הזכרות און שמחות, קריגערייען און רייסערייען.

„פאַרוואָס האָבן מיר דעמאָלסט נישט געוווּסט ווי גוט אונדז איז? ווו איז אַהינגעקומען דער גרעסטער, מעכטיקסטער קולטור־צענטער

פון גרעסטן יידישן ישוב אויף דער וועלט, דער גרעסטער רעזערוואַר, פון אַלע שטרעבונגען און אידעען, וואָס האָבן געשפייזט און גענערט אַלע יידישע קיבוצים פון אַלע לענדער און פּראָווינצן?

ווו זענען אַלע די קולטור־טוער, וואָרט־פירער, טאָן־געבער און טאַ־לאַנטפולע פירער?

„איך בענק אַהיים".

אַזוי ערנסט האָט אין אונדזערע טעג אויסגעזונגען זיין בענקשאַפט צו דער חרובער יידישער היים דער פּאַריתומטער, עלנטער יידישער הומאָריסט.

און ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס דאָזיקע געזאַנג, האָבן אים די כוחות פאַרלאָזט.

פון צייט־צו־צייט האָט ער נאָך מיט גרויס אָנשטרענגונג, הגם זיינע אויגן האָבן אים שוין זייער שוואַך געדינט, געפּרוווט עפּעס אָנשרייבן. דאָ און דאָרט האָט נאָך אַ פינקל געטון דער אָריגינעלער טונקלערישער הומאָר, אָבער איבער די אַלע שאַפונגען און טואונגען האָט ביזן לעצטן טאָג געציטערט דער אָפּקלאַנג פון יענעם פאַרשטיקטן קינדערשן אויס־געשריי:

„איך בענק אַהיים..."

ניו־יאָרק, זומער 1951.

ז. סעגאַלאָוויטש

דער טויט איז געקומען פּלוצלונג, אַזוי פאַר אים ווי פאַר זיינע נאָענטסטע פריינט. צוויי טעג פאַר זיין טויט האָט סעגאַלאָוויטש מיט מיר גערעדט וועגן זיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט. ער האָט זיך אויף קיין שום קראַנקייט נישט באַקלאָגט, ער האָט זיך נאָר באַקלאָגט אויף איינזאַמקייט. האָט ער דערפאַר מיט אַ באַזונדערער לעבהאַפטיקייט גערעדט וועגן אַהיימפאָרן — קיין תל אביב. אין אַ פאָר חדשים אַרום האָט דאָס געזאָלט געשען, באַלד נאָך דעם ווי עס וועלן דאָ, אין ניו־יאָרק, פאַרענדיקט ווערן די פייערונגען פון זיין פינף־און־זעכציק יאָריקן יובילעום.

„איך וויל אויסלעבן מיינע לעצטע יאָרן צווישן אייגענע" — האָט ער געזאָגט.

אָבער אין דעם דאָזיקן פּלוצלונגדיקן, אומגעריכטן טויט איז גלייכצייטיק פאַראַן אַ טראַגישע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט: נאָכן אונטערגאַנג פון יידיש־פּוילן האָט סעגאַלאָוויטשעס האַרץ נישט געקענט וויטער לאַנג קלאַפּן. עס האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

חורבן־פּוילן האָט איבערגעלאָזט אַ היפּשע צאָל יתומים, אָבער סעגאַלאָוויטש איז געווען דער גרעסטער יתום. אונדזער אַלעמענס פאַריתומקייט האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט און אונדזער אַלעמענס קדיש האָט ער געזאָגט. זיין גאַנץ האַרץ האָט ער אין דעם דאָזיקן קדיש אַריינגעלעגט. איז וואָס דער וואונדער, ווען אויף לעבן איז אים מער קיין האַרץ נישט איבערגעבליבן?

***

סעגאַלאָוויטש איז נישט בלויז געווען דער עדות פון אונטערגאַנג, נאָר ער איז אויך געווען דער עדות פון ליכטיקן אויפגאַנג, פון קולטורעלן

רענעסאַנס פון פּוילישן ייִדנטום. ער האָט מיט זיינע אויגן געזען נישט נאָר ווי מען האָט דעם ייִדיש־פּוילישן וואַלד אויסגעהאַקט, נאָר ער האָט אויך מיט יאָרן צוריק געזען, ווי אַזוי דער וואַלד האָט זיך פריש צעבליט און ווי ער איז פול געווען מיט מונטערן געזאַנג.

דאָס איז אפשר די גרעסטע טראַגעדיע פון די פּאָר „גליקלעכע" פּויליש־ייִדישע שרייבער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן; זיי איז באַשערט געווען צו זיין צווישן די אָנהייבער און צווישן די אויסלאָזער; אויף זייער חלק איז אויסגעפאַלן צו זיין שותפים צום פרילינג און צו זיין שותפים צום האַרבסט...

סעגאַלאָוויטש איז אַריין אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין יענער פרילינגס־עפּאָכע, ווען די מאָדערנע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, „בונד" און ציוניזם, האָבן געבראַכט ליכטיקע מאָרגן־בשורות אין די געדיכטע ייִדישע געסלעך פון פּוילן. עס האָט געשמעקט מיט אַ גאָר נייער, מונטערער וואָכעדיקייט און גלייכצייטיק מיט אַ גאָר נייער שבת־יום־טובדיקייט — די שבת־יום־טובדיקייט פון י. ל. פּרץ.

דער יונגער סעגאַלאָוויטש איז אָנגעשטעקט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וועלכע האָבן גאָר אַ באַזונדערן דערפּאָלג געהאַט אין זיין היים־שטאָט ביאַליסטאָק. סעגאַלאָוויטשעס היים, הגם אַ באַלעבאַטישע, איז געווען אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון די „מאָרגן־בשורות". סעגאַלאָוויטשעס ברידער און שוועסטער זענען געווען צווישן די אַקטיווסטע סאָציאַליסטישע פּיאָנערן אין ביאַליסטאָק, און אויך אים, זייער ייִנגערן ברודער, האָבן זיי אַריינגעצויגן אין „בונד". אָבער ביי זיין גאַנצער סימפּאַטיע פאַרן סאָציאַליזם און רעוואָלוציע (פאַר וועלכע ער איז אַפילו געזעסן אין טורמע) האָט סעגאַלאָוויטש שוין דעמאָלט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון דער מאַסן־באַוועגונג. סעגאַלאָוויטשן איז פרעמד געווען דאָס מאַרשירן, האָט עס געמעגט זיין פאַרן איידלסטן צוועק. סעגאַלאָוויטש האָט ליב געהאָט דעם לאַנגזאַמען גאַנג, דעם שפּאַציר, דעם האַלבן טאָן, די שטילע פאַרטראַכטקייט. זייער צוגעפּאַסט איז געווען דער נאָמען פון זיין ערשטער לידער־זאַמלונג, וואָס איז אַרויס אין 1909 — „שטילע טרוימען".

שוין זיינע ערשטע לידער און דערציילונגען האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ אייגנטימלעכע שפּילעוודיקייט און טרוימערישקייט, וואָס האָבן

געמאַכט סעגאַלאָוויטשן פאַר דעם פּאָפּולערסטן יידישן שרייבער אין פּוילן. סעגאַלאָוויטש איז געווען פּאָרליבט אין דער פּוילישער לאַנדשאַפט (זיין באַרימטע פּאָעמע „קאַזשמיערזש״), ער איז געווען פאַרליבט אין דער יידיש־פּוילישער היים, ער איז געווען פאַרליבט אין דער רויכיקער פּולסירנ־דיקער שטאָט לאָדזש, וואָס איז נאָכן פּאַרלאָזן ביאַליסטאָק געוואָרן זיין היים־שטאָט, ער איז איבער אַלעם געווען פאַרליבט אין יידיש. אָבער די אַלע ליבעס זיינע זענען נישט געווען קיין שטורמישע. שטורמישקייט איז אים איבערהויפּט געווען פרעמד. עס זענען געווען ליבעס, באַלויכטענע מיט לבנה־שיין, מיט אַ בלימל און מיט שטילע, אָבער קלאָרע און פאַר־שטענדלעכע רייד. די קלאָרקייט און לייכטקייט פון סעגאַלאָוויטשעס סטיל זענען זיכער געווען די הויפּט־שליסלען צו סעגאַלאָוויטשעס דערפאָלג. אַפילו סעגאַלאָוויטשעס דריי פינטעלעך זענען געווען קלאָר, אָבער די דאָזיקע קלאָרקייט האָט נישט צוגענומען ביי זיינע ווערק זייער חנעוודיקן, טרוימערישן שלייער. זי האָט אים נאָך געמאַכט זעבאַרער.

סעגאַלאָוויטשעס נייגונג צום שטילן גאַנג האָט מאַנכעסמאָל געקענט שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער האַלט זיך ווייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז אָבער געווען נישט ריכטיק. סעגאַלאָוויטש האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט און זיין ליבלינגס־קינד איז געווען די היים פון די יידישע שרייבער אין פּוילן, די באַרימטע „טלאָמאַצקע 13״, וועלכע ער האָט ערשט מיט אַזויפיל צערטלעכקייט באַשריבן. סעגאַלאָוויטש פלעגט פון צייט־צו־צייט אַנטלויפן פון פּוילן, אַנטלויפן, ווי אים האָט זיך געדאַכט פון דער אייגענער איינזאַמקייט, אָבער גיך צוריקקומען אַן אויסגעבענק־טער, צוגעלאָזענער, פילנדיק ערשט רעכט ווי נישט־איינזאַם ער איז געווען.

אָבער אין סעפּטעמבער 1939 איז סעגאַלאָוויטש אַנטלאָפן און מער נישט צוריקגעקומען... איך דערמאָן זיך יענע טראַגישע סעפּטעמבער־נאַכט, ווען מיר זענען צוזאַמען מיט דער קליינער גרופּע יידישע שרייבער פון וואַרשע געזעסן צוניפגעדריקט אין דעם פינצטערן וואַגאָן און גע־וואָרפן אַ לעצטן בליק אויף דער שלאָפנדיקער וואַרשע.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער ביטערער גלות פון סעגאַלאָוויטשן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגישע איינזאַמקייט, פון וועלכער דער טויט האָט אים ערשט אויסגעלייזט.

ב. שעפּנער

סעגאַלאָוויטש האָט שוין דעמאָלט, אויף די ברענענדיקע וועגן פון פּוילן און שפּעטער אין ליטע, זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן טויט. אין קאָוונע איז סעגאַלאָוויטש מאָנאַטן־לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט ציאַנקאַלי אין קעשענע און האָט מיר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז נאָר די האָפענונג, וואָס ער וועט נאָך ווידער דערלעבן צוריקצוקומען צו זיינע פּוילישע ייִדן, האַלט אים אָפּ פון מאַכן אַ סוף.

שפּעטער, ווען סעגאַלאָוויטשן איז געלונגען אָנצוקומען קיין ארץ ישראל, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיך מיטן ציאַנקאַלי צעשיידט. אָבער ער האָט זיך מיט אים נישט צעשיידט. די בעסטע עדות זענען געווען זיינע חורבן־פּאָעמעס, וואָס זענען פון זוניקן תל אביב צו אונדז אָנגעקומען.

אין די דאָזיקע סעגאַלאָוויטש־פּאָעמעס, די מעכטיקסטע קלאָג־לידער פון אונדזער חורבן, האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערשפּירט טרייסט. מיר זענען געווען שטום נאָך דעם גרויסן אומגליק; דאָ און דאָרט האָט עמעצער פון אונדז אויסגעשריגן אַ וואָרט, אַ שטאַמלדיקס און געבראָכנס, און אין דער אוממעכטיקייט ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ערשט סעגאַלאָוויטש האָט געפונען דאָס גרויסע און אין דער זעלבער צייט דאָס פּשוטע, מענטשלעכע וואָרט פאַר אונדזער בראָך. דאָס האָט געעפנט אונדזערע טרערן־קוואַלן און מיר האָבן זיך צעוויינט ווי אין די אָרעמס פון אַ מאַמען.

אָבער אויב מיר, די לייענער איבער אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, האָבן געפונען אין סעגאַלאָוויטשעס פּאָעטישע ווערטער אַ טרייסט, האָט ער, סעגאַלאָוויטש אַליין, אין זיינע אייגענע ווערטער קיין טרייסט נישט געפונען. ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן:

„איך דערגיי אין מיין גליען ביז
צו די שוועלן
ביז צו די שוועלן פון גיהנום טרעבלינקע
— — — — — — — — — — — — — — — —

איך שריי אויף איך בעט זיך די
זעלבע ענוים,
איך ברענג זיך אַליין צו דעם שוואַרצן מזבח"

דאָס זענען נישט געווען בלויז פּאָעטישע ווערטער. אַנדערש וואָלטן זיי אַזוי שטאַרק נישט געקענט ווירקן אויף אונדז. דאָס זענען געווען שטי־

קער האַרץ, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט געבראַכט „צו דעם שוואַרצן מזבח“. ער איז אין טרעבלינקע נישט געווען, אָבער ער איז דער איינציקער פון די פון אונדז, וואָס זענען דאָרט נישט געווען, וועלכער איז דערגאַנגען „ביז צו די שוועלן...“

און אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איז אין זיין וויזיע געגאַנגען ביז צו די שוועלן פון גיהנום־טרעבלינקע, איז ער אויך אין זיין וויזיע צוריקגעגאַנגען מיט דער זעלבער קלאָרקייט און ממש פּיזישער נאָענט־קייט צו דעם ליכטיקן, דערהויבענעם נעכטן און מיט אַזאַ געניקייט פאַר אונדז אים פאַנאַנדערגעוויקלט. דאָס איז געווען דער גרויסער קינסטלע־רישער טריומף פון סעגאַלאָוויטשן, אָבער גלייכצייטיק זיין גרויסע פּער־זענלעכע טראַגעדיע: דאָס, וואָס ער האָט געזען גלייכצייטיק אַזוי קלאָר ביידע בילדער: דעם לעבעדיקן נעכטן און דעם פאַרגאַזטן היינט; דעם צעבליטן וואַלד און דעם אויסגעהאַקטן וואַלד.

זיי האָבן אים שוין אויף אייביק באַגלייט, די דאָזיקע צוויי בילדער; זיי האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין זיינע איינזאַמע טעג און געוואָרן אַ טייל פון זיינע שלאָפלאָזע נעכט; און זיי האָבן אים ענדלעך אַריינגעפירט אין דער אייביקער נאַכט.

ניו־יאָרק, פעברואַר 1949.

איציק מאַנגער

(צו זיין באַזוכן זיך אין אַמעריקע — זומער, 1951)

איציק מאַנגער איז דער חנעוודיקסטער דיכטער, וואָס ייִדן האָבן אַמאָל געהאַט.

פון וואָס איציק מאַנגער זאָל נישט זינגען: פון דער גאָלדענער פּאַווע, וואָס איז אַוועקגעפלויגן, צי פון דער פרומער חנה און איר זון שמואל הנביא, אָדער גאָר פון זיין ציגיינער־ברודער, דעם אַלט־גריכישן פּאָעט אַנאַקרעאָן — שטענדיק ליגט אויף דעם ליד אויסגעגאָסן דער אייגנאַר־טיקער מאַנגערישער חן, וואָס פאַרמאַכט אונדזער אויג און וויגט־איין אונדזער געמיט.

נישט אַנדערש, עס איז אַ כישוף. און ווי זאָגט מאַנגער: „רבותי, לאַכט נישט אָפּ פון כישוף״.

„דאַכט זיך, וואָס און ווער — אַ מיידל,
דאַכט זיך וואָס? — צוויי שוואַרצע אויגן
און דערצו אַ נאַריש לידל
פון אַ פּאַווע, וואָס געפלויגן.
און דאָ, רבותי, ליגט דער כישוף,
ווי צו מיינע יאָרן.
ס'איז מיין האַרץ אַ רויז צעפלאַטערט,
און די ליבשאַפט איז דער דאָרן״.

און נישט בלויז אין דער עכטער ליבשאַפט אַליין ליגט מאַנגערס כישוף. ער ליגט אין דעם אייגנאַרטיקן ניגון, מיט וועלכן מאַנגער באַ־זינגט די דאָזיקע ליבשאַפט.

יעדער, וואָס האָט באמת ליב — זאָגט מאַנגער אין ליד — געפינט אַן אייגענעם ניגון. דאָס איז ריכטיק וועגן אַלע עכטע פּאָעטן. אָבער מאַנגערס אייגענער ניגון באַשטייט פון עטלעכע מעלאָדיעס, וואָס דער פּאָעט האָט מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט צונויפגעפּאָרט און אַזוי אָרום באַשאַפן די מיניענדיקע פאַרביקייט, וואָס מאַכט זיין געזאַנג אַזוי ענלעך צו זיין גאָלדענער פּאַווע.

מאַנגער האָט גענומען דעם אַלטן ניגון פון ייִדישן פאָלקס־ליד און אים צונויפגעפּאָרט מיט דעם נייעם ניגון פון דער מאָדערנער פּאָעזיע. ער האָט אַרויסגעפּירט דאָס ווייסע ציגעלע פון די אַלטע בלעטער פון „חד־גדיא" אויף די פרישע, גרינע לאָנקעס פון דער גרויסער וועלט־ליטעראַטור. אין מאַנגערס אַ באַלאַדע, אָדער ליד, באַגעגנט זיך דאָס אַלט־פאָלקסטימלעכע מיט דעם אולטראַ־מאָדערנעם, פּונקט ווי עס טרעפן זיך דאָרט אונדזערע אָבות פון כנען מיט די ייִדישע בעלי־מלאכות פון רומעניע און גאַליציע, און די באַגעגעניש איז אַזאַ נאַטירלעכע, אַז איר פאַרגעסט אינגאַנצן ווער פון זיי איז עלטער און ווער ייִנגער. ביידע ווערן איינס. ביידע גיסן זיך צונויף אין איין מאַנגערישן כישוף־ניגון.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס איציק מאַנגער, דער גרויסער מאָדערנער ליריקער, דער סובטעלער איך־פּאָעט, וואָס רופט אַרויס באַגייסטערונג ביי די ראַפינירטסטע קונסט־געניסער, פאַרשאַפט גלייכצייטיק אַזוי פיל הנאה די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן, ווי זיי דאַכט זיך, נישט קיין געמיט און נישט קיין אויער פאַר פּאָעזיע־שמעזיע.

פאַר מאַנגערן קאַפּיטולירן זיי.

איך האָב אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו קוקן אויף פּנימער פון פּשוטע ייִדן, ווען מען זינגט (אַפילו ווען מען לייענט בלויז פאַר מאַנגערס אַ ליד, זינגט זיך עס) פאַר זיי מאַנגערס אַ ליד, סיי ווען דאָס איז וועגן דער ליבע פון רבינו תם מיט דער מלכה פון טערקיי, צי פון דעם קינד, וואָס בעט זיך ביי דער מאַמען, אַז ער וויל ווערן אַ פויגל און דעם פאַרלאָזענעם בוים פאַרוויגן, אָדער גאָר אַ שווערער און טרויעריקער ליד. גרויסע קינדער זע איך דעמאָלט, וואָס קוקן מיט שטראַלנדיקע אויגן אויפן צעזונגענעם ציגיינער־פּאָעט און בעטן זיך ביי אים: „נאָך, נאָך, פאַרוויג אונדז..."

***

מאַנגערן האָט שוין פון פריִער יוגנט געצויגן צו דער דאָזיקער שותפות.

אַ קינד פון אַ פריילעכן שניידער פון טשערנאָוויץ, האָט דער יונגער מאַנגער נאָך קליינערהייט איינגעזאַפּט אין זיך די זיס־טרויעריקע ניגונים פון אַלטן גאָלדפאַדן־טעאַטער, דאָס פריילעכע געזאַנג פון די בראָדער זינגער, די נאָגנדיק־הפקרדיקע ציגיינער־מעלאָדיעס, וואָס האָבן זיך גע־טראָגן פון די רומעניִשע וויין־קעלערס און — אַ ביסל שפּעטער — די ראַפינירטע פּאָעזיע פון געטע, שילער און היינע, וואָס ער האָט געלערנט אין דער דייטשער רעגירונגס־גימנאַזיע פון זיין בוקאָווינער היים־שטאָט.

„מיינע קינדער־יאָרן — דערציילט מאַנגער אין דער הקדמה צו זיין טעאַטער־שטיק „האָצמאַך־שפּיל", וואָס איז מיט אַ גרויסן דערפאָלג אויסגעפירט געוואָרן אין דער פאַר־מלחמהדיקער וואַרשע — מיינע קינ־דער־יאָרן זענען געווען פול מיט טעאַטער.

„אין אַברהם אַקסעלראָדס „יידיש־דייטשן" טעאַטער בין איך געווען אַ היימישער. איך האָב געטראָגן און צונויפגעשטעלט די בענקלעך, גע־טאַסקעט דעם רעקוויזיט פון די אַקטיאָרן פאַר דער פּריווילעגיע, מען זאָל מיך לאָזן שטיין הינטער די קוליסן בעתן שפּילן.

„אין דער קייזער־קעניגלעכער דייטשער שטאַטס־גימנאַזיע האָט מען מיך געקרוינט דאָס ערשטע מאָל מיטן טיטול „דיכטער" פאַר פאַרוואַנד־לען געטעס באַלאַדע „דער געטרויע עקאַרט" אין אַ סצעניִשער פאָרעם".

אין דער זעלבער הקדמה דערציילט מאַנגער וועגן זיין טאַטן, וועל־כער פלעגט אַמוזירן דעם עולם אויף היימישע שמחות:

„דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען דעם דאָזיקן „קעסטלעכן וויצלער און פאַרטרעפלעכן שניידער־מייסטער" אָפּשפּילן זיין „ווידוי" ביי די חסי־דים אין וויין־קעלער. אָרט: טשערנאָוויץ. דאָס פּובליקום: זיינע דריי קינ־דער און זיינע נאָענטע פריינט, אַלע שניידער־מייסטערס. דאָס יאָר: 1935. ער איז געשטאַנען (דער טאַטע) אויפן טיש מיט אַ גלאָז וויין אין דער האַנט און געזונגען מיט אַן אייגענעם ניגון, מיט אימפּראָוויזירטע גראַמען וועגן זיין אייגן לעבן".

און אַזוי האָט זיך עס ביי מאַנגערן געשאַפֿן די שותּפֿות פֿון ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט, ייִדישן טעאַטער־שפּיל, ציגיינעריש געזאַנג און מאָדערנער פּאָעזיע. פֿון דעם אַלעם האָט מאַנגער געשאַפֿן זיין אייגענעם ניגון.

אין לויף פֿון יאָרן — דער פֿופֿציק־יעריקער מאַנגער האָט שוין הינטער זיך דרייסיק יאָר שאַפֿן — איז מאַנגערס ליד געוואָרן רייפֿער, ראַפֿינירטער, אויפֿהייבנדיק זיך צו די בעסטע מוסטערן פֿון דער מאָדערנער ליריק, אָבער דאָס האָט נישט געמינערט זיין פֿאָלקסטימלעכקייט. פֿאַרקערט, די שטילע לויטערקייט האָט זיך נאָך מער געוואָרפֿן אין די אויגן, דער נאָמען „שטערן אויפֿן דאַך" פּאַסט זיך נישט ווייניקער פֿאַר מאַנגערס לעצטע לידער, ווי ער האָט זיך געפּאַסט פֿאַר מאַנגערס ערשטער לידער־זאַמלונג, וואָס איז אַרויס אין 1929.

עס זענען שטערן אויפֿן דאַך. די ווייטקייט פֿאַרשווינדט. אי זיי זענען זייער הויך אין די הימלען, און אי זיי ליגן אָט־אָ דאָ־אָ, אויפֿן אייגענעם נידעריקן דאַך, בלויז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אַזוי איז עס אויך מיט מאַנגערס ביבלישע העלדן, וועלכע ער האָט די לעצטע יאָרן פֿאַרן קריג פֿאַר אונדז אַרויסגעפֿירט אין זיינע „מגילה־לידער" און „חומש־לידער". זיי זענען אַזוי וויט און אַזוי נאָענט. אַברהם אָבינו פֿון חברון איז, דאַכט זיך, אַ היימישער ייִדישער באַלעבאָס פֿון יאַס אָדער בראָד. דעם אַלטן תּרח, זיין טאַטן, קענען מיר, דאַכט זיך, טרעפֿן אין אַ גוייִשער שענק זשליאָקען בראָנפֿן, פֿאַרבייסן מיט קאָלבאַס און זיך קלאָגן אויף זיין זון „אַבראַשאַ". יוסף הצדיק שפּאַצירט זיך אַרום אין אַ ייִדענער העמד אויפֿן היימישן בולוואַר, אין דער שטערן־אַלייע, וואָס בלויז אַ שפּרונג פֿון דאַנען געפֿינט זיך זיין מאַמעס רחלס קבר.

אַלץ איז היימיש, פֿאָלקסטימלעך, באַלויכטן מיט דעם היימלעכן ליכט פֿון הומאָר און מיטן פֿאַרבענקטן ליכט פֿון די שטערן.

אָבער נאָענטע שטערן.

שטערן אויפֿן דאַך...

*****

דער גרויסער חורבן אונדזערער האָט מאַנגערן געטראָפֿן אין לאָנדאָן, ווו אים איז געלונגען זיך צו דערשלאָגן קורץ פֿאַרן אויסברוך פֿון

דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין נע־ונד, ווייט פון זיינע פּויליש און רומענישע ייִדן, איז מאַנגערס כישוף־ניגון אייניקע יאָרן געווען פאַרשטומט. אָבער ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די איוב־בשורות פון וואַרשע, האָט מאַנגער, דער פאַרשטומטער זינגער פון גאָלד, בלאָנד און בלוי, איבערגעריסן זיין שוויגן און — זיך צעוויינט.

אָבער אויך דאָס געוויין איז געווען עכט־מאַנגעריש. בלויז עטלעכע לידער האָט מאַנגער אָנגעשריבן וועגן אונדזער חורבן, אָבער זיי לייכטן אַרויס פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור מיט דער לויטערקייט פון אַ קינדערשער טרער.

אין אַ קורץ לידל פון בלויז אַכט שורהלעך מיטן נאָמען „יתומים" מאַכט מאַנגער, דאַכט זיך, דעם גאַנצן סך־הכל:

די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע
וויגן די ליידיקע וויגן.
נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע,
טאָ וויגט מען אַן אַ ניגון.

און אין אַ צווייט לידל, וואָס האָט אויך בלויז אַכט שורהלעך און הייסט „ברוגז", זינגט מאַנגער:

ר' לוי יצחק אין טלית און תפילין,
רירט זיך נישט פון אָרט.
ער שטייט פאַרן עמוד, דער סידור איז אָפן,
נאָר ער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט.
ער זעט אין זיין דמיון די בילדער פון געטאָ,
די גסיסה, דעם צער און דעם שפּאָט,
ער שווייגט פאַרעקשנט. דער אַלטער איז ברוגז
מיט זיין אַלטן גאָט.

ער איז נישט קיין אַפּיקורס געוואָרן, ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער אייביקער מאַנער פאַרן פאָלק ישראל. ער טוט ווייטער אָן זיין טלית און תפילין, ער עפנט דעם סידור, אָבער ער שווייגט, ער ווידערשפּעניגט נישט, ער איז ברוגז...

דאָס גרעסטע ליד פון דער סעריע איז זיין „שנאה ליד" צו די דייטשע מערדער, אָנגעשריבן אין 1943 און געווידמעט דעם אָנדענק פון דעם בונדיסט שמואל זיגעלבוים, וואָס איז אין לאָנדאָן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אַלס פּראָטעסט, וואָס די וועלט קוקט זיך צו גלייכגילטיק,

ווי היטלער שעכט אויס די ייִדן. אין יענע טעג, ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון מאַידאַנעק און טרעבלינקע האָט מאַנגער געפרעגט: „איז מיר באַשערט צו זיין דער לעצטער זינגער פון אַן אויסגעסמטער עדה?"

אָבער וועגן אַן אַנדער באַשערטקייט האָט ער געחלומט:

אויב ס'איז מיר באַשערט צו זיין אַ ווערבע
וויל איך שטיין ביי זייערע קינדערס וויגן,
וואַרפן מיינע שאָטנס אין זייערע חלומות,
און זייערע בלוטן פאַרסמען מיט מיין ניגון.

אין יענעם שווערן לאַנדאָנער פּעריאָד האָט מאַנגער אויך געזונגען אַ שטיל, טרויעריק איך־ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט".

מאַנגער באַקלאָגט זיך דאָרט, אַז „איך האָב אַ חלום אייך געבראַכט און איר האָט אים אָפּגעשטויסן".

דער דאָזיקער פּעריאָד איז אָבער, צום גליק, נאָר געווען אַ קורץ־פאַרבייגייענדיקער. מאַנגער ווייסט, אַז דעם חלום, וואָס ער האָט גע־בראַכט, האָט מען נישט אָפּגעשטויסן. אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע, צווישן זיינע פיל טויזנטער באַגייסטערטע לייענער און הערער, וועט מאַנגער האָבן גענוג געלעגנהייטן זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דערין צו איבערצייגן.

זינגט דאָך מאַנגער אין זיין ליד צו די שפּערלען:
„איעדע אָרעמקייט באַדאַרף אַביסל פרייד".

מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק זיך גענויטיקט אין דעם „ביסעלע פרייד", וואָס מאַנגער קען אונדז געבן, ווי איצט. הגם... אַ פאָלק און אַ שפּראַך, וואָס האָט אַזאַ זינגער, ווי איציק מאַנגער, האָט נישט קיין גרונט זיך צו באַקלאָגן אויף אָרעמקייט.

ניו־יאָרק, זומער 1951.

צביון

דער אַכציק־יעריקער צביון (ד״ר ב. האָפמאַן) האָט נאָך זיין פּלוצ־לינגן טויט איבערגעלאָזט אַ היפּשע צאָל יתומים סיי צווישן זיינע לייע־נער און סיי צווישן זיינע קאָלעגן־שרייבער, סיי צווישן זיינע אָנהענגער און סיי אויך צווישן זיינע קעגנער. אָבער מער פון אַלע האָט ער פאַר־יתומט — דעם ייִדישן פעליעטאָן.

ער, דער ייִדישער פעליעטאָן, האָט מיט צביונס אַוועקגיין פאַרלוירן זיין שענסטן פאַרשטייער. צביון האָט פאַרמאָגט אייגנשאַפטן וואָס אַפילו צווישן די ייִדישע פעליעטאָניסטן פון גרויסן סטיל האָט מען זעלטן זיי געטראָפן אַלע צוזאַמען: טאַלאַנט, הומאָר, שכל, אַן אוצר פון אַלגעמיין און ייִדיש וויסן און צו דעם אַלעם פעסטע פּרינציפּן, וועלכע ער איז געבליבן געטריי זיין גאַנץ לעבן.

דאָס איז געווען אַ ברכה פאַר צביונען און אַ ברכה פאַרן ייִדישן לייענער. צביון האָט זיך אין אַלע געביטן געפילט ביי זיך אין דער היים. צביון האָט מיט דער זעלבער שפּילעוודיקער קלאָרקייט געקענט רעדן וועגן די געשפּאָלטענע אַטאָמען און וועגן גאַנג פון די פּלאַנעטן, ווי וועגן ברוך שפּינאָזע און ר׳ איטשע מאיר לעווין. זיין שמייכל איז דערביי גע־ווען אַ מילדער, נישט פאַרשפּיצט פון דעם אויבן־אַראָפּ בליקעלע פון אַן אַלץ־ווייסער און נישט פאַרשאָטנט פון דעם פאַרקנייטשטן שטערן פון אַ שווערן פאַרטייטשער. און דער זעלבער מילדער שמייכל האָט זיך גיך אָפּגעשפּיגלט אויך אויפן פּנים פון לייענער. דער לעצטער האָט געלערנט ביי צביונען שפּילעוודיק. פריִער איז געקומען די הנאה פון לייענען און ערשט שפּעטער, ביים סאַמע סוף — די צופרידנקייט פון לערנען...

אָבער אַזאַ גרויסע שפע פון טאַלאַנט און וויסן קען פאַר אַ פּעליע־טאַניסט זיין נישט בלויז אַ ברכה, נאָר אויך אַ געפאַר.

נישט איין טאַלאַנטפולער יידישער פּעליעטאַניסט איז שוין צוליב דעם געשטרויכלט געוואָרן. זיין לייכטער, טאַנצנדיקער טראַט, זיין חנעוור־דיקער שמייכל האָט אים אַזוי באַהערשט, אַז מיט דער צייט האָט ער, פונקט ווי עס טרעפט נישט־זעלטן מיט שיינע פרויען, זיך אויף זיי צופיל פאַרלאָזט, גלויבנדיק, אַז זיי וועלן אים פון אַלע צרות אַרויספירן. ער דאַרף דאָך נישט צופיל מדקדק זיין אויף דעם „וואָס"; ער קען דאָך וועגן אַלעם אַזוי שיין רעדן. ער קען דאָך אַלץ דערגרייכן מיט דעם „ווי אַזוי"...

אָבער צביון איז פון זיין אייגענעם שמייכל קיינמאָל נישט פאַר־שיכורט געוואָרן. זיכער האָט אים דערין אויך געהאָלפן זיין מתנגדישע ניכטערקייט. צביון איז געווען אַ גלויביקער, אָבער קיינמאָל נישט קיין חסיד. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעשיכורט מיט נאַציאָנאַליסטישן בראָנפן און אַפילו נישט מיט סאָציאַליסטישן בראָנפן. ער האָט געקענט נעמען איין גלעזל אויף צו טרינקען „לחיים", און טאַקע אַמאָל אויך אויף זיך צו דערוואַרעמען, אָבער מער נישט. צעפלאַמט איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן. ווען אַנדערע זענען אַרויס פון די כלים, איז צביון געשטאַנען אַ רויִקער מיטן פּקחותדיקן שמייכל אויפן פנים:

— נו, קאָכן דאַרף מען זיך נישט...

דער „נו" איז געווען איינע פון די באַליבטסטע ווערטער, וועלכע צביון פלעגט באַנוצן. זיין „נו" האָט געשמעקט מיט געמיטלעכקייט, מיט דער מילדער איינלאַדונג אַראָפּצוקריכן פון אייבערשטן טרעפּל און צוצו־טרעטן רויִק צום ענין, צום תוך פון ענין, באַזייטיקנדיק די שאַרפע שפּיצן און די קאָלירטע פּליטערלעך, וואָס האָבן דעם ענין אַרומגעהילט...

אָבער נאָך מער ווי זיין מתנגדישע ניכטערקייט האָט צביונען גע־ראַטעוועט פון ווערן פאַרשיכורט פון חנעוודיקן שמייכל, זיין אידעיִשע אויסגעהאַלטנקייט, זיינע פעסטע פרינציפּן. אויפן ערשטן אָרט איז ביי אים שטענדיק געשטאַנען דער ענין גופא, דער „וואָס", באַנוצנדיק דאָס שיינע וואָרט און אויך דאָס שיינע ווערטל בלויז אויף קלאָרער צו מאַכן דעם געדאַנק און קיינמאָל נישט — אויף אים צו פאַרטרעטן.

אין לעבן פון יעדן מענטש שפּילט, לויט מיין מיינונג, דער אויפריכ־טיקער גלויבן (אָן אונטערשיד צי דאָס איז דער גלויבן אין גאָט, אָדער אין אַן אידעאַל) די ראָלע פון גוטן מלאך, וואָס גייט ביי זיין זייט און גיט אים אַ צי ביים אַרבל, ווען ער וויל אַמאָל זיך אַוועקדרייען אויף אַ קרומען, הפקרדיקן וועג. אָבער נאָך אַ פיל גרעסערע ראָלע שפּילט דער דאָזיקער מלאך אין לעבן פון קינסטלער, ווייל ער איז אויסגעשטעלט אויף גרעסערע געפאַרן, ווי דער פּשוטער מענטש. דער יצר הרע אַרבעט ביי אים שטאַרקער און אויך די געלעגנהייטן זיך אָנצושיכורן און אין דעם צושטאַנד צו פאַרבלאָנדזשען זענען גרעסערע. ער קען פאַרשיכורט ווערן סיי פון זיין אייגענעם טאַלאַנט און סיי פון די קאָמפּלימענטן פון אַנדערע. ווער שמועסט נאָך, פון קעגנער...

פון אַלע ייִדישע שרייבער איז, דאַכט זיך, צביון געווען אַממייניסטן אויסגעשטעלט אויף אַזאַ געפאַר, ווייל קיינער פון זיי האָט נישט זוכה געווען צו באַקומען אַזוי פיל קאָמפּלימענטן פון קעגנער ווי ער. ער האָט אַפילו פון קעגנער באַקומען מער קאָמפּלימענטן ווי פון אייגענע. ווי אַ נאָענטער חבר פון צביונען, וועלכן עס האָט פאַראייניקט נישט בלויז דער ליטעראַריש־פּאָליטאָניסטישער „ווי אַזוי", נאָר אויך דער סאָציאַליס־טיש־בונדישער „וואָס", איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען מיט אים וועגן דעם צו רעדן. זיינע אייגענע אידעאַישע חברים האָבן שטאָלצירט מיט אים. עס האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט, וואָס ער איז זייער שליח־ציבור פאַר דער ייִדישער וועלט, אָבער צופיל געקעכלט אים מיט קאָמ־פּלימענטן האָבן זיי נישט. זיי האָבן זיין שרייבן גענומען ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט: „ווי דען זאָל צביון שרייבן?"... די קעגנער אָבער האָבן נישט אויפגעהערט אים צו לויבן און צו באַוווּנדערן. יעדע קורצע באַמערקונג, אַז זיי זענען מיט אים נישט איינפאַרשטאַנען, איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ לאַנגן באַגייסטערטן „פונדעסטוועגן"... אויפן חשבון פון זיין טאַלאַנט צו קענען מאַכן מענטשן הנאה האָבן אויך פון זאַכן, וועלכע האָבן זיי אייגנטלעך געדאַרפט אויפרעגן...

— דאָס טוען זיי — האָט ער מיר אַמאָל אויסגעטייטשט די קעגנע־רישע קאָמפּלימענטן — נישט אַזוי ווייט פאַר מיר ווי פאַר זיך. זיי מוזן געפינען וואָס שטאַרקערע אַרגומענטן אויף צו פאַרענטפערן זיך פאַר

זיך אַליין, פאַרוואָס זיי לייענען צביונען... און ווי עס איז דער שטייגער אין אַזעלכע פאַלן — טרייבן זיי איבער...

פון זיין טאָן איז פונדעסטוועגן געווען קלאָר, אַז גלייכגילטיק צו די קאָמפּלימענטן פון די קעגנער איז ער נישט און אַז ער איז אַפילו נישט אינגאַנצן אַזוי זיכער, אַז זיי טרייבן אַ סך איבער... די דאָזיקע הנאה האָט זיך נישט זעלטן אויך אַרויסגעפילט פון זיינער אַ פּאָלעמיק מיט אַ רבנישן קעגנער, ווען ער האָט זיך ווי געשפּילט מיט זיין הומאָר און לומדות און דערביי געהאַט דעם אָנגענעמען געפיל, אַז טויזנטער לומדים שטייען בעת־מעשה אַרום און שאָקלען צו מיט די בערד — נישט, חלילה, אויף „יאָ" שאָקלען זיי, נאָר אויף דער מייסטערהאַפטער שפּיל:

— אַי, אַי, אַי...

אָבער אויך דעמאָלט איז ביי אים די הנאה נישט דערגאַנגען ביז שיכרות. אים האָט געשיצט פון אָט דער שיכרות דער אידעאישער מלאך, וואָס האָט אים באַגלייט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

***

אידעאישער גלויבן שיצט טאַקע שרייבער פון געפאַרן, ער שפּרייט אָבער פאַר זיי אויך אויס נייע געפאַרן.

און איינע פון די גרעסטע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אידעאישע שרייבער איז — ווידערהאָלונג, איבערחזרונג.

דעם פרייען קינסטלער, אָט דעם, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום אידעאַל, דראָט נישט די געפאַר פון איבערחזרן זיך, פון לאַנגווייליקן דעם לעזער מיט איין „פּזמון". ער שפּרינגט זיך אַרום פון בלום צו בלום און קען פון יעדער הנאה האָבן און — אויב נאָר ער איז געבענטשט מיט טאַלאַנט — מאַכן אויך אַנדערע הנאה האָבן פון אַלעם, וואָס אים געפעלט אין דער מינוט. טאַקע דערפאַר, וואָס מיט אים גייט נישט קיין מלאך, איז זיין גאַנג לייכטער און אויך פאַרשידנאַרטיקער. בלאָנדזשען איז אינ־טערעסאַנטער, ווי גיין שטענדיק אויף איין וועג. היינט גייט מען אויף אַ העלער גאַס, מאָרגן פאַרקערעוועט מען אויף אַ טונקעלער; היינט — באַזינגט מען דעם שטורעם, — מאָרגן — די רו. היינט איז מען פריי־דענקעריש און מאָרגן — רעליגיעז־געשטימט. איין טאָג איז מען פאַר־

כאַפּט פון דער דרייסטקייט און וויזיאָנערישקייט פון די, וואָס גייען פאָ־
רויס, און אַ צווייטן טאָג באַוואונדערט מען די מיסטישע שיינקייט און
קהלתדיקע קלוגשאַפט, וואָס ליגט אין אָפּשטעלן זיך און קוקן אויף צו־
ריק... דער „פרייער" שרייבער איז צו גאָרנישט געבונדן און ער קען
דעריבער צופּאַסן זיינע שטימונגען צו די שטימונגען פון גאַס. ער דאַרף
נישט מוסרן זיינע לעזער, ער דאַרף זיי נישט זאָגן זאַכן, וואָס זענען פאַר
זיי נישט אָנגענעם צו הערן. זיין אויפגאַבע איז זיי בלויז צו פאַרווילן,
צוצושטעלן זיי אינטערעסאַנטן לייען־שטאָף.

אַנדערש איז אָבער די לאַגע פון אידעאישן שרייבער. נישט נאָר
קומט אים אויס צו זאָגן זאַכן, וואָס זענען אין געגעבענעם מאָמענט נישט
פּאָפּולער און נישט אָנגענעם צו הערן, נאָר ער מוז נאָך די זעלבע אומ־
אָנגענעמע זאַכן פון צייט־צו־צייט ווידערהאָלן.

צביון איז מער פון אַלע יידישע שרייבער געווען אין דער דאָזיקער
לאַגע. ביי זיין גאַנצער קלוגשאַפט און עלאַסטישקייט איז ער אין זיין
סאָציאַליסטישן גלויבן געבליבן אומבויגזאַם. ווי גרויס עס איז נישט
געוואָרן די מחנה פון די נעכטיקע אידעאַליסטן, וואָס האָבן זיך צוגע־
פּאַסט צו די „אַנדערע באַדינגונגען" און צו דער, ווי זיי רופן עס, „נייער
צייט", האָט דאָס אויף צביונען אַלץ נישט געווירקט און ער איז געבליבן
אין יאָר 1954 דערזעלבער „אַלטפרענקישער" סאָציאַליסט ווי מיט פופ־
ציק יאָר פריִער און ער האָט נאָך אַלץ פאַר דער וועלט און פאַר זיין
אייגן פאָלק קיין בעסערע און אינטערעסאַנטערע רפואה נישט געפונען,
ווי דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם...

פונקט ווי דער פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, גי מאָלע,
האָט אויך צביון געוווּסט, אַז „מיר סאָציאַליסטן, זענען געצוווּנגען זיך
איבערצוחזרן, אויב מיר ווילן נישט אונדזער זאַך פאַרראַטן"...

האָט ער זיך טאַקע גאָר אָפט איבערגעחזרט, צביון. ער האָט גע־
זאָגט דאָס זעלבע צום ערשטן מאָל, צום צענטן מאָל, צום הונדערטסטן
מאָל, צום טויזנטסטן און ווער ווייס וויפל מאָל נאָך ער וואָלט דאָס זעלבע
איבערגעחזרט, ווען דער טויט רייסט אים נישט איבער...

און דאָך איז ער נישט געווען לאַנגווייליק... גערעטעוועט פון דער
געפאַר פון לאַנגווייליקייט האָט אים הויפּטזעכלעך זיין טאַלאַנט. פאַראַן

גאוואליפיע 7

שרייבער, וואָס אַפילו, ווען זיי זאָגן עפּעס נייס, קלינגט עס אַלט און אָפּגעריבן, עס זעט אויס ווי אַ שטיק באַנאַליטעט, און עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען אויף אַלטע זאַכן אַרויפּצו‍ִיען דעם גלאַנץ פון פריש־קייט. צו די לעצטע האָט געהערט צביון.

אָבער חוץ מיט טאַלאַנט האָט צביון זיינע אַלטע אמתן אויך באַ־שטראַלט מיט זיין טיפער אויפריכטיקייט. אַט דער גלויביקער סאָציאַ־ליסט, וואָס האָט געקענט מיט אַזאַ קלאָרקייט און איבערצייגונגס־קראַפט פאַרטייטשן דעם סאָציאַליזם פאַרן ייִדישן לייענער, האָט גלייכצייטיק נישט פאַרהוילן, אַז אים אַליין איז נישט אַלץ אינגאַנצן קלאָר און אַז ער ווייס, אַז מאַרקסיזם פאַרענטפערט נישט אַלע פראַגן. אויך נאָכן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, האָט ער געזאָגט, וועלן נאָך בלייבן גענוג פראַגן, מיט וועלכע דער מענטש וועט זיך דאַרפן ראַנגלען. פאַר אים איז אָבער גענוג, וואָס דער סאָציאַליזם פאַרענטפערט אַ מאַקסימום פראַגן, וואָס מאַטערן דעם מענטשן.

דאָס זענען נישט געווען קיין אַפּיקורסישע רייד, דאָס זענען אָבער נאָך וויניקער געווען די רייד פון אַ פאַנאַטיקער, וואָס איז זיכער, אַז זיין גלויבן גיט אַן ענטפער אויף אַלע קשיות און מאַכט ליכטיק אַלע טונקל־קייטן.

גראָד צביון, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם זעלטענעם כוח צו מאַכן קלאָר פאַרפלאָנטערטע און טונקעלע ענינים, האָט געוווּסט די גרענעץ פון קלאָרקייט און האָט געהאַט דעם מוט זיך אַוועקצושטעלן ביי דער דאָזיקער גרענעץ און קוועטשן הילפלאָז מיט די פּלייצעס:

— איך ווייס נישט...

דאָס האָט ביי צביונען אויך געמיינט, אַז אַפילו זאַכן, וואָס זעען אים אויס קלאָר, זענען אפשר נישט אינגאַנצן אַזוי קלאָר, און אַז אויך דעם קעגנערס שטאַנדפּונקט איז אפשר נישט אינגאַנצן אַזוי טונקל...

דערפאַר טאַקע האָט די דאָזיקע הילפלאָזיקייט זיינע נישט וויניקער אימפּאָנירט און געוועקט דרך־ארץ, ווי זיין שטאַרקייט אין באַלויכטן זאַכן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט באַלויכטן.

אויף ביידע האָט געגרונט דער מילדער שמייכל פון צביונען.

ב. שעפּנער

**
*

דער דאָזיקער שמייכל איז מער נישטאָ.

אַכציק יאָר איז אַ בכבודיקע עלטער, אָבער יאָרן באַמערקט מען נאָר דאַן, ווען זיי ווערן אַ לאַסט און ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן זענען די אַכציק יאָר נישט געווען קיין לאַסט נישט פאַר צביונען און נישט פאַר זיינע לייענער. די לאַסט פילט מען ערשט איצט, ווען צביון, דער אַכציקער, איז אַוועק, עס איז אומעטיק אָן צביונען.

פאַר זיינע קאָלעגן איז צביון געווען אַ מוסטער פון אַ גרויסן פּע־ליעטאָניסט, וואָס זיין מילדער, שפּילעוודיקער שמייכל האָט אים נישט געשטערט צו נעמען פּרינציפּן זייער ערנסט. און ער וועט בלייבן פאַר זיי אַ מוסטער אַזוי לאַנג, ווי עס וועט לעבן דאָס יידישע וואָרט.

אָקטאָבער, 1954.

ד ר י ט ע ר ט ײ ל

אפקלאנגען פון דארטן

דער אָנהייב...

דאָס איז געווען פרייטיק פאַרטאָג, דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1939. וואַרשע איז נאָך טיף געשלאָפן, ווען אין דעם בלויען, שטילן דרויסן האָבן אָפּגעקלונגען מעכטיקע דונערן, באַגלייט פון אַ גערויש פון עראָפּלאַנען.

— מלחמה?...

איך בין אַ פאַרשלאָפענער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און בין צו צום אָפענעם פענצטער, וואָס איז אַרויס אויף אַ שטילן, גרינעם הויף. אין דעם זעלביקן מאָמענט האָבן זיך ביי אַלע פענצטער באַוויזן מענטשן אין נאַכט־העמדער און אין פּיזשאַמעס, מיט שטיקער שלאָף אין די צעשראָ־קענע אויגן, און אויך זיי, פּונקט ווי איך, האָבן געשטעלט דעם פרידלעכן, טיף־זומערדיקן פרימאָרגן די זעלבע צעטומלטע פראַגע:

— מלחמה?...

מיר האָבן אַלע געקוקט אויפן הימל, וואָס איז געווען אַזוי בלוי און דורכזיכטיק, ווי נאָר עס קען זיין דער הימל אין די שענסטע פרי־מאָרגנס פון פוילישן „גאָלדענעם האַרבסט״. אויפן הימל איז קיין שום פאַרדעכטיקס נישט געווען צו באַמערקן. אַפילו דער גערויש איז איצט געוואָרן אַ ביסל שוואַכער. דאָך האָט יעדערער דערפילט, ווי הינטער דער דאָזיקער פרידלעכער בלויקייט טשאַטעוועט עפּעס... פון הימל האָבן די בליקן פון די מענטשן ביי די פענצטער גענומען לויפן איבער די פנימער פון די שכנים. אפשר ווייסט דער צווייטער עפּעס? מיטאַמאָל האָבן ווידער שטאַרקע דונערן גענומען דורכשניידן די לופט. מענטשן זענען אינסטינק־טיוו אָפּגעשפּרונגען פון די פענצטער. עמעצער האָט פון הויף געשריגן:

— פאַרמאַכט די פענצטער!

אַלע פענצטער האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען האַסטיק פאַרקלאַפּן. אויך מיין פרוי און די קינדער האָבן זיך אַ וואָרף געטון פאַרמאַכן די פענצטער מיט אַזאַ האַסטיקייט, ווי פון דעם וואָלט געווען אָפּהענגיק אונדזער אַלעמענס לעבן. ווער האָט געהייסן פאַרמאַכן די פענצטער? פאַרוואָס דאַרף מען פאַרמאַכן די פענצטער? און צי קענען פאַרמאַכטע פענצטער זיין עפּעס אַ שוץ קעגן באָמבעס, וואָס ווערן געוואָרפן פון עראָפּלאַנען?... — קיין איין מענטש האָט זיך דעמאָלט די פראַגע נישט געשטעלט. עמעצער הייסט פאַרמאַכן, לויפט מען פאַרמאַכן... דאָס איז די הילפלאָזיקייט, וואָס באַפאַלט דעם מענטשן אין אָנבליק פון מיסטעריעזע קאַטאַסטראָפעס, וואָס נישט ער ווייסט, ווי אַזוי זיי אויסצומיידן און נישט ער ווייסט ווי אַזוי זיי צו באַגעגענען... דאָס גאַנצע ביסל אייגענער שכל זעט דיר אין אַזעלכע מאָמענטן אויס איבעריק און אַפילו לעסטיק, ווייל עס גיט דיר גאָרנישט, עס קען דיר אין ערגעץ נישט אַרויספירן. גיכער קען עס דיך פאַרפירן אויף פאַלשע, נאָך מער געפערלעכע וועגן, ווי די, אויף וועלכע דער בלינדער צופאַל האָט דיך אַוועקגעפירט. איז אָנשטאָט זיך צוצוהערן צום שכל, הערט מען זיך אין פיל אַזעלכע סיטואַציעס צו צום אינסטינקט, צו קלאַנגען, צו האַלבע ווערטער, צו חלומות... דער אָרעמער, הילפלאָזער מענטש פרוווט באַקעמפן דאָס אומקלאָרע מיט אומקלאָרקייט, דאָס מיסטישע — מיט מיסטיק...

שפּעטער, אין פאַרלויף פון מיינע מלחמה־וואַנדערונגען, האָב איך זיך אויף שריט און טריט באַגעגנט מיט דער דאָזיקער מיסטישער מענטשלעכער הילפלאָזיקייט, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט באַלד דעם ערשטן פרימאָרגן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ערשט איצט, נאָכדעם ווי מיר זענען אַוועק פון די פענצטער, האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אין הויז איז פאַראַן אַ ראַדיאָ, ווו מיר קענען באַקומען אַן ענטפער אויף אונדזער שרעקלעכער פראַגע. באַלד טאַקע האָבן מיר געעפנט די ראַדיאָ און דערהערט די בשורה:

„נאָך האַלבער נאַכט זענען היטלערס פאַנצער־דיוויזיעס אַריבער די פוילישע גרענעץ... דייטשע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן פוילישע שטעט... היטלער האָט אָנגעהויבן דעם קריג אָן אַ מלחמה־דערקלערונג...“

די שטימע אין דער ראַדיאָ איז געווען אַ הייסע, אַן עקזאַלטירטע,

אַריינפּאַלנדיק אַפּילו אַביסל אין הייזעריקייט. עס האָט גערעדט אַ מיליטער־מאַן, אַ פאָרשטייער פון קריגס־מיניסטעריום. אַמשאַרפסטן האָט ער אַקצענטירט דעם פאַקט, וואָס היטלער האָט פאַרן אָנהייבן די מלחמה נישט צוגעשיקט דער פּוילישער רעגירונג קיין קריגס־דערקלערונג, ווי עס איז דער אָנגענומענער מנהג אויף דער וועלט... און מערקווירדיק: ווען איך בין אין עטלעכע מינוטן אַרום אַראָפּ אויפן הויף, האָב איך אין די ערשטע שמועסן פון מיינע שכנים וועגן דער מלחמה אַממיינסטן געהערט רעדן וועגן דעם דאָזיקן פאַקט, וואָס היטלער האָט זיך נישט געפירט, ווי „די וועלט פירט זיך"...

— אָן אַ קריגס־דערקלערונג?... ווי איז דאָס מעגלעך?...

איך האָב זיך אין יענעם פרימאָרגן נישט אָפּגעגעבן קיין געהעריקע רעכענונג, ווי כאַראַקטעריסטיש עס זענען געווען די דאָזיקע שמועסן פאַר אונדזער אַלעמענס באַציִונג צו דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן געאורטיילט די צווייטע וועלט־מלחמה לויט דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן געמיינט ,אַז אַלץ דאַרף זיך פירן אַזוי ווי דעמאָלט האָט זיך געפירט: דער זעלבער קריג, די זעלבע קריגס־טעכניק, די זעלבע קריגס־אומגליקן און אויך — די זעלבע דייטשן... דאָס איז געווען דער שרעקלעכער טעות וואָס עס האָט געמאַכט די פּוילישע רעגירונג און דאָס איז זיכער געווען איינע פון די וויכטיקסטע אורזאַכן פון דעם אַזוי גיכן צוזאַמענברוך פון דער פּוילישער קריגס־מאַשין.

איך האָב גראָד געהאַט אַ געלעגנהייט אין פאַרלויף פון יאָרן זיך צוצוקוקן פון דער נאָענט צי די פּוילישע רעגירונגס־פירער און צו זען וויפל פּוסטע איינרעדעניש און אינערלעכער דלות האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די שטייפע, שליאַכעצקע וואָנצעס און וואָסערע ליימענע פיס עס האָבן געשטעקט אין די גלאַנציקע פּוילישע אָפיצירן־שטיוועלעך. דער פּוילישער האַלב־פאַשיסטישער רעזשים איז געווען צעפוילט פון קאָרופּציע, פון פּראָטעקציע, פון אַנטיסעמיטיזם און פון אַ פּראָווינציעלער, ראָמאַנטישער ריטערלעכקייט, וואָס איז — אין דער עפּאָכע פון עראָפּלאַן און ראַקעט — נאָך אַלץ געשטאַנען מיט פאַרחלומטע אויגן איינגעגראָבן אין אָדלער־פערד און אין שמאָלן בלישטשענדיקן שווערדל, גלויבנדיק ווייטער, אַז מען קען דערמיט איינעמען סיי לענדער און סיי הערצער...

דאָך האַלט איך, אַז די באַשולדיקונג, אַז פּוילן האָט זיך איבערהויפּט נישט צוגעגרייט צום קריג איז נישט געווען אינגאַנצן ריכטיק. די פּוילישע רעגירונג האָט זיך יאָ אַ ביסל צוגעגרייט, נישט מער, זי האָט געמאַכט איין „קליינעם" טעות אין אירע צוגרייטונגען: אָנשטאָט זיך צוצוגרייטן אין די דרייסיקער יאָרן צום צווייטן וועלט־קריג, האָט זי זיך צוגעגרייט צום ערשטן וועלט־קריג...

היטלער, דאַקעגן, האָט זיך צוגעגרייט צום צווייטן וועלט־קריג...

און אויך מיר, ייִדן, האָבן געמאַכט דעם זעלבן טעות. דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס אַזויפיל ייִדישע פרויען אין פּוילן האָבן אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אַנטלויפן פאַר די דייטשן. פרויען און קינדער וועלן ביי די דייטשן נישט זיין זיכער מיטן לעבן?... וואָס פאַלט אייך איין?..."
דאָס איז אויך געווען די אורזאַך וואָס נישט געקוקט אויף דעם רוף פון דער רעגירונג, אויפן פינפטן טאָג פון קריג, אַז אַלע מאַנסלייט אין מיליטער־עלטער זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק אויף מזרח, איז פונדעסטוועגן די גרעסטע מערהייט אַפילו פון דער ייִדישער מענלעכער באַפעלקערונג געבליבן אין דער היים און פיל פון די, וואָס זענען אַוועק, זענען שפּעטער צוריקגעקומען. וויפל מען האָט נישט געהערט וועגן היטלערן, האָט פונדעסטוועגן דער עולם זיך גענומען פאַר אַ מוסטער דעם ערשטן וועלט־קריג און אויך יענע דייטשן...

„מען וועט זיך אַ ביסל מוטשען, ווי מען האָט זיך געמוטשעט ביי דער ערשטער מלחמה, אָבער מען וועט איבערקומען..."

דערפאַר טאַקע האָט זיך אין דעם ערשטן פרימאָרגן דער עולם אַזוי געוווּנדערט, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די מלחמה אָן אַ קריגס־דערקלערונג.

דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה איז אַנדערש ווי די ערשטע...

אָבער מען האָט דעם אָנזאָג נישט פאַרשטאַנען...

***

ווען איך בין אַרויס אויף דער ברייטער לעשנע־גאַס, וווּ איך האָב געוווינט, האָב איך שוין געטראָפן טויזנטער ייִדן שטראָמען פון אַלע

זייטן. דאָס איז נישט געווען קיין מאַסע, וואָס גייט צו אַ באַשטימטן ציל. די מייסטע מענטשן האָבן אינגאַנצן קיין ציל נישט געהאַט. מען איז אַרויס אין גאַס, כדי אין דער דאָזיקער שרעקלעכער מינוט צו זיין צוזאַמען מיט מענטשן, צו פילן, אַז מען האָט אַ סך שותפים צום אומגליק. דאָ און דאָרט האָבן זיך געבילדעט גרופּקעס, וועלכע די פּאָליציי און אייניקע ציווילע האָבן ענערגיש פאַנאַנדערגעטריבן.

דער עולם האָט שוין געוווּסט, אַז „זי" איז אויסגעבראָכן. עס איז אָבער נאָך נישט געווען קלאָר וועמעס עס זענען געווען די עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן זיך פאַרטאָג באַוויזן אויפן הימל, און וואָס עס האָבן באַדייט די אויפרייסן, וועלכע האָבן אַלעמען אויפגעוועקט. מאַנכע האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען געווען דייטשע עראָפּלאַנען און אַז דאָס האָבן זיי געוואָרפן באָמבעס אויף דער שטאָט. אַנדערע, אָבער, האָבן פאַרזיכערט, אַז די עראָפּלאַנען זענען געווען „אונדזערע" און אַז דאָס האָבן זיי געמאַכט מאַנעוורעס מיט פאַלשע באָמבעס, כדי די באַפעלקערונג צוצוגרייטן אין פאַל פון אַן אמתן לופט-אָנפאַל פון שונא. דער עולם האָט שטאַרק געוואָלט גלויבן אין דער צווייטער ווערסיע. עס האָט זיך אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט שלום-מאַכן מיטן שרעקלעכן געדאַנק, אַז מען איז אינגאַנצן שוצלאָז, הפקר... עס האָבן זיך באַלד געפונען מענטשן, וואָס האָבן אַליין געזען דעם פוילישן צייכן אויף די עראָפּלאַנען.

— וואָס מיינט איר, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן — מען וועט לאָזן די הויפּטשטאָט אָן אַ לופט-שוץ?

— פאַרשטייט זיך... פאַרשטייט זיך... — האָט מען פון אַלע זייטן צוגעשטימט.

די שטימונג איז געוואָרן מונטערער, געהויבענער. די יידן, וועלכע האָבן טיף אין האַרצן געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דער פוילישער רעגירונג, וואָס האָט נישט געוואָלט קאַפּיטולירן פאַר היטלערן און דרייסט אויפגענומען די אַרויספאָדערונג זיינע, זענען איצט גרייט געווען צו גלויבן, אַז די וואַרשעווער מלוכה-לייט האָבן אַלץ פאַראויסגעזען און אַלץ צוגעגרייט...

אָבער נישט בלויז דאַנקבאַרקייט האָט זיי געמאַכט פאַר אַזעלכע גלויביקע. די פוילישע מיניסטאָרן און די פוילישע גענעראַלן האָבן אין

פאַרלויף פון וואָכן געדעדט מיט אַזאַ זיכערן טאָן און מיט אַזאַ ברייט מויל וועגן זייער קאַמף־גרייטקייט און זייער זיכערן זיג אין פאַל פון אַ קאָנפליקט, אַז אַפילו די סקעפּטיקער און שוואַרץ־זעער האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז הינטער די דאָזיקע שטאַרקע ווערטער ליגן אַפילו נישט גענוג עראָפּלאַנען אויף צו באַשיצן די הויפּטשטאָט אינעם ערשטן טאָג פון קריג...

פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט די האָפּערדיקע רעגירונגס־אויפרופן מיט די דריי מאַגישע ווערטער, וואָס זענען געוואָרן דער פּאַראָל פון אַלע פּוילישע אָפיציעלע רעדעס און אינטערוויוען:

„שילני, זוואַרטשי, גאָטאָווי!" (שטאַרקע, פאַרייניקטע אין איין געשלאָסענער מחנה און צוגעגרייטע).

אין די אויערן האָבן אויך געקלונגען די שטאָלצע, ריטערלעכע ווערטער פון דעם פּוילישן הויפּט־קאָמאַנדיר, פּילסודסקיס יורש, מאַרשאַל רידז שמיגלי — דער זעלבער, וואָס איז אויפן פינפטן טאָג פון קריג געלאָפן קיין רומעניע ראַטעווען די אייגענע פעל, איבערלאָזנדיק זיין צעפּערטלטע, אומבאַוואָפנטע אַרמיי אויף די אָפענע פעלדער אונטערן האָגל פון היטלערס עראָפּלאַנען, — די ווערטער, וועלכע ער האָט באַנוצט אַלס ענטפער אויף אַ פראַגע, וואָס עס וועט זיין, אויב פראַנקרייך און ענגלאַנד וועלן נישט דערקלערן קריג היטלערן:

„וועלן מיר זיך שלאָגן אַליין!" — האָט מאַרשאַל רידז שמיגלי שטאָלץ אויסגערופן.

פון די דאָזיקע ווערטער האָבן פיל געשעפט זיכערקייט, אַז היטלער וועט נישט וואַגן איבערצוציִען דאָס שטריקל. ער פּרווט טאַקע, ער מיינט, אַז עס וועט צוגיין אַזוי לייכט ווי מיט עסטרייך, ווי מיט טשעכאָסלאָוואַקיע. אָבער אַז ער וועט זען די פּוילישע עקשנות, די אַנטשלאָסנקייט זיך צו שלאָגן, וועט ער זיך צוריקציִען... אַפילו נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן דער סטאַלין־היטלער־פּאַקט, וואָס איז איבעראַל באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרין ליכט פון מאָסקווע פאַר היטלערן, אַז ער קען אָנהייבן, — אַפילו דעמאָלט איז די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין פּוילן געווען זיכער, אַז צו אַ מלחמה וועט נישט קומען. אַזוי גרויס איז נאָך

די ווירקונג פון שטאַרקע ווערטער, דערהויפּט אויף די, וואָס ווילן אין זיי גלויבן...

***

אין עטלעכע מינוט אַרום, צוקומענדיק נענטער צו דער טומלדיקער גאַס, האָב איך שוין מער נישט געהאַט קיין אילוזיעס וועגן די פרימאָרגנ־דיקע עראָפּלאַנען. מענטשן, אַנגעלאָפענע פון אַנדערע געגנטן, האָבן אי־בערגעגעבן שוואַרצע בשורות:

„דייטשע באָמבעס זענען געפאַלן אין וואַליע... אין מאָקאָטאָוו... אין פעלצעוויזנע... אין אָטוואָצק... פאַראַן מענטשלעכע קרבנות..."

די ידיעות האָט מען זיך איבערגעגעבן אין דער שטיל, מיט אַ גע־פליסטער. מען האָט זיך געשראָקן פאַר די אייגענע ווערטער. דערצו איז אין דער לופט געהאַנגען די שרעק פאַר שפּיאָנען, פאַר וועלכע די ראַדיאָ האָט נישט אויפגעהערט צו וואָרענען. ערגעץ דאָרט ביי ראָג פּזשעיאַזד איז אַ געלויף, אַ פּאָליציאַנט פייפט... אַ פּוילישע עלטערע פרוי אָנגעטון אין אַ גרויען טוך פּרוווט טרעפן:

„פּעווניע שפּיעגאַ זלאַפּאַלי" (זיי האָבן מסתמא אַ שפּיאָן געכאַפּט).

אַ טונקעלער פּאָליאַק אין אַ וועליסאָפּעד־היטל מיט געדיכטע, האַרטע וואָנצעס און פאַרדעכטיק־קליינע אייגעלעך ווינקט צו איר:

„און אפשר אַ זשידאָווסקן ספּעקולאַנט? —ביידע פעלן נישט..."

יידן נעמען שטעלן גיכערע טריט. עס ווערט אומהיימלעך... די לעצ־טע וואָכן, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען מיט היטלערס דראָונגען קעגן פּוילן, זענען די נאַציסטישע שטימונגען אין פּוילן היפּש געפאַלן און די יידישע באַפעלקערונג האָט אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. דער רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם, פון וועלכן מען האָט אַממיינסטן געליטן, האָט כמעט ווי אויפגעהערט און אַפילו די ענדעקישע אַנטיסעמיטן האָבן דעם יידן־קאַמף אָפּגערוקט אויפן צווייטן אָרט. אייניקע האָבן אַפילו דאָס גע־זאָגט צו זייערע יידישע שכנים גאַנץ אָפנהערציק:

„דערוויילע וועלן מיר אייך אָפּלאָזן... אַז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט היטלערן, וועלן מיר זיך צו אייך ווידער נעמען..."

ב. שעפנער

**
*

אָבער אָנשטאָט צו קעמפן קעגן יידן, האָט מען אָנגעהויבן קעמפן קעגן „ספעקולאַנטן" און דאָס האָט „גראָד" געטראָפן די יידישע קרעמער. דער עולם האָט די לעצטע טעג, איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, זיך געלאָזט איבערצייגן פון די רעגירונגס־פאַרשטייער, וועלכע האָבן דורך דער ראַדיאָ און די צייטונגען גערופן די באַפעלקערונג זיך אָנצו־גרייטן לעבנסמיטל־זאַפּאַסן, כדי אין פאַל ווען די קריגס־אָפּעראַציעס וועלן שווער מאַכן דאָס צושטעלן שפּייז פאַר דער שטאָט, זאָל מען נישט בלייבן אָן פּראָדוקטן. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון איבער די שפּייז־געוועלבער איינקויפן זאַפּאַסן און אין פאַרלויף פון געציילטע טעג איז די שטאָט כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַ פּאַניק און אַ יקרות נאָך איידער מען האָט געהערט דעם ערשטן שאָס... די רעגירונג האָט גענומען קעמפן קעגן „ספעקולאַציע", קראָמען זענען פאַרקלאַפּט געוואָרן מיט ברעטער, אויף וועלכע עס איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אַן אויפשריפט „ספעקולאַנט". קרעמער זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די תפיסות און טונקעלע עלעמענטן האָבן אין די געדיכטע רייען פאַר די אויסגעליידיקטע שפּייז־געוועלבער אויפסניי אָנגעהויבן אַ העצע קעגן יידן, וועלכע געווינען טאָפּלט פון דער מלחמה: אי די פּוילישע „פּאַראָבקעס" זייערע, שלאָגן דעם גרעסטן יידן־פיינט היטלער און אי די פּאָליאַקן צאָלן דרייפאַכע פּרייזן אין די יידישע קראָמען...

אַ סברה, אַז די דייטשע שפּיאָנען, וועלכע זענען געזעסן אין די פּוילישע רעגירונגס־אַמטן, האָבן עס געגעבן דער רעגירונג דעם דאָזיקן „גליקלעכן" געדאַנק צו הייסן דער באַפעלקערונג זיך פאַרזאָרגן מיט שפּייז־זאַפּאַסן, כדי אַזוי אַרום נאָך מער צו דעמאָראַליזירן און צו דע־זאָרגאַניזירן דאָס עפנטלעכע לעבן באַלד אין די ערשטע טעג פון קריג.

שוין יענעם פרייטיקדיקן פרימאָרגן, גייענדיק איבער דער לעשנע־גאַס, בין איך געווען אַן עדות פון דער דאָזיקער דעמאָראַליזאַציע. פאַר די שפּייז־געוועלבער האָבן זיך געזאַמלט גרופּעס פרויען. נאָכדעם ווי דער ערשטער שאָק, וואָס דער קריגס־אויסברוך האָט אַרויסגערופן, איז אַוועק, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף לעבן... איז מען געלאָפן זיך איינ־

שאָפן עסנוואַרג און אַממייסטן זענען געלאָפן די, וואָס האָבן שוין געהאַט ליגן גאַנצע בערג, און אויך די אָרעמסטע, וואָס האָבן זיך אַבסאָלוט גאָר־נישט געקענט אָנגרייטן און געמוזט לעבן פון האַנט צו מויל. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַזאַ גרופּע און זיך צוגעהערט צו די שמועסן, צו די קללות, צו די דראָונגען. מען האָט געשאָלטן די „שוואָבעס” (די דייטשן) און מען האָט געשאָלטן די ספּעקולאַנטן. מען האָט דערציילט וועגן שפּיאָ־נען, וואָס גיבן פון די גאַסן צייכנס צו די דייטשע עראָפּלאַנען... מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַן אימהדיק וואָיען פון סירענעס, — אַן אָנזאָג, אַז דייטשע עראָפּלאַנען זענען אָנגעקומען. דער עולם האָט גענומען לויפן אין ווילדער פּאַניק. אין אַ מינוט אַרום האָב איך זיך שוין געזען שטיין אין אַ טויער, צונויפגעדריקט צווישן צענדליקער צעשראָקענע מענטשן. פון דרויסן האָבן זיך דערהערט אויפרייסן. מענטשן האָבן זיך אינסטינקטיוו געשטופּט צו דער וואַנט. מיט אַמאָל הער איך ווי עמעצער פרעגט:

„מיט וואָס איז מען אין אַ טויער זיכערער ווי אויף דער גאַס?...”

די פראַגע האָט געקלונגען זייער איבערצייגנדיק. מענטשן האָבן זיך גענומען איבערקוקן מיט פינצטערע בליקן: וואָס טאַקע האָט מען דאָ אויפגעטון, וואָס מען איז פון דער אָפענער גאַס אַריין אין אַן ענגן טויער, פון וואַנען מען וועט אַפילו נישט קענען אַנטלויפן, אויב די ווענט וועלן אָנהייבן פאַלן?... צווישן אונדז האָט זיך אויך געפונען אַ ציווילער מאַן מיט אַ גאַז־מאַסקע אָנגעהאַנגען אויפן אַקסל. ער איז, קענטיק, געווען אַ הויכער באַאַמטער, אָדער אַ מענטש מיט גרויסע פאַרבינדונגען, מיט ברייטע פּלייצעס. נאָר אויסדערוויילטע ציוויל־לייט האָבן געקענט צוקו־מען צו אַ גאַז־מאַסקע. דאָס איז טאַקע געווען אין יענע ערשטע מלחמה־טעג די נייע אַריסטאָקראַטיע אין פּוילן. אויף אַ ציווילן מיט אַ גאַז־מאַסקע האָט מען געקוקט מיט קנאה און פאַרביטערונג, האָט אַזוי ווי הונגעריקע בעטלער קוקן דורך אַ ליכטיקן פענצטער פון אַ רייכן רעסטאָראַן אויף אַ מאַן, וואָס זיצט איבער אַ גרויסן, זאַפטיקן ביף. אַ פּאָר שטעכעדיקע בליקן האָבן פון אַ זייט געקוקט אויף דעם מאַן מיט דער גאַז־מאַסקע און, קענטיק, געהאַט אַ שטיקל טרייסט אין דער דאָזיקער טראַגישער מינוט:
„די גאַז־מאַסקע וועט דיר, פּריצל, דאָ גאָרנישט העלפן...”

ב. שעפּנער

אַ פרוי האָט זיך מיט אַ היסטעריש געוויין געשטופּט צום אַרויסגאַנג: „איך וויל אין שוץ־קעלער..." אויך איר געוויין האָט איניקע דאָ געגעבן אַ גרונט זיך איבערצוקוקן מיט פינצטערע בליקן: „שוץ־קעלער..." ווייסט זי נישט די דאָזיקע אומגליקלעכע, אַז וואַרשע האָט נישט קיין שוץ־קע־לער?... וואַרשע האָט וואָכן־לאַנג פאַרן אויסברוך פון קריג געגראָבן גרי־בער אין מיטן גאַס און אויף די סקווערן און הויפן. מיט גרויסן פּאַטריאָ־טישן געפילדער האָט די רעגירונג געפירט די „גריבער־אַקציע" און יעדן טאָג זענען הונדערטער גרופּן בירגער אַוועק נאָך דער אַרבעט גראָבן אַזעלכע גריבער, וואָס האָבן געדאַרפט באַשיצן די באַפעלקערונג פון לופט־אַטאַקעס. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָב אויך איך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יִדישע שרייבער, זיך באַטייליקט אין גראָבן אַזעלכע גריבער. עס איז אָבער גענוג געווען דער ערשטער דייטשער לופט־אָנגריף, כדי דער עולם זאָל זיך דערשרעקן פאַר די דאָזיקע גריבער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער בעסטער ציל־ברעט פאַר די דייטשע עראָפּלאַנען... ווען די דייטשן זענען שפּעטער אַריין אין וואַרשע און געזען די „שוץ־גריבער", האָבן זיי געקייכט פון געלעכטער. מען האָט געשמועסט, אַז אויך דער „געניאַלער" איינפאַל, פונקט ווי דער איינפאַל וועגן הייסן דער באַפעלקערונג איינקויפן שפּייז־זאַפּאַסן, און נאָך ענלעכע איינפאַלן, האָט געשטאַמט פון אַ דייטשן קאָפּ...

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ווידער זיך דערהערט אַ פייפן פון סירענעס, וואָס דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז דער לופט־אָנגריף איז געענ־דיקט. פון אַלע טויערן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מענטשן־מאַסן און שוואַרץ געמאַכט די גאַס. איך האָב גיך פאַרקירעוועט זיך פון קאַרמעליצקע אויף דער נאָוואָליפּיע, צו דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג". ערשט דאָ האָב איך גענומען גיין לאַנגזאַמער, פילנדיק זיך זיכערער אויף דער דאָזיקער שטילער, היימישער גאַס. ביים סקווער איז געשטאַנען אַ מאַמע, האַלטנדיק ביי דער האַנט אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריי. צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען די פראַגע פון קינד:

„מאַמע, וואָס איז אַזוינס מלחמה?..."

איך האָב אַ ציטער געטון און גענומען שטעלן גיכע טריט. אויפן הויף פון רעדאַקציע האָב איך געטראָפן חברים און פריינט פון אַלע עקן

שטאָט. מען איז געקומען אין רעדאַקציע פרעגן וואָס עס וועט זיין... דאָרט בין איך געווויר געוואָרן, אַז די ערשטע לופט־באָמבע, וואָס היטלער האָט געוואָרפן אויף דער ציוויל־באַפעלקערונג אין פוילן, איז געפאַלן אויף אַ יידישער קינדער־היים אין אָטוואָצק און אַז די ערשטע קרבנות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען יידישע יתומים...

איך בין אַריין אין רעדאַקציע און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דער ערשטער פרימאָרגן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז גע־וויען געענדיקט.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער פיבערדיקער טאָג און אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט, וואָס האָט פאַר די מיינסטע יידן אין פוילן זיך שוין קיינמאָל מער נישט געענדיקט...

ה ע ל ד י ש ק ײ ט...

גוט־דערצויגענע מענטשן דערציילן געווײנלעך נישט וועגן זייער אייגענער העלדישקייט און כאַראַקטער־פעסטקייט. אָבער איך וועל דאָס מאָל מאַכן אַן אויסנאַם. איך פיל זיך דערצו באַרעכטיקט שוין דערפאַר, ווייל גראָד דער דאָזיקער אַקט פון העלדישקייט האָט ווייניקער געהאַט צו טון מיט מיין שטאַרקייט און מער מיט מיין שוואַכקייט.

***

דאָס איז געווען אין דעם ליכטיקן סעפּטעמבער חודש פון 1939, אויפן פערטן טאָג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צען אויף דער נאַכט האָב איך נאָך נישט געוווסט, אַז איך פאַרלאָז מיין היים. אָבער צוועלף ביינאַכט בין איך שוין געזעסן אויפן פינצטערן וואַרשעווער וואָקזאַל צו־זאַמען מיט אַ פּאָר צענדליק ייִדישע און פּוילישע שרייבער־קאָלעגן און געוואַרט אויפן צוג, וואָס האָט אונדז געדאַרפט אַוועקפירן פון דער באָמ־באַרדירטער פּוילישער הויפּטשטאָט, ווו מאָרגן האָט שוין געקענט אַריינ־קומען היטלער...

די בענק אויפן וואָקזאַל זענען אַלע געווען פאַרנומען. מענטשן זענען געלעגן אויף דער ערד און מורא געהאַט איינצושלאָפן, טאָמער קומט אָן דער צוג — דער לעצטער צוג! — און ער גייט אַוועק אָן זיי. נאָך עט־לעכע שעה זיך אַרומדרייען אויפן פינצטערן וואָקזאַל, האָב איך דערפילט, אַז איך קען זיך מער אויף די פיס נישט האַלטן. בין איך אַרויס אויפן פּלאַטאַפאָרם און מיט די אויגן גענומען זוכן ווו מען קען זיך ערגעץ צושפּאַרן. צו מיין פרייד, האָב איך דערזען, ווי ביי אַ וואַנט שטייט אַ

לײדיק באַגאַזש־װעגעלע, בין איך גיך דערצו צוגעלאָפן און גענומען אַרויפ־קריכן. און דעמאָלט איז געשען אַן אומגליק — בײם אַװעקזעצן זיך האָבן מײנע הויזן זיך פאַרטשעפּעט אין אַ נאָגל און באַלד האָב איך מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט אַ גרויסן ריס אויפן הינטערשטן טײל פון מײנע הויזן.

דאָס איז פאַר מיר דעמאָלט געװען אַ שװערע איבערלעבונג, װאָס ביזן הײנטיקן טאָג איז דער אײנדרוק געבליבן פריש אין מײן זכרון. די צעריסענע הויזן זענען אין יענעם מאָמענט װי אויסגעװאַקסן צו אַ סימבאָל פון דער נײער סיטואַציע, אין װעלכער איך בין אַרײן.

פאַרגעס — האָב איך דעמאָלט צו זיך געזאָגט — װאָס דו ביזט געװען נעכטן. פון איצט אָן ביזטו אַ געיאָגטער, עלנטער הימלאָזער — אַ הימלאָזער מיט צעריסענע הויזן...

די הויזן זענען געװען די אײנציקע, װעלכע איך האָב דעמאָלט פאַר־מאָגט, װײל יעדער אײנער פון אונדז האָט באַקומען אַן אָנזאָג, ער זאָל קײן באַגאַזש נישט מיטנעמען, בלויז אַ קלײן פּעקעלע מיט די סאַמע נויטיקסטע קלײניקײטן. אין מײן װאַליזקעלע אין געלעגן אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן, נאָז־טיכלעך, אַ האַנדטוך, ראַזיר־מכשירים, אַ שטיקל זײף און אויך אַ לײלעך אויף באַנדאַזשן, אויב מען װעט דאַרפן... מען איז אַװעק װי מען שטײט און גײט: אָנגעטון זומערדיק, לײכט, מיט דער אויסרעכענונג, אַז אַזוי װעט זײן גרינגער צו לויפן און אַז אין אַ פּאָר װאָכן אַרום, אײדער עס װעט װערן קאַלט, װעט מען דאָך שוין צוריק זײן אין דער הײם. װי לאַנג קען דען געדויערן אַ מאָדערנע מלחמה, אַ בליץ־קריג? — אַ פּאָר װאָכן...

אָבער אַ חוץ, װאָס זײ זענען געװען די אײנציקע, האָבן מײנע צעריסענע הויזן געהאַט איצט נאָך אײן חסרון — זײ זענען געװען טונקעלע, און דאָס האָט דעם לאָך געמאַכט, אויב נישט גרעסער, איז מערקבאַרער, אָנזעעװודיקער...

איך טראַכט איצט, אַז דער אומגליק מיט די צעריסענע הויזן איז דעמאָלט פאַר מיר געװען אויך אַ שטיק גליק, װײל עס האָט אין אַ היפּשער מאָס אָפּגעװענדט מײן אויפמערקזאַמקײט פון דער... מלחמה. דעמאָלט האָב איך זיך אָבער װעגן דעם נישט אָפּגעגעבן קײן רעכענונג. איך האָב,

פאַרקערט, געהאַלטן, אַז איך בין נאָך אומגליקלעכער ווי די אַנדערע. זיי זענען בלויז היימלאָזע און איך בין אַ היימלאָזער מיט צעריסענע הויזן.

***

ווען מיר זענען ענדלעך אַריין אין די פינצטערע וואַגאָנען, האָב איך אַפילו געטראַכט צו דערציילן מיינע קאָלעגן וועגן דעם אומגליק, וואָס מיך האָט געטראָפן, אָבער — דאָס האָט זיך עפּעס נישט אַריינגע־פּאַסט אין דער אַלגעמיינער שטימונג: יעדער איז געווען פאַרנומען מיט די געדאַנקען וועגן זיין היים און זיין פאַמיליע, וועלכע ער לאָזט איבער אין דער באַמבאַרדירטער שטאָט; וועגן דעם אומבאַקאַנטן טונקעלן וועג וואָס ליגט פאַר אים... אין דער לופט האָט זיך אויך געהערט דאָס רוישן פון דייטשע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אַרומגעזוכט אונדזער צוג — איז ווי קען מען אין אַזאַ צייט רעדן וועגן צעריסענע הויזן...

דערצו האָב איך קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן פון דעם רעדן סיי־ווי נישט געקענט דערוואַרטן. קיין איבעריקע פּאָר הויזן האָט קיינער נישט געהאַט און עס איז ביי מיר אויך געווען אַ גרויסער ספק, צי עמעצער פון די קאָלעגן מיינע האָט אַ נאָדל מיט גאַרן אויף צוצונייען ווי עס איז דעם ריס. און אַפילו ווען זיי וואָלטן יאָ געהאַט, וואָלט מען איצט, אין דער פינצטער, גאָרנישט געקענט טון. אָנצינדן ליכט אין וואַ־גאָן אין געווען שטרענג פאַרבאָטן צוליב דער מורא פאַר דייטשע עראָפּ־לאַנען, אַפילו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס האָט מען נישט געטאָרט. פון דער צווייטער זייט איז די פינצטערניש געווען פאַר מיר אַ גרויסע פאַרלייכ־טערונג, מען האָט דעם ריס נישט געזען.

האָב איך טאַקע וועגן מיינע צעריסענע הויזן נישט גערעדט, איך האָב אָבער נישט אויפגעהערט וועגן זיי צו טראַכטן. איבערהויפּט האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק, אַז באַלד וועט ווערן טאָג און אַז זיצן די גאַנצע צייט אין וואַגאָן און זיך נישט רירן פון אָרט וועט דאָך זיין אוממעגלעך, פרי׳ער צי שפּעטער וועט מען דאָך זען...

איך האָב זיך אַליין געפּרוּווט מוסרן, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם שרעקלעכן מלחמה־אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי אויך מיך און מיינע נאָענטע, איז מיין הויזן־אומגליק אַזוי נישטיק, אַז

עס איז אַ חרפּה אַפילו איין מינוט וועגן דעם צו טראַכטן. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער שכל האָט מיך געהייסן טראַכטן וועגן דער גרויסער טראַגעדיע און דער קאָפּ האָט זיך ווייטער געטראַכט וועגן דעם קליינעם טראַגעדיעלע...

***

ביסלעכווייז האָט די פינצטערניש אין אונדזער וואַגאָן געגומען ווערן שיטערער און שיטערער און אַ בלאַסע שיין האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט דורך די וואַגאָן־פענצטער און געבליבן ליגן אויף די מידע פּנימער פון מיינע קאָלעגן. די מיינסטע פון זיי זענען נישט געשלאָפן, נאָר געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו קוקן דער ווירקלעכקייט אין פּנים אַריין. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז באַלד וועט דער טאָג־שיין אויך אַרויף אויף דעם צעריסענעם טייל פון מיינע הויזן... איך האָב דעריבער באַשלאָסן, אַז נאָך איידער עס ברעכט אויס דער טאָג און דער עולם הייבט אָן אַרומגיין איבער די וואַגאָנען, זאָל איך אַריינגיין אין וואַש־צימער און זיך ברענגען אין אָרדענונג, כדי שפּעטער, ווען אַלעמענס אויגן וועלן זיין אָפן, זאָל איך זיך נישט דאַרפן דרייען... אַזוי האָב איך טאַקע געטון. אין אַ פופצן מינוט אַרום בין איך שוין צוריק געזעסן אויף מיין פּלאַץ אָן ארומגעוואַשענער, אַ פריש־געוואַלטער, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַ שאַרפן קאָנטראַסט צווישן די איבעריקע פאַרשטויבטע, נישט־געגאָלטע פּנימער פון די פּאַסאַזשירן.

ווען מיינע קאָלעגן האָבן געעפנט די אויגן און מיך דערזען אַ פריש־געגאָלטן, האָבן זיי זיך שטאַרק געחידושט:

— ווען האָט איר דאָס באַוויזן? — האָבן זיי מיך געפרעגט — עס איז דאָך נאָך פינצטער?

האָב איך זיי דערציילט, אַז דאָס איז ביי מיר אַ געוווינהייט אַזאַ: וואַשן זיך איז ביי מיר אַ רפואה צו פאַרשידענע צרות, און מער פון אַלץ — צו דער שטימונג. די שווערסטע פּעקלעך טראָגן זיך לייכטער, אַז מען איז אָפּגעוואַשן און אויפגעפרישט. איך האַלט, אַז עס איז אַפילו בעסער צו קומען אויף יענער וועלט אַ געוואַשענער, ווי אַ נישט־געוואַשענער...

אין די דאָזיקע רייד מיינע איז געלעגן אַ היפּשער אמת, אָבער נישט

דער גאַנצער אמת. ווייל ביי מיין גאַנצער שוואַכקייט צו וואַשן זיך איז, ווער ווייסט, צי איך וואָלט טאַקע אין יענעם טראַגישן פאַרטאָג זיך אויפגעריסן פון האַלבן דרימל און אַוועקגעשטעלט זיך צו גאָלן אין דער טונקל, ווען נישט מיין הויזן־קאַטאַסטראָפע.

דער עולם האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט, און הגם קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט, איז מיר אָבער נישט געווען שווער צו באַמערקן, אַז מען באַוווּנדערט מיין קאַלטבלוטיקייט, מיין כאַראַקטער־פעסטקייט. שפּעטער האָט מען מיר דאָס אויך געזאָגט אָפן. דאָס איז געווען אַרום ניין אינדערפרי, ווען אונדזער צוג, וועלכער איז זייער אָפט געבליבן שטיין אינמיטן פעלד, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ערשטער נאָרמאַלער סטאַנציע — אין אָטוואָצק.

דער עולם אין וואַגאָן האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן צו דערזען מיט די אויגן אַ וואָקזאַל, ווו ער האָט געהאָפט זיך צו דערוויסן נייעס און אויך צו קענען קויפן עסן. אַ חוץ דעם האָט מען אויך געוואָלט אַביסל אויסגלייכן די ביינער נאָך דער דאָזיקער ערשטער קאָשמאַרנער נאַכט אין וועג. מיינע קאָלעגן זענען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. איך אָבער בין געבליבן אין וואַגאָן, און ערשט ווען אַלע זענען שוין געווען אין דרויסן, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און מיט אָלימפּי־שער רויִקייט זיך צוגעקוקט, ווי די נישט־געגאָלטע פּאַסאַזשירן, נעבּ־טיקע באַרימטע וואָרט־קינסטלער און וואָרט־זאָגער, באַפאַלן אין דרויסן די פּאָר הענדלער און קויפן ביי זיי אויף אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן.

איין קאָלעגע, אַ פּריצישער פּאָליאַק, פון וועמענס קעשענע עס האָבן אַרויסגעקוקט לאַבנס ברויט און אויך פלעשער סאָדע־וואַסער, האָט, באַ־געגענענדיק מיין רויִקן בליק ביים וואַגאָן־פענצטערל, צו מיר אַרויפגע־שריגן אַ ביסל געררייצט:

— איר זעט דאָך אויס ווי איר וואָלט געפאָרן אויף וואַקאַציע...

— איך האָב באַשלאָסן — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכל — אָנצוהייבן מיין היימלאָזיקייט ערשט פון מאָרגן...

— איך בין אייך מקנא — האָט ער מיר געזאָגט אויפריכטיק — מען דאַרף פאַרמאָגן כאַראַקטער דאָס צו קענען. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיין היימלאָזיקייט שוין מיט יאָרן צוריק...

איך האָב געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט איצט געשטאַנען נישט אין דרויסן, נאָר אין וואַגאָן, און געזעסן מיין לינקע זייט, וואָלט ער זיך דער־ווּסט, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיין היימלאָזיקייט פריִער פון אים...

אָבער די גרעסטע באַוווּנדערונג האָב איך אַרויסגערופן שפּעטער, ווען דייטשע עראָפּלאַנען האָבן גענומען באַשיסן אונדזער צוג. שוין פאַרן אַרויספאָרן פון וואַרשע זענען מיר געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ פאַל. דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון צוג האָט אונדז געגעבן אינסטרוקציעס, אַז אין פאַל פון אַ לופט־אַטאַקע זאָלן מיר גיך אַרויס פון די וואַגאָנעס און אָפּלויפן אויף אַ שטח פון מינדעסטנס הונדערט מעטער פון דעם באַן־וועג. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַטאַקע, האָבן זיך אַלע אַ לאָז־געטון צו דער טיר און גענומען זיך שטופּן, וועלנדיק יעדער אַרויס דער ערשטער. איך אָבער האָבן זיך נישט געשטופּט. איך האָב געלאָזט אַנדערע שפּרינגען פריִער, פאַרענטפערנדיק מיין האַלטונג מיט אַ וויץ, אַז ביז איצט האָט מען נאָך סטאַטיסטיש נישט פעסטגעשטעלט ווער עס האָט מער שאַנסן דערהרגעט צו ווערן פון אַ לופט־באָמבע: דער וואָס לויפט דער לעצטער, צי דער וואָס לויפט דער ערשטער...

איך בין זיך מודה, אַז אַ ביסל האָב איך טאַקע געגלויבט אין דעם אמת פון מיין אייגענעם וויץ, אָבער נישט דאָס איז געווען די אורזאַך פון מיין לאָזן אַנדערע לויפן פאָרויס, נאָר מיינע צעריסענע הויזן. דאָס בילד ווי איך וועל לויפן פאָרויס, און ווי אַלע וואָס וועלן לויפן הינטער מיר, וועלן קוקן אויף דעם ווייסן פּונקט פון מיינע הויזן, וואָס וועט זיין באַגאָסן מיט זונען־שטראַלן — דאָס דאָזיקע בילד איז מיר כסדר גע־שטאַנען פאַר די אויגן און מיך ממש געצווונגען אָפּצוטרעטן אַנדערע דעם וועג...

נאָך עטלעכע טעג האָב איך דערציילט מיינע קאָלעגן וועגן דער אָפענער וווּנד אין מיינע הויזן און מיר איז אויך געלונגען צו געפינען אַ נאָדל־פאָדעם, מיט וועלכע איך האָב ווי־עס־איז פאַרנייט דעם אומגליק. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם ריס אין מיינע הויזן און מיין העלדישקייט...

קליינינקייטן

I

אַ קנעפּל

וואַרטנדיק שפּעט ביינאַכט אויף אַ ניו־יאָרקער אונטערערד־באַן־סטאַנציע, האָב איך באַמערקט ווי אַן עלטערער, אָרעם־געקליידטער מאַן, קענטיק אַ שוואַרצער אַרבעטער, האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויף דער ערד פון דער פּלאַטפאָרמע און עפּעס אויפגעהויבן.

„זיכער, אַ מטבע" — האָב איך געטראַכט און מיט נייגעריקייט געקוקט פון אַ זייט צו יענעם מאַן, כדי צו זען אויף וויפל מיין השערה איז אַ ריכטיקע.

אין דער האַלב־טונקעלקייט פון דעם סטאַנציע־טונעל האָב איך געזען ווי דער מאַן האָט דעם „עפּעס" געהאַלטן אַ ווײַלע אויף דער אָפענער האַנט־פלאַך, און דער נאָך מיט אַ מינע פון אַנטוישונג צוריק אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד.

אַ פּאָר סעקונדן האָט זיך דאָס פאַרשעמטע „עפּעס" געקאַלערט אויף דער ערד, ביז עס איז געבליבן ליגן נאָענט פון מיינע פיס.

איצט האָב איך געזען וואָס אַזוינס עס איז געווען די אורזאַך פון דער אַנטוישונג פון יענעם מאַן —

אַ קנעפּל.

אַ העל קנעפּל, און דערפאַר טאַקע — זעט אויס — האָט יענער גע־

מיינט, אַז עס איז אַ זילבערנע מטבע, און האָט עס אויפגעהויבן. שפּעטער, אָבער, ווען ער האָט דערזען זיין טעות, האָט ער עס מיט פאַראַכטונג צוריק אַראָפּגעשיקט אין שטויביקן הפקר.

איך בין געווען נייגעריק צו זען, צי נאָך עמעצער וועט מאַכן דעם טעות און עס אויפהייבן. אָבער מער קיין מענטשן, וועלכע זאָלן זיך פון דעם קנעפּל לאָזן פאַרפירן, זענען אין די ווייטערדיקע צען מינוט, וואָס איך האָב געוואַרט אויף מיין באַן, נישט געווען...

צענדליקער פּאַסאַזשירן זענען פאַרבייגעגאַנגען, אָבער קיינער האָט דעם קנעפּל די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט.

מענטשן האָבן דערויף געטרעטן מיט די פיס, אַזוי ווי מען טרעט אויף צייטונגען און אויף אָפּפאַל.

זייערע בליקן, און זייער טריט האָבן ווי געזאָגט:

— אַ וויכטיקע זאַך אין אַמעריקע — אַ קנעפּל.

אויך איך האָב דאָס קנעפּל נישט אויפגעהויבן, אָבער מיינע פיס האָבן דערויף נישט געטראָטן. און דאָס נישט אַזוי צוליב דעם קנעפּל, ווי צוליב אַן אַנדער קנעפּל, אַן וועלכן דאָס האָט מיך דערמאָנט.

יענער קנעפּל איז פאַר מיר שוין גאָרנישט געווען קיין פּשוטע זאַך, קיין קלייניקייט, צוליב אַ גאַנץ פּשוטער סיבה — ווייל יענער קנעפּל האָט געפעלט.

און דאָס האָבן מיר פאַר אַ כלל:

אַ קלייניקייט איז אַזוי לאַנג אַ קלייניקייט, ווי לאַנג עס פעלט נישט. קוים אָבער פעלט עס — נעמט עס וואַקסן...

* * *

די געשיכטע פון יענעם קנעפּל איז ערשט דרייצן יאָר אַלט געווען, ווען איך האָב זיך אויף דער טונקעלער אונטערערד־באַן־סטאַנציע אין ניו־יאָרק דערמאָנט דערין. דאָך האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זינט יענער צייט איז שוין אַוועק אַן אייביקייט.

אַזוי ווייט און אַזוי נישט רעאַל זעט איצט אויס אין מיינע אויגן יענער קנעפּל. וואָס האָט באַוויזן צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ נישט נאָר אין מיינע טראַכטענישן בייטאָג, נאָר אויך אין מיינע חלומות ביינאַכט.

עס איז געווען אין צווייטן יאָר פון קריג, ווען איך האָב אָנגעהויבן מיט די אייגענע אויגן צו זען די סאָוועטישע ווירקלעכקייט, וועלכע איך האָב ביז דעמאָלט בלויז געקענט פון ביכער און צייטונגען..

און דער אונטערשיד איז געווען גאָר אַ גרויסער. דאָס ווירקלעכע סאָוועטרוסלאַנד איז פאַר מיר געווען נישט נאָר ערגער ווי דאָס באַשרי־בענע סאָוועטרוסלאַנד, נאָר אויך גרויער, לאַנגווייליקער. און נאָך אַ גרוי־סער אונטערשיד איז געווען צווישן די ביידע. דאָס סאָוועטישע בוך האָב איך געקענט אינמיטן לייענען פאַרמאַכן און די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָב איך אינמיטן „לייענען" נישט געקענט פאַרמאַכן. פאַרקערט — זי האָט מיך געקענט פאַרמאַכן...

און זי האָט טאַקע דאָס דאָזיקע רעכט איינמאָל אויסגענוצט...

אָבער די געשיכטע פון קנעפּל איז פאַרלאָפן אין דער צייט ווען איך בין נישט געווען „פאַרמאַכט", נאָר ווען איך האָב זיך געפונען אויף דער פריי. ריכטיקער, ווען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, כדי צו קענען זיין אויף דער פריי...

דעמאָלט איז עס געשען: ווען איך האָב איינמאָל געפּרוווט פאַרשפּי־לעווען מיין רעקל, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב פאַרלוירן אַ קנעפּל.

דאָס עס מיר אַ קלאַפּ געגעבן אין האַרצן.

וואָלט עס געווען דאָס ערשטע קנעפּל פון רעקל, וואָלט דאָס אומגליק נישט געווען אַזוי גרויס, איז עס אָבער געווען דאָס צווייטע און אויך דאָס לעצטע. מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער איז פאַרשוווּנדן דאָס ערשטע קנעפּל פון מיין רעקל, און איצט איז געקומען דאָס צווייטע. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אַפילו באַמערקט ווי דאָס דאָזיקע לעצטע קנעפּל שאָקלט זיך, אָבער איך האָב זיך גאָרנישט געקענט העלפן. בין איך זינט דעמאָלסט גע־ווען זייער פאַרזיכטיק ביים פאַרקנעפּלען און — איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף גאָט. איז, זעט אויס, די פאָרזיכטיקייט צו שוואַך געווען צו פאַרהיטן פון דער קאַטאַסטראָפע און וואָס שייך גאָט — האָט ער אין יענעם פּעריאָד זיך גאָר ווייניק פאַרנומען מיט מיינע ענינים...

בין איך געבליבן מיט אַן אָפן רעקל און מיט אַ פאַרפלאָנטערטער טונקעלער פראַגע:

גאָוואָליפּיע 7

— ווו נעמט מען אַ קנעפּל?...

באַלד נאָכדעם ווי די סאָוועטן זענען אַריינגעקומען קיין ליטע (ווו איך האָב זיך דעמאָלסט געפונען) האָט אָנגעהויבן גיין די סדרה „נישטאָ".

יעדן טאָג האָט זיך אין פענצטער פון אַן אַנדער קראָם באַוויזן אַן אויפשריפט: „נישטאָ". ביסלעכווייז האָט דער „נישטאָ" אַרומגענומען די סאַמע נויטיקסטע אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך, ביז ער איז אויך דערגאַנגען צו שיך־בענדלעך, צו נאָדלען און אויך צו קנעפּלעך.

— נישטאָ...

מען האָט נאָך געקענט עפּעס קריגן אויף דעם באַרימטן „טאָלטשאָק" (אַלטוואַרג מאַרק), וועלכער באַגלייט די סאָוועטן אין יעדן לאַנד, וואָס זיי „באַפרייען". אָבער גיין אויף דעם „טאָלטשאָק" זוכן אַ קנעפּל פאַר מיין רעקל איז פאַר מיר געווען אַ געפערלעכע זאַך. עס האָט דאָרט געשוויבלט פון פּאָליציי און פון גע־פּע־או־אַגענטן. מיר האָט געדראָט די געפאַר, אַז איידער איך וועל דאָרט געפינען אַ קנעפּל, וועט דאָרט די „געפּעאו" מיך געפינען...

איז ווו נעמט מען אַ קנעפּל?

אין פאַרלויף פון געציילטע שעהן איז דאָס קליינע קנעפּל אויסגע־וואָקסן אין מיינע אויגן צו אַ גרויסער פּראָבלעם, אויף וועלכער איך האָב אומזיסט געזוכט אַ לייזונג...

געווען אַפילו איין אויסוועג — אַרומבינדן דאָס רעקל מיט אַ שטריקל, וואָס איז מיר נישט געווען אַזוי שווער צו באַקומען. מענטשן מיט אַזעלכע „אויסוועגן" קען מען אין די סאָוועטישע שטעט און דערפער באַגעגענען גאַנץ אָפט. מען באַנוצט דאָרט שטריק און שטריקלעך אַלס פאַרטרעטער פון קנעפּלעך און שיך־בענדלעך גאַנץ אָפט. אָבער איך האָב זיך געווערט אין געדאַנק קעגן דעם דאָזיקן אויסוועג. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז קוים פאַרבינד איך זיך דאָס רעקל מיט אַ שטריק, בלייב איך שוין אייביק פאַרבונדן מיטן סאָוועטן־לאַנד....

איז וואָס טוט מען?

לאַנג האָט מיך נאָך דעמאָלסט אויף דעם געלעגער געמאַטערט די דאָזיקע פראַגע. און ווען איך בין ענדלעך איינגעשלאָפן, האָבן זיך מיר גע־פּלאָנטערט אין חלום קנעפּלעך און שטריקלעך און שינעלן מיט גאָלדענע

קנעפּ און מיט אָפּגעריסענע קנעפּ און מלאכים מיט ווייסע פליגל און מיט שוואַרצע קנעפּלעך אָנשטאָט אויגן...

ווען איך בין אויפגעשטאַנען און זיך דערמאָנט אין מיין חלום, האָט אַ געפיל פון געפאַלנקייט און פאַרשעמטקייט מיך אַרומגעכאַפּט. ערשט איצט, צום ערשטן מאָל זייט איך בין געווען ביי די סאָוועטן, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון מיין לאַגע. מיר האָט נישט אַזוי וויי־געטון די טרויעריקעווירקלעכקייט אָן די קנעפּלעך, ווי דער טרויעריקער חלום מיט די קנעפּלעך.

— ביסטו שוין טאַקע, — האָב איך מיט ביטערקייט זיך אַליין געפרעגט — דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז דיר זאָלן זיך קענען חלומען קנעפּלעך?... דו, וואָס האָסט אַ לעבן־לאַנג געחלומט פון אַ נייער וועלט און פון אַ נייעם מענטשן?....

און איך האָב פלוצלונג דערפילט, ווי מיינע אויגן ווערן פייכט...

II

אַ צעבראָכן גלאָז

דאָס איז געווען אין אַ טריבער שטאָט אין אַזיאַטישן רוסלאַנד אין מיטן דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיין פריינט האָט דאָרט געלעבט צוזאַמען מיט זיין פרוי און, פאַרשטייט זיך, צוזאַמען געהונגערט. אָבער נישט וועגן זייער הונגער האָט ער מיר געוואָלט דערציילן און אויך נישט וועגן זייער היימלאָזיקייט. ער האָט גאָר געוואָלט מיר קלאָר מאַכן אויף ווי וויט נויט ענדערט דעם מענטשנס באַגריפן וועגן קליין און גרויס, וועגן וויכטיק און אומוויכטיק, די פּראָבלעם פון אַ טעלער זופּ זעט מאַנכעסמאָל אויס אין די אויגן פון אַ הונגעריקן מענטשן גרעסער ווי די פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, און אַ שטיקל צוקער האָט טיילמאָל פאַר אים מער וואָג ווי אַ קלאַוויר.

ער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט בלויז דערפאַר, כדי איך זאָל באַקומען אַ באַגריף וואָסער ראָלע עס האָט אין זיין „באַלעבאַטישקייט“ געשפּילט דאָס איינציקע גלאָז, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

איינמאָל האָט ער זיך אין זיין קעמערל איבערגעוועקט אינמיטן נאַכט און דערפילט אַ שטאַרקע נאָגעניש אונטערן האַרצן. פאַר אים איז דאָס נישט געווען קיין נייעס און ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין שום אור־זאַך זיך צו דערשרעקן. עס איז נישט געווען קיין האַרץ־קראַנקייט; עס איז בלויז געווען הונגער. אָבער דאָסמאָל איז דאָס נאָגעניש געווען גרעסער ווי געוויינלעך און אים נישט געלאָזט צוריק איינשלאָפן. האָט ער דעריבער זיך אַרויסגעקאָפּעט פון דעם הויפן אַלטע קליידער, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעדעקט, און איז אַראָפּ נעמען אַ ביסל וואַסער. ער האָט מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט גענומען אין דער פינצטער דאָס גלאָז, האָט אָנגעשעפּט אַ ביסל וואַסער און אויסגעטרונקען. שפּעטער האָט ער דאָס גלאָז צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן שמאָלן הינקענדיקן טישל און איז אַוועק צוריק אויף זיין געלעגער. דאָס נאָגעניש אונטערן האַרצן האָט אויפגעהערט, אָבער צו־ריק איינשלאָפן האָט ער נישט געקענט. אים האָט פּלוצלונג גענומען עגבערן אין מוח אַן אומרויִקער געדאַנק וועגן גלאָז:

— צי האָב איך גוט אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז? — האָט ער זיך גע־פרעגט.

ער האָט זי געפּרוווט געגוי דערמאָנען די באַוועגונגען זיינע, בעת ער האָט געהאַלטן דאָס גלאָז. זיכער האָט ער עס מיט דער גרעסטער פּאָרזיכ־טיקייט אַוועקגעשטעלט אויפן טישל. דערין האָט ער נישט געצווייפלט. ווי פאַרשלאָפן ער זאָל נישט האָבן געווען, וואָלט ער נישט געקענט אויף אַזוי פיל פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין, נישט זיך אָפּצוגעבן קיין רעכענונג וואָסער וויכטיקע כלי ער האַלט אין האַנט. ער איז אָבער נישט געווען זיכער, צי ער האָט נישט דאָס גלאָז אַוועקגעשטעלט ביים עק טישל, אַזוי אַז פון דער מינדעסטער באַוועגונג אין קעמערל, אָדער אַפילו אין דרויסן, קען עס זיך אַראָפּגליטשן און זיך צעברעכן... אַ ציטער איז אים דורך דורכן לייב ביי דעם דאָזיקן געדאַנק. פאַרלירן דאָס גלאָז מיינט ווערן נאָך אָרעמער און נאָך שפּלדיקער. אַזוי גיך קומען צו אַ ניי גלאָז וועלן זיי זיכער נישט. ווער מען, הייסט עס, דערוויַיל דאַרפן לעבן אָן אַ גלאָז... ער איז געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשעטער אויף זיין געלעגער און זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טון, כדי נישט צו שטעלן אין געפאַר דאָס גלאָז... וועגן איינשלאָפן האָט אין דעם דאָזיקן צושטאַנד מער קיין רייד נישט געקענט זיין. וואָס לענגער

ער איז געלעגן, אַלץ וואַכעדיקער און אומרויִקער איז ער געוואָרן. איצט איז ער שוין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס גלאָז שטייט אויפן ראַנד פון טיש און אַז יעדע סעקונדע דאַרף ער זיך ריכטן אויפן אומגליק... אין קאָפּ איז אים פּלוצלונג אָנגעלאָפן אַ געדאַנק: „ראַטעווען כל־זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט!"

מיט איין שפּרונג איז ער אַראָפּ פון געלעגער, האָט אין דער פינצטער אַ כאַפּ געטון דאָס גלאָז און עס אָוועקגעשטעלט טיפער אויפן טישל.

אַ צופרידענער האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער, אָבער נאָך עטלעכע מינוטן האָט אים ווידער באַהערשט אַ געפיל פון אומרו. אים האָט זיך געגומען אויסדוכטן, אַז ער האָט די געפאַר נישט באַזייטיקט, נאָר זי בלויז איבערגערוקט פון איין קריטישן פּונקט אויפן צווייטן. פריִער איז דאָס גלאָז געשטאַנען אויפן רעכטן ברעג פון טישל, איצט שטייט עס זיכער אויפן לינקן ברעג... מיט וואָס איז עס אויף דער זייט זיכערער, ווי אויף יענער זייט? פאַרקערט, אים האָט עס אָנגעהויבן אויסזען, אַז איצט איז די סכנה נאָך גרעסער. אויף דער זייט שאָקלט זיך, דאַכט זיך, דאָס טישל מער, ווי אויף יענער זייט...

ווידער האָט ער דערפילט, אַז ער וועט פריִער נישט איינשלאָפן ביז ער וועט די געפאַר נישט באַזייטיקן, און ווידער איז ער אַראָפּ פון בעט און אַ כאַפּ געטון אין דער פינצטער דאָס גלאָז. אָבער איצט איז ער שוין געווען פאָרזיכטיק. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס גלאָז און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אין דער טיפער, געדיכטער פינצטערניש גע־טאַפּט דעם טיש, פּרווונדיק פעסטשטעלן אויף וועלכן אָרט עס קומט אויס דער מיטן... אויף איין פּונקט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דאָרט דאָס גלאָז אַוועקגעשטעלט.

מעג ער שוין איצט רויִק איינשלאָפן? יאָ, ער מעג, אָבער ער קען נישט. איצט האָט זיך ווידער אָפּגערופן דער הונגער און אַ ביסל שפּעטער האָט זיך ווידער אָפּגערופן דער צווייפל: איז ער טאַקע אַזוי זיכער, אַז איצט שטייט שוין דאָס גלאָז אויף אַ זיכער אָרט?... יאָ, ער האָט, דאַכט זיך געפונען דעם מיטן, אָבער צי איז עס נישט אַמאָל דער מיטן פון דער לענג פון שמאָלן טישל און נישט פון דער ברייט?... אויף דריי זייטן איז עס טאַקע געשיצט, אָבער פון דער פערטער זייט וועט עס אַראָפּפאַלן....

הייסט עס, אַז מען דאַרף ווידער אַראָפּגיין אין דער קעלט און אין דער פינצטערניש און זיך ווידער אַוועקשטעלן מעסטן דאָס טישל. און מיט וואָס איז ער זיכער, אַז דאָסמאָל וועט אים שוין אָפּגליקן און אַז אַ ביסל שפּעטער וועט ער נישט דאַרפן ווידעראַמאָל אַראָפּגיין, כדי פעסטצושטעלן, צי ער האָט מיטן פּרי׳ערדיקן מעסטן נישט געמאַכט קיין טעות... ער האָט דערפילט ווי זיין פּנים קרימט זיך אויס אין אַ חוזק־גרימאַסע: ליגט זיך אַ מענטש, די קרוין פון דער באַשאַפונג, און זוכט אַ גאַנצע נאַכט זיכערקייט און גלייכגעוויכט פאַר אַ גלאָז... אין קאָפּ האָט געגומען שווינדלען. עס איז געווען אַ געמיש פון הונגער, פון מידקייט און פון נערוון־שפּאַנונג. אין דעם דאָזיקן הינער־פּלעט־צושטאַנד איז ער אַראָפּ פון בעט, האָט אַ כאַפּ געטון דאָס גלאָז און עס אַ שליידער געטון אויף דער ערד...

פון קלאַנג פון צעבראָכענעם גלאָז האָט זיין פרוי זיך איבערגעוועקט און, דערזעענדיק, וואָס עס איז געשען, האָט זי זיך צעוויינט.

דאָס האָט אַ צעבראָכענער מענטש באַוויינט אַ צעבראָכן גלאָז...

III

אַ גלאָז טיי

אין אָנהייב פון אונדזער שמועס האָט ער איינגאַנצן נישט דערמאָנט זיין אייגענע פאַמיליע־טראַגעדיע. ער האָט בלויז גערעדט וועגן די פאַר־שידענע פאַמיליע־טראַגעדיעס פון אַנדערע היימלאָזע יידן, וואָס זענען גע־ווען אין וועג צוזאַמען מיט אים. ער קען גראָד זייער גוט די דאָזיקע פּראָב־לעם. ער אַליין, וואָס איז פאַרן קריג געווען אַ בוכהאַלטער אין וואַרשע, האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע אַכט יאָר זיך געוואַלגערט אין סאָוועטישע צוואַנגס־לאַגערן, שפּעטער אין די „פרייע״ זומפּן פון אַזיאַטישן רוסלאַנד, דערנאָך, שוין אין שלום־צייט, אין פאַרשידענע פּוילישע שטעט, און ענד־לעך אין דייטשע לאַגערן, פון וואַנען ער איז געקומען אַהער קיין אַמעריי־קע. ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי אַזוי הונדערטער פאַמיליעס זענען אינמיטן וואַנדער־וועג צעבראָכן געוואָרן און ער האָט אויך געזען

ווי אַזוי הונדערטער נייע פֿאַמיליעס זענען ביי די זעלבע באַדינגונגען אַנט־שטאַנען — צווישן פרעמדע ווענט, אין אַ צושטאַנד פון בהלה, געבויט אויף זאַמד און אויף נישט־אויסגעפּאַקטע פּעקלעך און וואַליזעס.

ווען מען זאָל אים פרעגן ווו די טראַגעדיע איז געווען גרעסער: ביי די חרוב־געוואָרענע פֿאַמיליעס, צי ביי די ניי־אויפגעבויטע פֿאַמיליעס, וואָלט ער קיין ענטפער נישט געקענט געבן. ..

מען זעט אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן גענוג אויסטערלישע, נישט־נאַטירלעכע זיווגים. דאָס איז אָבער קיין שום פאַרגלייך נישט מיט די ווילדע צונויפפאָרעניש, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן די היימלאָזע יידן אויף זייערע וואַנדער־וועגן אין די מלחמה־ און נאָך־מלחמה־יאָרן. דער שאַרפער קריגס־ווינט האָט צונויפגעטריבן פון פאַרשידענע לענדער ווילד־פרעמדע מענטשן אין איין קופּע, אַט ווי דער האַרבסט־ווינט טרייבט צו־נויף פאַרשידענע בלעטער און פאַפירן און מיסט־אָפּפאַל אין בייזע, וואָלקנ־דיקע טעג. קיין אייגענע מאַכט האָט מען נישט געהאַט — דער ווינט האָט דיך אָפּגעריסן און דער ווינט האָט דיך צונויפגעפאָרט...

דער הויפּט־שדכן איז אין וועג געווען די איינזאַמקייט. ווי ביטער עס איז נישט די היימלאָזיקייט איז זי אָבער נאָך צען מאָל ביטערער ווען זי גייט געאָרעמט מיט איינזאַמקייט. דער געדאַנק, אַז מען וועט אויסגיין אין מיטן וועג און עס וועט נישט זיין קיין איינציקער נאָענטער מענטש, וועלכער זאָל כאָטש וויסן, אַז דו ביזט נישטאָ — דער דאָזיקער געדאַנק קען דערפירן אַ מענטשן צו משוגעת, אָדער — וואָס איז אייגנטלעך דאָס זעלבע — צו חתונה האָבן מיט פאַרמאַכטע אויגן...

ער איז געבליבן אַליין און זי איז געבליבן אַליין — דאָס איז שוין געווען גענוג זיי זאָלן זיך „צוזאַמענגיין״, הגם איינער האָט נישט געוווּסט ווער דער צווייטער איז און פון וואַנען יענער קומט. דאָס איינציק־געמיינ־זאַמע, וואָס מען האָט געהאַט, איז געווען — די איינזאַמקייט, אָדער ריכטי־קער — דער ווילן צו אַנטלויפן פון דער איינזאַמקייט..

דער דאָזיקער הויפּט־שדכן — די איינזאַמקייט — האָט געהאַט אַ היפּ־שע צאָל געהילפן, וואָס האָבן מאַנכעס מאָל געטראָגן מאָדנע נעמען. אַט האָט ער געקענט אַזאַ שדכן, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פּופּאַיקע. דאָס איז אַזאַ וואַטאָווע בלוזע, וועלכע איז זייער פּאָפּולער אין רוסלאַנד. זי איז

געװען אַן אוקראַינישע פּויערטע, װעלכע האָט זיך נישט געקענט אונטער־שרייבן. ער איז געװען אַ ייִדישער לערער פון פּוילן. איר איז געבליבן פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן אַ כמעט־נייע פּופּאַיקע און דאָס האָט דיביידע װילד־פרעמדע מענטשן צונויפגעפירט...

אין אַנדערע פאַלן איז דער שדכן געװען אַ ביסל שפּייז, װאָס איינער פון זיי האָט געהאַט; אַ פּאָר פּלינקע פיס אויף צו קענען פון די ערשטע זיך צושטופּן אין די „רייען" פון די קראָמען און פאַרטיילונגס־פונקטן; אַמאָל אַ באַקאַנטשאַפט מיטן עלטסטן פון לאַגער, אָדער מיט די „שטאַרקע". ער דערמאָנט זיך אויך אַ פאַל, װען אַ יונגע אינטעליגענטע פרוי איז זיך צו־נויפגעגאַנגען מיט אַ מגושמדיקן עלטערן ייִדן, װאָס האָט געהאַט אַלס זיין פאַרמעגן אַן אַדרעס פון אַ קרוב אין אַמעריקע.

ער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט אין אַ שטילן, איינגעהאַלטענעם טאָן, װי ער װאָלט זיך מיט עפּעס געשעמט. מיטאַמאָל האָט ער איבערגעריסן, האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון און זיך אָפּגערופן:

— אָבער צו װאָס דערציילן פון אַנדערע? איך אַליין בין נישט געװען בעסער. װי איר קוקט מיך אָן, האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ גלאָז טיי...

ער האָט די װערטער אַרויסגעזאָגט גיך, מיט אַ טראָציקן טאָן, װי עס װאָלט אים הנאה געטון, װאָס ער האָט געהאַט גענוג מוט זיך אַליין „אַריינ־צוזאָגן", איבער זיך אַליין זיך צו איזדעקעװען...

נאָך אַ װיילע האָט ער זיך אָפּגערופן אַ רויִקער, אַ באַהערשטער:

— מיינט נישט, אַז דאָס איז עפּעס אַ ליטעראַרישער אויסדרוק. — איך האָב קיינמאָל נישט געזינדיקט מיט שרייבערײ. איך האָב בלויז גע־שריבן ציפערן. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ גלאָז טיי, נאָך װעלכן עס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ פרעמדע פרוי, צוויי פרעמדע קינדער און אַ מוטער פון דער פרעמדער פרוי...

זיין װייטערדיקע דערציילונג איז שוין געװען אַ ביסל כאַאָטיש. װיפל ער האָט זיך נישט באַמיט ,איז אים נישט געלונגען צו באַהאַלטן זיין אויפ־רעגונג.

ער שעמט זיך צו זאָגן, אַז ער איז געװען גליקלעך מיט זיין ערשטער פרוי. יעדער מאַן, װאָס איז מיט דער צװייטער פרוי אומגליקלעך, זאָגט דאָס זעלבע. װעט ער דעריבער װעגן זיין ערשטער פרוי גאָרנישט זאָגן,

ער וועט נאָר זאָגן, אַז ער האָט זיך דערפילט אַזוי אומגליקלעך, ווען זי איז אים אינמיטן וועג געשטאָרבן, אַז ער האָט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. אָבער ווען אַלע מענטשן, וואָס טראַכטן אַמאָל וועגן זעלבסטמאָרד, וואָלטן זייער געדאַנק אויסגעפירט, וואָלט די וועלט געווען אַ סך שיטערער ווי זי איז. ער איז קיין זעלבסטמאָרד נישט באַגאַנגען, הגם ער האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דערפילט די היימלאָזיקייט און די צוועקלאָזיקייט פון זיין איינזאַמען, פאַרשעמטן הונגער־לעבן אין דער ווילד־פרעמדער, אָרעמער אוזבעקיסטאַן.

דאָרט טאַקע איז עס געשען. ער האָט געפונען אַ הויז, וווּ ער האָט באַקומען יעדן אָוונט אַ גלאָז טיי. אַן אָרעם הויז איז עס געווען, אַ הויז אויך פון היימלאָזע מענטשן, וואָס זענען פאַרטראָגן געוואָרן ערגעץ פון בור־קאָווינע: אַן אלמנה מיט צוויי דערוואַקסענע קינדער און מיט אַ מאַמען. אָבער דאָס זענען געווען רויִע, פאַרהאַרטעוועטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געקענט „אַן עצה געבן" און דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ שטיקל היים און צו האָבן טיי — כמעט אמתן טיי, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די טיי, וואָס מען האָט געטרונקען אין דער היים.

ווען זיינער אַ באַקאַנטער האָט אים צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין יענעם הויז און ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ מענטשלעכער היים און די וואַרעמקייט פון אַ מענטשלעך גלאָז טיי — האָט ער באַקומען אַ קאָפּ־שווינדל, ווי נאָך שטאַרקן בראָנפן. יאָ, יאָ, אויך מיט טיי קען מען זיך אָנשיכורן. ער ווייס עס אַמבעסטן. נאָך איצט פילט ער דעם נאָך־טעם פון יענער טיי־שיכרות. ווי דורך אַ טומאַן האָט ער אַלץ דעמאָלט געזען, אַ טומאַן פון שמעקנדיקער טיי־פאַרע: די אלמנה, איר מוטער, די קינדער... אַפילו שפּעטער ווען דער טומאַן האָט שוין געגומען זיך אַ ביסל פאַנאַנדער־גיין און ער האָט דערפילט וווהין די אלמנה און די מוטער צילן, האָט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין כוח זיך אָפּצורייסן פון דעם דאָזיקן טיי־כישוף.

זי? איר מוטער? — ער האָט וועגן זיי נישט געטראַכט. דאָס זענען פאַר אים געווען ווייטע, פרעמדע מענטשן, מיט וועלכע עס האָט אים אַבסאָלוט גאָרנישט פאַרבונדן. נישט די פאַרלוירענע היים, נישט די געמיינזאַמע יידישע, אָדער אַלגעמיינע פאַראינטערעסירונגען, נישט אַפילו די איינזאַמקייט, ווייל זיי זענען דאָ נישט געווען איינזאַם, זיי האָבן זיך אַלע פיר גע־

גאוואליפיע 7

האַלטן צוזאַמען אין אַ מין געשעפטלעכן פאַמיליע־בונד. איין זאַך, וואָס אים האָט צוגעשמידט צו דעם דאָזיקן הויז, איז געווען די טיי.

און אַזוי איז עס געשען, אַז ער האָט מיט דעם דאָזיקן גלאָז טיי חתונה געהאַט...

ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון דער טיי־שיכרות, איז אים אַ שרעק באַפאַלן. אָבער דעמאָלט איז געקומען אַן אַנדער שיכרות, וואָס האָט פאַרכאַפּט זיינע אַלע חושים — לויפן, לויפן. אַרויסראַטעווען זיך פון רוסלאַנד. ער איז געלאָפן קיין פוילן און, פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע פאַמיליע מיט די פיר ווילד־פרעמדע מענטשן איז געלאָפן צוזאַמען מיט אים. שפּעטער איז געקומען דער שיכרות צו לויפן פון פוילן — און ווידער איז מען געלאָפן צוזאַמען. מען איז געלאָפן קיין דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד איז מען דאָך ערשט געווען שיכור מיטן שאַרפסטן פון אַלע געטראַנקען — אַן אַמעריקאַנער וויזע!... ענדלעך איז געקומען דער לעצטער עטאַפּ — אַמעריקע, וווהין זיי זענען אַלע פינף גליקלעך אָנגעקומען. דאָ איז ער שוין אין־גאַנצן אויסגעניכטערט...

ער איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. אויך איך האָב געשוויגן.

ער האָט געקענט מיין אויסגעטראַכטן טאַטן

ווען איך זאָל זאָגן, אַז איך בין געפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד, פון דער ליטווישער גרענעץ ביז דער יאַפּאַנישער, אויף אַ פרעמדן נאָמען, וואָלט עס געווען נישט אינגאַנצן ריכטיק. פּינקטלעכער וועט זיין, ווען איך וועלן זאָגן, אַז איך בין געפאָרן אויף אַן אויסגעטראַכטן נאָמען — אַ נאָמען, וואָס איך אַליין האָב דערפונדן און צו אים „צוגעמאַכט" אַ פּאַס.

דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אין יענער אומגליקלעכער און אידיאָטישער צייט, ווען דער נאָמען היטלער איז פאַר סטאַלינען און זיינע אַגענטן געווען כשר און דאַקעגן מיין נאָמען איז געווען טריף... נישט ער, דער ברוינער אַדאָלף, נאָר איך בין דאַן געווען אַ געפאַר פאַרן גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד און נאָך מיר האָט זיך עס געיאָגט אַ זעקסטל פון דער וועלט...

ווען די געפאַר האָט אַלץ נענטער זיך גערוקט, איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז קודם־כל דאַרף איך זען פּטור ווערן פון מיין „טריפענעם" נאָמען. מיט אַזאַ נאָמען ווי איך, דער פּוילישער ייִד, וואָס איז אַנטלאָפן פון היטלערן, לאַנג זיך נישט קענען אַרומדרייען אין ווילנע, וואָס איז געווען אָקופּירט פון די סאָוועטן, שוין אָפּגערעדט, אַז איך וועל אויף דעם נאָמען קיינמאָל נישט קענען אַרויסבאַקומען קיין אַרויספאָר־וויזע. דאָס איינציקע אָרט, וווהין איך וואָלט געקענט מיט מיין אמתן נאָמען אַרויספאָרן (און דאָס אונטער אַ געהעריקער באַגלייטונג), איז געווען סיביר און צו אַזאַ רייזע האָב איך, דעם אמת געזאָגט, נישט געהאַט קיין גרויס חשק. אָבער וואָסער נאָמען קלייבט מען זיך אויס?

איך האָב אין קאָפּ לאַנג איבערגעמישט פאַרשידענע ייִדישע פאַמיליע־נעמען. מיר איז געגאַנגען דעריין, אַז דער נאָמען זאָל נישט זיין

צו פּאָפּולער און אַז ער זאָל אויך נישט קלינגען צו מאָדנע. פאַר די פאַרשידענע ייִדישע פאַמיליע־נעמען, וואָס ענדיקן זיך מיט „בערג“, „שטיין“, „קאַן“, „איטש“, אָדער „סקי“ האָב איך אַ ביסל מורא געהאַט. דאָס זענען צו פּאָפּולערע נעמען. אַז אַ ייִד פלעגט אַמאָל אויף די וואַר־שעווער נאַלעווקעס אַ רוף טון „פאַניע גאָלדבערג“, אָדער „הער ראַבי־נאָוויטש“, פלעגן מינדעסטנס אַ האַלב טוץ ייִדן אויסדרייען די קעפּ. דאָס זעלביקע איז געווען מיט „קאַן“, מיט „באַרנשטיין“ און אַפילו מיט „סקי“־נעמען. נייַן, אַזאַ נאָמען איז פאַר מיר קיין תכלית נישט. גראָד קען דער שלימזל וועלן, אַז אונטער דעם זעלביקן נאָמען זאָל זיך געפינען פונקט אַזאַ „טריפהנער“ פאַרשוין, ווי איך און אַז אויך יענעם זאָל מען זוכן, און דעמאָלט קען איך האָבן דאָס גליק צו פאַרן קיין סיביר נישט פאַר מיינע אייגענע זינד, נאָר פאַר די זינד פון עפּעס אַ גאָלדבערג, אָדער אַ גאָלדשטיין. וואָרום, גיי באַווייז, אַז דו בינסט נישט יענער גאָלדבערג, דער פאַרזינדיקטער, נאָר אַן אַנדער גאָלדבערג, אַ ריינער, אַ פרישינקער, נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס — אַן אויסגעטראַכטער גאָלדבערג...

אויך צו די זעלטענע און נישט־פּאָפּולערע ייִדישע פאַמיליע־נעמען האָט מיך דאָס האַרץ וויניק געצויגן. ערשטנס, וואָרפט אַזאַ זעלטענער נאָמען זיך צופיל אין די אויגן און דאָס האָט פאַר מיר נישט געטויגט. איך האָב געוואָלט זיך וואָס ווייניקער אַרויסזען, וואָס ווייניקער זיך אויס־טיילן. אין אַזאַ פאַל איז געזונטער זיך אויסצומישן מיט אַ גרויסער מאַסע, צו זיין איינער פון אַ סך. אַפילו מיין הויכע וווקס האָב איך געהאַלטן פאַר אַן אומגליק און זיך באַמיט וואָס מער איינצוקאָרטשען, אַזוי אַז איך זאָל, חלילה, נישט אַרויסשטאַרטשען פון דעם אַרום. נאָר דעמאָלט איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז מען וועט אויף זיך נישט צִיִען קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. אָט, נאָך איינער פון דער גרויער מאַסע.

צווייטנס, איז אַ זעלטענעם, מאָדנעם נאָמען שווער צו געדענקען, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. עס איז נישט פון די גרינגע זאַכן אַרויסצו־שטופּן פון קאָפּ דעם אייגענעם נאָמען, מיט וועלכן מען האָט אָפּגעוווינט אַ לעבן לאַנג און מיט אַמאָל דאָרט אַריינצושטופּן אַ פרעמדן נאָמען, וועלכער דערמאָנט דיר נאָך כסדר אָן דיין דערנידעריקונג און געפערלע־כער לאַגע. אַ פרעמדער נאָמען איז נאָך ערגער, ווי אַ פאַר ענגע שיך.

מען מוז אים לאַנג טראָגן, כדי זיך צו אים צוצוגעווינען. עס זענען באַ־קאַנט אַ סך פאַלן, ווען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אונטער פרעמדע נעמען, האָבן אין די געפערלעכסטע מאָמענטן פאַרגעסן ווי זיי הייסן. וויפל זיי האָבן זיך נישט איינגעחזרט זייער נייעם נאָמען, איז ער אין דער אַנטשיידענער מינוט זיי גראָד אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. די גאַנצע צייט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לעבן אונטער אַ פרעמדן נאָמען, האָט מיך פאַרפאָלגט דער אַנעקדאָט מיט יענעם ייִדן ראַבינאָוויטש, וואָס איז פון צאַרישן רוסלאַנד געפאָרן קיין אויסלאַנד אויף אַ פרעמדן אויס־לענדישן פּאַספּאָרט. דעם וועג צו דער גרענעץ האָט ער נישט אויפגעהערט איינצוחזרן זיין נייעם נאָמען, אָבער ווען דער באַאַמטער האָט אויף דער גרענעץ אים געפרעגט ווי ער הייסט, האָט מיט אַמאָל דער איבערגע־שראָקענער ראַבינאָוויטש פאַרגעסן זיין פאַלשן נאָמען און האָט גענומען שטאַמלען:

—באַלד... באַלד... אָבער ראַבינאָוויטש הייס איך זיכער נישט...

און כדי נישט צו זיין אין אַן ענלעכער לאַגע, וואָס יענער ראַבי־נאָוויטש, האָב איך דעריבער געזוכט אַזאַ נאָמען, וועלכער זאָל זיין לייכט צו געדענקען און מיין אויסוואַל איז געפאַלן אויפן נאָמען ברוידע. דאָס איז אַ סאָלידער און גלייכצייטיק לייכטער נאָמען. דערצו נאָך האָט ער פאַר מיר פאַרמאָגט אַ באַזונדער מעלה, ווייל איך האָב פאַר אים געהאַט אַ גוטן „שליסל": ער הייבט זיך אָן מיט די זעלביקע בוכשטאַבן, וואָס מיין אמתער פאַר־נאָמען: „ברוך". אין אַ געפערלעכן מאָמענט, ווען ער וועט מיר אַרויספליִען פון קאָפּ, וועט גענוג זיין זיך צו דערמאָנען אָן מיין אמתן פאַר־נאָמען, כדי פון „בר" זאָל אויפטויכן ברוידע.

איך האָב נאָך געדאַרפט האָבן צוויי נייע פאַר־נעמען. אַ פאַר־נאָמען פאַר זיך און אַ פאַר־נאָמען פאַר מיין נייעם טאַטן. אָבער דאָס איז מיר אָנגעקומען גרינג איך האָב זיך אַ נאָמען געגעבן יצחק, און מיין טאַטן אַברהם. דאָ האָב איך שוין געהאַט גאָר אַ „לייכטן" שליסל — אַ שליסל פון חומש. אַז איך וועל זיך דערמאָנען אָן יענעם אַברהם מיט זיין זון יצחק פון חומש, וועל איך שוין ממילא געדענקען דעם טאַטן אַברהם און זיין זון יצחק ברוידע פון קאַליש... יאָ, אַלס מיין נייע געבורט־שטאָט האָב איך אויסגעקליבן קאַליש און אויך דאָ איז געווען אַ שטיקל מיין:

קאַליש ליגט אין פוילן ווייט צו מערב. זי איז אַמאָל געווען די גרענעץ־שטאָט מיט דייטשלאַנד. בעסער, האָב איך געטראַכט, זיך אַרויפצורוקן וואָס ווייטער. שוין די חכמים לערנען אונדז, אַז עס איז בעסער צו זאָגן אַ ווייטן ליגן... אגב, האָב איך אויך דאָ געהאַט אַ שטיקל שליסל. עס איז געגנוג צו געדענקען דייטשלאַנד, כדי איך זאָל זיך דערמאָנען אָן קאַליש, און וועלכער ייִד געדענקט דאָס נישט דייטשלאַנד?...

געבליבן איז נאָר זיך אויסצוקלייבן עפּעס אַ נייע פּראָפעסיע. אויך דאָ האָט מען זיך געדאַרפט אַ ביסל פאַרטראַכטן: אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע, האָב איך געוווסט, טויג נישט. אַן אינטעליגענט רופט אַרויס אַ פאַרדאַכט. ער ווייס צופיל. אַ סוחר, אָדער אַן אַנדער „בורזשואַזע" באַשעפטיקונג טויג אויך נישט, ווייל ער איז אַ פּאַראַזיט און אַ שונא. אָבער אויך אַ פּאַכמאַן טויג מיר נישט צו זיין. דעמאָלט וועט מיר זיין שווערער צו קענען אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. גראָד אויף מיין פאַך קען זיין ביי די סאָוועטן אַ נאָכפראַגע. מען קען מיך נאָך אַמאָל הייסן באַווייזן, וואָס איך קען... איז ביי מיר געבליבן צו ווערן אַ האַנדלס־אַנגעשטעלטער, אַ פּריקאַזטשיק. דאָס איז יאָ אַ פּראָפעסיע און נישט קיין פּראָפעסיע. קיין בורזשוי בין איך נישט, אָבער קיין אַרבעטער אויך נישט. מען קען מיט אַזאַ פאַך זיין אַ נויטפאַל זיין וואָס מען וויל, מען קען זיך אַ שטיקל צייט דרייען און אפשר טאַקע אויך אַמאָל אַרויסדרייען.

און אַזוי אַרום איז דאָס אין טריבן האַרבסט־טאָג געבוירן געוואָרן אין ליטווישן שטעטעלע איישישאָק אַ נייער מענטש, אַ פאַרטיקער פּריקאַזטשיק מיטן נאָמען יצחק דער זון פון אַברהם ברוידע פון קאַליש...

***

אין לויף פון די זיבן חדשים, וואָס איך האָב אָפּגעלעבט אין דער סאָוועטישער ווילנע מיט מיין נייעם נאָמען, האָב איך פאַרגעסן מיין אמתן נאָמען. אויף מיין נייעם פאַלשן נאָמען האָבן מיט דער צייט מיר געגעבן אַנוואַקסן פאַרשידענע אמתע אָפיציעלע פּאַפּירלעך מיט שטעמפּלען, וואָס האָבן מיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז איך בין טאַקע נישט איך, נאָר יענער — דער פּריקאַזטשיק יצחק ברוידע. איך האָב געהאַט צעטלען, אַז יצחק ברוידע איז נישט שולדיק קיין שטייערן, אַז ער איז אַ היימלאָ־

זער, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער אין אויסלאַנד, אַז ער האָט אַ פּע־טער אין אַמעריקע. מיט דער צייט איז מיר אַפּילו געוועז געגעבן באַקאַנט די גאַנצע לעבנס־ביאָגראַפיע פון יצחק ברוידע. דאָס האָב איך מערסטנס צו פאַרדאַנקען דעם יונגן אויספאָרשונגס־ריכטער פון דער גע־פּע־או, וועלכער האָט געפאָרשט יצחק ברוידען, נאָכדעם ווי יענער איז, בעתן גנבענען די ליטוויש־לעטישע גרענעץ, אַריינגעפאַלן אין טורמע. דער יונגער אויספאָרשער האָט פון יצחק ברוידען פאַרלאַנגט אַ קלייניקייט: ער זאָל אים דערציילן פּאָדראָבנע זיין לעבנס־געשיכטע פאַר די לעצטע פערציק יאָר. און יצחק ברוידע האָט זיך נישט געקענט לאָזן לאַנג בעטן און ער האָט דערציילט וואונדערלעכע זאַכן וועגן זיינע פאַרשטאָרבענע קינ־דער, וועגן פּאָגראָמען, וועגן הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט, וועגן פירמעס, ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט און וועגן שטעטלעך, אין וועלכע ער האָט אין פאַרלויף פון זיינע פערציק יאָר געוווינט... דער אויספאָרשונגס־ריכ־טער האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן און איך בין מיר געזעסן און דאָס אַלץ אויסגעהערט... דער אָרעמער פריקאַזטשיק יצחק ברוידע האָט דאָס אַלץ דערציילט מיט אַזאַ אומשולדיקער און נעבעכדיקער מינע, אַז נישט נאָר דער אויספאָרשונגס־ריכטער און שפּעטער, בעתן פּראָצעס די ליטווישע ריכטער, נאָר אויך איך האָב דאָס אַלץ אָנגעהויבן גלויבן...

שפּעטער, ווען מען האָט ברוידען באַפרייט פון טורמע און ער האָט אָנגעהויבן לויפן אין די פאַרשידענע אַמטן זיך באַמיִען מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ וויזע אויף צו פאָרן צו זיין פאַמיליע אין אַמעריקע, איז ער שוין געוועזן אַ ברוידע פון ברוידע־לאַנד. דער נאָמען איז אים געוועזן איינגעבאַקן אין האַרצן. עס איז גענוג געוועזן אינמיטן נאַכט, עמעצער זאָל אַ רוף טון „ברוידע“, כדי יצחק ברוידע זאָל פון שלאָף אַ זאָג טון: „אָט בין איך“.

***

לאַנג האָב איך נישט געדאַרפט פאָרן אין דער טראַנס־סיבירישער באַן, כדי די יִדן פון מיין וואַגאָן, אַממיינסטן פרומע פּוילישע יִדן און ישיבה־בחורים, זאָלן געוווּיר ווערן, אַז איך הייס יצחק ברוידע. באַהאַלטן דעם אייגענעם נאָמען פאַר יִדישע מיט־פּאַסאַזשירן, איז פּונקט אַזוי שווער

ווי באַהאַלטן אין וועסטל־קעשענע אַ וואַנט־זייגער. אַ ייִד האָט אַ טבע צו וועלן וויסן מיט וועמען ער פּאָרט, בפּרט נאָך ווען מען פּאָרט אַזאַ ווייטן וועג און אַלע מיט איין „פּעקל“. אגב, האָב איך נישט געהאַט וואָס צו באַ־האַלטן. יצחק ברוידע איז אַ גאַנץ כשרער ייִד און ער דאַרף זיך נישט שעמען מיט זיין נאָמען. נאָך עטלעכע שעה פאָרן האָבן שוין אַלע ייִדן פון מיין וואַגאָן געוווּסט, ווי איך הייס און איך האָב געוווּסט ווי זיי הייסן. וואָס לענגער מיר זענען געפאָרן, אַלץ אָפטער האָבן זיך מיינע מיטרייזנדע גע־ווענדט צו מיר מיט: „פּאַניע ברוידע“, „הער ברוידע“. איין ייִד, אַ משגיח פון אַ ישיבה, האָט מיך אַפילו גענומען רופן: „ר׳ יצחק“. ער האָט מיך דערביי געבעטן, איך זאָל אויף אים קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָרום אַ ייִד דאַרף מען רופן מיט זיין ייִדישן נאָמען. פאַרוואָס זאָל איך פאַריבל האָבן? אדרבה, זאָל זיין ר׳ יצחק. אַבי נאָר מען זאָל מיך נישט רופן מיט „יענעם“ נאָמען...

עטלעכע טעג איז די באַן געלאָפן איבער די פאַרשנייטע פעלדער פון גרויסן רוסלאַנד. דורך דער צייט איז דער עולם אין וואַגאָן געוואָרן אַלץ היימישער. מען האָט דערציילט איינער דעם צווייטן וואָס מען האָט אַלץ דורכגעמאַכט, וועמען מען האָט איבערגעלאָזט און צו וועמען מען פאָרט. אויך איך האָב דערציילט. נישט דערציילן וואָלט געווען אַ סך געפערלעכער, ווי יאָ דערציילן. פאַרשטייט זיך, אַז דערציילט האָב איך די געשיכטע פון יצחק ברוידע פון קאַליש, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פּאַפּיר־בראַנזשע.

איינמאָל האָט זיך אַפילו איינער פון מיינע מיט־פּאַסאַזשירן גע־פרעגט, פון וועלכע ברוידעס איך שטאַם, צי פון יענע ברוידעס, וואָס האָבן געהאַט הינטער גראָדנע דעם האָלץ־טאַרטאַק... וואָרום מיט יענע ברוידעס געהער ער זיך אָן שטיקלעך קרובים, דאָס הייסט... אָבער אַזוי ווי דער ייִד איז געווען אַ ליטוואַק, האָב איך אָן האַרץ קלאַפּעניש אים איבערגעהאַקט:

— ניין, מיט די גראָדנער ברוידעס געהער איך זיך אינגאַנצן נישט אָן. איך שטאַם פון די קאַלישער ברוידעס...

דערהערט „קאַלישער ברוידעס“, האָט דער ייִד זיך באַלד צוריק־געצויגן און מער זיך צו מיינע ברוידעס נישט געשדכנט. געמיינט האָב

איך, אַז דערמיט איז מיין „ברוידע־צרה" געענדיקט, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זי האָט זיך אַפילו נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן. ווען די באַן האָט זיך שוין געפונען נישט ווייט פון וולאַדיוואָסטאָק, האָט זיך פּלוצ־לונג באַוויזן אויף דער שוועל פון מיין קופּע אַ ייִד פון אַ פרעמדן וואַגאָן, אַן עלטערער מענטש מיט אַ חסידיש־סוחרישער באָרד, און זיך געווענדט צום עולם מיט אַ פראַגע:

— וועלכער פון אייך איז דאָס הער ברוידע פון קאַליש?

— איך — האָב איך דער ערשטער זיך אָפּגערופן און אונטערן לעפּעלע איז עפּעס פּלוצלונג אַ ביסעלע קאַלט געוואָרן.

— איר? — האָט דער ייִד צו מיר היימישלעך אויסגעשטרעקט די האַנט — איר זענט יצחק ברוידע פון קאַליש?

— יאָ, איך בין יצחק ברוידע — האָב איך דעם ייִדן דערלאַנגט די האַנט. — אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

— און אייער טאַטע איז געווען ר׳ אַברהם ברוידע? — האָט דער ייִד ווייטער געפרעגט אין נאָך אַ מער היימישן טאָן, נישט ענטפערנדיק אינגאַנצן אויף מיין פראַגע.

— ר׳ אַברהם ברוידע — האָב איך געענטפערט כלומרשט רויק און געפילט בעת־מעשה, אַז דאָרט אונטערן לעפּעלע הייבט אָן בלאָזן אַ ווינט — איז אַנטקעגן וואָס פרעגט איר עס?

— וואָס הייסט אַנטקעגן וואָס? — דערפרייט זיך דער ייִד — איך האָב דאָך געקענט אייער טאַטן... אַ קלייניקייט, ר׳ אַברהם ברוידע!... ווער האָט אים דען אין קאַליש נישט געקענט?...

אין ערשטן מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז איך האָב דאָ צו טון מיט עפּעס אַ שפּיצל. נישט אַנדערש, נאָר דער ייִד איז געוווירר געוואָרן, אַז איך בין אַ פאַלשער ברוידע, שפּילט ער מיר אויף אַ קאָמעדיע. עס איז אָבער גענוג געווען אָנצוקוקן דאָס פּנים פון דעם ייִדן, און צו זען די תמימותדיקע פרייד און דעם דרך־ארץ, וואָס אויף אים ליגט אויסגע־גאָסן, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז מיט אַזאַ פאַרדאַכט באַליידיק איך אים. ער האָט טאַקע, זעט אויס, געקענט מיין טאַטן... אָבער ווי אַזוי האָט ער אים געקענט קענען, אַז איך האָב אים אויסגעטראַכט?... אַ משונהדיקע מעשה!...

— איר זענט דען אַ קאַלישער? — פרעג איך דעם ייִד, וועלנדיק סתם עפּעס זאָגן, כדי דערווייל צו קענען עפּעס צוטראַכטן אַ מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון מיין געפונענעם טאַטן...

— אַוודאַי בין איך אַ קאַלישער, דאָס הייסט, אייגנטלעך נישט קיין קאַלישער געבוירענער, נאָר אַ קאַלישער איידעם. מיין ווייב עליה השלום איז געווען אַ קאַלישערין. אַליין בין איך אַ בלאַשקער, אַ געבוירענער. איך בין פון די חורעוויצעס פון בלאַשקע, לעבן קאַליש. איר קענט דאָך זיכער בלאַשקע?

דאָ האָט מיר אין קאָפּ אַ בליץ געטון אַ געדאַנק: מען דאַרף דעם טאַטן וואָס גיכער אַרויספירן פון קאַליש...

— יאָ, איך קען בלאַשקע — האָב איך געענטפערט געלאַסן — הגם איך בין פון קאַליש זייער פרי אַוועק און ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געקומען אַמאָל קיין קאַליש און אויך אָפּגעטראָטן אין בלאַשקע. ווען מיינע עלטערן זענען אַריבערגעפאָרן פון קאַליש קיין לאָדזש, בין איך נאָך קיין גאַנצע דריי יאָר נישט אַלט געווען.

— וואָס הייסט? — קוקט מיך אָן דער ייִד פאַרחידושט — אייער פאָטער האָט דאָך געוווינט אין קאַליש ביז די לעצטע יאָרן? ווי קומט ר׳ אַברהם ברוידע קיין לאָדזש?...

— איר מוזט מיינען אַן אַנדערן אַברהם ברוידע, נישט מיין פאָטער. מיין טאַטע האָט מיר טאַקע אַמאָל דערציילט, אַז אין קאַליש איז געווען נאָך אַן אַברהם ברוידע, וועלכער האָט זיך מיט אונדז גאָר ווייניק אָנגע־קערט. גאַנץ ווייטע קרובים געווען. מיין טאַטנס זיידע און יענעמס זיידע זענען געווען שוועסטער־קינדער. יענער אַברהם ברוידע איז, מסתמא, געווען אַ ייִד, אַ גביר, בעת מיין פאָטער, עליו השלום, איז געווען אַ ייִד, אַ קבצן, אַ לאַטוטניק געווען אַלע יאָרן, געאַרבעט אַממייסטן פאַר פויערים...

דער ייִד האָט מיך אָנגעקוקט מיט צעטומלטע אויגן. עפּעס האָט אים דער נייער ברוידע אויסגעזען פאַרדעכטיק. וואָס הייסט? ווי קומט קיין קאַליש נאָך אַן אַברהם ברוידע מיט אַ זון יצחק?... און ווידער פון דער צווייטער זייט וועט דאָך אַ ייִד נישט סתם אויף זיך אויסטראַכטן אַ בלבול. ער וועט דאָך נישט אַוועקוואַרפן אַ טאַטן, אַ גביר, אַ שיינעם ייִד, און זיך נעמען אַ טאַטן אַ וויסטן קבצן, אַ לאַטוטניק?...

— אַוודאַי, — האָט דער ייִד גענומען זיך איינברעכן — איז יענער ר׳ אַברהם ברוידע געווען אַ ייִד, אַ גביר, די ערשטע מאַנופאַקטור־קראָם געווען אין שטאָט; געווען גבאי פון גרויסן בית־המדרש; געגעבן שטענדיק די ערשטע נדבה; אַפילו פריצים האָבן פון אים געהאַלטן; „פאַן אַברהם ז׳בראָדאָן״ האָבן זיי אים גערופן מיט דרך־ארץ, ווייל אַ באָרד האָט ער געהאַט, האָט זי באַשיינט די שטאָט: אַ שוואַרצע, אַ ברייטע, אַ הדרת־פּנימדיקע. און איך וואָלט געשווירן, אַז איר כאַפּט פון אים דעם אָנבליק... איך האָב זיין זון יצחק קנאַפּ געקענט; ער איז געווען תמיד אין ישיבות, אָבער ס׳איז גענוג געווען אים איינמאָל צו זען, כדי צו דערקענען, אַז דאָס איז ר׳ אַברהם ברוידעס זונדל. און איר זענט טאַקע אַ ביסל ענלעך צו אַברהמען... די אויגן זענען אינגאַנצן זיינע... געהערט ער זיך טאַקע מיט אייך גאַרנישט אָן?...

דעם אמת געזאָגט, איז מיר געווען אַ גרויסער שאָד זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ בכבודיקן און שיינעם טאַטן און אויף זיין אָרט צו נעמען אָן אָרעמען לאַטוטניק. אָבער פאַרפאַלן, דער רייכער טאַטע איז פאַר מיר געווען צו געפערלעך. מיטן טאַטן, דעם לאַטוטניק, האָב איך זיך געפילט זיכערער...

— לײדער — האָב איך געענטפערט מיט אַ ביסל פאַרשולדיקטן טאָן — איז מיין טאַטע עליו השלום נישט געווען פון יענע ברוידעס... קיין גרויסער פאַרשוין איז ער נישט געווען; אייביק אַ שוואַכער; אַ באָרד האָט ער געהאַט גאָר אַ קליינע, אייגנטלעך אַ בערדל, אַן אָרעם בערדל... אָן אמת מעג מען זאָגן אַפילו וועגן אַן אייגענעם טאַטן...

ווען דער ייִד איז פון מיר אַוועק, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז אינגאַנצן איבערצייגט האָב איך אים נישט. עפּעס האָט ער פאַרט די גאַנצע מעשה נישט געקענט צעקייען. יצחק בן אַברהם ברוידע פון קאַליש דאַרף דאָך פאַרט זיין פון יענע קאַלישער ברוידעס...

ווען מיר האָבן זיך שפּעטער געפונען צוזאַמען אין יאַפּאַן און איך האָב זיך שוין געקענט דערלויבן דעם לוקסוס זיך צו באַפרייען פון מיינע ביידע קאַלישער טאַטעס, האָב איך דעם ייִד אַוועקגערופן אין אַ זייט און אים דערציילט די אמתע ברוידע־געשיכטע. ערשט דעמאָלט האָט דער ייִד מיר געגלויבט, אַז איך שטאַם נישט פון יענע ברוידעס...

אין מצרים ווו קיין נסים זענען נישט געשען

די ערשטע סדר־נאַכט איז געוויינלעך פֿאַר ייִדישע קינדער אין אונ־דזערע אַמאָליקע היימען געווען פֿאַרבונדן מיט געפֿילן פֿון פֿרייד. עס זענען אָבער אין יענער נאַכט אויך אַריינגעפֿאַלן אין קינדערישן בעכער פֿון פֿרייד היפּשע טראָפּנס טרערן. דאָס זענען געווען טרערן פֿון מיט־געפֿיל פֿאַר די פֿאַרשידענע העלדן פֿון דער הגדה.

עס איז געווען אַ רחמנות אויף די ייִדן, וואָס האָבן אַזוי שווער און ביטער געאַרבעט ביים בויען די פֿעסטונגען פֿאַר פּרעהן; דאָס האַרץ האָט אויך געווייטיקט פֿאַר די ייִדישע קינדער, וואָס מאַמעס האָבן אין טייך אַריינגעוואָרפֿן און פֿאַר די, וואָס טאַטעס האָבן געמוזט מיט די אייגענע הענט אין די ווענט איינמויערן. די קינדער זענען דאָך שוין אויף אייביק געבליבן אין מצרים און קיין שום נסים און פֿרייהייט־געזאַנגען זענען צו זיי נישט דערגאַנגען... עס איז אויך געווען אַ רחמנות אויף די אָרעמע עגיפּטער, וואָס זענען, ווי די תורה אַליין דערציילט, געווען פֿריינטלעך צו זייערע ייִדישע שכנים און וועלכע האָבן דאָך, צוליב די זינד פֿון זייער האַרטנעקיקן מלך, געמוזט איבערטראָגן צען שרעקלעכע מכות, כדי שפּעטער ערשט דערטרונקען צו ווערן אין ים.

נישט ווייניק טרערן פֿון ייִדישע קינדער זענען אויך פֿאַרגאָסן גע־וואָרן אויפֿן גורל פֿון ווייסן ציגעלע פֿון דער חד־גדיא. עס איז געווען אַ קנאַפּע טרייסט, וואָס דער קרבן האָט געהאַט אַזוי פֿיל נקמה־נעמער, וועלכע זענען שפּעטער אַליין געוואָרן קרבנות. דאָס פֿאַרציקטע ציגעלע איז דאָך שוין אויף אייביק געבליבן פֿאַרצוקט...

ב. שעפנער

***

אויך איך האָב אין מײַנע קינדער־יאָרן פֿאַרמאָגט אַ סך רחמנות־געפילן פֿאַר די העלדן פֿון דער הגדה. באַזונדער האָב איך זיך וועגן דעם דערמאָנט, ווען מיר איז אין ניו־יאָרק — היפּשע יאָרן נאָך דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה — איינמאָל אויסגעקומען צו פּראַוווען די ערשטע סדר־נאַכט אין אַ קליינעם קרײַז פֿון קרובים און פֿרײַנט, וואָס זיי אַלע, אָן אויסנאַם, זענען געווען געקומענע פֿון געטאָס.

אויף קיינעם פֿון זיי האָט זיך די געטאָ שוין מער נישט אָנגעזען — נישט אויף די קליידער און נישט אויף די פּנימער. אויך דער טיש איז געווען יום־טובדיק און רײַך געדעקט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ייִדיש הויז אין אַמעריקע. בלויז איין אָרעמע „זאַך" איז געווען בײַם טיש, וואָס האָט אַרויסגערופֿן מײַן מיטגעפֿיל און דאָס איז געווען די — הגדה.

נישט די העלדן פֿון דער הגדה, נאָר די הגדה אַליין.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל ווען אין אַ סדר־נאַכט האָט די הגדה מיט אירע אַלע העלדן און נסים אויסגעזען אין מײַנע אויגן אָרעם און בלאַס און וואָס אירע בלעטער האָבן ווי זיך געבעטן אָן ווערטער, מען זאָל זיי ווײַטער לאָזן דרימלען צווישן די טאָוולען.

קיינער האָט זיך פּריִער מיט קיינעם נישט אָפּגערעדט וועגן וואָס מען זאָל רעדן בײַם טיש אין דער דאָזיקער רעגנדיקער סדר־נאַכט, אָבער פֿון זיך אַליין איז דער שמועס אַוועק וועגן דעם מצרים פֿון געציילטע יאָרן צוריק און נישט וועגן דעם מצרים פֿון מיט איבער דרײַ טויזנט יאָר צוריק.

און דאָס האָט אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך, אַז אַפֿילו די פֿאַרמאַכטע הגדה אויפֿן טיש האָט זיך, דאַכט זיך, נישט געוווּנדערט.

איז דאָך בײַ איר פֿאַרשריבן, אַז עס איז אַ מצווה צו דערציילן אין דער נאַכט פֿון פּסח וועגן יציאת מצרים, און אַז רבי אליעזר און זײַנע דרײַ חברים האָבן אַפֿילו אַמאָל אַרײַנדערציילט וועגן די נסים אַ גאַנצע נאַכט אַזש ביזן גרויסן טאָג אַרײַן. שוין־זשע איז דאָס חל נאָר אויף די נסים, וואָס האָבן געטראָפֿן מיט די ווײַטע זעקס מאָל הונדערט טויזנט ייִדן אין אור־אַלטן מצרים און נישט אויף די נסים, וואָס האָבן נישט געטראָפֿן מיט די זעקס מיליאָן ייִדן אין דעם מצרים פֿון אונדזערע טעג?...

מיט אונגדזוערע לייבלעכע טאַטעס און מאַמעס, ברידערס און שוועס־טערס.

אָבער יאָ מצווה, נישט מצווה — עס האָט זיך דערציילט... די אַלטע אָרעמע הגדה איז געלעגן אַ פאַרמאַכטע און די נייע הגדה איז געווען אָפן.

⁂

איך בין געווען דער איינציקער דאָרט ביים טיש, וואָס בין אין נייעם מצרים נישט געווען, און דערפאַר בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָב געשוויגן. איך האָב בלויז געהערט.

דער שמועס האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן וועגן דעם, צי קענען די מענטשן, וועלכע זענען דאָרט נישט געווען, ריכטיק באַנעמען, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען? צי קענען זיי פילן די אַטמאָספערע, די לופט, אין וועלכע די יידן דאָרטן האָבן געאָטעמט?

דער איינשטימיקער ענטפער פון די אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים טיש איז געווען — ניין.

מיר, די דרויסנדיקע, הערן ווערטער, מיר לייענען ציפערן, מיר זעען פאָטאָגראַפיעס פון יענעם לעבן, אָבער דאָס זענען בלויז בלאַסע אָפשיינען פון געשעענישן, אָבער נישט די געשעענישן אַליין. דער גרעס־טער קינסטלער, וואָס איז געוויינלעך אימשטאַנד אַריינצוגיין אין האַרצן פון אַ צווייטן מענטשן און שפּעטער מיט אים מיטצוגיין איבער די גע־דרייטע און טונקעלע סטעזשקעס פון יענעמס לעבן — מוז בלייבן שטיין אומבאַהאָלפן אויף יענער זייט פון דער געטאָ־וואַנט, אָדער לאַגער־טויער.

פאַרוואָס?

ווייל דאָס, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען, האָט צו זיך אינגאַנצן נישט געהאַט קיין גלייכן אין אַלע מצרימס, וואָס זענען אַמאָל געווען. אַפילו פאַר די, וואָס זענען דאָרט געווען, זעט עס איצט אויס אומפאַרשטענדלעך, און זיי דאַרפן ערשט פאַרמאַכן די אויגן און אַ שטיקל צייט בלייבן אַזוי זיצן פון דרויסן פון זייער איצטיק לעבן, כדי צו קענען צוריק אַריינגיין אין יענער אַטמאָספערע און דערפילן די ריכטיקע באַדייטונג פון די ווער־טער און באַגריפן, וואָס מען האָט דאָרט באַנוצט; כדי ווידער צו קענען זען די דאָזיקע ווערטער אין דעם צושטאַנד אין וועלכן זיי האָבן זיך

געפֿונען דאָרטן — אין יענעם ליכט און שאָטן, אין יענעם קלימאַט... דאָס אויסערגעוויינלעכע איז נישט געווען דער טויט, הגם אויך דער טויט איז דאָרט געווען אַן אַנדערער, אַ מער אומגעוויינלעכער, ווי די אומגעוויינלעכע טויטן, פֿון וועלכע מען האָט ביז איצט געהערט. אָבער נאָך מער אומגעוויינלעך איז געווען דאָס לעבן, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אונטערן שאָטן פֿון די אַלע טויטן. די דאָזיקע אומגעוויינלעכקייט האָט צוגעגעבן אַן אומגעוויינלעכן קאָליר די ווערטער, וועלכע מען האָט דאָרט באַנוצט.

און איינער ביים טיש האָט מיר געפּרוּווט געבן אַ ביישפּיל:

— איר האָט זיכער געלייענט, אַז יעדער ייִד אין וואַרשעווער געטאָ איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טאָרבע? איז וואָס זאָגט אייך דאָס וואָרט „טאָרבע"? אין וואָסער ליכט זעט איר דאָס וואָרט? אַ־יאָ, אין ליכט פֿון אַ בעטלער? איז דאָך ביי יעדן נאָרמאַלן מענטשן טאָרבע און בעטלער אַ צווילינג? — אין געטאָ, אָבער, האָט די טאָרבע געשפּילט אַ גאַנץ אַנדער ראָלע. זי איז געווען דער סימבאָל פֿון ייִדישער ציטוויליקייט. יעדער, וואָס איז אַרויס אין גאַס, איז נישט געווען זיכער, צי מען וועט אים אין דרויסן נישט כאַפּן און „ערגעץ אַוועקפֿירן". האָט מען מיטגענומען אַ טאָרבע און דאָרט אַריינגעלייגט דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע, כדי שוין דעם ערשטן טאָג פֿון „אַוועקגיין" נישט צו פֿאַרלירן דאָס מענטשלעכע פּנים. איז מען געגאַנגען אָנגעטון די טאָרבע און דערוויל געאַרבעט, דערוויל געזוכט אַ שולע פֿאַרן קינד, דערוויל געשאַפֿן אַ ביבליאָטעק, געשפּילט טעאַטער, דערוויל געהערט אַ נייעם וויץ, דערוויל געטרייסט אַ שכן, דערוויל געוואַרט אויפֿן פֿרילינג... און אויך איצט, נאָכדעם ווי איך האָב אייך דאָס אַלץ דערציילט, ווייסט איר נאָך אַלץ נישט דעם פֿולן טייטש פֿון דעם וואָרט טאָרבע אין געטאָ...

***

— און וואָס מיינט, רופֿט זיך אָן אַ צווייטער ביים סדר־טיש, אַזאַ וואָרט ווי שטיוול, — שטיוול מיט שטייפֿע, גלאַנציקע כאָלעוועס? — ביי איינעם זענען עס רייט־שטיוול, ביי אַ צווייטן אָפֿיצירן־שטיוול, אָדער קאָמיסאַרן־שטיוול, ביי אַ דריטן — שטיוול פֿון אַ פֿראַנט, צי פֿון אַ ווילן

יונג און ביי מיר זענען עס — שטיוול פון אַ גוי, פון אַן עכטן פּאָליאַק... שטיוול וואָס האָבן מיר געהאָלפן שפּילן די ראָלע פון אַן אַריער און זיך אַרומדרייען אויף די קריסטלעכע גאַסן פון וואַרשע...

ער האָט אַ „גוט פּנים" דער דאָזיקער פריינט מיינער. אַ העל, פּויליש פּנים. ווען ער האָט נאָך זיך געלאָזט וואַקסן אַ פּאָר דינע, בלאָנדע וואָנצעלעך, האָט זיין פּנים געהאַט אַ הונדערט פּראָצענטיקן אַרישן אויסזען. דאָס איז אָבער, נאָך אַלץ ווייניק געווען פאַר אַ ייִדן, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט איינקויפן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע געווער פאַרן געטאָ... און דעריבער האָט ער די אַרישקייט זיינע נאָך געדאַרפט פאַרשטאַרקן מיט אַ פּאָר עכט־גויִישע שטיוול פון פּריצישן שניט, שטיוול מיט האַרטע גלאַנציקע כאָלעוועס, וואָס דאַרפן ליגן אויפן פוס ווי אָנגעגאָסן. טאָמער זענען די כאָלעוועס לויזער, טויגן זיי נישט, דעמאָלט שמעקן זיי מיט ייִדישקייט... דאָס אָנטון און אויסטון די שטיוול איז געווען פאַרבונדן מיט מאַטערניש. צו אַזעלכע שטיוול דאַרף מען האָבן באַדינער, אָבער מען דאַרף כאָטש אַליין זיין אַ שטאַרקער גוי. זענען דערפאַר זיינע געדאַנקען געלעגן גאַנץ אָפט אין די שטיוול. ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס און יעדע ווילע געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף די כאָלעוועס: „זענען זיי נישט צו לויז?"... „האָבן זיי נישט חלילה עפּעס פאַרלוירן פון זייער גויִשקייט?...

און נאָך איצטער, ווען ער הערט דאָס וואָרט „שטיוול", גיט ער אַ ציטער און כאַפּט אינסטינקטיוו אַ קוק אויף די פיס, צי זיי פאַרראַטן נישט זיין ייִדישקייט... אין זיינע אויערן וועט דאָס וואָרט שטיוול שוין קיינמאָל נישט האָבן דעם זעלביקן קלאַנג, וואָס עס פאַרמאָגט פאַר מיר.

**
*

— און פאַר מיר, האָט זיך אָנגערופן דער ייִנגסטער ביים סדר־טיש, איז דאָס שרעקלעכסטע וואָרט, וואָס איז מיר געבליבן פון דאָרט — דאָס שיינע וואָרט ברי־לי־אַנ־טן...

ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, ווען די דייטשן האָבן אים אָפּגעריסן פון זיינע עלטערן און שוועסטער־ברידער, וועלכע ער האָט שוין מער נאָכדעם קיינמאָל נישט געזען, און אים אַוועקגעפירט אין אוישוויץ

ביינאַכט האָט מען זיי געבראַכט אַהין. פון דערוויטנס האָבן זיי דורך דער געדיכטער פינצטערניש דערזען די פייערן פון די אויוונס...

אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי משונהדיק גיך, אין בהלה, אַז ער האָט פאַרלוירן די פעיקייט זיך צו אָריענטירן ווו ער איז און וואָס אייגנטלעך מען טוט מיט אים. ער האָט ווי נישט געפילט ווי מען האָט אים גע־שטופּט און געשטויסן, ווי מען האָט פון אים געריסן די קליידער; שפּע־טער איז ער ערגעץ געלעגן צונויפגעדריקט צווישן אַ הויפן יאָמערדיקע מענטשן. דערנאָך האָט מען ווידער אַלעמען אַרויסגעטריבן און געהייסן אויסטאָן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געהאַט אויפן לייב. שפּעטער האָט ער דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק, וואָס האָט אים ווי אויפגעוועקט פון זיין פאַרגליווערטקייט. דאָס האָט מען אים צעשניטן דאָס לייב ביים אָפּגאָלן די האָר, ווו נאָר ער האָט זיי געהאַט. דערנאָך האָט מען יעדן געגעבן אַ שטיקל דינע שמאַטע אַרומצוּוויקלען דאָס נאַקעטע, פאַרשעמטע לייב און אַלעמען אַריינגעטריבן אין אַ פינצטערער, קאַלטער קאַמער. דעמאָלט האָט די בהלה אויפגעהערט, און עס איז אַריינגעטרעטן רו, אַ פאַרחלשטע רו. אַ טויזנט ייִדן זענען געלעגן צונויפגעדריקט און שטיל געוואַרט... ער אַליין האָט נישט געוווּסט אויף זיכער, צי איז ער שוין טויט, אָדער דער טויט דאַרף ערשט קומען. מיט אַמאָל האָט זיך די טיר אויפגע־פּראַלט מיט אַ ליאַרעם און עטלעכע פאַרשוין האָבן גענומען שרייען מיט רוגזה:

— די בריליאַנטן גיט אַהער!... די בריליאַנטן!... גיכער!...

די טויזנט נאַקעטע ייִדן האָבן ווייטער געשוויגן. זיי האָבן זיך בלויז נאָך מער צונויפגעדריקט. דעמאָלט זענען די שטימען געוואָרן שטרענ־גער, רציחהדיקער:

—אין אויוון ווילט איר זיי מיטנעמען?...

— איר וועט נישט געבן מיט גוטן, וועט איר געבן מיט בייזן...

און באַלד האָבן האַרטע פויסטן גענומען פאַלן אויף אויסגעדאַרטע לייבער. ווידער איז אַ געיאָמער אויפגעגאַנגען אין דער נאַכט. אָבער אי־בער דעם געוויין פון די געשלאָגענע האָט זיך געטראָגן דאָס געשריי פון די שלעגער:

— די בריליאַנטן!... די בריליאַנטן!...

גאָוואַליפּיע 7

ער, דאָס נאַקעטע יינגל, איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און דורך זיי געזען אַ באַרג מיט ברילּיאַנטן, באַלויכטן מיט די פייערן פון די אויס־וויצער אויוונס...

זינט דעמאָלט זעט ער דאָס וואָרט ברילּיאַנטן נאָר אין יענעם ליכט...

קען עמעצער פון דרויסן אַזוי זען ברילּיאַנטן?...

**

זיי האָבן אָנגערופן נאָך אַ סך ווערטער, וואָס מיר אַלע באַנוצן, אָבער וועלכע מען האָט דאָרט געזען אין אַן אַנדער ליכט. אַזעלכע ווערטער ווי האָפענונג, געדולד, נסיון, העלדישקייט, גלויבן, גאָט, טייוול, דייטשן...

זיי האָבן גערעדט און איך האָב געהערט, בלויז געהערט. מיט יאָרן שפּעטער, ווען זיי וועלן שוין נישט זיין, וועלן אויך אַנדערע מעגן פריי שילדערן דעם לעבן אין יענעם מצרים, ווו קיין נסים זענען נישט געשען. אָבער אַזוי לאַנג ווי עס זענען פאַראַן ייִדן, וועלכע זענען דאָרט אַליין גע־ווען, דאַרף מען זיי לאָזן דערציילן און אַליין זיך איינהערן און — אויף וויפל די אייגענע כוחות דערלויבן — איבערדערציילן.

בלויז איבערדערציילן.

שרייענדיקע שטילקייט

קען שטילקייט רעדן?

די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז נישט. נאָר דיכטער קענען זיך דער־לויבן צו שרייבן וועגן אַ שטילקייט, וואָס רעדט.

„די שטילקייט איז געווען אַזוי טיף — שרייבט איין דיכטער — אַז מען האָט זי אַזש געהערט".

פאַר אַ פּשוטן מענטשן איז דאָס נישט מער ווי פּאָעטישע מליצה, וואָס האָט מיט דער ווירקלעכקייט גאָרנישט צו טון. רעדן און שווייגן זענען פאַר אים צוויי באַגריפן, וואָס איינער שליסט אויס דעם צווייטן. ער ווייס: אַז מען רעדט, שווייגט מען נישט און אַז מען שווייגט — רעדט מען נישט.

דאָס איז אָבער נישט שטענדיק ריכטיק. פאַראַן סיטואַציעס, ווען שווייגן רעדט און אַפילו, ווען שווייגן — שרייט.

יעדער איינער האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט בייצוווינען אַזעל־כע סיטואַציעס, און מאַנכע האָבן אַפילו אַליין שוין אַזוי שרייענדיק גע־שוויגן.

אָט זעען מיר אַ מאַמע שטייט ביים טויטן קערפּער פון איר קינד. זי שטייט אַ שטומע, אַ פאַרשטיינערטע. אָדער זי קען נאָך נישט שרייען, אָדער זי קען שוין נישט שרייען. אָבער אין דער דאָזיקער שטומקייט און שטילקייט הערן מיר איר יאָמערן העכער, ווי ווען זי וואָלט גערעדט.

און צי רעדט דען צו אונדז נישט דאָס שווייגן פון אַן אַלטן וואַלד, אָדער די שטילקייט פון אַ בית־עולם?

איך וויל אָבער איצט זיך אָפּשטעלן אויף גאָר אַן אַנדער שטילקייט, וואָס האָט גערעדט — אויף דער ייִדישער שטילקייט אין די היטלער־צייטן.

יעדן ניינצענטן אַפּריל פּייערן ייִדן איבער דער גאָרער װעלט דעם יאָרצייט פון געטאָ־אויפשטאַנד, װען די שטומע געטאָ־ייִדן אין װאַרשע האָבן אויפגעהויבן זייער קול און פון צװישן די פלאַמען פון געטאָ אויס־געשריגן צו דער װעלט זייער לעצטן געשריי. מען טאָר אָבער אויך נישט פאַרגעסן אין די ייִדן, װאָס האָבן ביזן לעצטן מאָמענט געשװיגן און דורך זייער שװייגן אַמשטאַרקסטן אויסגעשריגן זייער װייטיק.

װעגן איינעם אַזאַ שװייגנדיקן געשריי װיל איך דערציילן.

**
*

„...אין איין הינזיכט איז אונדז, די ייִדן, װאָס זענען געלעגן באַ־האַלטן ביי פּאָליאַקן, אויף דער אַרישער זייט, געװען ערגער, װי די ייִדן אין די געטאָס. יענע האָבן זיך נישט געדאַרפט היטן מיט קיין װאָרט, צװישן זיך האָבן זיי אַפילו געקענט שעלטן היטלערן, בעת מיר זענען געװען פאַרמשפּט צו שטומקייט. דאָס איז ריכטיק נישט בלויז װעגן די פון אונדז, װאָס האָבן געהאַט „שלעכטע פּנימער" (עס הייסט, ייִדישע גע־זיכטס־שטריכן) און זענען געלעגן פאַרגראָבן אין באַהעלטענישן און אינ־גאַנצן נישט געטאָרט קיין װאָרט אַרויסרעדן, נישט מיט די פּאָליאַקן, ביי װעלכע זיי זענען געװען באַהאַלטן און נישט אַפילו מיט ייִדן, מיט װעלכע זיי זענען צוזאַמען געלעגן, טאָמער דערגייט אַ קלאַנג אין דרויסן אַרויס; אויך די װאָס האָבן געהאַט „גוטע פּנימער" (דאָס הייסט, גויִשע פּנימער) און דעריבער געקענט אַרויסגיין פון זייערע באַהעלטענישן, האָבן מער פון אַלע זייערע אברים געטראַכט װעגן דער צונג. זי איז געװען דער קװאַל פון אַלע זייערע געפאַרן. אָבער די געפאַרן זענען נישט בלויז גע־לעגן אין איר, דער צונגס, רעדן, נאָר אויך אין איר שװייגן — אויך דאָס שװייגן האָט געקענט פאַרראַטן".

אַזוי האָט אָנגעהויבן איר דערציילונג מיין באַקאַנטע, די פרוי מיטן „גוטן פּנים", װעלכע איז אין די היטלער־צייטן געלעגן באַהאַלטן לאַנגע מאָנאַטן אין אַ פּויליש הויז אויף דער אַרישער זייט.

דער פּאָליאַק, פון קליינעם שטעטל לעבן װאַרשע, װאָס האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין הויז, איז אַליין קיין גרויסער און אַפילו קיין קליינער ייִדן־פריינט נישט געװען. אַפילו אין די פרידלעכע, פּוילישע

צייטן, וואָלט ער קיין ייִדן אין הויז נישט אַריינגענומען, ווער שמועסט נאָך אין די היטלער־צייטן, ווען האַלטן ביי זיך אין הויז אַ ייִדן האָט געשמעקט מיט טויט. אָבער איין מעלה האָט געהאַט דער דאָזיקער אָרע־מער פּאָליאַק — ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, ליבער ווי דאָס אייגענע לעבן, און דערפאַר איז ער גרייט געווען פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך, צו באַהאַלטן אַ ייִדן ביי זיך אין הויז. ער האָט געוווּסט: אַזוי לאַנג ווי דער ייִד וועט ביי אים וווינען, איז ער, דער פּאָליאַק, טאַקע מיטן לעבן נישט זיכער, אָבער מיט בראָנפן איז ער יאָ זיכער.

ער וועט קענען טרינקען פאַרן ייִדישן געלט.

אויך זי, דאָס פּאָליאַקס ווייב, איז געווען צופרידן, הגם גאָר פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: זי האָט געהאָפט, אַז ווען אַ פרעמדער מענטש וועט זיין אין הויז, וועט איר מאַן, דער שיכור, נישט וואַגן זי אַזוי אָפט צו שלאָגן. ער וועט זיך אַ ביסל צוימען. אין דעם פּרט איז דאָס ייִדישקייט פון פרעמדן גאָר געווען אַ מעלה: דער מאַן וועט זיין פאַראינטערעסירט, אַז אין הויז זאָל זיין רויִק... אַז עס זאָל דרויסן נישט שטעכן די אויגן.

דערצו נאָך איז די געפאַר נישט געווען אַזוי גרויס, ווייל די ייִדישע פרוי האָט געהאַט אַ „גוט פּנים", אַזוי אַז ווען אַפילו עמעצער פון די שכנים וועט זי זען, וועט ער אויך גאָרנישט חושד זיין. אים וועט נישט איינפאַלן, אַז זי איז אַ ייִדישע. ער וועט זי אָננעמען פאַר אַ קרובה, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער שטאָט.

אַזוי איז טאַקע אָפּגערעדט געוואָרן: זי איז אַ קרובה פון דער פּראָ־ווינץ. בעסער איז, זי זאָל זיך אינגאַנצן נישט ווייזן פאַר פרעמדע מענטשן. אַ גאַנצן טאָג דאַרף זי זיצן אין דעם קליינעם קעמערל, וואָס לעבן דער שטוב. אָבער אויב זי וועט אַמאָל, אין אַן אויסנאַמס פאַל, אַרויסגיין און באַגעגענען אַ שכן, אָדער אויב עס וועט עמעצער אַריינקומען און זי צו־פעליק טרעפן, דאַרף זי שפּילן די ראָל פון אַ פּראָווינצער קרובה, וואָס איז ערשט געקומען צופאָרן.

און דעמאָלט האָט זיך פאַר איר אָנגעהויבן איר גרויסער עקזאַמען — שווייגן. זי איז געזעסן טעג, וואָכן, מאָנאַטן איינע אַליין, אַן איינגעבוי־גענע אין קעמערל און געטראַכט פון איין זאַך — פון שווייגן. זי מוז שווייגן. דאָס האָט זי געוווּסט, איז דער ערשטער און וויכטיקסטער באַ־

דינג פאַר איר עקזיסטענץ. אָבער וואָס מער זי איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם דאָזיקן באַוווסטזיין, אַלץ שטאַרקער איז ביי איר געוואַקסן דער חשק צו רעדן, צו הערן דעם קלאַנג פון דער אייגענער שטימע. געווען מאָמענטן, ווען דער דאָזיקער חשק איז ביי איר אַפילו גרעסער געווען ווי דער חשק צו לעבן — רעדן! עפענען דאָס מויל און רעדן! טרינקען די אייגענע רייד, ווי אַ שיכור טרינקט בראָנפן.

יאָ, דאָס איז געווען אַ שיכרות אַזאַ, און נישט איינמאָל האָט זי עס געפּרוווט שטילן דורך רעדן צו זיך אַליין. אָבער אינמיטן רעדן האָט זי זיך דערשראָקן — טאָפּלט דערשראָקן: פאַר די, וואָס אויף יענער זייט וואַנט, און אויך פאַר זיך אַליין. זי רעדט צו זיך?... אפשר האָט זי פאַרלוירן די געדאַנקען?... און זי האָט פּלוצלונג אָפּגעהאַקט און פאַרשטומט געוואָרן...

אָבער ווען זי האָט יאָ געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן, איז איר שרעק געווען נאָך גרעסער. זי איז נישט געווען זיכער, צי אירע ווערטער קומען אַרויס פון איר מויל נאַטירלעך, צי זיי רופן נישט אַרויס קיין פאַרדאַכט און וואָס מער זי האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ זיכערער איז זי געוואָרן, אַז אירע ווערטער קומען אַרויס נישט נאַטירלעך...

דאָס רעדן איז פאַר אַ פאַרשטעלטן ייִדן געווען פאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור געפאַרן. נישט בלויז מיטן אינהאַלט פון די ווערטער האָט מען זיך געקענט פאַרראַטן, נאָר אויך מיט דעם פאָרעם. אַ שלעכטער אַקצענט האָט געקענט פאַרראַטן, אָבער אויך אַ צו גוטער אַקצענט האָט געקענט פאַרראַטן. אויף איר טאַקע האָט געלויערט די צווייטע געפאַר. איר פּויליש איז געווען צו גוט פאַר דעם דאָזיקן פּראָסטן הויז. ער האָט געמוזט ביי שכנים אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט: ווי קומט עס צו זיי אַ קרובה מיט אַזאַ פּויליש?...

און אַזאַ פראַגע אין אַ פּאָליאַקס קאָפּ האָט לייכט געקענט מיטשלעפּן מיט זיך אַ צווייטע, אַ פיל געפערלעכערע פראַגע:

— אפשר איז זי גאָר אַ ייִדישע?...

איז דעריבער דער איינציקער אויסוועג געווען — נישט רעדן. ווי ווייט מעגלעך, היטן די צונג. האַלטן פאַרשלאָסן דאָס מויל. שווייגן!

**
*

אָבער אויך דורך שווייגן קען מען אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. איינמאָל האָט טאַקע געטראָפן, אַז איר גרעסטער שוץ־מיטל — איר שווייגן — האָט זי אויסגעגעבן...

וואָלט זי נישט געשוויגן, וואָלט זי געשריגן, וואָלט יענער גאָרנישט חושד געווען. אָבער אַזוי ווי זי האָט נישט געשריגן, אַזוי ווי זי האָט געשוויגן, האָט יענער זיך דערוווּסט דעם סוד...

דאָס איז געווען נאָך אַ שרעקלעכער, שלאָפלאָזער נאַכט, ווען זי האָט געליטן פון ציין־ווייטיק. פון איין זייט האָבן די יסורים זי נישט געלאָזט איינשלאָפן, און פון דער צווייטער זייט — די מורא, טאָמער וועט זי אין שלאָף נישט קענען קאָנטראָלירן איר ווייטיק און זי וועט שרייען...

אין דער פרי איז איר און אויך איר באַלעבאָסטע קלאָר געוואָרן, אַז מען מוז דעם קראַנקן צאָן אַרויסנעמען, אויב מען וויל נישט, אַז עס זאָל קומען אַ בלוט־פאַרגיפטונג, וואָס דאָס קען ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן הויז.

פאַרפאַלן, מען מוז אַוועק צו אַ דענטיסט. מיט קיין גרויסער איינ־שטעלעניש האָט דאָס גראָד נישט געשמעקט. די באַלעבאָסטע וועט מיט איר גיין און זי פאָרשטעלן אַלס איר קרובה. האָט זי דאָך אַ „גוט פּנים" און קיינעם, נישט פון די דורכגייער און אויך נישט ביים דענטיסט, וועט איינפאַלן, אַז זי איז אַ יידישע.

זענען זיי אַוועק צוזאַמען ,און דער וועג איז אַדורך בשלום. קיינער האָט אין גאַס איר קיין שום באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט נישט גע־שענקט — אַ פוילישע ווי אַלע פוילישע. אויך די פּאַציענטן אין וואַרט־צימער פון דענטיסט און שפּעטער דער דענטיסט אַליין האָבן זי באַטראַכט ווי אַן אייגענע. און ווען די באַלעבאָסטע האָט די פאַרשטעלטע יידישע פרוי פאָרגעשטעלט פאַרן דענטיסט אַלס איר קרובה, האָט יענער איר דער־לאַנגט די האַנט, און איר אַפילו נישט געפרעגט פון וואַנען זי קומט. ער האָט זי גלייך אַוועקגעזעצט אויפן שטול און געהייסן עפענען דאָס מויל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— מען דאַרף באַלד אַרויסנעמען דעם צאָן. איר האָט צו לאַנג גע־וואַרט.

דעמאָלט האָט זי זיך אָפּגערופן:

— ביטע, נעמט אים אַרויס. אָבער איך בעט אייך, אָן איינשפּריצונגען. איך פאַרטראָג דאָס נישט.

זי האָט זיך באַמיט אירע ווערטער זאָלן אַרויסקומען פריי, נאַטירלעך און דאָס איז איר גראָד דאָסמאָל געלונגען, הגם איר האַרץ האָט דערביי שטאַרק געקלאַפּט. מער פון אַלץ האָט זי זיך געשראָקן פאַר באַטויבונגס מיטלען. דאָס קען איר ברענגען צו אַ צושטאַנד, ווו זי וועט פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך און דאַן קען געשען דאָס שרעקלעכסטע — זי קען זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ ייִדיש וואָרט...

זי האָט דעריבער פעסט באַשלאָסן: אָן באַטויבונגס־מיטלען!

דער דענטיסט איז געוואָרן פאַרוווּנדערט:

— וואָס רעדט איר? איר ווייסט מיט וואָסערע שרעקלעכע ווייטיקן דאָס איז פאַרבונדן?

— מאַכט נישט אויס — האָט זי זיך באַמיט צו שמייכלען — איך פאַרטראָג ווייטיק. אָבער קיין פאַרטויבונגס־מיטלען פאַרטראָג איך נישט, זיי זענען געפערלעך פאַר מיין האַרץ. דער דאָקטער האָט אויסדריקלעך פאַרבאָטן...

— ווי איר ווילט — האָט דער דענטיסט געקוועטשט מיט די פּלייצעס — און אַריין מיט דער צוואַנג אין איר מויל.

זי ווייסט נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַן אייביקייט. זי וואָלט נישט געגלויבט, אַז אַ מענטש קען פאַרטראָגן אַזעלכע מאַטערנישן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי מען רייסט פון איר לעבעדיקע שטיקער פלייש. אָבער זי האָט נישט געשריגן. נאָך שאַרפער ווי דער ווייטאָג איז ביי איר געווען דער באַוווּסטזיין, אַז זי טאָר נישט שרייען. וואָס עס זאָל נישט געשען — זי דאַרף שווייגן.

ווען דער דענטיסט האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען די צוואַנג פון איר מויל, האָט ער זי שאַרף אָנגעקוקט. זיין פּנים איז געווען אַזוי בלאַס, אַז זי האָט פאַרגעסן אַ ווײַלע אין איר אייגענעם ווייטיק און געטראַכט וועגן זיין שרעקלעכער בלאַסקייט.

ב. שעפנער

— פאַרוואָס האָט איר נישט געשריגן? — האָט ער זי שטיל געפרעגט.

— איך בין געוווינט צו ווייטיק — האָט זי געענטפערט.

ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט איר געגעבן אַ וואַסער צו שווענקען דאָס מויל און דאַן איר שוויַיגנדיק דערלאַנגט די האַנט...

אין עטלעכע חדשים אַרום זענען די דייטשן ענדלעך אַרויס פון פוילן און די יידישע פרוי איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש. גייענדיק אין גאַס, האָט זי באַגעגנט דעם דענטיסט. ער האָט זי באַגריסט און דאַן זיך אָפּגערופן:

— איך האָב געוווּסט, אַז איר זענט אַ יידישע. איך האָב עס זיך דערוווּסט פון דעם, וואָס איר האָט נישט געשריגן...

***

יאָ, אַזוי הויך האָט אין יענע טעג אויך געשריגן די יידישע שטילקייט...

די יידישע פרוי מיטן הינטל

דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש, אויף וועלכער איך האָב זיך אַמווייניקסטן גערעכט: אַ באַגעגעניש מיט אַ הינטל.

ייִדן זענען געוויינלעך נישט קיין גרויסע ליבהאָבער פון הינט און פונקט אַזוי זענען הינט געוויינלעך נישט קיין גרויסע סימפּאַטיקער פון ייִדן. הערצער, זעט אויס, פילן זיך. אַמאָל מיט אַ פיר־פינף טויזנט יאָר צוריק, זענען די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן ייִדן און הינט אַפּנים געווען נישט קיין שלעכטע, אַ סימן, די דאָזיקע פּירפּיסיקע באַשעפעניש האָבן, ווי די תורה פאַרזיכערט אונדז, קיין ביל נישט געטון, אין דער נאַכט, ווען אונדזערע אור־עלטערן זענען אַרויס פון מצרים. שפּעטער, אָבער, זענען, זעט אויס, די באַציִונגען קאַליע געוואָרן און די הינט האָבן גענומען האַווקען אויף ייִדן ביי יעדער געלעגנהייט, סיי ווען ייִדן האָבן פון ערגעץ געוואָלט אַרויסגיין און סיי ווען ייִדן האָבן ערגעץ גע־וואָלט אַריינגיין... דאָס בילד פון איינגעקאָרטשעטן, צעשראָקענעם ייִדן, וואָס אַ מחנה בייזע הינט רייסן אים ביי די פּאָלעס, זעט אין מענטשלעכע אויגן אויס אַזוי רעאַליסטיש און נאַטירלעך, ווי דאָס בילד פון שטאָלצן, זיכערן פּריץ, וואָס גייט אויף יאַגד, אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה פריינט־לעכע הינט.

און מער פון אַלע ייִדן האָט, דאַכט זיך, נישט ליב קיין הינט מיין פריינט, וואָס אין זיין הויז, אין ניו־יאָרק, האָב איך דאָס הינטל באַגעגנט. אַז ער דערזעט אויף דער גאַס אַ הונט, רוקט ער זיך אינסטינקטיוו אָפּ. ער האָט צו דער באַשעפעניש נישט קיין צוטרוי, מעג זי טראָגן אַ צוימל אויפן מויל און מעג זי אַפילו אים אַנטקעגנטראָגן אונטערטעניקע פריינט־לעכקייט. דאָס האָט אים, זעט אויס, דורכן בלוט זיין זיידע איבערגעגעבן

דעם טעם, וואָס ער האָט געפילט, ווען שטיקער פון זיין קאַפּאָטע האָבן זיך געפונען אין אַ הינטישן פּיסק.

דערפאַר טאַקע בין איך אַזוי געווען פאַרוווּנדערט, ווען זיצנדיק אַנומלטן ביי מיין פריינט, האָב איך מיט אַמאָל געהערט פון אַ זייטיקן צימער אַ פאַרדעכטיק האַווקען.

— אַ הונט? — האָב איך מיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

— נישט קיין הונט — האָט מיין פריינט געענטפערט מיט אַ שמייכל פול מיט ליבשאַפט — נאָר אַ הינטל.

אָבער דער ענטפער האָט נאָר מיין פאַרוווּנדערונג געמאַכט נאָך גרעסער. ערשטנס, ווי קומט צו אים אַ הונט און צווייטנס — ווי קומט עס, וואָס ער רעדט וועגן דעם כלב מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן אַ געראָטן קינד.

— איר זענט גאָר געוואָרן אַ ליבהאָבער פון הינט? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין — האָט ער געענטפערט — איך האָב קיין הינט נישט ליב, אָבער ער, האָט ער ווייזנדיק מיטן פינגער צום צימער, פון וואַנען עס האָט זיך פריִער געהערט דאָס האַווקען, איז גאָר עפּעס אַנדערש...

— איר מאַכט דאָך — האָב איך געזאָגט — ווי יענער אַנטיסעמיט: אַלע זשידעס האָט ער טאַקע פיינט, אָבער זיין „זשידעק" איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— וואָס קען איך העלפן — האָט ער געענטפערט — אַז ער איז פאָרט עפּעס אַנדערש און אַז איר וועט הערן זיין געשיכטע, וועט איר אַליין צוגעבן, אַז ער איז עפּעס אַנדערש.

און מיין פריינט האָט מיר גענומען דערציילן די געשיכטע, ווי אַזוי דאָס הינטל איז געקומען צו אים אין הויז אַריין.

***

דאָס איז געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק. אויף דער רעקאָמענדאַ־ציע פון פריינט, האָט ער געהאַט באַשלאָסן צו פאַרדינגען אַ צימער פון זיין וווינונג צו אַ פּאָרפּאָלק, וואָס איז געהאַט ערשט אַריבערגעקומען פון פוילן. די צוויי מענטשן, ביידע אין די דרייסיקער, האָבן אויף אים גע־

מאַכט אַ גוטן איינדרוק; זיי, ווידער, איז דאָס צימער זייער געפעלן געוואָרן און זיי האָבן באַלד זיך געוואָלט אַריינקליבן, אָבער אונטער איין באַדינג: ער זאָל זיי דערלויבן צו האַלטן אין הויז זייער הינטל.

ער האָט אָפּגעזאָגט. אין זיין הויז וויל ער קיין הינט נישט האָבן, אַפילו פון דערוועגן האָט ער זיי נישט ליב.

די פרוי האָט זייער באַדויערט. אויב אַזוי האָט זי געזאָגט, מוזן זיי, ליידער פונעם צימער זיך אָפּזאָגן. זי וועט זיך נישט שיידן מיט איר הינטל. זיי זענען געווען צוזאַמען אין די שווערסטע צייטן אין פוילן, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און זיי וועלן אויך זיין צוזאַמען אין דער פרייער אַמעריקע.

האָט ער נישט פאַרשטאַנען: אַזש פון פוילן פירן היימלאָזע ייִדן מיט זיך מיט הינט?

און ווי אַזוי האָט עס אַ ייִדישע פרוי געקענט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די דייטשן, האַלטנדיק ביי זיך אַ הונט? האָט זי נישט קיין מורא געהאַט, אַז דער הונט וועט אויף איר ברענגען אַן אומגליק?

באַלד אָבער איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס הינטל האָט כשר פאַרדינט, אַז זיין באַלעבאָסטע זאָל עס מיט זיך ברענגען אַזש פון פוילן קיין אַמעריקע. מיט אַזאַ הינטל שיידט מען זיך נישט, ווען אַפילו מען דאַרף זיך צוליב דעם אָפּזאָגן פון דער שענסטער דירה. נישט נאָר האָט דאָס פּיר־פּיסיקע באַשעפעניש דער פרוי נישט געשטעלט אין געפאַר אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, נאָר פאַרקערט — דאָס הינטל האָט איר דאָס לעבן געראַטעוועט. ווען נישט ער, ווער ווייס ווו איר אַש וואָלט זיך איצט געוואַלגערט.

ווען ער האָט געהערט פון דער פרוי וועגן דער ראָלע, וואָס דאָס הינטל האָט געשפּילט אין איר לעבן, האָט ער זיין באַשלוס געענדערט. ער האָט זיי דערלויבט צו וווינען ביי אים צוזאַמען מיט זייער פּיר־פּיסיקן פריינט.

אַזוי אַרום איז עס געקומען, אַז מיין פריינט, דער שונא פון הינט, זאָל אַריינלאָזן צו זיך אין הויז אַ כלב. שוין וואָכן ווי מיין פריינט און דאָס הינטל וווינען אונטער איין דאַך און זיי זענען ביידע צופרידן פון

דעם צוזאַמענלעבן. צווישן די צוויי האָט זיך פֿאַרבונדן אַ פֿריינטשאַפֿט, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער.

***

איך בין געווען איבערראַשט, ווען איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס דראַבנע ברוינע הינטעלע מיט דער סאַמעטענער פֿעל איז שוין אַלט צוועלף יאָר. אין מיינע נישט־פֿאַכמעניש ע אויגן האָט עס אויסגעזען גאָר יונג. אָבער ווייזט אויס, אַז דאָס איז פֿון אַ ראַסע אַזאַ, וואָס האַלט־איין סיי אין וווּקס, סיי אין דער פֿיגור און אַפֿילו אין טעמפּעראַמענט איר יוגנטלעכקייט ביז אין טיפֿן עלטער. שפּילן שפּילט עס זיך ווי אַ קינד, אָבער קלוג איז עס ווי אַ דערוואַקסענער. טאַקע די דאָזיקע קלוגשאַפֿט האָט עס נישט איינמאָל אַרויסגעראַטעוועט די פֿרוי פֿון די שווערסטע סיטואַציעס. זי האָט געבויט אויף אָט־דער קלוגשאַפֿט נאָך מיט צען יאָר צוריק, ווען דאָס הינטעלע איז נאָך קיין צוויי יאָר נישט אַלט געווען און זי האָט זיך נישט אָפּגענאַרט. אָן דעם הינטל וואָלט די איינזאַמע פֿרוי (איר מאַן איז אין אַנהייב קריג גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי) זיך קיינמאָל נישט אַנטשלאָסן צו בלייבן אויף דער אַרישער זייט און צו שפּילן דאָרט די ראָלע אַלס קריסטין. זי האָט נישט קיין אויסדריקלעך ייִדיש פּנים, אָבער זי זעט אויך נישט אויס ווי קיין טיפּישע גויע. עס איז פֿון יענע נייטראַלע פּנימער, וואָס אויב מען האָט נישט קיין פֿאַרדאַכט, אַז זיי געהערן צו אַ ייִדן נעמט מען זיי אָן פֿאַר קריסטלעכע און אויב מען האָט יאָ אַזאַ פֿאַרדאַכט, און מען נעמט שטאַרקער קוקן, זעט מען, אַז זיי געהערן צום פֿאָלק ישראל. יעדער ייִד מיט אַזאַ נייטראַל פּנים, וואָס איז געווען אויף דער אַרישער זייט, האָט דעריבער שטענדיק געהאַט נאָר איין ווונטש: אַז קריסטן זאָלן אויף זיי נישט צו שטאַרק קוקן, פֿאַרבייגעגאַנגען, געכאַפּט אַ בליק און ווייטער געגאַנגען...

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ראָלע פֿון הינטל. אַז עמעצער האָט זי געזען גיין מיטן הינטל, איז אים גאָרנישט איינגעפֿאַלן זי צו פֿאַרדעכטיקן, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד. צוזאַמען מיטן הינטל האָט איר נייטראַל פּנים באַקומען דעם אויסזען פֿון אַן עכט־קריסטלעך פּנים, אַט ווי אונטער אַ שטערן־טיכל וואָלט עס זיכער באַקומען דעם אויסזען פֿון אַן עכט ייִדיש פּנים...

נאָוואָליפּיע 7

אַמאָל האָט זיך געטראָפֿן, אַז אַ פּאָליאַק האָט עפּעס גענומען אויף איר צו שטאַרק קוקן און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס קוקט ער דערפֿאַר, ווייל עס האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ פֿאַרדאַכט, אַז זי איז אַ ייִדישע. געוויינלעך פֿלעגט דאָס טרעפֿן אין איינער פֿון די פֿיל שפּייזרייעס, אין וועלכע איר איז אָפּטמאָל אויסגעקומען צו שטיין. מענטשן לאַנגווייליקן זיך אין די רייעס, זיי האָבן נישט מיט זיך וואָס צו טון, — די מינוטן ציִען זיך ווי פּעך, זוכט מען אַ געלעגנהייט מיט עפּעס צו פֿאַרטרייבן די צייט. איינער „גאַפּיעט" אויפֿן צווייטן. מען קוקט אויף די קליידער, אויף די שיך, אויף די פּנימער. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט איר דאָס האַרץ איינפֿאַלן פֿאַר שרעק. „מען דערקענט מיך!..." זי האָט זיך געשראָקן, און גלייכצייטיק מורא געהאַט זיך צו שרעקן, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז צעשראָקנערהייט זעט איר פּנים ערשט רעכט אויס ייִדיש... דעמאָלט האָט זי מיט געמאַכטער רויִקייט אַ רוף־געטון איר הינטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר. ער איז אַ פֿריילעכער צו איר צוגעשפּרונגען און מיט אַמאָל האָט זי דערפֿילט ווי אַרום האָט זיך אַלץ אויסגעלייטערט. דער פּאָליאַק, וואָס האָט ערשט אויף איר געהאַט אָנגעשטעלט אַן ערנסטן, פֿאָרשנדיקן בליק, האָט גענומען שמייכלען צום הינטל און צו איר און ביידע שמייכלען זענען געווען פֿריינטלעכע, פֿול מיט היימישן צוטרוי...

איצט איז זי ווידער געווען אַן אייגענע צווישן אייגענע...

אָבער נאָך אָפֿטער פֿלעגט דאָס הינטל זי ראַטעווען פֿון דייטשע הענט. די דייטשן פֿלעגן אייניקע מאָל אין וואָך פּלוצלונג אָפּשליסן געוויסע גאַסן און נעמען רעווידירן די דורכגייער. דער צוועק פֿון די דאָזיקע מאַסן־אָבלאַוועס איז נישט נאָר געווען צו געפֿינען באַהאַלטענע ייִדן, נאָר אויך צו אַרעסטירן פֿאַרדעכטיקע פּאָליאַקן און אָפּטמאָל אויך צו כאַפּן אויף אַרבעט. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פּיפּערײַ און פֿון מיליטערישע לאַסט־אויטאָס האָבן גענומען שפּרינגען דייטשן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און רעוועס: „שטיין בלייבן!" די רעוויזיע איז געווען אַ שטרענגע; מינוטן לאַנג פֿלעגן די דייטשן האַלטן אָנגעשטעלט זייערע בליקן אויף די רעווידירטע און אויך אויף זייערע דאָקומענטן, פֿאַרגלייכנדיק די פֿאָטאָגראַפֿיעס אויף די פּערזענלעכע דאָקומענטן מיט די פּנימער פֿון די אייגנטימער. בעת אַזעלכע פּלוצלונגדיקע גאַסן־אָבלאַוועס, פֿלעגט זי דאָס

ערשטע אַ כאַפּ טון דאָס הינטל אין די אָרעמס. אין ערשטן מאָמענט פלעגט דער דייטש, וואָס האָט געפּאָרשט איר דאָקומענט, נישט באַמערקט דאָס הינטל.

זיין בליק איז געווען, ווי דער גלאַנץ פון קאַלטן שטאָל, אָבער אָט האָט ער דערזען דאָס הינטעלע און דאָס שטאָל אין זיינע אויגן האָט זיך גענומען שמעלצן. אָנשטאָט אַ קאַלטער מערדער איז לעבן איר איצט גע־שטאַנען אַ וואַרעמער, סענטימענטאַלער טאַטע. מיט דער האַנט, וואָס האָט נאָך געהאַלטן איר פּאַס, האָט ער דעם הינטעלע צאַרט אַ גלעט גע־טון: „ווי הייסטו, קליינער?...״ איצט האָט ער אַ טייל פון דעם שמייכל אויך איר געשענקט. „אַך, ווי שיין ער איז!...״ ווער שונא, וואָס שונא? — אַ פרוי, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ שיין הינטעלע, קען נישט זיין קיין שונא און זי פאַרדינט נישט, מען זאָל זי באַלעסטיקן. „ביטע, ביטע״, האָט ער איר פריינטלעך צוריק דערלאַנגט דעם פּאַס און נאָך אַ לעצטן גלעט געטון דאָס וואַרעמע באַשעפענישל אין אירע אָרעמס. זי האָט געדאַנקט, אָבער דאָס איז נישט געווען דער דאַנק פון אַן אַרעסטירטן, וועלכן מען שענקט די פרייהייט, נאָר דער דאַנק פון אַ מאַמע, ווען מען לויבט איר געראָטן קינד...

עס האָט אַפילו געטראָפן אַ דייטש וואָס האָט אין אַזאַ מאָמענט פון צערטלעכקייט איר אונטערגעטראָגן דעם נאָמען — „מאַדאַם״.

— ביטע, מאַדאַם!...

זי איז געווען די איינציקע צווישן די אַלע פּוילישע פרויען, וואָס האָבן זוכה געווען צו אַזאַ טיטל; זי, די ייִדישע...

און דאָס אַלץ האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען אים, איר הינטל. זי איז איבערצייגט, אַז ער האָט געוווּסט פון דער געפאַר, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען און וועגן דער ראָלע, וואָס ער האָט דערביי צו שפּילן. אויב ער האָט עס נישט געוווּסט מיטן שכל, האָט ער עס דערפילט מיטן אינסטינקט. אין יעדער קריטישער סיטואַציע האָט ער מיט איר האַר־מאָניש צוזאַמענגעאַרבעט. ער האָט שטענדיק געפונען אומשולדיקע טריקס, וואָס זאָלן אָפּציִען די פרעמדע בליקן פון איר און זיי ווענדן אויף זיך. שפּעטער, ווען די געפאַר איז אַריבער, האָט זי געפילט, ווי ער טיילט מיט איר די דערלייכטערונג. ער האָט צו איר אויסגעדרייט זיין פּייכט

מאָרדעלע און די קליינע אייגעלעך זיינע האָבן, דאַכט זיך, ווי געשמייכלט קונדייסיש: „הא, מיר האָבן זיי אָפּגענאַרט...‟

איינמאָל איז אַ דייטש צו איר צוגעשטאַנען, אַז זי זאָל אים פֿאַר־קויפֿן דאָס הינטל. ער קען נישט אַוועקגיין, האָט ער געזאָגט, אַזוי שטאַרק געפֿעלט עס אים. ער איז גרייט צו צאָלן יעדן פּרייז. דאָס הינטל האָט, זעט אויס, דערפֿילט, וואָס דער דייטש פֿאַרלאַנגט, ווייל עס האָט זיך גע־נומען איינגנורען אין איר מיטן גאַנצן כוח און אַפֿילו זיך דערלויבט אַ האַווקע צו טון אין דער ריכטונג פֿון דייטש. זי האָט אין אַ געבראָכענעם דייטש געענטפֿערט, אַז זי קען דאָס הינטל נישט פֿאַרקויפֿן. זי האָט קיין האַרץ נישט, ער איז צו איר אַזוי צוגעבונדן, ער וועט שטאַרק בענקען.

דאָס האָט דעם דייטש איבערצייגט. ער, דער קאַלטער קינדער־מער־דער, האָט זי פֿאַרשטאַנען. ווירקלעך, ווירקלעך, האָט ער געזאָגט אַ גע־רירטער, דער קליינער וועט שטאַרק בענקען... ער האָט נאָר געבעטן זי זאָל אים דערלויבן דאָס הינטל אַ קוש צו טון אין מאָרדעלע. זי האָט דערלויבט, און דערביי אין האַרצן זיך געשראָקן, אַז דער קליינער וועט נישט דערלויבן, אָבער אויך ער האָט דערלויבט. ער האָט מיט איר ער־לעך קאָאָפּערירט...

און אַ דאַנק דער דאָזיקער קאָאָפּעראַציע זיינער האָט זי זיך דער־וואַרט אויף דער באַפֿרייאונג...

מיין גרעסטעוועטע שוועסטער

אין אַ זוניקן האַרבסט־פּרימאָרגן בין איך געשטאַנען אויף דעם ברייטן באַלקאָן פון ניו־יאָרקער לאַגוואַרדיאַ־פעלד און נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון אַ גרויסן טראַנסאַטלאַנטישן עראָפּלאַן, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

דער עראָפּלאַן האָט עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט אַרום פעלד, דאַן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און נאָך עטלעכע מינוטן האָבן זיך אויפן לייטערל באַוויזן די ערשטע פּאַסאַזשירן.

איך האָב געוווסט, אַז זי, מיין איינציק־לעבנגעבליבענע שוועסטער, דאַרף באַלד זיך באַוויזן אויף די דאָזיקע טרעפּלעך. אין מיין קעשענע איז געלעגן איר טעלעגראַמע, וואָס איך האָב מיט אַ טאָג פריִער געהאַט דערהאַלטן פון שטאָקהאָלם: „איך קום אָן דינסטיק פרי אויף לאַגוואַרדיאַ". איך האָב זינט דעם לעצטן אָוונט אַ גאַנץ היפּשע פּאָר מאָל איבער־געלייענט די טעלעגראַמע און יעדעס מאָל איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין די ווערטער: „הייסט עס, אַז זי קומט טאַקע אויף זיכער. אויף גאַנצע הונ־דערט פּראָצענט". איך האָב הנאה געהאַט פון די דאָזיקע ווערטער, אַזוי ווי מען האָט הנאה פון אַ זייער מוזיקאַלישן פערז פון אַ ליד. די מוזי־קאַלישקייט איז אַממיינסטן געלעגן אין די פּראָזאַישע ווערטער „זיכער" און „הונדערט פּראָצענט".

העכער ניין יאָר צייט האָט זי „דאָרט" טאָג־איין טאָג־אויס געלעבט אין אומזיכערקייט. אויב עס איז עפּעס געווען פאַר איר זיכער, איז עס געווען אומגליק. און איצט האָט זיך ענדלעך פאַר איר באַוויזן אַ זיכער־קייט, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט אומגליק, נאָר מיט גליק. זי וועט זיך זיכער באַלד באַגעגענען מיט איר איינציקן ברודער. אָבער טאַקע

דערפֿאַר, וואָס זי איז אַזוי לאַנג געווען אַרומגערינגלט מיט אַזוי פֿיל אומזיכערקייט, האָב איך זיך ביז דער לעצטער מינוט געשראָקן: זי איז זיכער אַרויסגעפֿלויגן, אָבער צי וועט זי זיכער אָנקומען?... עראָפּלאַנען, וואָס זענען אַרויסגעפֿלויגן, זענען דאָך שוין נישט אָנגעקומען אויך... און אַפֿילו ווען איך האָב שוין געזען ווי איר עראָפּלאַן קרייזט אַרום דעם פֿעלד, בין איך נאָך אַלץ געווען אַ ביסל אומרויִק: נישט איין עראָפּלאַן־אומגליק האָט שוין געטראָפֿן גראָד ביים לאַנדן. אָבער ענדלעך שטייט ער שוין אויף דער ערד, דער עראָפּלאַן, דאָס לייטערל איז שוין אַראָפּגעלאָזט און די ערשטע פּאַסאַזשירן גייען שוין אַראָפּ.

זי איז דאָ!

איך האָב זי דערקענט לויטן גאַנג. עפּעס היימישעס האָט אַ ווייע געטון פֿון זוניקן, אָפֿענעם פֿעלד גלייך אין פּנים אַריין. מאָדנע. לויט אַלע באַשרייבונגען פֿון ענלעכע אַזעלכע באַגעגענישן האָט מיין האַרץ געדאַרפֿט שטאַרק קלאַפּן, אָבער עס האָט דווקא נישט שטאַרק געקלאַפּט. מיך האָט באַהערשט אַזאַ פֿרידלעכע, ווייכע, רויִקייט. זי איז אָנגעקומען... פֿאַרשטייט זיך, אַז זי איז אָנגעקומען. דאָס האָט מיר אויסגעזען אַזוי נאָרמאַל און נאַטירלעך, ווי נאָרמאַל און נאַטירלעך עס איז, אַז ברידער און שוועסטער זאָלן זיין ענלעך צו זיך.

איך האָב מיט מיינע קורצזיכטיקע אויגן קוים געקענט זען פֿון דער ווייטנס איר פּנים. אָבער די משפּחה־ענלעכקייט האָב איך יאָ באַמערקט. דאָס האָט אין גאַנצן אָפּגעווישט צווישן אונדז דעם שטח פֿון די ניין יאָר. איך האָב געוווּסט, אַז עס דאַרף נאָך דויערן אַ שטיקל צייט ביז זי וועט פֿאַרטיק ווערן מיט די פֿאָרמאַליטעטן און קענען אַרויסקומען צו מיר, אָבער דאָס האָט מיך נישט געאַרט. איך בין רויִק געזעסן אויפֿן וואָקזאַל און געוואַרט. איך האָב געוווּסט: זי איז דאָ.

***

אינאָוונט בין איך געזעסן לעבן מיין שוועסטער און זיך צוגעהערט צו אירע רייד.

זי האָט נישט דערציילט וועגן די, וואָס מיר האָבן דאָרט איבערגעלאָזט. דריי שוועסטער האָב איך געהאַט מיט מענער און קינדער. בלויז

איין קינד, אַ יונגער בחור, האָט זיך געראַטעוועט און איך האָב אים מיט צוויי יאָר צוריק געבראַכט קיין אַמעריקע פון אַ דייטשן לאַגער. פון אַלע איבעריקע איז נאָר זי געבליבן אויף דער וועלט. אָבער צווישן אונדז ביידן איז ווי געשלאָסן געוואָרן אַ שטילער אָפּמאַך: פון יענע רעדן מיר דערווייל נישט... איך זע זיי אין יעדן שטריך פון איר טונקל פּנים, וואָס האָט זיך זייער ווייניק געענדערט; איך זע זיי אין איר וואַרעמען, מוטערלעכן שמייכל, אָבער אין אירע ווערטער זענען זיי נישטאָ. עס ווילט זיך דעם ערשטן אָוונט נישט וויינען... און מיר ווייגען טאַקע נישט. פּאַרקערט, מיר שמייכלען, הגם זי דערציילט וועגן איר לעצטן וואַרשעווער בונקער.

דאָס איז נישט קיין טרויעריקע דערציילונג. גיכער אַ פרייל עכע. זי דערציילט לייכט, גוטמוטיק, מיט הומאָר. זי דערציילט, ווי אַזוי זי און אירע מיטוווינער אין דעם בונקער אין וואַרשע האָבן געחלומט.

מענטשן, וואָס ליגן מאָנאַטן־לאַנג לעבעדיקערהייט באַגראָבן אונטער דער ערד, מוזן חלומען. אַנדערש וואָלט נישט מעגלעך געווען אונטן אויס־צוהאַלטן. מען מוז אַוועקגיין פון דערווירקלעכקייט. מען מוז כאָטש אין דער פאַנטאַזיע אַ ביסל אַרויסגיין אויף דער ליכטיקער שיין.

און חלומען איז געווען וועגן וואָס — וועגן דעם ליכטיקן טאָג, ווען מען וועט באַפרייט ווערן.

אין יענער צייט — דאָס איז שוין געווען אין סוף 1944 — איז מער ביי זיי קיין צווייפל נישט געווען, אַז די אַליאירטע וועלן געווינען דעם קריג, און פונקט אַזוי איז אויך ביי זיי קיין צווייפל נישט געווען, אַז די באַפרייטע וועלט וועט אויף די הענט טראָגן דאָס ביסל לעבנגעבלי־בענע יידן פון די בונקערס און לאַגערן — זיי, וואָס האָבן אַממיינסטן גע־ליטן פאַר דער געמיינזאַמער זאַך — זיי, די גרעסטע העלדן און מאַר־טירער פון דער מלחמה.

איז וואָס וועלן זיי, די פרינצן פון די בונקערס, פאַרלאַנגען פון דער דאַנקבאַרער וועלט, ווען עס וועט ענדלעך קומען דער אויסגעבענקטער טאָג?

איז אַוועק אַ שמועס צווישן די יידישע שאָטנס אין בונקער:

— איך וועל פאַרלאַנגען — האָט מיין שוועסטער געזאָגט — אַז דאָ

אַהער, צו דער עפענונג פון בונקער, זאָל צוקומען אַ שיף און מיך נעמען צו מיין ברודער קיין אַמעריקע.

זי איז געווען זיכער, אַז אַפילו דעם דאָזיקן קאַפּריז וועט איר „די וועלט" נאָכגעבן. פון בונקער, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער שענ־נאַ־גאַס אין וואַרשע, ביז צו דער ווייסל, איז געווען אַ מהלך פון בלויז אַ פּאָר קילאָמעטער. אַפילו דאָס ברענגען די שיף צום וואַרשעווער ווייסל־ברעג וואָלט אויך געווען פאַר דער „וועלט" אַ שטיקל אָנשטרענגונג. אויף דער ווייסל שווימען נאָר קליינע שיפן. אָבער מיין שוועסטער האָט זיך אין איר בונקער־חלום מיט דעם נישט געוואָלט באַנוגענען. זי וויל זיך נישט אָנשטרענגען צו גיין די עטלעכע קילאָמעטער — פון בונקער ביז צו דער ווייסל. „די וועלט" קען זיך דערלויבן צו גראָבן אַ קאַנאַל פון דער ווייסל ביז דער שעננאַ־גאַס, כדי נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג פון אַ בונקער־ייִד...

— און איך וועל נישט וועלן פאָרן מיט קיין שיף — האָט זיך אָפּ־גערופן אַ צווייטע איינוווינערין פון בונקער — די רייזע דויערט צו לאַנג. איך וועל פאַרלאַנגען, מען זאָל פאַר מיר ברענגען אַן עראָפּלאַן.

— און איך — האָט זיך אין דער פינצטער דערהערט די שטימע פון אַ דריטן בונקער־איינוווינער — וועל זיך נישט יאָגן. עס ברענט נישט. אויך איך וועל פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער נישט באַלד. איך האָב צייט. איך וועל פריִער פאָרן קיין שווייץ און דאָרט פאַרברענגען עטלעכע מאָ־נאַטן. עס זענען דאָרט דאָ די בעסטע סאַנאַטאָריעס. איך וועל זיך דאָרט גוט אויסרוען, קומען צו די כוחות און אויך אַ ביסל אָנזעטיקן דאָס אויג. איך טראַכט אויך צו באַזוכן די פראַנצויזישע ריוועראַ און אפשר אויך איטאַליע. ערשט נאָכדעם וועל איך מיר פאָרן קיין אַמעריקע...

אַזוי איז אונטן, אין לעבעדיקן קבר, געגאַנגען דער שמועס, בעת אויבן, צווישן די וואַרשעווער חורבות, זענען נאָך אַרומגעגאַנגען די דייטשן מיט זייערע שפּיר־הינט...

***

אַנטקעגן וואָס האָט עס מיר מיין שוועסטער באַלד דעם ערשטן אָוונט דערציילט וועגן די דאָזיקע ייִדישע בונקער־חלומות? אַנטקעגן דעם, ווי

קאַמיש עס קענען אַמאָל אויסקוקן חלומות, ווען מען זעט זיי אין ליכט, אָדער ריכטיקער, אין שאָטן פון דער ווירקלעכקייט.

אָבער כדי איר זאָלט פאַרשטיין די דאָזיקע קאָמישקייט, דאַרף איך אייך דערציילן נאָך אַ קליינעם עפּיזאָד פון יענעם זוניקן דינסטיק. דער עפּיזאָד הייסט: עליס־איילאַנד.

ווען מיין שוועסטער האָט זיך ענדלעך באַוויזן אין דער טיר פון וואָקזאַל האָב איך זיך אַזוי דערפרייט מיט איר, אַז איך האָב אינגאַנצן נישט באַמערקט, אַז זי איז נישט אַליין. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך געזען ווי לעבן איר שטייט אַן אימיגראַציע־באַאַמטער. „זי ווערט אָפּגעפירט אויף עליס־איילענד — האָט ער מיר גאַנץ פריינטלעך געזאָגט — ביז עס וועט פאַר איר אריינגעטראָגן ווערן אַ קויציע פון טויזנט דאָלאַר.“

פאַרדעכטיקט מען זי דען אין עפּעס? — חס ושלום. אַמעריקע האָט צו מיין שוועסטער גאָרנישט. אַ באַוויז: דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין שטאָקהאָלם האָט נאָך מיט דריטערהאַלבן יאָר צוריק, באַלד ווי זי האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פוילן, איר געגעבן אַ נומער אויף אַ קוואָטע־וויזע און וואָלט זי געהאַט געדולד צו וואַרטן דאָרט אין שטאָקהאָלם „בלויז“ נאָך עטלעכע יאָר, וואָלט זי זיכער באַקומען אַן אימיגראַציע־וויזע... מיין עלנטע שוועסטער האָט אָבער קיין געדולד נישט געהאַט. און ווען עס האָט זיך איר געמאַכט אַ געלעגנהייט ,אַ דאַנק פאַרשידענע נסים, צו באַקומען אַ טוריסטן־וויזע קיין אַמעריקע, איז זי גרייט געווען צוליב דעם פון אַלעם זיך אָפּצוזאָגן, אַפילו פון איר רייע אויף דער אימיגראַציע־וויזע. זי האָט געחלומט אין באַהעלטענישן און בונקערס נאָך איינמאָל אין לעבן צו זען איר ברודער, איז זי איצט געפלויגן צו דעם חלום.

אָבער מיין שוועסטער האָט צוויי חסרונות, צוליב וועלכע אַמעריקע האָט אַ רעכט זי צו האַלטן אויפן אויג.

דער ערשטער חסרון איז: איר עלנטקייט. דער שונא האָט ביי מיין שוועסטער צוגענומען אַלע נאָענטע. איז איז דאָרט געבליבן אינגאַנצן אַליין... און מיט אַן איינזאַמען לעבעדיק־געבליבענעם ייִדן פון אייראָפּע קען מען נישט זיין זיכער, אַז אים וועט זיך ווילן צוריקפאָרן פון אַמע־

ריקע, ווען די צייט פון זיין וויזיט וועט זיין געענדיקט. און קעגן אַזאַ געפאַר דאַרף אַמעריקע זוכן שוץ־מיטלען...

אָבער מיין שוועסטער האָט נאָך איין גרויסן חסרון: מיך. זי האָט אַ ברודער אין אַמעריקע...

עס איז דאָך אַזוי איינפאַך און לאָגיש: דאָרט, אין איראָפּע, האָט זי מער קיינעם נישט. דאָ, אין אַמעריקע, האָט זי איר איינציקן ברודער, קען זיך דאָך איר אַמאָל פאַרגלוסטן, נאָך אירע אַלע פּיינען און וואָגלע־נישן, צו בלייבן מיט איר בלוט און פלייש. די געפאַר פאַר אַמעריקע איז, ווי מען זעט, דאָ אַ טאָפּלטע און עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אַמעריקע האָט אויך פאַרלאַנגט אַ טאָפּלטע גאַראַנטיע פאַר מיין שוועס־טער. פאַר אַ היימלאָזן טוריסט מיט איין חסרון נעמט מען געוויינלעך אַ באָנד פון 500 דאָלאַר, אָבער פאַר איר האָט זי פאַרלאַנגט טויזנט דאָלאַר.

און דערווייל ביז אַמעריקע וועט באַקומען די גאַראַנטיעס — ביטע, קומט, מאַדאַם, קיין עליס איילאַנד...

נאָך געציילטע מינוטן האָב איך באַוויזן צו זיין מיט איר. באַלד זע־נען אונדזערע וועגן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. זי איז אַוועק אויף עליס־איילאַנד און איך בין אַוועק באַזאָרגן אַמעריקע מיט שוץ־מיטלען קעגן מיין שוועסטער...

***

איך האָב נאָך באַוויזן צוצושטעלן דעם טויזנט־דאָלאַר־באָנד דעם זעלבן טאָג פאַר פינף אַזייגער אינאָוונט אַזוי, אַז מיין שוועסטער האָט אַפילו נישט געדאַרפט בלייבן קיין איין נאַכט אויף עליס־איילאַנד.

זי איז אַ פריילעכע אַריין אין הויז. איז זי טאַקע אין אַמעריקע? טאַ־קע צווישן אייגענע; דער חלום פון בונקער איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן?

יאָ, אָבער נישט אינגאַנצן אַזוי, ווי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. אַזוי איז שוין, זעט אויס, דער גורל פון חלומות: אויף דער וואָר, ווען זיי ווערן פאַרווירקלעכט, זעען זיי אויס אינגאַנצן אַנדערש, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין דער פאַנטאַזיע.

און אַ שמייכלענדיקע האָט זי גענומען דערציילן, ווי אַזוי די איינ־

ב. שעפנער

ווינער אין איר וואַרשעווער בונקער האָבן געשפּונען חלומות וועגן זייער רייזע קיין אַמעריקע.

נישט אַנדערש, נאָר צו דער שעננאַ־גאַס אין וואַרשע וועט צושווי־מען די אַמעריקאַנער לוקסוס־שיף, כדי אויפצונעמען די ייִדישע בונקער־פּרינצעסין...

אַך, ווען די ייִדן פון די בונקערס און לאַגערן וואָלטן געוווּסט, ווי די „וועלט" וועט זיי ווירקלעך אויפנעמען...

אָבער עס איז בעסער, וואָס זיי האָבן דאָס דעמאָלט נישט געוווּסט. אַנדערש וואָלט אין די בונקערס און אין די לאַגערן נאָך געווען פינצ־טערער...

מיין היים־שטאָט לאָדזש

געשריבן צום צענטן יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע
פון לאָדזשער געטאָ — אויגוסט 1954.

מיין היים־שטאָט לאָדזש מיט איר האַלב־מיליאָניקער באַפעלקערונג איז סיי אָפיציעל און סיי פּאַקטיש געווען בלויז אַ פּראָווינץ־שטאָט — די גרעסטע פּראָווינץ־שטאָט אין פּוילן.

זי האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט וואַרשע אין דער צאָל באַפעלקערונג (די פּוילישע הויפּטשטאָט האָט פאַרמאָגט איבער אַ מיליאָן איינוווינער) און נאָך ווייניקער — אין יחוס. וואַרשע איז געווען אַ שטאָט מיט הונדערט־יעריקע טראַדיציעס, מיט קעניגלעכע פּאַלאַצן און שלע־סער, מיט אוניווערסיטעטן און מוזעאומס, מיט אַלטע פּאַרקן און סקווערן, וואָס יעדער ווינקל האָט דערמאָנט אין דראַמאַטישע געשעענישן פון דער רייכער פּוילישער געשיכטע.

לאָדזש דאַקעגן איז געווען אַן אויפגעקומענע שטאָט, אַ נאַקעטע, אָן טראַדיציע, אָן קולטור און אַפילו אָן קאַנאַליזאַציע. אירע קרומע, גרויע גאַסן און אירע טאַנדעטנע, סטיללאָזע מויערן, פּונקט ווי אירע הילצערנע כאַטעס, זענען אַנטשטאַנען איבערנאַכט און געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אייליעניש, פון „נישט דאָס זענען מיר אויסן"... ווייל דאָס האַרץ פון די בויער פון לאָדזש איז געלעגן נישט אין אירע הייזער און אויך נישט אין אירע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, נאָר אין אירע פאַבריקן, אין אירע וועב־שטולן, אין אירע קוימענס. פריער האָט מען געבויט די פאַבריקן און צוליב זיי — ווי אַ געצווונגענעם צוגאָב: „די אַרבעטער מוזן דאָך האָבן וווּ צו וווינען" — האָט מען געבויט הייזער. זענען זיי, די

הייזער, געשטאַנען טריבע, אַנגעכמורעטע, איינגעהילט אין די געדיכטע רויכן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די רויטע קוימענס און אין די שאַרפע ריחות, וואָס זענען געקומען פון די טונקעלע רינשטאָקן.

אַפילו די פּאַלאַצן, וואָס די לאָדזשער טעקסטיל-מאַגנאַטן האָבן שפּע־טער פאַר זיך אויסגעבויט, זענען פּאַקטיש געווען נישט מער ווי צוגאָבן — לוקסוסדיקע צוגאָבן — צו די פאַבריקן. בעת די וואַרשעווער אַריס־טאָקראַטן האָבן זיך אויסגעלעבט אין זייערע יחוסדיקע פּאַלאַצן, האָבן די לאָדזשער מאַגנאַטן באַנוצט זייערע פּאַלאַצן אויף צו וווינען און נאָך מער — אויף צו ווייזן פריינט און פיינט די אייגענע עשירות. אויסגע־לעבט, אָבער, האָבן זיי זיך אין דער פאַבריק. זי איז געווען דער עיקר און נאָר איר האָט לאָדזש געהאַט צו פאַרדאַנקען איר גיכן וווקס און רום. זי האָט עס געצויגן צו זיך צענדליקער טויזנטער הונגעריקע מענטשן פון גאַנצן לאַנד, פּאָליאַקן, ייִדן, דייטשן, פאַר וועלכע לאָדזש איז געווען די שטאָט פון האָפענונג, „קליין אַמעריקע", ווי מען האָט זי אויך גערופן. און זיי האָבן עס גיך פאַרוואַנדלט דאָס אָרעמע פוילישע דאָרף אין דער גרויסער האַלב-מיליאָניקער שטאָט.

***

אָבער אויב די לאָדזשער גאַסן און הייזער זענען געווען פּראָוויג־ציעלע, זענען אָבער די לאָדזשער מענטשן געווען גרויסשטאָטישע. טאָקע דער פּיאָנערן-כאַראַקטער פון לאָדזש האָט געגעבן אירע איינוווינער מער שווונג, מער פאַנטאַזיע, ווי עס האָבן געהאַט די וואַרשעווער. סיי אין די געביטן פון האַנדל און פינאַנץ, סיי אין די געביטן פון רעוואָלוציע און פון קונסט האָט לאָדזש זיך העכער פאַרמאָסטן, ווי די פוילישע הויפּט־שטאָט.

אַ וואַרשעווער פאַבריקאַנט האָט בלויז געהאַט די אַמביציע צו פאַר־כאַפּן דעם פוילישן מאַרק, בעת אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט האָט געשיקט זיינע וואַיאַזשאָרן קיין סיביר, קיין כינע, קיין אינדיע. אַ וואַרשעווער ייִדישער סוחר איז געלאָפן אויף די נאַלעווקעס צוליב טויזנטער, בעת אַ לאָדזשער ייִדישער סוחר האָט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס געזוכט

מיליאָנען. אַפּילו די באַנקראָטן זענען אין לאָדזש געווען גרעסערע ווי אין וואַרשע. דאָ האָט פּשוט נישט געפּאַסט אָנצוזעצן בלויז טויזנטער...

אויך דער פאַרנעם פון דער לאָדזשער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אַ ברייטער, אַ פּיאָנערישער. אין אַ גרויסער מאָס האָט מען דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער לאָדזשער רייכקייט און אויך פון דער לאָדזשער אָרעמקייט. בעת וואַרשע איז געווען אַן עכט פּוילישע שטאָט מיט אַ גרויסן פּראָצענט ייִדן, איז לאָדזש געווען אַ שטאָט פון דריי נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, ייִדן און דייטשן. די פאַבריקאַנטן פון די פאַרשידענע נאַציעס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און הגם זיי האָבן, ליידער, נישט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַלע לאָדזשער אַרבעטער ,איז אָבער די פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע אַרבעטער־פּאַרטייען אין לאָדזש געווען אַ פיל ענגערע ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אין פּוילן. איז דאָך אַפילו אין די יאָרן, ווען אין גאַנץ פּוילן האָט שוין געבושעוועט דער „פּזשיטיק״־אַנטיסעמיטיזם, לאָדזש אָנגעפירט געוואָרן פון אַ סאָציאַליסטישער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון די פּוילישע סאָציאַליסטן (פּ. פּ. ס.), פון „בונד״ און פון די דייטשע סאָציאַליסטן.

דער לאָדזשער רעוואָלוציאָנער, און אין דער ערשטער רייע דער ייִדישער רעוואָלוציאָנער, האָט שטאַרקער געבענקט נאָך דער נייער וועלט ווי דער וואַרשעווער, ווייל אין זיין שטאָט האָבן די קאָנטראַסטן פון דער אַלטער וועלט זיך מער געוואָרפן אין די אויגן און אַרויסגערופן אַ טיפערן געפיל פון פּראָטעסט און פון עקל, ווי אין וואַרשע. די רייכקייט איז דאָ נישט געווען אָפּגעטיילט פון דער נויט מיט הויכע יחוסדיקע מויערן, מיט אַלטע ביימער און ראַסאָווע הינט. דאָ איז אַלץ געלעגן אָפן, אָפּגעדעקט — דער לוקסוס פון די אויפגעקומענע גבירים און דער הונגער פון די וועבער; דאָס גאָלד און דער טובערקולאָז...

און ווער ווייס, צי דאָס איז אויך נישט געווען די אורזאַך, וואָס די לאָדזשער קינסטלער — און אויך דאָ זענען די ייִדישע געווען אויפן ערשטן אָרט — האָבן פאַרנומען פּיאָנערישע פּאָזיציעס. יעדע נייע ריכטונג אין דער פּאָעזיע, אין דער מאָלעריי, אין טעאַטער, אַפילו אין דער מוזיק האָט געמאַכט דעם ערשטן וויזיט גראָד אין דעם פּראָזאַישן, פאַר־

רויכערטן לאָדזש. דאָ איז אַנטשטאַנען משה בראָדערזאָנס גרופּע „יונג יידיש״; דאָ האָבן געמאַכט פאַרבן־רעוואָלוציעס יאַנקל אַדלער און יצחק ברוינער; דאָ האָבן געזוכט אַ מאָדערנעם תּיקון פאַרן אַלט־ייִדישן ניגון די מוזיקער קאָן און גלאַדשטיין; דאָ איז אַנטשטאַנען דאָס ערשטע ייִדישע קליינקונסט־טעאַטער, וואָס זיין חנעוודיקן שמייכל טראָגן נאָך היינט אַרום איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט דזשיגאַן און שומאַכער; און אַהער, קיין לאָדזש, האָט זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט פון וואַרשע י. ל. פּרץ, ווען אים האָט זיך געוואָלט זען אַ גוטע ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונג...

דאָס האָבן לאָדזשער קינדער אויף זייערע גרויע גאַסן און הינטער זייער אייביק־פאַררויכערטן הימל געשפּונען די שענסטע חלומות פון ליכ־טיקע וועלטן און פון הימלען אין טיפסטן בלוי...

און אויך די טאַטעס זענען אין די חלומות נישט אָפּגעשטאַנען. לאָדזש איז געווען די שטאַרקסטע פעסטונג פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע אין פּוילן. פון אָן אַ שיער שולן און שולכעלעך, בתּי־מדרשים און בעל־מלא־כהשע קלויזן, אַריינגעקוועטשטע צווישן רויטע פאַבריקס־מויערן און גרויע וועבער־כאַטעס, האָט זיך טאָג־טעגלעך געטראָגן דער רוף נאָך משיחן...

לאָדזש איז געווען די שטאָט פון אַרבעט און די שטאָט פון חלומות. דערביי איז אַרבעט און חלום נישט געגאַנגען באַזונדער נאָר צוזאַמען: די אַרבעטער האָבן אויך געחלומט און די בעלי־חלומות האָבן אויך געאַר־בעט. די דאָזיקעביידע אייגנשאַפטן האָבן צוגעגעבן דער גרויער פּראָ־זאַישער שטאָט אַן אייגנאַרטיקע אינטימקייט און וואַרעמקייט.

לאָדזשער ייִדן, ווען זיי זענען געקומען קיין וואַרשע, האָבן זיי דער־פילט, אַז עס ווערט זיי קאַלטלעך. עס האָט געפעלט די לאָדזשער משפּחה־דיקייט, די היימישקייט. לאָדזשער קינסטלער און אויך לאָדזשער פּאַרטיי־פירער זענען געווען פאַלקסטימלעכער, ווי די וואַרשעווער. מען האָט נישט געדאַרפט פּריִער אָנקלינגען, איידער מען איז צו זיי געקומען אין הויז אַריין. מען האָט פּשוט אַ קוועטש געטון די קליאַמקע און מען איז אַריינ־געגאַנגען...

צוויי אַזעלכע אָפענע הייזער אין לאָדזש זענען געווען פּאָפּולער אין גאַנץ ייִדיש־פּוילן: דאָס הויז־קאַצענעלסאָן, ווו די העברעיִשע פּאָעזיע פון קדוש יצחק קאַצענעלסאָן און פון זיין פאָטער, דעם אַלטן משכּיל און

העברעיִשן פּעדאַגאָג, האָבן אַזוי גוט־ברודעריש פֿאַרבראַכט ביי איין טיש מיט דער ייִדישיסטישער באָהעמע און מיט סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־פּי־רער. און דאָס הויז־ליכטענשטיין — דאָס הויז פֿון לאָדזשער פּירער פֿון „בונד״ ישראל ליכטענשטיין, וועלכער איז געווען אַ זעלטענער געמיש פֿון אַ צאַרטן לערער, אַ פֿלאַמיקן רעוואָלוציאָנער און אַ הייסן פּרץ־חסיד. אין זיין הויז האָבן זיך פֿונקט אַזוי היימיש געפֿילט דער באַלוטער ייִדי־שער וועבער מיטן גרויען בערדל, דער העברעיִשער פּאָעט יצחק קאַצע־נעלסאָן, דער מאָלער־באָהעם יצחק ברוינער, דער טרעמפּ־פֿילאָזאָף חיים וואָדניק און סתם אַ פּראָווינצער חבר, אַ בונדיסט, וואָס איז געקומען אַהין ווייל ער איז פּשוט געווען נייגעריק צו זען ווי עס וווינט ליכטנשטיין...

אַריבערטרעטנדיק די שוועל, האָט דער פּראָווינצער זיך נישט דרייסט אַרומגעקוקט איבער דער גרויסער שטוב מיט די פֿרעמדע מענטשן. אָבער אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער שוין צוזאַמען מיט דער ליכטענ־שטיין משפּחה און מיט די אַנדערע ייִדן, געזעסן ביי מיטאָג און זיך גע־פֿילט דאָ אַזוי אין דער היים, ווי זיינע טיש־שכנים...

***

אַזוי האָט לאָדזש געלעבט און געקעמפֿט, געאַרבעט און געחלומט ביז סעפּטעמבער 1939...

ביז עס איז אַריינגעקומען דער דייטש. ער איז געקומען אַהין באַלד די צווייטע וואָך, ווי עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ער האָט דאָרט גע־האַט געגנוג אייגענע שפּיאָנען, וואָס האָבן אים דאָס אַריינקומען פֿאַרלייכ־טערט. אַממייִנסטן האָבן אים געהאָלפֿן די דייטשע פֿאַבריקאַנטן אין לאָדזש. זיי האָבן אויך שוין דעם ערשטן שבת פֿון דער אָקופּאַציע אַרויס־געשיקט זייערע אויסגעפּוצטע טעכטער, די צאַרטע, בלאָנדע גרעטכענס צו די דייטשע אָפֿיצירן אויסצודריקן די דאַנקבאַרקייט פֿון די „פֿאָלקס־דייטשן״ פֿאַר „באַפֿרייען״ לאָדזש...

אָבער ניין, נישט לאָדזש, נאָר „ליצמאַנשטאַדט״ — דאָס איז געווען דער נייער נאָמען, וואָס היטלער האָט געגעבן דעם פּוילישן מאַנטשעס־טער, דערקלערנדיק דערמיט לאָדזש אַלס אַ טייל פֿון דעם דייטשן רייך. עס האָט געהייסן, אַז דייטשע פֿאַבריקאַנטן האָבן אויפֿגעבויט לאָדזש און

עס איז דעריבער נישט מער ווי רעכט, אַז זי זאָל געהערן צו דייטשלאַנד... דאָס האָט געשטעלט נאָך אין אַ ספּעציעלער איזאָלירטער לאַגע די לאָדזשער געטאָ. זי איז נישט בלויז געווען ווי די וואַרשעווער, אַ יידישע געטאָ אין דייטש־אָקופּירטן פּוילן, נאָר אַ יידישע געטאָ אין דריטן דייטשן רייך. צונויפגעדריקט אין די ענגע, שמוציקע געסלעך פון באַלוט, איז די לאָדזשער געטאָ געווען פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון אַלעמען — אויך פון דער וואַרשעווער געטאָ. זי, די לאָדזשער געטאָ, האָט זיך געפונען אונטער דער דירעקטער „שוץ" פון דעם דייטשן געסטאַפּאָ־פירער ביבאָוו און פון זיין יידישן משרת, דעם „עלטסטען דער יודען", אָדער ווי מען האָט אים אין געטאָ גערופן מיט חוזק, דעם „קייסער" רומקאָווסקי.

אויב העלדישע געטאָ־יידן האָבן דורך איינשטעלן זייער לעבן געקענט אַריינשמוגלען אין וואַרשעווער געטאָ געווער פון דער פּוילישער וואַרשע, איז אַזאַ שמוגל אין לאָדזשער געטאָ אינגאַנצן געווען אויסגעשלאָסן. עס האָבן אין לאָדזש נישט געפעלט קיין העלדישע יידן, וואָס זענען גרייט געווען מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן. עס האָט אָבער געפעלט די פּוילישע שטאָט אויף יענער זייט געטאָ־מויער; עס איז געווען בלויז אַ דייטשע שטאָט, און אַהין איז אינגאַנצן נישט געווען מעגלעך אַרויסצוקומען, שוין אָפּגערעדט וועגן באַקומען דאָרט געווער.

איינע פון די חלומות פון די טרוימער פון דער לאָדזשער געטאָ איז טאַקע געווען צו קענען זיין אַזוי פריי ווי די יידן אין וואַרשעווער געטאָ, צו קענען אַזוי פריי קעמפן און אַזוי פריי שטאַרבן...

אָבער די וואַרשעווער געטאָ איז פריער אַוועק ווי די לאָדזשער. די געטאָ־יידן פון „דייטשן רייך" האָט היטלער לענגער געלאָזט אַרבעטן אין די דייטשע שקלאַפן־וואַרשטאַטן, ווי ער האָט געלאָזט אַרבעטן די יידן פון די געטאָס אין פּוילן.

אָבער ליגנדיק געבונדענע, פאַרחלשטע און אינגאַנצן איזאָלירטע אין דער פינצטערער געטאָ פון דייטשן „ליצמאַנשטאַדט" האָט פאַר די אויגן פון די לאָדזשער יידן נאָך אַלץ געמיניעט אַ פלעמל פון האָפענונג, פון גלויבן אין מענטשלעכקייט, פון בטחון אין דעם „לעצטן זיג"...

ביז דער לעצטער מינוט האָט מען געפירט אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, האָט מען געלערנט קינדער און דערוואַקסענע, האָט מען אָרגאַני־

זירט קורסן, פאַרשטעלונגען אין קיכן. לאָדזשער געטאָ־טרוימער האָבן זיך געטיילט מיט דער האָפענונג...

דאָס האָט מיין היים־שטאָט אין דעם טיפן חושך נאָך אַלץ געשעפּט ליכט פון די זאַפּאַסן פון נעכטן און פון די חלומות וועגן מאָרגן. דער היטלער־ווינט האָט, דאַכט זיך, שוין אַלע ליכטלעך דאָרט געהאַט אויס־געלאָשן, אָבער ניין — אַ פלעמל האָט מען נאָך אָפּגעראַטעוועט און פון די אייגענע הויט־און־ביינערדיקע קערפּערס אַ לעבעדיקע וואַנט צונויפ־געשטעלט עס צו באַשיצן...

און אַזוי לאַנג ווי די דאָזיקע וואַנט האָט נאָך געלעבט, האָט דאָס פלעמל נאָך געברענט.

אָבער אין אויגוסט 1944 איז געקומען די ליקווידאַציע. יעדן טאָג האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט פון לאָדזשער געטאָ אַ טראַנספּאָרט פון 7 טויזנט יידן. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען מיינע צוויי שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער; מיינע הונדערטער פריינט און חברים.

זיי האָבן „געאַרבעט", די דייטשן, בלויז ביי טאָג. זינט דעם וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָבן די דייטשן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין לאָדזשער געטאָ ביינאַכט. „אָבער ליידער — דערציילט איינער פון די לעבנגעבליבענע לאָדזשער געטאָ־יידן, יעקב נירענבערג, וואָס האָט מיט זיין אייגענעם קערפּער געהאָלפן באַשיצן דאָס צאַנקענדיקע פלעמל — ליידער, האָבן זיי דאָ נישט געהאַט פאַרוואָס זיך צו שרעקן. עס איז נישט געווען קיין געווער".

דעם 29טן אויגוסט, 1944, זענען אַוועק די לעצטע צוויי טראַנס־פּאָרטן פון לאָדזשער געטאָ קיין אָשוויענטשים. און דעמאָלט איז דאָס לעצטע פלעמל פון מיין גרויער, פאַרחלומטער היים־שטאָט אויסגעלאָשן געוואָרן...

דער אָפּשיין איז, אָבער, געבליבן...

פרושענע

אויף דער פּלאַטפאָרמע אין דעם אומהיימלעכן מיטינג־זאַל איז אַרויף אַ מיטליעריקער ייִד מיט אַ בלאַס, פאַרטראַכט פּנים און גרויסן שטערן און שטיל געזאָגט צום עולם:

— און איצט וועל איך מיט אייך זאָגן קדיש. איך וועל זאָגן און איר וועט נאָכזאָגן.

די פּאָר הונדערט ייִדן זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און נאָכגעזאָגט די ווערטער פון אַלטן קדיש, וואָס דער ייִד אויף דער פּלאַט־פאָרמע האָט פאָרגעזאָגט.

דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע סצענע, וואָס איך האָב אין אַ טריבן זונטיקדיקן טאָג בייגעוווינט אין דער אַכט־מיליאָניקער שטאָט ניו־יאָרק: פּרושענער לאַנדסלייט זענען זיך צונויפגעקומען און צוזאַמען גע־זאָגט קדיש נאָך זייער פאַרשניטן שטעטל.

קיינמאָל נאָך האָט אַ קדיש פון אַ קינד אַ יתום מיך אַזוי נישט גערירט, ווי דער דאָזיקער קדיש פון די הונדערטער דערוואַקסענע מע־נער און פרויען. דאָ האָט געווירקט פריִער פון אַלץ די אויסטערלישקייט פון בילד, וואָס קיין שום פאָלק און לשון זעט עס קיינמאָל נישט: אַ לאַנדס־מאַנשאַפט, וואָס זאָל באַשטיין פון לויטער קדיש־זאָגער... ווו דו האָסט אויף דעם דאָזיקן מיטינג נישט געזאָלט אויסדרייען דעם קאָפּ האָסטו אַלץ זיך צונויפגעטראָפן מיט די בליקן פון יתומים. יעדער בליק האָט געזאָגט: „מיינע נאָענטע פאַרברענט, דיינע נאָענטע פאַרברענט, זיינע נאָ־ענטע פאַרברענט...“

און אַלע האָבן צוזאַמען געזאָגט קדיש.

אין דער לופט זענען פאַרלוירן געוואָרן די ווערטער; געבליבן איז

דער מאָנאָטאָנער ניגון, וואָס איז אין פאַרלויף פון יאָר־הונדערטער דורכ־געוועבט געוואָרן מיט דעם טרויער פון טויט און מיט דעם טרויער פון לעבן. דאָ און דאָרט האָט עמעצער באַגלייט דעם ניגון מיט אַן איינגע־האַלטענעם שלוכצן. טרערן פון יתומים האָבן זיך באַגעגנט אין דער לופט און זיך צוזאַמען ווי צוגעטוליעט צום ניגון און שטיל אים נאָכגע־גאַנגען ביזן סוף.

***

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב בייגעוווינט אַזאַ קאָלעקטיוון קדיש און דערפאַר האָט ער אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק.

אָבער נישט נאָר דער קדיש. ער איז בלויז געווען דער לעצטער אַקאָרד פון אַ פייערונג, וואָס איר צוועק איז געווען צו פאַראייביקן דורך אַ לעבעדיקער אינסטיטוציע דעם אָנדענק פון דער חרובער היים. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס האָט מיך געבראַכט אַלס גאַסט צו דעם דאָ־זיקן טרויער־מיטינג. פּרוזשענע פאַרדינט מען זאָל זי נישט נאָר באַוויינען און באַזינגען, נאָר אויך פאַראייביקן. ווען איך וואָלט געדאַרפט אויפן בית־עולם פון אונדזערע פאַרשניטענע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן אויסקלייבן איין שטעטל, וואָס זאָל דינען אַלס מוסטער פון דער פריידי־קער יידישער שעפערישקייט אין מזרח־איראָפּע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, וואָלט איך, דער פּוילישער, אויסגעקליבן דאָס אָרעמע ליטוויש־פּוילישע שטעטל פּרוזשענע.

***

איך פלעג גערן יעדן ווינטער אָננעמען אַן איינלאַדונג צו פאָרן אויף אַ לעקציע קיין פּרוזשענע, הגם עס איז נישט געווען אַזוי גרינג צוצוקו־מען אַהין. פּרוזשענע איז געלעגן אין אַ זייט פון די ברייטע וועגן — העט־העט הינטער בריסק. נאָך אַ נאַכט פאָרן פון וואַרשע קיין בריסק, האָט מען ערשט געדאַרפט אין אַ פינצטערן, אָפּגעלעגענעם ווינקל אויפ־

זוכן דאָס קליינע קאַלעיקעלע, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו ברענגען פאַרשוינען פון בריסק קיין פּרוזשענע.

אָבער נישט שטענדיק איז דאָס קאַלעיקעלע געווען אימשטאַנד צו דערפילן די אויפגאַבע, וואָס די ציוויליזאַציע האָט אויף אים אַרויפגע־לייגט. די כוונות זיינע זענען טאַקע געווען די בעסטע, אָבער כוחות האָבן געפעלט. זומער האָט עס זיך נאָך ווי עס איז דורכגעדראַפּעט. אַ קרעכץ מער, אַ קרעכץ ווייניקער — עס האָט זיך דערשלעפּט אין שטעטל אַריין. אָבער ווינטער זענען געווען צרות. דער שניי, דער אַכזר, האָט זיך גע־שטעלט אין וועג. דאָס קאַלעיקעלע האָט געפּרוווט גיין פאָרויס און ער, דער שניי, האָט געטריבן צוריק. האָט עס געפּרוווט איין מאָל, אַ צווייט מאָל ,אַ דריט מאָל, סאָפּענדיק מיט דעם קליינעם פאַרקאָפּטשעטן קוי־מענדל און אַז עס האָט געזען, אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, איז עס געבליבן שטיין אין מיטן וועג מיט יידישער רעזיגנאַציע:

— איז נישט...

— מסתמא אַזוי באַשערט...

און אַמאָל איז נאָך צוגעקומען אַ טרייסט, ווי עס איז די יידישע טבע אין אַן עת צרה:

— גרעסערע באַנען פון מיר בלייבן אין אַזעלכע וועטערן שטיין אין מיטן וועג...

איז מען געשטאַנען פאַרטאָגס אין מיטן פעלד, איינגעגראָבן אין הויכן שניי און געווענדט די אויגן צום הימל. נאָר פון אויבן האָט געקענט קומען די הילף. פון קאַלעיקעלע — נישט. דאָ איז נישט געווען אויף וואָס צו קוקן און מיט וועמען צו רעדן. רייד צו אַ בר־מינן.

שטענדיק ווען איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דעם פרידלעכן קאַ־לעיקעלע, האָב איך געהאַט אַ ביסל דאָס געפיל, ווי איך וואָלט זיך גע־קליבן אויף מלחמה. עס איז געווען אַ רייזע אין דער אומבאַקאַנטקייט. די צוקונפט איז אינגאַנצן געווען איינגעהילט אין נעפּל. מען האָט נאָר געקענט וויסן, ווען און ווי אַזוי מען פאָרט אַרויס, אָבער קיינמאָל נישט ווען און ווי אַזוי מען וועט אָנקומען.

אָבער אויב גאָט האָט געהאָלפן און מען איז ענדלעך אָנגעקומען קיין פּרוזשענע, האָט מען אַלע רייזע־צרות גיך פאַרגעסן. פון טיפן שניי האָט

אַ שלאָג געטון אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט, וואָס האָט אַנגעהאַלטן נאָך לאַנ־
גע וואָכן פֿאַרלאָזן פּרוזשענע. דאָס זענען פּרוזשענער יידן געשטאַנען פון
פֿאַרטאָג אויפן פֿאַרשנייטן פּלאַץ ביי דער סטאַנציע אָפּוואַרטן די „גייס־
טיקע שפּייז", וואָס דאָס קאַלעיקעלע האָט אַהער געבראַכט פון דער ברייך־
טער וועלט. און געבראַכט האָט עס גאָר אַ סך. אָט אַזוי קליין און שוואַך
ווי עס איז נישט געווען, האָט עס פונדעסטוועגן געשלעפּט אויף זיינע
שמאָלע פּלייצעס אין אַ פּרייטיק און שבת אינדערפרי גרויסע טראַנס־
פּאָרטן מיט גייסטיקער שפּייז פאַר די זעקס טויזנט יידן פון שטעטל:
צייטונגען און זשורנאַלן פון פֿאַרשידענע פּאַרטייען און ריכטונגען; ביכער
און ספרים, וואָס אַלערליי אַלטע און נייע גן־עדנס און גיהנומס זענען
געלעגן באַהאַלטן צווישן זייערע בלעטער און צו דעם — לעבעדיקע
גייסטיקע שפּייזער אין געשטאַלט פון דיכטער און מגידים, פון מאָדערנע
רעדנער און רבנישע בעל־דרשנס, וואָס יעדן איינעם פון זיי האָט אַן
אַנדער פּרוזשענער אָפּגעוואַרט מיט דרך־ארצדיקן נייגער אויף דער
סטאַנציע, וואָס האָט זיך געפונען היפּש הינטער דער שטאָט.

דער שכל און די מידקייט האָבן געהייסן אַריינפֿאָרן אין שטעטל
אַריין, אָבער דאָס האַרץ האָט געהייסן אַריינגיין צופוס צוזאַמען מיטן גאַנצן
צעוואַרעמטן עולם. אונטער די פיס האָט געסקריפּעט היימלעך דער פראָס־
טיקער שניי און אַרום האָט זיך געטראָגן דער מונטערער ניגון פון אַ
פאַרוואָרפן יידיש שטעטל, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַלע ערדישע און
הימלישע וועלטן.

— וואָס איז עס פאַר אַ געביידע אָט די פון וויטן? — האָב איך גע־
פרעגט, ווייזנדיק אויף אַ הויכער, געמויערטער געביידע, וואָס האָט
שטאָלץ אַרויסגעקוקט צווישן די קליינע, געבויגענע הייזקעס. איך האָב
גוט געוווסט וואָסער געביידע דאָס איז שוין פון זינט דעם ערשטן מאָל,
וואָס איך האָב באַזוכט פּרוזשענע. פונדעסטוועגן האָב איך יעדעס מאָל,
ווען איך בין געגאַנגען פון דער סטאַנציע אין שטאָט אַריין, זיך געמאַכט
נישט־וויסנדיק און ווידעראַמאָל געשטעלט די זעלבע פראַגע, וועלנדיק
נאָך אַמאָל זען די צעשטראַלטע פּנימער פון די באַגלייטער מיינע, ווען
זיי האָבן געגעבן דעם ענטפער:

— דאָס איז דאָך אונדזער שולע...

אָבער דאָס איז נישט בלויז געווען די ייִדישע שולע, ווו עס האָבן געלערנט אין די וואָכנטעג פון אינדערפרי ביז אינאָוונט עטלעכע הונ־דערט ייִדישע קינדער. דאָס איז אויך געווען דער צענטער פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור אין פּרוזשענע. זיבן טעג אין דער וואָך, פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָבן די ווענט פון דער דאָזיקער שטאָלצער מויער איינגעזאַפּט אין זיך דאָס קול פון תורה און דאָס גע־זאַנג וועגן אַ מאָרגנדיקער שענערער וועלט. און מער ווי אַ גאַנצע וואָך האָט דאָ געקאָכט און געררוישט אין אַ שבתדיקן טאָג. ווו איר האָט דאָרט שבת נישט געעפנט די טיר, האָט איר אָנגעטראָפן אויף קולטור. מען האָט געלערנט און געזונגען, געלייענט און געהערט. דאָרט האָט מען געגרייט טעאַטער־פאָרשטעלונגען און דאָרט האָט מען געלייענט רעפעראַטן וועגן פּרצן און וועגן איינשטיינען.

אָבער דאָס הויז איז נישט געווען דער איינציקער קולטור־צענטער אין פּרוזשענע. עפּעס האָט דאָך פּרוזשענע געהאַט זעקס טויזנט ייִדן. דער־צו זענען זיי אַלע געווען גרויסע זולל־וסובאניקעס. זיי האָבן געדאַרפט אַ סך. פּרוזשענע האָט זיך געעקנט פאַרגינען צו פאַרדייען אין איין שבת־דיקן טאָג אַ טוצן לעקציעס און רעפעראַטן און דערביי נאָך אַלץ גע־בליבן הונגעריק. אין איין אָרט האָט מען גערעדט וועגן קאַרל מאַרקס; אין צווייטן — וועגן רמב״ם; אין דריטן אָרט — וועגן ארץ ישראל; אין פערטן אָרט — וועגן סאָוועטרוסלאַנד; אין פינפטן אָרט — וועגן אינדיע, און אין אַ זעקסטן אָרט — וועגן „ניו־דיל״ אין אַמעריקע. פּרוזשענע האָט אַלץ געוואָלט וויסן. אירע אויערן זענען געווען אָנגעשפּיצט צו די קלאַנ־גען, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן פון דער וועלט, און אויך צו די אונטערערדישע און איבערערדישע גערוישן...

אָבער פּרוזשענע האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער קולטור, וואָס עס האָט צו איר געבראַכט פון דרויסן דאָס קאָלעיקעלע. פּרוזשענע האָט אויך אַליין געשאַפן קולטור. אין פּרוזשענע זענען דערשינען צוויי ייִדישע וואָכנבלעטער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דעם גרעסטן פּלאַץ פאַרן לאָקאַלן קולטור־ און געזעלשאַפטלעכן־לעבן, אָבער וואָס האָבן אויך געגומען אַ וואָרט אין אַלע ייִדישע און אַלגעמיינע פראַגן, וואָס האָבן באַשעפטיקט

די ייִדן אין פּוילן. פּרוזשענע איז דאָך געווען אַ שותּף צו דער גאַנצער וועלט...

דערווייל טאַקע האָט פּרוזשענע פון דעם שותּפות מאַטעריעל ווייניק געוואָסן. די פּרוזשענער ייִדן זענען געווען אַרבעטער, בעלי־מלאכות און קליינע קרעמער, וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט אויף אַרויסצושלעפּן דאָס שטיקל ברויט אויף אינדערוואָכן און דאָס שטיקל חלה אויף שבת. און וואָס שייך די באַקוועמלעכקייטן פון דער ציוויליזאַציע, איז אויך אויף פּרוזשענעס חלק פּאָרלויפיק אויסגעפאַלן גאָר אַ קנאַפּער פּראָצענט. איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך האָב אַמאָל אינמיטן דער נאַכט געדאַרפט פאָרן צו דער סטאַנציע, איז מיין בעל־אַכסניה געקומען צו מיר מיט דער פריי־לעכער בשורה, אַז —

— זי איז נאָך נישטאָ...

איך האָב נישט געוווסט ווער עס איז די „זי" און וואָס פאַר אַ שייכות די „זי" האָט מיט מיין אַוועקפאָרן. האָב איך אים געפרעגט:

— וועגן וואָס פאַר אַ זי רעדט איר?

— איר ווייסט נישט — האָט ער זיך געוווּנדערט — וועגן דער דראָזשקע?...

ווייזט זיך אַרויס, אַז פּרוזשענע האָט דעמאָלט פאַרמאָגט בלויז איין דראָזשקע, וואָס איז געפאָרן צו דער קאָלעיקע. איז אַזוי ווי אין יענער נאַכט איז „זי" שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן מיט פאַרשוינען צו דער סטאַנ־ציע, האָב איך געדאַרפט אויף „איר" וואַרטן.

אָבער דאָס האָט נישט געשטערט פּרוזשענע אָנצוהאַלטן די פאַר־בינדונג מיט דער גרויסער וועלט און צו זיין אַ שותּף צו אַלע אירע גייס־טיקע אוצרות און גרויסע אידעען.

און אַזוי וועט אין מיין געדעכעניש פּרוזשענע אויף שטענדיק בלייבן איינגעקריצט ווי אַ סימבאָל פון דעם שותּפות פון יענע ייִדן מיט דער וועלט:

אַ שטעטל מיט צוויי ייִדישע צייטונגען און מיט איין דראָזשקע...

איינזאַמע יידן

קיינמאָל אין דער יִדישער געשיכטע האָבן זיך נישט אַרומגעדרייט אַזויפיל איינזאַמע ייִדן, ווי אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

הונדערטער טויזנטער ייִדן אין אייראָפּע זענען נאָכן חורבן־טרעבלינקע און נאָכן חורבן סיביר איינגאַנצן געבליבן אָן פאַמיליעס. און אויב אַ מענטש מיט אַ פאַמיליע קען אויך זיין איינזאַם, איז אַ מענטש אָן אַ פאַמיליע זיכער איינזאַם. די מייסטע פון די דאָזיקע איינזאַמע ייִדן, ספּעציעל די, וואָס געפינען זיך אין די אַמעריקאַנער לענדער, זענען אין אַזאַ עלטער, וואָס מאַכט זייער שווער אָנצוהייבן בויען אַ נייע פאַמיליע. דרייט מען זיך אַרום איינער אַליין און מען טראָגט די איינזאַמקייט, ווי אַ צוגעוואַקסענע דערנער־קרוין.

מיר קומט אויס אָפט צו באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע איינזאַמע ייִדן, אין אַמעריקע, אין אייראָפּע, אין ישראל. איך דערקען זיי געוויינלעך נאָך איידער איך הער זייער געשיכטע. איך דערקען זיי לויט זייערע בליקן, לויט זייער שווייגן, לויט זייער רעדן און אַמאָל אַפילו לויט זייער געמאַכטער, איבערגעטריבענער פריילעכקייט.

— אייך איז עמעצער געבליבן? — פרעג איך שפּעטער.

און עס קומט אָן ענטפער:

— קיינער נישט...

וואָס פאַר אַ שרעקלעך וואָרט עס איז אַזאַ „קיינער".

איך דערמאָן זיך ווי דערשיטערט איך בין געוואָרן, ווען איך האָב דאָס דאָזיקע וואָרט געהערט צום ערשטן מאָל פון מויל פון אַ פרעמדן ייִדן.

דאָס איז געווען אין יאָר ניינצן־הונדערט־איין־און־פערציק, ווען איך בין געהאַט אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין אייראָפּע, אויפן וועג קיין אַמע־

ריקע. איך האָב אין דער יאַפּאַנישער שטאָט קאָבע באַגעגנט אייניקע פריינט, וואָס זענען דאָרט געהאַט אָנגעקומען פאַר מיר און מיר האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט צוזאַמען, דערציילנדיק זיך וואָס יעדער באַזונ־דער האָט איבערגעלעבט אין די ערשטע צוויי קריגס־יאָרן אויף אונדזערע וואַנדער־וועגן איבער פּוילן, ליטע און סאָוועטרוסלאַנד.

איינמאָל, גייענדיק מיט איינעם פון מיינע פריינט איבער די געדרייטע געסלעך פון קאָבע, באַמערקן מיר, ווי אַ מיטליעריקער ייִד גייט אונדז נאָך. מיר דרייען זיך אַריין אין אַ געסל אויף לינקס, ער דרייט זיך אויך אַריין אין זעלבן געסל; מיר פאַרנעמען זיך רעכטס — ער פאַרנעמט זיך אויך רעכטס; מיר שטעלן זיך אָפּ — ער בלייבט אויך שטיין. איך האָב פון אַ זייט אַ כאַפּ געטון אַ בליק אויף דעם ייִדנס פּנים, און קיין שום פאַרדעכטיקס נישט באַמערקט. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ באַלעבאַטי־שער, אַ היימישער ייִד. אָבער פאַרוואָס גייט ער אונדז נאָך? וואָס איז ער אויסן? פאַרשידענע פאַרדאַכטן זענען געקומען אין קאָפּ אַריין. איז דאָך די רוסישע שרעק אונדז נאָך געלעגן אין די ביינער. ווער ווייס צי דער ייִד איז נישט איינער פון די, וואָס האָבן פאַרן אַרויספאָרן געגעבן דער גע־פּע־אוּ אַן אונטערשריפט צו „אַרבעטן" פאַר איר אין אויסלאַנד?... מיר האָבן פונדעסטוועגן זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק און ווייטער געגאַנגען. נאָך אַ שטיקל צייט, מיר כאַפּן אַ קוק פון אַ זייט — דער ייִד איז נאָך אַלץ דאָ. דעמאָלט האָב איך שוין מער נישט געקענט זיך באַהערשן. איך האָבן זיך אויסגעדרייט צו מיין אומבאַקאַנטן באַגלייטער און אים שאַרף געפרעגט:

— פאַרוואָס גייט איר אונדז נאָך?

דער ייִד האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט בלויז מיך אָנגע־קוקט און דאָס איז געווען גענוג, אַז אַלע פאַרדאַכטן זאָלן מיך מיט איינמאָל פאַרלאָזן. דאָס איז געווען אַ בליק אַ מידער, אַ צעשראָקענער און אַ טרוי־עריקער, זייער אַ טרויעריקער.

— איך בין דאָ איינער אַליין — האָט ער נאָך אַ ווילע געזאָגט שטיל און ווי פאַרשעמט — איך האָב קיינעם נישט... גיי איך אייך נאָך... וואָס אַרט עס אייך?...

מיר איז דעמאָלט אַ פראָסט אַדורך דורכן לייב און אויך איצט, ווען

איך דערמאָן זיך בלויז אָן יענער סצענע, פּיל איך, ווי מיר ווערט קאַלט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט דער גרויסער פּיין פון מענטשלעכער איינזאַמקייט, דאָס ער־שטע, אָבער נישט דאָס לעצטע מאָל.

די געלעגנהייט זיך צו דערמאָנען אין דער דאָזיקער ערשטער באַ־געגעניש האָט מיר מיט צען יאָר שפּעטער געגעבן דער זעלבער פריינט מיינער, מיט וועלכן איך בין דעמאָלט געהאַט געגאַנגען איבער די גאַסן פון קאָבע. אים האָט דער גורל פאַרשלעפּט פון יאַפּאַן קיין כינע און שפּע־טער אים אַוועקגעטראָגן קיין ענגלאַנד, פון וואַנען ער איז נאָך דער מלחמה געקומען קיין אַמעריקע. אויך אים איז קיינער נישט געבליבן אויף דער וועלט. ער האָט אַלע און אַלץ פאַרלוירן אויף יענער זייט. אין לאָנדאָן איז ער געווען שרעקלעך איינזאַם.

— ווייסט איר — דערציילט ער מיר — אָן ווען איך האָב זיך אָפּטמאָל דערמאָנט די אַלע יאָרן אין לאָנדאָן? אָן יענעם ייִדן, וואָס איז אונדז געהאַט נאָכגעגאַנגען אין קאָבע. ערשט אין לאָנדאָן, אין דער גרעס־טער שטאָט פון דער וועלט, צווישן די איבער אַכט מיליאָן מענטשן, האָב איך אים רעכט פאַרשטאַנען. אויך איך האָב נישט איינמאָל געהאַט חשק נאָכצוגיין פרעמדע מענטשן, און זיך צוהערן צו זייערע רייד. און ווען איך בין אַוועק אין פּאַרק, האָב איך שטענדיק אויסגעמיטן זיך אַוועקצו־זעצן אויף אַ ליידיקער באַנק. איך האָב געוואָלט האָבן דאָס געפיל, אַז איך זיץ לעבן אַ מענטשן. זאָל עס זיין אַ ווילד־פרעמדער.

***

איך האָב אין ניו־יאָרק אַ באַקאַנטע, אַ יונגע ייִדישע פרוי, געהערט זי צו די מזלדיקע, וועלכע עס איז געלונגען עפּעס אָפּצוראַטעווען פון פייער. דאָס איז אַ טייערער און זיסער „עפּעס" — אַ קינד.

זי קומט פון פראַנקרייך. דאָרט האָט זי אין פאַרשידענע קבֿרים איבערגעלאָזט אירע נאָענטע, צווישן זיי אויך איר מאַן, וועלכער איז גע־ווען אַ העלד פון פראַנצויזישן אונטערגרונט. בלויז איר קינד, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אַ קלויסטער, איז איר געבליבן.

זי האָט נישט קיין גרונד זיך צו באַקלאָגן אויף אַמעריקע. זי אַר־בעט און פאַרדינט גענוג פאַר זיך און איר קינד. דאָס איינציקע נאַר, וואָס אייניקע מאָל אין וואָך איז זי באַשעפטיקט ביז שפּעט אינאָוונט, אַזוי אַז דאָס שוין באַלד צען־יעריק מיידעלע אירס בלייבט אַליין אין הויז. דאָס קינד ליידט שרעקלעך פון איינזאַמקייט. געוויינלעך פּאַסן זיך קינ־דער לייכט אַריין אין אַ נייער סביבה, אָבער מיט מאַנכע פון די איינזאַמע ייִדישע קינדער, וואָס זענען געקומען פון איראָפּע קיין אַמעריקע גייט עס צו שווערלעך. זיי זענען אַ סך עלטער ווי די אַמעריקאַנער קינדער, וועל־כע ציילן די זעלבע יאָרן, וואָס זיי. דאָס לעבן האָט זיי געמאַכט עלטער, דערפאַרענער און ערנסטער. עס טרעפט, אַז אין מיטן שפּילן ווערן זיי פלוצלונג אַנטשוויגן און די אויגן זייערע נעמען קוקן אין אַן אומבאַקאַנ־טער ריכטונג. אַמאָל ברעכן זייז גאָר אויס אין אַ געוויין און מען ווייסט נישט פאַרוואָס.

אויך דאָס מיידעלע פון מיין באַקאַנטער געהערט צו יענע קינדער. שעהן זיצט זי און קוקט אַרויס פון פענצטער, וואַרטנדיק די מוטער זאָל אָנקומען. זי האָט קיינעם נישט, אַ חוץ איר מוטער. נישט קיין ברידער, נישט קיין שוועסטער, נישט קיין פעטערס אָדער מומעס, נישט קיין קו־זינס — קיינעם נישט. דערפאַר מיידט זי מאַנכעסמאָל אויס אירע חברטעס די קינדער פון שולע: זי איז זיי מקנא.

דערציילט מיר מיין באַקאַנטע, אַז איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן זונ־טיק איז איר מיידעלע צו איר געקומען מיט אַ בקשה. דאָס קינד האָט זיך דערביי גערויטלט, אָבער דאָס האָט איר פונדעסטוועגן נישט גע־שטערט די ביטע אַרויסצוזאָגן קלאָר און שאַרף און דערביי צו קוקן דער מוטער גלייך אין די אויגן אַריין.

— איך וויל, מאַמע, דו זאָלסט... חתונה האָבן...

זי וויל דאָס פאַר זיך. זי וויל אַ חוץ דער מוטער נאָך האָבן עמעצן אויף דער וועלט...

דאָס ייִדישע קינד, וויל זיך ראַטעווען פון איינזאַמקייט...

איר צוואַנציקסטער געבוירן־טאָג

דאָס איז געווען אין אַ ליכטיקן יולי־פרימאָרגן, ווען איך בין געזעסן ביי דעם ניו־יאָרקער ים־ברעג און געבלעטערט אַ פעקל יידישע צייטונגען, וואָס זענען צו מיר אָנגעקומען פון פּאַריז.

איך האָב נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו לייענען. איך האָב בעסער געוואָלט קוקן אויפן ים, וואָס האָט, צו־להכעיס אַלע צייטונגען, געגלעט דאָס אויג און דאָס געמיט מיט אַ לויטערער, בלויער פרידלעכקייט. אָבער אַזוי בלעטערנדיק, איז מיין בליק געפאַלן אויף אַ נאָמען, וואָס האָט מיר אויסגעזען באַקאַנט — אַ נאָמען, געדרוקט אין אַ שוואַרצער טרויער־ראַם. האָב איך זיך פאַרהאַלטן און גענומען לייענען:

וועגן נישט די נאַציִשע מערדער, וואָלט מיין טייערע און קיינמאָל נישט־פאַרגעסענע

ב ע ל אַ

היינט אַלט געווען 20 יאָר.

אָנשטאָט בלומען אויף דעם צעשאָטענעם אַש — 1.000 פראַנק פאַרן „סקיף״. — **פּרץ.**

איך האָב איינמאָל איבערגעליינט די טרויער־מעלדונג, האָב זי אַ צווייט מאָל איבערגעלייענט און אַ היפּשע צייט דאַן געבליבן זיצן מיט דער צייטונג אין האַנט. איך האָב ווייטער געקוקט אויפן ים, אָבער דאָס זענען שוין געווען אַנדערע אויגן און אַן אַנדער ים. אויגן, שטאַרע, פינצטערע. און אַ ים, אַ טונקעלער, אַ גרויער, ווי באַשאָטן מיטן אַש פון פאַרברענטע יידישע קינדער.

בעלאַ... פּרץ...

איך האָב אַליין נישט געוווּסט, אַז איך פליסטער די דאָזיקע צוויי נעמען. ערשט ווען דער פרעמדער, ווייס־געקליידעטער מאַן, וואָס איז געזעסן אויף מיין באַנק, האָט פון אַ זייט צוגעוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק, האָב איך זיך געכאַפּט, וואָס איך טו.

איך האָב אַ טראַכט געטון:

אפשר דערציילן דעם פרעמדן מאַן, וואָס עס באַדייטן די צוויי נע־מען? אפשר אים איבערלייענען די טרויער־מעלדונג?

זעט — וואָלט איך אים געוויזן די צייטונג — ווי מאַנכע ייִדישע טאַטעס פייערן אין אונדזער צייט דעם געבורטס־טאָג פון זייערע קינדער? פּרץ איז דער טאַטע און בעלאַ איז זיין טאָכטער, וואָס וואָלט היינט אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. דער „גליקלעכער״, אָפּגעראַטעוועטער טאַטע ציילט ווייטער די טעג, די מאָנאַטן און די יאָרן פון זיין פאַרשניטן קינד. דעם טאָג פון פינפטן יולי, פון יאָר ניינצנהונדערט־אַכט־און־פערציק, וואָלט עס געשען — היינט וואָלט געווען איר זוניקער צוואַנציקסטער געבורטס־טאָג. פון טאַטנס מויל הערן מיר דאָס היינט — ער האָט יאָ דערלעבט איר צוואַנציקסטן געבורטס־טאָג און ער פייערט אים... אָבער ניין, איך וועל אים נישט דערציילן, דעם פרעמדן מאַן. ער זעט טאַקע אויס צו זיין אַ גאַנץ סאָלידער מענטש, אָבער ער איז צו יום־טובדיק פאַר אַזאַ שמועס. ער איז געקומען צום ים זיך אָפּרוען, געניסן פון דער נאַטור און ער ווינטשט זיך זיכער נישט, מען זאָל אים אַריינשיטן אַש אין זיין וואַקאַציע־בעכער. וואָס זאָגן אים דען די נעמען בעלאַ און פּרץ? ער ווייס, אַז מיי־ליאָנען זענען אומגעקומען, ער באַדויערט דאָס, זיכער, זייער שטאַרק. איז פאַרוואָס זאָל ער אויסטיילן צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן און פון זיי זיך לאָזן שטערן זיין אָפּרו?

איך שטיי אויף פון דער באַנק און לאָז זיך גיין, פילנדיק, אַז בעלאַ און פּרץ גייען מיר נאָך.

***

דאָס זעט מיר אויס אַזוי אומגלויבלעך: בעלאַ צוואַנציק יאָר אַלט!

מיר, די עלטערע, ווערן שטענדיק איבעראַשט, ווען אַ קינד, וואָס מיר האָבן אַ געוויסע צייט אַראָפּגעלאָזט פון אויג, גיט זיך פאַר אונדז

פלוצלונג אַ באַווייז אַלס דערוואַקסענער מענטש. ווען? ווי אַזוי? — פרעגן מיר — ערשט נעכטן האָבן מיר עס דאָך אויף די הענט געטראָגן? די איבערראַשונג איז געמישט מיט שטילן טרויער, צוליב די אייגענע יאָרן, וואָס זענען אַנטלאָפן...

דאָס מאָל איז מיין איבערראַשונג נאָך גרעסער, ווי געוויינלעך, ווייל נישט בלויז בעלאָס קינדהייט געדענק איך, ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן, נאָר אויך די יוגנט פון איר פאָטער, פון דעם, וואָס פייערט איצט איר געבורטס־טאָג.

ער איז געווען נאָך אַ יונג יינגל ווען איך האָב אים באַגעגנט. אַ דראָבנער, אַ שעמעוודיקער, אַ קינד פון דער יידישער אָרעמקייט אין לאָדזש. אויך איך בין געווען גאַנץ יונג, נישט לאַנג אַרויס פון בית־המדרש, און געמאַכט מיינע ערשטע נישט־דרייסטע זשורנאַליסטישע שריט אין דער זעלבער לאָדזשער יידישער צייטונג, אין וועלכער ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע נישט־דרייסטע שריט אַלס אַרבעטער, אַלס געהילף אין דער דרוקעריי. מיר זענען געקומען פון פאַרשידענע זייטן, אָבער מיר האָבן זיך ביידע באַגעגנט אין איין אַרבעטס־פּלאַץ און אויך אין איין אי־דעען־פּלאַץ. מיר זענען ביידע געווען בונדיסטן. אונדז האָט פאַרבונדן סיי די ווירקלעכקייט און סיי דער חלום. „פּרצל", האָב איך אים גע־רופן און ביי דעם דאָזיקן נאָמען איז ער פאַר מיר פאַרבליבן אויך שפּע־טער, ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע און אַ באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טוער, אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

איך בין פון לאָדזש אַריבערגעפאָרן אַרבעטן קיין וואַרשע אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג". אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט אויך פּרצל באַקומען אַרבעט אַלס שריפטזעצער אין דער „פאָלקסצייטונג" — דאָס האָט אונדז נאָך מער דערנענטערט. פּרצל האָט אין דער ערשטער צייט אין וואַרשע געבענקט נאָך לאָדזש. וואַרשע איז געווען אַ קאַלטע שטאָט אין פאַרגלייך מיט לאָדזש. אין לאָדזש איז געווען וואַרעם, משפחהדיק. אַ חוץ וואַרעמע בונדישע פּאַרטיי־לאָקאַלן האָט לאָדזש געהאַט וואַרעמע בונדישע היימען, אין וועלכע פּרצל האָט זיך געפילט ווי אַן אייגענער. לאָדזש איז געווען אַ ברייט און דאַנקבאַר פעלד פאַר אַזאַ דורשטיקן און

ענטוזיאַסטישן יוגנטלעכן, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געווען זיין שול, זיין קלוב און זיין היים. וואַרשע איז אָבער געווען צו גרויס פאַר אַזאַ סאָציאַליסטיש משפּחה־לעבן. וואַרשע האָט פאַרמאָגט גענוג אייגענע טיכטיקע און פעיִקע יוגנט־טוער, זי זאָל זיך געבן די מי צו גיין זוכן פּרצלען און אים אַרויסציִען פון דעם שטילן ווינקל, אין וועלכן ער האָט זיך אין זיין באַשיידנקייט פאַררוקט...

האָט פּרצל זיך פאַר מיר פאַרטרויט פון זיין בענקשאַפט צו לאָדזש. איך בין פאַר אים געווען דער לאָדזשער אינדזל, ווו ער האָט זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז אויך אין וואַרשע וועט ער זיך מיט דער צייט פילן היימיש. און אַזוי איז עס געווען. פּרצל האָט גאַנץ גיך געפונען שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג אין וואַרשע. און אָט האָט שוין פּרצל אַן אייגענע היים, אַ באַשיידענע, אָבער אַ ציכטיקע מיט אַ ביכער־שענקל און מיט אַ בלימל. און אָט איז שוין פּרצל אַ טאַטע!

איך דערמאָן זיך דעם געפיל, וואָס האָט מיך באַהערשט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען פּרצלען מיט זיין טעכטערל — מיט בעלאַן. אַזוי פילט זיך זיכער אַן עלטערער ברודער, ווען ער דערזעט זיין יינגסטן ברידערל אַלס טאַטע. איך האָב זיך, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, עפּעס געפילט באַזונדערס שטאָלץ, ווען איך האָב געקוקט אויפן צעשטראַלטן פּנים פון דעם דראָבנעם, יונגן טאַטן און אויף דעם ראָזעווען, פולן פּנימל פון קינד, אויף וועלכן עס האָט זיך געזען אַ צייכן פון פּרצלס חן־גרי־בעלעך.

בעלאַ האָט שוין אָנגעהויבן גיין. אַ דראָבנינקע, אַ רונדיקע, ווי אַ טרענדערל, דאָס קליינע הענטל האַלט זיך פעסט אָן אין טאַטנס האַנט — אָט אַזוי זע איך זי, ווי זי קומט מיר אַנטקעגן אויף דער שמאָלער נאָוואָ־ליפּיע גאַס און די פינקלדיקע אויגן און די חן־גריבעלעך לאַכן צו מיר.

ס'האָט נישט געטראָפן קיין איין מאָל, איך זאָל אין גאַס טרעפן בע־לאַן און זיך מיט איר נישט אָפּשטעלן. איך האָב זיך געמעגט ווי שטאַרק איילן — בעלאַ האָט נישט געלאָזט ווייטער גיין. מיין האַנט האָט זיך ווי פון זיך אַליין אויסגעצויגן, אַ גלעט צו געבן בעלאַן איבערן קעפּל, איבער אירע צערויטלטע, פולע בעקלעך.

ב. שעפנער

בעלאַס אויגן, בעלאַס רויק פּנימל, בעלאַס טאַנצנדיקער גאַנג האָבן ווי געזאָגט:

ס'אי גוט...

בעלאַ פלעגט מיך שטענדיק דערמאָנען אין מיין ייִנגערער שוועס־טערס ייִנגעלע און אויך איצט, ווען איך זע בעלאַן דאָ, דורכן נעפּל פון יאָרן, זע איך אויך דאָס ייִנגעלע פון מיין שוועסטער. ביידע האָבן פאַר־מאָגט די זעלבע פינקלדיקע, לאַכנדיקע אויגן.

אויך ער פלעגט זייער זעלטן וויינען, אין ערגסטן פאַל פלעגט ער רעדן וועגן וויינען.

איך דערמאָן זיך מיינעם אַ שמועס מיט אים, ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין דריי יאָר אַלט. האָט ער מיך דעמאָלט געבעטן, איך זאָל אים געבן אָנצוטון מיינע ברילן. האָב איך אָבער געוווסט, מיט וואָס אַזאַ אָנטון וועט זיך ענדיקן און אים אָפּגעזאָגט.

איז ער צו מיר צוגעשטאַנען:

— אויב דו וועסט מיר נישט געבן, האָט ער מיך געדראָט, וועל איך אָנהייבן וויינען.

— ווען וועסטו אָנהייבן וויינען? — האָב איך אים געפרעגט.

— שפּעטער — האָט ער מיר געענטפערט.

— פאַרוואָס ערשט שפּעטער, פאַרוואָס ווייַנסטו נישט באַלד? — בין איך געווען נייַגעריק.

ער האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דאַן זיך אָפּגערופן:

— ווייל כ'האָב נישט ליב צו וויינען... — און די אייגעלעך האָבן געלאַכט.

און די זעלבע לאַכנדיקע אייגעלעך האָב איך דערזען ביי בעלאַן אויך שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען אַ „גרויסע" און אָנגעהויבן גיין אין שולע. בעלאַ גייט שוין מיט ביכער, בעלאַ איז שוין אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע 'סקיף", בעלאַ טראָגט שוין אַ בלויע בלוזע מיט אַ גרויסן קראַוואַט — בעלאַ איז זייער פאַרנומען. בעלאַ נעמט אָנטייל אין אַ יום־טוב פון דער ייִדישער שולע, בעלאַ לויפט מיט דעם טאַטן אויף אַ סאָציאַליסטישן קינדער־יום־טוב — בעלאַ גייט דאָך שאַפן אַ נייע, שענערע וועלט!

איך גלויב איר, בעלאַן. עס איז גענוג אָנצוקוקן בעלאַס צעשטראַלטן פּנים, און זיך צו באַגעגענען מיט אירע אויגן, כדי אַפילו ווייניקער גלויביקע פון מיר זאָלן אָנהייבן גלויבן.

צווישן הונדערטער קינדער־קעפּלעך זע איך אַרויס איר קעפּל און צווישן הונדערטער קינדער־שטימעלעך הער איך אַרויס בעלאַס שטימעלע:

דעם מאַרגנרויט אַנטקעגן, ווי נאָר די זון דערשיינט —

פּרצל איז אויך דאָ. ער זינגט אין דער שטיל מיט מיט זיין טאַכטער. זיי האָבן דאָך ביידע איין ליד.

איך דריי אויס דעם קאָפּ צו דעם גליקלעכן טאַטן:

— האָסט נחת, פּרצל?

ער שמייכלט, אויך איך שמייכל און, דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט שמייכלט...

***

אָבער די וועלט האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. אין סעפּטעמבער 1939 האָט זי אויפגעהערט.

צוזאַמען מיט די הונדערטער טויזנטער יידן פון פּוילן, איז אויך פּרץ דעמאָלט געלאָפן פון היטלערן. בעלאַ איז מיט דער מאַמען געבליבן אין וואַרשע. „באַלד וועט מען דאָך ווידער זיין צוזאַמען!!! באַלד ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן... איך בין מיט אים, מיט פּרצלען, געווען צוזאַמען אין ווילנער גלות. שפּעטער איז אים אַ „גליק" געשען — די סאָוועטן האָבן אים, דעם געוועזענעם יידישן סאָציאַליסט, אַרעסטירט און אים פאַרשיקט אין די סיבירער וויסטענישן. שפּעטער איז פּרץ אַריין אין דער פּוילישער אַרמיי און אַלס זעלנער אַרויס פון רוסלאַנד און געוואָגלט אײַבער דער וועלט ביז ער האָט זיך צוגעשלאָגן קיין פּאַריז, ווו ער האָט זיך ווידער איינגעשפּאַנט אין סאָציאַליסטישן וואָגן. ער חלומט ווייטער וועגן אַ שענערער וועלט...

און בעלאַ?

איך האָב וועגן איר די גאַנצע צייט גאָרנישט געהערט, פּונקט ווי איך האָב נישט געהערט וועגן די קינדער פון מיינע שוועסטערס...

דער ערשטער גרוס, וואָס איך האָב וועגן איר באַקומען זייט דעם

ב. שעפנער

טאָג, ווען איך האָב זי צום לעצטן מאָל געזען אויף דער קינדער־פּייערונג אין וואַרשע, איז די טרויער־מעלדונג פון איר טאַטן אין דער פּאַריזער צייטונג:

„ווען נישט די נאַצישע מערדער וואָלט מיין טייערע און קיינמאָל נישט־פאַרגעסענע בעלאַ היינט אַלט געוואָרן 20 יאָר...״

בעלאַ — שוין אַ דערוואַקסענער מענטש?

פּרצל — דער טאַטע פון אַ צוואַנציק־יעריקער טאָכטער?

אָבער ניין — דאָס איז בלויז אַ חלום, וואָס איז נישט מקוים געוואָרן.

אַ חלום, וואָס לעבט אין צעבראָכענעם האַרצן פון אַ לעבנגעבליבע־נעם טאַטן און אַ חלום, וואָס וואָלט געלעבט אין האַרצן פון מיליאָנען ייִדישע טאַטעס, ווען זיי וואָלטן נישט געטיילט דעם גורל פון זייערע קינדער.

דאָס האָט אַזוי אַ ייִדישער טאַטע געפייערט אין יאָר ניינצן־הונדערט־אַכט־און־פערציק דעם צוואַנציקסטן געבוירן־טאָג פון זיין קינד...

באַגעגענישן מיט פריינט פון אַמאָל

יעדעס מאָל, ווען מיר קומט אויס צו גיין באַגעגענען אַ פריינט, וועלכן איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזען, באַהערשט מיך אַ געפיל פון פרייד צוזאַמען מיט אַ געפיל פון שרעק. עס איז די פרייד פון טרעפן אַ נאָענטן מענטשן, און די שרעק, צי דער נאָענטער איז נאָך נאָענט.

די ציין פון דער צייט זענען שאַרף און אומבאַרמהאַרציק. זיי קענען אַלץ איינבייסן און צעמאָלן. פּנימער, אידעאַלן, פריינטשאַפט. טעאָרעטיש, אַזוי צו זאָגן, ווייסן מיר דאָס אויך אַ גאַנץ יאָר, אָבער מיר גיבן זיך וועגן דעם ערשט דעמאָלט אָפּ אַ פולע רעכענונג, ווען מיר דערזעען ווידער אַ היימיש פּנים, וואָס מיר האָבן מיט יאָרן צוריק פאַרלוירן פון אויג.

„אַך, ווי ער האָט זיך געענדערט" — שעפּטשען מיר אָפטמאָל צו זיך, יענער זאָל נישט דערהערן און אין דערזעלבער צייט שעפּטשעט די זעלבע ווערטער אויך יענער פונקט אַזוי שטיל, כדי מיר זאָלן נישט דערהערן...

***

אין ניו־יאָרק קומט מיר אויס נישט זעלטן איבערצולעבן די דאָזיקע געמישטע געפילן. די פאַרשידענע יידישע אַסיפות, וואָס ווערן דאָרט אָפּגעהאַלטן, ברענגען אין דער דאָזיקער גרעסטער יידישער שטאָט, גע־זעלשאַפטלעכע יידן פון אַלע עקן וועלט. צווישן זיי טרעף איך פריינט און קאָלעגן, וועלכע איך האָב נישט געזען זינט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַפילו ביי אַנדערע פעלקער רעכנט זיך אַ מלחמה־יאָר אַ סך

מער ווי אַ נאָרמאַל יאָר. איז פאַר וויפל יאָרן דאַרף זיך אַזאַ יאָר רעכענען ביי אונדז?...

אָט איז אַ פריינט, מיט וועלכן איך האָב זיך מיט צוועלף יאָר צוריק געזעגנט אין אַרגענטינע. איך זע אים איצט אַזוי, ווי איך האָב אים געזען אַראָפּקוקנדיק פון דער דעק פון מיין שיף פאַרן פאַרלאָזן בוענאָס איירעס. יעדע שיידונג האָט אין זיך עטוואָס פון טויט. דו פילסט, אַז עפּעס שטאַרבט אָפּ און דאָס דאָזיקע געפיל האָב איך שאַרף איבערגעלעבט אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב אַראָפּגעקוקט אויף די היימישע פּנימער פון די אַלטע און נייע פריינט פון בוענאָס איירעס, וועלכע איך האָב געדאַרפט פאַרלאָזן, וואַרשיינלעך אויף אייביק.

— בלייבט דאָ, — האָט זיך אַ פריינט געבעטן — דאָרט גרייט זיך דאָך אַ נייע וועלט־מלחמה.

— אויב אַזוי, — האָב איך געענטפערט — דאַרף איך דאָך ערשט זיך איילן אַהיימצופאָרן. אין אַזאַ צייט דאַרף מען דאָך זיין צוזאַמען מיט אייגענע.

איך הער איצט דעם שמועס אַזוי קלאָר ווי ער וואָלט ערשט פאָרגעקומען נעכטן, און דאָך זעט עס מיר אויס, ווי ער וואָלט געפירט געוואָרן אין אַן אַנדערער, פאַרגאַנגענער וועלט. מיר האָבן ביידע גערעדט וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער מיר האָבן ביידע די מינדעסטע פאָרשטעלונג נישט געהאַט וואָס די ווערטער באַדייטן.

*****

און אָט איז אַ פריינט, מיט וועלכן איך האָב זיך געזעגנט אין די ערשטע קריגס־חדשים אויף אַ שטילער גאַס פון קאָוונע. ער איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו קריגן אַ וויזע פון אַ פרידלעך לאַנד אויף יענער זייט ים, דאָס האָט געהייסן דעמאָלט אַ סך מער ווי געווינען דאָס גרויסע געווינס. עס האָט געהייסן געווונען דאָס לעבן. דאָס ווייטע, פרידלעכע לאַנד, וווהין ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן, איז געווען פאַר אונדז אַלע, אַן־וויזעניקעס, אַזוי נישט רעאַל, אַזוי פאַנטאַסטיש, ווי אַ צעבליטער פּאַלמען־בוים אין אַ סיבירער דאָרף. רעאַל

איז געווען קריג, רעאַל איז געווען היטלער, רעאַל איז געווען הימלאָ־זיקייט, רעאַל איז געווען סטאַלין, רעאַל איז געווען שרעק.

איך פיל נאָך איצט אין מויל דעם שאַרפן, געזאַלצענעם טעם פון זיינער אַ טרער, וועלכע האָט, ווען מיר האָבן זיך צעקושט ביים געזעגע־נען, זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין אויג און זיך פאַרטשעפּעט אין מיינע ליפּן. דאָס זענען געווען טרערן פון פריינטשאַפט און טרערן פון פאַר־שעמטקייט. ער האָט זיך געשעמט מיט דעם גליק, וואָס אים האָט גע־טראָפן — דאָס גליק אַרויסצוקומען, אין דער צייט וואָס אַזויפיל אייגענע בלייבן אינעווייניק, אין קריגס־קעסל. און טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב דעמאָלט געהערט צו די איבערגעבליבענע און ער צו די גליקלעכע, האָב איך איבער זיך געמאַכט אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג, אַז מיינע טרערן זאָלן ווייטער ווי פון מיין האַלדז נישט גיין... איך האָב אַפילו זיך באַמיט צו שמייכלען און אים צו טרייסטן, אַז מיר וועלן זיך זיכער אינ־גיכן זען, באַלד ווי דער קריג וועט זיך ענדיקן, און מיר ביידע וועלן צוריק אַהיימקומען. ווי ער האָט זיך עס דעמאָלט אָן דעם טרייסט אָנגע־כאַפּט, הגם נישט ער און נישט איך האָבן אין איר געגלויבט. אויף אונ־דזערע ביידנס ליפּן איז דעמאָלט געלעגן אַ וואָרט, וואָס יעדער פון אונדז האָט זיך געהיט אַרויסצוזאָגן — דאָס וואָרט „אייביק". מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר געזעגענען זיך אויף אייביק.

***

נאָך אַ היימיש פּנים שטייט איצט פאַר מיר נאָך אַן איבעררייס פון יאָרן. ווען האָב איך דאָס פּנים געזען צום לעצטן מאָל? — יאָ, איך דער־מאַן זיך. דאָס איז געווען אין וואַרשע בלויז געציילטע וואָכן פאַרן אויס־ברוך פון דער מלחמה. די וואַרשעווער בירגער זענען אַרויס גראָבן שוץ־גריבער אויפן פאַל פון אַ קריג, און מיר ביידע האָבן זיך געפונען אין דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן פון די וואַרשעווער יידישע שרייבער.

— מיר גראָבן אַ קבר פאַר היטלערן — האָט ער מונטער אויסגע־רופן, ווייזנדיק מיר אויף דעם היפּשן הויפן ערד, וואָס ער האָט אויס־געגראָבן.

ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. פאַר דער גאַנצער וועלט איז דער קריג שוין דעמאָלט געווען אַ זיכערע, נאָענטע זאַך, אָבער גראָד פאַר אונדז אין פוילן איז ער געווען נאָך גאַנץ ווייט. דער פוילישער פריץ האָט געקלונגען מיט זיין בלעכערנער שווערד, און פוילישע ייִדן האָבן געמיינט, ווער ווייס וואָסער גבורה ער האָט. אויף שווערדן זענען ייִדן קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסע מבינים. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער איינגעבוירענער ייִדישער בטחון. און מיט דעם דאָזיקן גלויבן האָט מען מונטער געגראָבן די אָפענע גריבער, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן פאַרן גרעסטן אומגליק, ווייל אַנשטאָט צו זיין אַ שוץ פאַר די איינוווינער, זענען זיי געווען אַ גוטער ציל־פּונקט פאַר די דייטשע פלי̇ער.

פליגצע ביי פליגצע זענען מיר געשטאַנען און געגראָבן, אונטערזינ־גענדיק אַן אַלטן, ייִדישן ניגון. יענעם טאָג זענען מיר זיך פונאַנדערגע־גאַנגען און איצט זעען מיר זיך ווידער און איך הער אַ מיט טרערן־דורכגעווייקטן „אַך", וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיין האַלדז. צווישן יענעם אַלטן ייִדישן ניגון און דעם איצטיקן „אַך" ליגן קריג און תפיסות, פאַר־צווייפלונג און שקלאַפן־לאַגערן, אייגענע באַפרייאונג און אַן אייגענע פאַרברענטע פאַמיליע...

און אַזוי גייען מיר פאַרביי פאַר די אויגן היימישע פּנימער פון פּאַריז און פון ריאָ דע זשאַנעיראָ, פון בריסל און פון תל אביב, פון זשענעווע און פון יאָהאַנעסבורג.

איך זוך דאָס נאָענטסטע, דאָס אַמאָליקע אויף די דאָזיקע פּנימער און איך זוך דאָרט אויך דאָס ווייטע, דאָס פרעמדע, וואָס די צייט האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

און איך געפין ביידע.

***

איך בין איבעראַשט, ווי ווייניק מאָל איך האָב צו זיך געדאַרפט שעפּטשען די ווערטער: „אַך, ווי ער האָט זיך געענדערט"... אַזאַ שרעק־לעכע צייט אַדורך, און דאָך זעט מען זי כמעט נישט אַן אויף די פּנימער. דאָ און דאָרט האָט די צייט אַרויפגעוואָרפן אַ ביסל גרויע האָר אויף אַ קאָפּ, אָדער אויסגעקריצט אַ פּאָר קנייטשן אויף אַ פּנים, אָבער אין אַל־

געמיין גענומען האָבן זיך די מענטשן נישט שטאַרק געענדערט. מיט אַלע זײַנע שוואַכקייטן און שלאַפּקייטן איז דער מענטש נאָך אַלץ דער שטאַרק־סטער פון אַלע באַשעפענישן. עטלעכע שטראַלן פרייד און דער נאַר וואָס צונויפגעקאָרטשעטער, רעזיגנירטער מענטש שטייט שוין ווידער אויף די פיס, ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען, גרייט אָנצוהייבן פון דאָס ניי. אַפילו די פנימער פון די פריינט, וועלכע קומען פון די מלחמה־לענדער און וואָס האָבן דעם קריג דורכגעמאַכט טיילוויז אין תפיסות און טיילוויז אַלס „פרייע" היימלאָזע, האָבן אויף זיך נישט קיין טיפע סמנים פון דעם, וואָס זיי האָבן אַדורכגעלעבט. אָבער דאָס מיינט נאָך נישט, אַז די סמנים זענען נישטאָ. זיי זענען דאָ — הינטער די קליידער, פאַרשטעלט פאַר די בליקן פון די דורכגייער. זיי זענען דאָ אויפן לייב, זיי זענען דאָ אין האַרצן, און מער פון אַלץ זענען זיי דאָ אויף דער נשמה.

ביסלעכוויז אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר די דאָזיקע סמנים און איך בלייב שטיין פאַר זיי אָן ווערטער, ווי מען בלייבט שטיין פאַר אַן אייג־זאַמער מצבה אין מיטן וועג. וואָס קען איך זאָגן אַ פריינט, וואָס האָט פאַרלוירן זיין איינציק קינד, אָדער וואָס האָט פאַרלוירן זיין גלויבן אין מענטשן?...

די מייניסטע פון זיי האָבן דעם גלויבן נישט פאַרלוירן און דאָס איז פאַר מיר געווען דאָס פריידיקסטע פון דער ווידערבאַגעגעניש. דאָס פייער האָט צוגענומען ביי זיי די היים, די נאָענטע, דעם שלאָף, אָבער דעם גלויבן — נישט. אים, דעם גלויבן, האָבן זיי אָפּגעראַטעוועט, פונקט ווי פרומע ייִדן ראַטעווען אַרויס אַ ספר־תורה פון אַ ברענענדיקער שול. אָבער געציילטע האָבן אים יאָ פאַרלוירן און דאָס טרויעריקסטע — פאַר־לוירן האָבן זיי אים נישט ביי היטלערן, נאָר ביי סטאַלינען.

***

איינער פון די דאָזיקע געציילטע זיצט לעבן מיר און עפנט פאַר מיר זיין האַרץ.

איך קוק זיך גוט איין אין זיין פנים. עס זעט אינגאַנצן אויס אַזוי, ווי איך האָב עס איבערגעלאָזט פאַרן אויסברוך פון קריג. אַפילו די צייכנס, וואָס עס דאַרפן איבערלאָזן אויף אַ מענטשלעך פנים געוויינלע־

כע, נאָרמאַלע ניין יאָר, איז מיר דאָרט שווער צו געפינען. עס זעט אויס, ווי די צייט וואָלט נישט אַריבערגעגאַנגען איבער אים, נאָר בלויז פאַר־בייגעפלויגן פאַרביי אים. אָבער גראָד ער האָט פון דער צייט באַקומען דעם שווערסטן קלאַפּ — זי האָט ביי אים צוגענומען זיין גלויבן.

ער זאָגט מיר נישט, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין גלויבן אין מענטשן. גייך, אין איינצלנעם מענטשן גלויבט ער. ער גלויבט אָבער מער נישט אין מענטשלעכן קאָלעקטיוו, אין מענטשן אַלס גרופּע. ער גלויבט נישט, אַז ווען מענטשן נעמען זיך צונויף, כדי צוזאַמען צו טון גוטס, קען פון דעם אַרויסקומען עפּעס גוטס. פאַרקערט, ער איז איבערצייגט, אַז דאָס מוז זיך שלעכט ענדיקן...

ער האָט דווקא פאַרן קריג געהערט צו די ענטוזיאַסטן פון געזעל־שאַפטלעכקייט. רוסלאַנד האָט זיין ענטוזיאַזם אײנגאַנצן אויסגעלאָשן. גע־זעלשאַפטלעכקייט? קאָלעקטיוו? אָרגאַניזאַציע? — ער פאַרקרימט זיך אַזש, ווען ער רעדט וועגן דעם.

— איך האָב מורא — זאָגט ער — פאַרן קאָלעקטיוו. אַז איין מענטש זינגט, איז גוט, אָבער אַז איך זע, ווי צען מענטשן נעמען זינגען צוזאַמען, אַנטלויף איך... איך האָב שוין געזען, וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען...

קען נאָך זיין אַ מער אומשולדיקע זאַך, ווי פיש כאַפּן? — פונדעסט־וועגן האָט ער אַפילו אויף דעם געביט נישט קיין צוטרוי צום קאָלעקטיוו. ווען ער זעט אַ פּאָר מענטשן זיצן צוזאַמען ביים טייך און כאַפּן פיש — רוקט ער זיך אָפּ. אַזוי אָפּגעשראָקן האָט אים די סאָוועטישע געזעל־שאַפטלעכקייט און די סאָוועטישע קאָלעקטיוויזאַציע. פיש כאַפּן? — יאָ. אָבער איין מענטש אַליין, יעדער באַזונדער, אָן שותפים...

זינגען אַליין... כאַפּן פיש אַליין... לעבן אַליין...

איך בין געזעסן שווייגנדיק און געהערט. איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז די לעצטע מענטשלעכע האָפענונג ליגט אין „צוזאַמען" — אַר־בעטן צוזאַמען, לעבן צוזאַמען און טאַקע זינגען צוזאַמען. אָבער איך האָב עס נישט געזאָגט. איך האָב געפילט, אַז סיי־ווי וועלן מיינע ווערטער אויף אים נישטווירקן. צווישן אונדזביידע איז געלעגן פיל מער ווי אַ טוצן שטורמישע, בלוטיקע יאָרן. צווישן אונדז ביידע איז געלעגן — שרעק.

דער ערשטער מאַי אין וואַרשע

דער ערשטער מאַי איז אייגנטלעך נישט קיין דאַטע אויף צו קוקן צוריק, נאָר אויף צו קוקן פאָרויס.

דערין באַשטייט דאָך די אייגנאַרטיקייט און שיינקייט פון דעם דאָזיקן יום־טוב: ער איז נישט, ווי אַנדערע יום־טובים, געווענדט צום נעכטן, נאָר צום מאָרגן. ער פייערט נישט דאָס, וואָס איז געווען, נאָר דאָס וואָס דאַרף קומען. נישט אומזיסט האָט דער יום־טוב זיך אויף איי־ביק באַהאַפטן מיטן פרילינג: ביידע שמייכלען צו דער פרוכט, וואָס דאַרף ערשט אויפגיין.

אָבער זינט איך בין אַוועק פון פוילן, פיל איך יעדעס יאָר, ווען עס קומט דער ערשטער מאַי, אַ באַדערפעניש צו קוקן צוריק — צו די ייִדישע מאַי־פייערונגען אין דער נעכטיקער וואַרשע.

אַט פאַרמאַך איך די אויגן און לאָז פאַרבייגיין פאַר זיך בילדער פון אַזעלכע ערשטע מאַיען, און וואָס נעענטער זיי קומען צו צו מיר, אַלץ מער הייב איך אָן טראַכטן, אַז די פוילישע אַנטיסעמיטן זענען נישט געווען אינגאַנצן אומגערעכט, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז דער ערשטער מאַי איז אַ „זשידאָווסקי" יום־טוב.

אין פלוג האָט אַזאַ באַשולדיקונג געקלונגען ווילד און סאָלידע ייִדן שתדלנים, האָבן נישט געדאַרפט זיך צו שטאַרק אָנשטרענגען, כדי צו גע־פינען באַווייזן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ בלבול.

אַ ייִדישער יום־טוב? וואָס פאַלט אייך איין, פריץ ליכטיקער — האָבן זיי געטענהט — עס שטימט דאָך נישט. דער יום־טוב קומט דאָך פון אַמעריקאַנער גויִים און פון זיי האָבן אים איבערגענומען די דייטשן, די

פראַנצויזן, די רוסן, די טשעכן, די האָלענדער, און אַלע איבעריקע אַר־בעטער פון דער וועלט.

גיט אַ קוק, וואָס עס טוט זיך עס אָפּ אַ ביסל אין די גוייִשע גרויסע שטעט צום ערשטן מאַי. גיט אַ צייל איבער, ווי גרויס עס זענען די מחנות מאַי־פייערער אין אַזעלכע לענדער, ווו מען זעט קיין ייִדן נישט אָן פאַר די אויגן. און אַפילו דאָ, ביי אונדז אין פוילן. גייט אַרויס דעם ערשטן מאַי, אין די ריין־פוילישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן און איר וועט זען מער אויסגעפּוצטע אַרבעטער, ווי אום זונטיק. גרויסע פאַבריקן, ווו קיין ייִד האָט נאָך קיין פוס נישט אַריינגעשטעלט, אַרבעטן נישט. טראַמווייען פאָרן נישט, און ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי איר, פאַניע ראָבראָדזשעיו, אַז דאָרט לאָזט מען קיין ייִדן נישט צו? איז ווי קען מען אונדז, ייִדן, אונ־טערוואַרפן דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן ממזר? אמת, אויך ייִדישע אַרבעטער פייערן דעם ערשטן מאַי. מיר לייקענען עס נישט. די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען הייסן און די אַרבעטער מוזן, נעבעך, האָרכן. אָבער די ייִדן מאַכן אויס אין פוילן בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פון די מאַי־פייערער. אָט וועלן מיר אייך טאַקע באַלד אויפן אָרט אויסרעכענען גענוי, וויפל פּראָצענט ייִדן מאַכן אויס.

און דאָ איז געקומען אַ גענויער חשבון, מיט ציפערן, מיט פּראָ־צענטן, מיט ברוך־טיילן און מיט אַן אונטערשטער שורה, וועלכע איז מיט גרויס פריינטלעכקייט אונטערגעטראָגן געוואָרן דעם פוילישן אַנטיסעמיט:

— זעט, פּריץ־לעבן, די ציפערן!...

האָט ער, דער פוילישער פּריץ, געוואָרפן אַ נאָכלעסיקן בליק אויף די ציפערן און זיינע האַלב־פאַרמרוזשעטע גרויע אייגעלעך האָבן מיט פאַראַכטונג אַ שמייכל געטון און זיינע וואָנצעס זענען, דאַכט זיך, נאָך שטייפער געוואָרן:

— מיר קענען שוין אייערע זשידאָווסקי ציפערן...

ער האָט זיי נישט געגלויבט די ציפערן. און ווען אַפילו עס האָט זיך שוין געפונען אַן אַנטיסעמיט, וואָס האָט יאָ געגלויבט די ייִדישע צי־פערן, האָט ער אַלץ זיין באַשולדיקונג נישט צוריקגעצויגן.

— אייערע ציפערן — האָט ער קלוגעטשקע געוווּנקען — קענען זיך טאַקע זיין ריכטיקע, אָבער זיי זאָגן גאָרנישט. מיר ווייסן, ווי גרויס אייער

כוח איז. אַ פּאָר ייִדעלעך קענען טויזנטער גויִים פּאַרדרייען די קעפּ...

זענען טאַקע פּאַרמעל די טענות פון די אַנטיסעמיטן געווען פאַלשע. די ציפערן, וועלכע עס האָבן געבראַכט די ייִדישע מליץ־יושרס, זענען בפירוש געווען סאָלידע און געשטימט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. און וואָס שייך, ווידער, דעם ייִדישן כוח, איז ער שטענדיק טויזנט מאָל שטאַרקער אין דער פאַנטאַזיע פון די אַנטיסעמיטן, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט.

דאָס אומגליק איז דאָך טאַקע, וואָס זינט טויזנטער יאָרן פּרווון ייִדי־שע פאַנטאַזיאָרן „פאַרדרייען" גויִים די קעפּ, אָבער די מייִנסטע לאָזן זיך נישט...

פונדעסטוועגן איז אין דער „באַשולדיקונג", אַז דער ערשטער מאַי איז אַ ייִדישער יום־טוב, יאָ געלעגן אַ שטיק אמת. די ייִדן אין פּוילן זע־נען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב געווען נעענטערע מחות־נים, ווי די פּאָליאַקן. די ציפערן האָבן טאַקע זיך געמעגט זאָגן, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אָבער די ייִדישע גאַסן און געסלעך פון פּוילן האָבן געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש. בכלל האָבן ייִדישע גאַסן קיינמאָל נישט גע־מאַכט קיין אָפּגאָט פון ציפערן. דער „וויפל" האָט דאָרט שטענדיק גע־שפּילט אַ קלענערע ראָלע ווי דער „וואָס" און דער „ווי אַזוי"...

***

אין פאַרלויף פון פיל יאָרן פלעג איך דעם ערשטן מאַי, פון גאַנץ פרי, אַרומשפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאַסן, אָנהייבנדיק מיין מאַרש־רוט פון די פּוילישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין וואָליע און ענדיקנדיק אים אויף די ייִדישע נאַלעווקעס. אויך אויף די פּוילישע אַרבעטער־גאַסן האָט זיך אָנגעזען דער יום־טוב. ער איז געלעגן אויף די פּנימער פון אויסגערוטע, אַרומגעוואַשענע אַרבעטער; ער איז געלעגן אויף זייערע זונטיק־קליידער און ער האָט אַרויסגעקוקט פון די רויטע בלימלעך און שלייפלעך, וואָס פיל דערוואַקסענע און קינדער האָבן געטראָגן צוגעשפּי־ליעט צו זייערע קליידער, אָדער אַריינגעפלאָכטן אין די האָר. עס איז געווען גוט צו גיין אין אַזאַ מאַי־פרימאָרגן איבער די פּוילישע אַרבעטער־גאַסן. די פּוילישע רויטע שלייפלעך האָבן זיך פריינטלעך איבערגעווונקען

מיטן רויטן שלייפל אין מיין אייגענעם רעקל און עס איז גרינגער געוואָרן צו גלויבן אין דעם, אין וואָס עס האָט זיך געוואָלט גלויבן...

אָבער עס איז גענוג געווען צו קומען פון דאָרט אין די ייִדישע אַר־בעטער־גאַסן, כדי צו זען ווי גרויס עס קען זיין דער אונטערשיד פון יום־טוב ביז — יום־טוב. דאָרט זענען מענטשן געגאַנגען צו אַ קרוב אויף אַ חתונה, און דאָ האָבן טאַטע־מאַמע געפירט דאָס אייגענע לעצטע קינד צו דער חופה...

די שענסטע קליידער און די שענסטע האָפענונגען, וואָס ייִדישע אַר־בעטס־מענטשן האָבן פאַרמאָגט, זענען אין דעם טאָג אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אין גאַס אַריין. גרויע, אָפּגעשוונדענע מויערן האָבן מיטאַמאָל גע־נומען שמייכלען, ווי אויף זיי וואָלט פלוצלונג געפאַלן אַ פאַנטאַסטיש ליכט. און עס איז נישט געווען שווער צו זען פון וואַנען דאָס דאָזיקע ליכט קומט — פון די טויזנטער ייִדישע אויגן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אין דעם מאַי־פרימאָרגן אָנגעצונדן.

האָט מען ערשט געדאַרפט די דאָזיקע זינגענדיקע מחנות ייִדן פרעגן, צי זיי גלויבן אין פרייהייט, אין ברידערלעכקייט, אין גלייכהייט?

אויף די גויִישע מחנות, וואָס האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג אונטער די רויטע פאָנען, האָט מען די פראַגן נישט געדאַרפט שטעלן. זענען זיי דאָך דאָ ביידע אַהער געקומען, כדי צו דעמאָנסטרירן זייער גלויבן אין די דאָזיקע גרויסע אמתן.

דאָך איז געווען אַן אונטערשיד. איר האָט אים געזען אויף די פּנימער און איר האָט אים געפילט אין דער לופט. ביי איינעם איז געווען יום־טוב און ביים צווייטן, איז געווען „שוין איין מאָל אַ יום־טוב"; איינער דער פּוילישער אַרבעטער, האָט געזאָגט: „איך וויל גערעכטיקייט" און דער צווייטער, דער ייִדישער אַרבעטער, האָט געזאָגט: „אוי, וויל איך גע־רעכטיקייט!" עס איז, דאַכט זיך, געווען בלויז אַן אונטערשיד אין אַ קורץ וואָרט, אין אַן „אוי", אָבער פון דעם „אוי" האָט דער גאַנצער זאַץ און דער גאַנצער יום־טוב באַקומען אַן אַנדער פּנים...

פאַרשטייט זיך, אַז דעם אונטערשיד האָט מען געדאַרפט אויך זוכן אין ייִדישן טעמפּעראַמענט. גויִים זענען בטבע רויִקער. זיי קענען פרייד אָדער טרויער האַלטן אין זיך, מען זאָל עס נישט אַרויסזען, בעת ייִדן

נאָוואָליפּיע 7

מוזן עס ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויסטראָגן אין דרויסן. יענע באַרעדעוודיקע יידענע האָט נישט איבערגעטריבן, ווען זי האָט געזאָגט: „איך רעד? — מיינע צרות רעדן". יאָ, יידישע צרות רעדן און אויך יידי־שע האָפענונגען רעדן. זיי זענען בטבע נישט קיין שווייגערס.

אָבער אַ חוץ דעם אונטערשיד אין טעמפּעראַמענט, איז דאָרט געווען אַן אונטערשיד אין נויט. יידן נויטיקן זיך טאַקע גיכער אין סאָציאַליזם, ווי אַנדערע. יעדנפאַלס דאַכט זיך אַנדערע אויס, אַז זיי נויטיקן זיך דערין ווייניקער... יידן קענען נישט וואַרטן אַזוי לאַנג אויף גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט, ווי אַנדערע. זיי געפינען זיך אין דער לאַגע פון דעם פרעמדן, וועלכער איז געשטאַנען ביינאַכט אויף אַ פאַרוואָרפענער סטאַנ־ציע, וואַרטנדיק אויפן צוג. ער האָט זיך אויסגעבויגן מיטן גאַנצן קערפּער איבער די רעלצן, כדי דעם צוג וואָס פריער צו באַמערקן; ער האָט גע־שפּאַנט נערוועז פאַרויס, וועלנדיק אים אַנטקעגנגיין. ער האָט געוווּסט, אַז דער צוג וועט נישט אָנקומען פאַר אים פריער, ווי פאַר די אַנדערע פּאַ־סאַזשירן, אָבער ער איז געווען מער אומגעדולדיק ווי די אַנדערע. עס איז נישט געווען בלויז דערפאַר וואָס ער איז געווען נערוועזער, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען איינזאַם דאָרט, אויף דער סטאַנציע. אים איז דאָרט געווען אומהיימלעכער, ווי עס איז געווען די אַנדערע וואַרטער.

יידן האָבן, אַגב, מער גרונט זיך צו שרעקן פאַר דער אומהיימלעכ־קייט, ווי יענער פרעמדער דאָרט אויף דער פאַרוואָרפענער באַן־סטאַנציע. פאַר זיי איז דאָך דאָס וואַרטן פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַרן.

**
*

ווי איך זע זיי איצט, די דאָזיקע אומגעדולדיקע וואַרטער! פאַר מיינע אויגן גייט איצט פאַרביי אַ בילד פון יאָר ניינצן־הונדערט־אַכט־און־דריי־סיק, ווען די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע האָבן צום לעצטן מאָל אויס־געזונגען אויף די גאַסן זייער מאַי־ליד. עס איז געווען אינעם מאָמענט, ווען דער דעמאָנסטראַציע־צוג פון „בונד" האָט זיך אַריינגעדרייט אין האַרץ פון דער יידישער אָרעמקייט — אין דער סמאָטשע־גאַס. זי האָט שוין זייט שעהן געהאַט געוואַרט, די סמאָטשע גאַס, כדי צו באַגריסן די, וועלכע האָבן צו איר געבראַכט די בשורה פון פרילינג און אויסלייזונג.

אירע טונקעלע, צעשונדענע מויערן זענען געווען באַהאַנגען מיט רויטע פאָנען, מיט בילדער פון סאָציאַליסטישע פירער, מיט טעפּיכער. ווער נאָר עס האָט געהאַט אַ בלומען־טאָפּ, האָט אים אַרויסגעשטעלט אויפן פענצ־טער; רויט און גרין האָבן זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ שלאַכט דער גרויער קאָליר פון נויט און האָפענונגסלאָזיקייט.

ביידע זייטן גאַסן זענען געווען געפּאַקט מיט מענטשן. די באַלקאָנען און פענצטער האָבן זיך געבראָכן און ווען די ערשטע שטורעם־פאָנען האָבן אַ פלאַטער־געטון איבער דעם סמאָטשער הימל און די ערשטע טענער פון די אָרקעסטערס האָבן מונטער אַ רוף געטון: „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט", האָט די סמאָטשע־גאַס זיך אַ וויג געטון אין פריידיקן ענטוזיאַזם און באַלד האָט עס אויסגעזען, ווי זי נעמט אַרום מיט אירע אָרעמס דעם מאַי־צוג און דריקט אים צו איר האַרצן, ווי אַ מאַמע איר צוריקגעפונען קינד.

— זאָל לעבן די פאַרברידערונג פון די פעלקער! — האָט די מאַר־שירנדיקע מחנה אַ רוף־געטון צו דער סמאָטשער גאַס. און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט נאָר די אַלע מענטשן דאָ, די מאַנצבילן, די ווייבער, די קינדער, נאָר אויך די מויערן און די שטיינער ענטפערן צוריק אין האַרמאָנישן עקסטאַז:

— זאָל לעבן!

יאָ, אויך אַנדערע פעלקער האָבן געדאַרפט און דאַרפן ווייטער די מענטשלעכע פאַרברידערונג, אָבער ווער האָט זי נאָך אַזוי שטאַרק גע־דאַרפט, ווי יענע ייִדן פון דער סמאָטשער גאַס? ווער נאָך, ווי זיי, האָט געהאַט אַ גרונט אויף איר אַזוי אומגעדולדיק, אַזוי פיבערדיק צו וואַרטן?

זיי האָבן זיך נישט דערוואַרט...

דער געזונטער אינסטינקט האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז עס קען ווערן צו שפּעט; אַז מען דאַרף זיך אײַלן...

אַ געוועזענער יידישער באַנקיר

איינמאָל, אין אַ טריבן ניו־יאָרקער פרימאָרגן, האָב איך, גייענדיק אויף בראָדוויי, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען פאַר מיר. עס איז געווען דער גאַנג פון אַן אַלטן, מידן מענטשן, וואָס די פיס זיינע פוילן זיך שטאַרק אונטער און ער מוז זיי כסדר דערמאָנען אין זייער אייגנטלעכער אויפגאַבע און אַפילו אַ ביסל אונטערשטופּן: „נו, מען דאַרף דאָך גיין...״ די פּלייצעס זיינע האָבן מיר אויסגעזען באַקאַנט, האָב איך אַ בויג געטון דעם קאָפּ פאָרויס און אים אָנגעקוקט — יאָ, עס איז ער, דער געוועזענער באַנקיר פון וואַרשע, דער געוועזענער סענאַטאָר, דער געוועזענער יידישער כלל־טוער. איך האָב זיך דערפרייט מיט אים, ווייל איך האָב געוווסט, אַז ער האָט זיך זינט וואָכן געהאַט געפילט נישט מיט אַלעמען און איז נישט אַרויס פון הויז.

— אַ גוט מאָרגן, ר׳ רפאל! — האָב איך אים באַגריסט. — ווו גייט עס אַ ייד אַזוי פרי?

— אַ ייד גייט, ווי דער שטייגער, אין גראָסערי — האָט ער געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

ר׳ רפאל איז געווען דאָס שיינדל פון די באַלעבאַטישע יידן אין פוילן. זיין וואַרשעווער באַנק־הויז איז נישט נאָר געווען דער צענטער פון איינגעפונדעוועטער יידישער עשירות, נאָר אויך פון יידישער גדולה. ביי אים פלעגן יידן איינלייגן די נדנים פאַר זייערע טעכטער; צו אים פלעגן גרויסע רבייִם און אויך גרויסע פּריצים קומען זיך האַלטן עצות; ער פלעגט גיין אין דער שפּיץ פון יידישע דעלעגאַציעס צו דער רעגירונג, ווען מען האָט געדאַרפט אָפּשרייען עפּעס אַ גזירה, און ער פלעגט זיך אויך פילן היימיש צווישן יידישע באָהעמע־לייט, ווי יידישע שרייבער, יידישע מאלער, יידישע אַקטיאָרן.

נאָך מער ווי אַ שיינע נדבה, האָט מען געקענט ביי אים באַקומען אַ שיין ווערטל, אַ מעשהלע, אַ מאמר חז״ל. אַליין אַ שטיקל באַהעם, האָט ער געקענט לאָזן שטיין די געשעפטן, כדי צו הערן אָדער דערציילן אַ מעשה וועגן אַמאָליקע ייִדן, אַ שאַרף וואָרט פון קאָצקער, צי גאָר אַ ניי ליטעראַריש רכילותל פון ייִדישן שרייבער־פאַריין אויף טלאָמאַצקע.

ער איז געווען פונקט אַזוי גוט אויסגעבונדן מיט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט י. ל. פרץ און מיט זיין משפחה אין זאַמאָשטש, ווי ער האָט געוווּסט וועגן מהרש״ל פון לובלין, צי וועגן דער משפחה פרידוועס אין וואַרשע, אָדער וועגן די פירשטן ראַדזיוויל און טשאַרטאָריסקי. און דערציילט וועגן דעם אַלעם האָט ער מיט אַזאַ היימישן, פאָלקסטימלעכן הומאָר, אַז איר האָט בעת־מעשה אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיין גבירישקייט, אין זיין סענאַטאָרישקייט און אַפילו נישט באַמערקט דאָס ווייסע באַנקירישע קמץ־בערדל מיט די פריצישע וואָנצעס זיינע, נאָר בלויז געזען דאָס קונדסישע פייער אין זיינע אויגן. איר וואָלט זיך אין אַזאַ מאָמענט גאָרנישט געוווּנדערט, ווען אַ גערער חסיד מיט אַ צעדריוולטער אַטלאַסענער קאַפּאָטע זאָל אים פלוצלונג אַרויפלייגן די האַנט אויפן אַקסל: „קום, רפאל, אין שטיבל אויף מלווה־מלכה״, אָדער גאָר אַ יונגער פּאָעט זאָל אים אַ צי־טון ביים אַרבל: „חבר רפאל, וואַרפט אַוועק די נאַרישקייטן און הערט בעסער מיין נייע פּאָעמע. זי איז ווונדערבאַר! אַזעלכעס האָט איר נאָך נישט געהערט!...״

נאָר דאָס טויזנט־יעריקע טיף־פאַרוואָרצלטע ייִדישע פּוילן האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ טיפּ פון אַ ייִדישן באַנקיר.

אין וואַרשע פלעגן מיר זיך זעלטן באַגעגענען. ביי אַלע זיינע פאָלקסטימלעכע גענג איז ער פאָרט געווען דער גרויסער באַנקיר, דער קאַפּיטאַליסטישער סענאַטאָר און איך — דער סאָציאַליסט, דער אָפּאָזיציאָנער, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער קעמפערישער בונדיסטישער „פאָלקסצייטונג״. אָבער באַלד ווי מיר זענען ביידע געוואָרן געוועזענע — ער דער געוועזענער באַנקיר און איך דער געוועזענער בונדיסטישער רעדאַקטאָר — האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אָפטער טרעפן. דאָס איז געווען אין ווילנע, וווהין מיר ביידע צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער פּוילישע ייִדן זענען באַלד ווי דער קריג איז אויסגעבראָכן אַנטלאָפן פון דעם ברענענ־

דיקן פּוילן. אונדז האָט פּאַראייניקט אונדזער היימלאָזיקייט, אונדזער ליי־בע און בענקשאַפט צו דער ייִדישער וואַרשע, אונדזער האַס צום דייטשן שונא, און אויך אונדזער שרעק פאַרן סאָוועטישן „באַפרייער"...

אין דער היימלאָזיקייט האָט ער מיר אימפּאָנירט מיט גאָר אַ נייער אייגנשאַפט, וואָס אין וואַרשע האָט זי זיך גאָרנישט געקענט אַנטפּלעקן — דער לייכטער אופן ווי ער האָט געטראָגן זיין געוועזנקייט. מען דאַרף זיכער אויך קענען זיין אַ גביר, אָבער נאָך מער דאַרף מען קענען זיין אַ געוועזענער גביר. דאָס איז אַ פעיִקייט, וואָס זייער ווייניק גבירים באַ־זיצן, ווער שמועסט יוסטע, איינגעפונדעוועטע, דור־דורותדיקע גבירים. ווען זיי פאַרלירן די גבירישקייט זייערע, ווערן זיי אינגאַנצן צעטומלט. דאָס פּנים קרימט זיך זיי אויס און די צונג נעמט שיטן מיט קללות אויף דער וועלט, אָדער מיט פלוידערייען וועגן זייער געוואַלדיקער נעכטיקער גרויסקייט. ער אָבער איז אַלס געוועזענער, ווייטער געבליבן מיטן זעלבן גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים, מיט דער זעלבער גרייטקייט צו הערן אַ ווערטל און צו דערציילן אַ ווערטל. ניין, נישט מיט דערזעלבער, נאָר נאָך מיט מער גרייטקייט, ווייל איצט האָט ער דאָך געהאַט מער צייט; די פּריוואַטע און קהלשע געשעפטן האָבן דאָך, גאָט צו דאַנקען, נישט געריסן ביי די פּאָלעס...

און נאָך אַ זאַך האָט מיך אין אים אימפּאָנירט — דאָס וואָס ער איז אין דער עמיגראַציע געווען אַזאַ קיילעכדיקער קבצן. אַ סך קלענערע גבירים פאַר אים האָבן געהאַט ליגן גרויסע פאַרמעגנס אין אויסלאַנד. אין פּוילן איז די לעצטע יאָרן פאַרן קריג די לאַגע נישט געווען קיין זיכערע, די היימישע אַנטיסעמיטן האָבן געהעצט, היטלער האָט געדראָט, האָבן אַ סך ייִדישע גבירים אַרויסגעשיקט גרויסע געלטער קיין אויס־לאַנד: זאָל ליגן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך... אויך זיין באַנק־הויז האָט געהאַט ליגן אין אויסלענדישע בענק מיליאָנען דאָלאַרן. אָבער ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אַ יאָר פאַרן קריג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע פּוילישע בירגער, וואָס האָבן געלט אין אויסלאַנד, זאָלן עס צוריק אַהיימ־ברענגען און עס אויסטוישן אויף פּוילישע זלאָטעס, האָט ער אַלץ צוריק־געבראַכט ביזן לעצטן סענט. אַנדערע האָבן זיך אַן עצה־געגעבן. פאַר אים, ביי זיינע גרויסע פאַרבינדונגען, וואָלט דאָס גאָר לייכט געווען, אָבער

ער האָט נישט געוואָלט. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען. פאַרפאַלן, אַזוי פיל פוילישע ייִדן האָבן נישט ליגן קיין געלט אין אויסלאַנד, וועט זיין נאָך איינער. און ער איז טאַקע שפּעטער געווען נישט מער ווי נאָך איינער — נאָך אַ היימלאָזער פוילישער ייִד.

אין ניו־יאָרק פלעגן מיר פון צייט־צו־צייט זיך צוזאַמען אָװעקזעצן אויף אַ באַנק אויף בראָדוויי, נישט ווייט פון זיין הויז, און רעדן וועגן וואַרשע. אַמאָל פלעגן מיט זיך אַזוי פאַרשמועסן, אַז מיר האָבןביידע פאַרגעסן צו קוקן אויפן זייגער. ערשט פלוצלונג פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טון, אַז ער איז אַראָפּ אויף אַ ווײַלע עפּעס איינקויפן אין דער גראָסערי. זיין פרוי, וועלכע האָט צוזאַמען מיט אים זיך געראַטעוועט, איז די לעצטע יאָרן געלעגן קראַנק און ער פלעגט אַרום איר אומגיין, און אויך איינ־קויפן פאַר דער באַלעבאַטישקייט. דערפאַר טאַקע האָט ער אין יענעם פרימאָרגן, ווען איך האָב אים באַגעגנט אויף בראָדוויי — עס איז געווען אַ גאַנץ קורצע צייט פאַר זיין טויט — אַזוי גוטמוטיק אַקצענטירט דעם „ווי דער שטייגער".

— אַ ייִד גייט, ווי דער שטייגער, אין גראָסערי...

איך האָב אים געגומען אונטערן אָרעם און אַריין צוזאַמען מיט אים אין דער גראָסערי. אין קראָם זענען געווען עטלעכע ווייבער, וועלכע די גראָסערקע האָט באַדינט. מיר זענען אַ היפּשע פאַר מינוט געשטאַנען אין אַ זייט און געוואַרט. די גראָסערקע האָט, קענטיק, געהאַט אַ סך צייט. האָט זי געמיטלעך געשמועסט מיט אירע ווייבער און אויף אונדז זיך נישט אומגעקוקט. זעט אויס, אַז זי האָט אים געקענט און האָט געוווּסט, אַז קיין גרויסער קונה איז ער נישט. יאָ קויפן, נישט קויפן — נישט מען וועט פון אים רייך ווערן און נישט אָרעם ווערן... ענדלעך, ווען אַלע זענען שוין געהאַט אַוועק, האָט זי אַ וואָרף געטון אַ פרעגנדיקן בליק אין אונדזער ווינקל. האָט ער אויסגערעכנט זיין קורצן צעטל: אַ ברויט, אַ פערטל פּוטער, אַ פלאַש מילך, אַ פּעקעלע סיריעל. זי האָט אַלץ דער־לאַנגט, האָט אים אַ רעשט געגעבן אַ ביסל זילבער פון אַ פּאַפּירענעם דאָלאַר און מיר זיינען אַרויס. איך האָב אים צובאַגלייט ביז צו זיין הויז און צוריקוועגס ווידער אַריין אין דער גראָסערי. איך האָב באַשלאָסן צו דערציילן דער גראָסערקע ווער דער מאַן איז און זי בעטן צו האָבן אויף

אים אַ ביסל איינזעעניש און אים נישט לאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן. זי האָט מיך גלייכגילטיק אויסגעהערט און ווען איך האָב געענדיקט, האָט זי הויך אַ רוף געטון איבער אַ נידעריק ווענטל צו איר מאַן, וואָס האָט דאָרט עפּעס אויסגעפּאַקט פון קעסטלעך:

— מעקס, דו הערסט? דער אַלטער איז דאָך אין יוראָפּ געווען אַ באַנקיר און אַ סענאַטאָר!

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילעריש געלעכטערל, פון וואָס אירע ברייטע אָנגעפּאַרבטע באַקן זענען געוואָרן, דאַכט זיך, נאָך רויטער.

— דאָרט האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן, דאָ מעגן זיי וואַרטן...

באַלד איז אַרויפגעקומען פון הינטערן ווענטל מעקס, אַ ברייטפּלייציקער, קרעפּקער ייִד, ווישנדיק די פייכטע הענט אין ווייסן פאַרטעך. ער האָט פאַרבייגייענדיק געוואָרפן אויף מיר אַ בליק און גערעדט מער צו זיך ווי צו מיר:

— אין אַמעריקע באַדערט מען זיך נישט מיט אַזעלכע... מיט געוועזענע...

**
*

שפּעטער, ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז אפשר זענען זיי פאָרט גערעכט און קיינער האָט נישט געדאַרפט זיי אַזוי גוט פאַרשטיין, ווי איך, אַ ייִדישער סאָציאַליסט. ביידע האָבן, מסתמא אין דער אַלטער היים שווער געהאָרעוועט און געהאַט קדחת, בעת אויבן, הינטער די ווייסע פאַרהאַנגען פון שטעטלדיקן גביר, איז אַפילו אין דער וואָכן אַלץ געווען: אי חלה, אי זיידנצייג, אי יחוס, אי כבוד. איז אויב, אַ דאַנק פרײַער גאַט און דערנאָך אַמעריקע, דאָס רעדעלע האָט זיך איבערגעדרייט, פאַרוואָס זאָל עס זיי נישט קיין הנאה טון? — זיי האָבן דאָרט לאַנג געוואַרט, איז דאָך נישט מער ווי רעכט, אַז דאָ זאָל ער, ר' רפאל, כאָטש אַ ביסל וואַרטן.

ער, דער געוועזענער...

און דאָך, וויפל איך האָב זיך אַליין נישט געפּרוווט צו איבערצייגן, אַז זיי זענען גערעכט, האָט זיך עס מיר נישט איינגעגעבן...

אפשר איז דאָס געווען סאָלידאַריטעט פון געוועזענע?...

אין „בריסקער צוג"

דאָס איז געווען אויפֿן לאַגוואַרדיאַ פֿלי־פֿעלד אין ניו־יאָרק, אַ פּאָר מינוט פֿאַרן אָפּגיין פֿון מיין עראָפּלאַן, וואָס האָט מיך געדאַרפֿט אַוועקפֿירן אויף אַ לעקציע קיין קאַנאַדע. ווען די פּאַסאַזשירן זענען שוין געשטאַנען ביי דער טיר צום אַרויסגיין, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט ווי עמעצער רופֿט מיך ביים נאָמען. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען צווישן די פֿרעמדע פּנימער אַ באַקאַנט פּנים, איינגערעמט אין אַ ווייסער, צעקעמטער באָרד — זרובבל.

ערשט איצט האָב איך באַמערקט לעבן אים נאָך אַ באַקאַנט פּנים, וואָס איז פֿאַר מיר שטענדיק געווען אַ באַשטאַנד־טייל פֿון אונדזער היי־מישער וואַרשע. דאָס פֿיין־געשניצטע פּנים פֿון פֿרידאַ זרובבל. איך האָב זיך אויף אַן אמת דערפֿרייט.

— פֿאָרן מיר, הייסט עס, צוזאַמען?

— פֿאַרשטייט זיך.

עס האָט זעלטן געטראָפֿן איך זאָל, אויף מיינע רייזעס איבער אַמעריקע, באַגעגענען אין אַ צוג אַ באַקאַנט פּנים, ווי דאָס איז אַזוי אָפֿט געשען אין פּוילן. שוין אָפּגערעדט וועגן טרעפֿן אַ באַקאַנטן אין אַן עראָפּ־לאַן. אַמעריקע איז צו גרויס און דער קרייז פֿון באַקאַנטע איז דאָ צו קליין. דאָס איז איינע פֿון די טענות, וואָס מיר קומט טאַקע נישט איינמאָל אויס צו הערן פֿון ניי־געקומענע אימיגראַנטן: בלויז פֿרעמדע פּנימער באַגעגענען זיי אַרום און אַרום. זיצט אין צוג און ווייסט, אַז קיינער וועט דיך נישט פֿרעגן וווהין דו פֿאָרסט. גייסט אין גאַס און ווייסט, אַז קיינער וועט דיך נישט אָפּשטעלן. ציימנוויז הייבן אַזעלכע מענטשן אַפֿילו אָן צו בענקען, מען זאָל זיי אַ ביסל נודיען...

נאָוואָליפּיע 7

מיר גייען אַריין אין עראָפּלאַן און זעצן זיך צוזאַמען. נאָך עטלעכע מינוטן אַרומקרייזן איבערן פעלד גיט זיך דער עראָפּלאַן אַ ריס אין דער הויך און נעמט שניידן די וואָלקנס. איצט איז דער געדויש פון די מאָטאָרן אַ ביסל שטילער געוואָרן און מען קען שוין שמועסן געמיטלעך, אַזוי ווי אין היימישן צוג, ווו מען האָט זיך אַמאָל, פונקט ווי איצט, באַגעגנט, פירנדיק איבער יידישע שטעט און שטעטלעך די זעלבע „סחורה", וואָס מיר פירן איצט — דאָס יידישע וואָרט.

ביידע באַגעגענישן, די און יענע, זענען, דאַכט זיך, אַזוי ענלעך און דאָך אַזוי אַנדערש, ווי אַנדערש עס איז דער בלאַנקענדיקער, פרעמדער עראָפּלאַן פון דעם טונקעלן היימישן באַן־וואַגאָן. דאָ פליט מען און דאָרט איז מען געפאָרן פּאַמעלעך, אָבער ווער ווייס, צי די פליגל זענען נישט געווען דאָרטן...

איז טאָקע וועגן דער ענלעכקייט און אַנדערשקייט פון די ביידע באַגעגענישן אַוועק דער שמועס.

***

— געדענקט איר יענע נסיעות?

— אַוודאַי געדענק איך.

— געדענקט איר, ווי מען האָט זיך אין אַ יום־טובדיקן פרימאָרגן באַגעגנט אין „בריסקער צוג?"

— פאַרשטייט זיך.

איך פאַרמאַך אויף אַ ווײַלע די אויגן און טראָג זיך אַריבער אין געדאַנק אין יענעם צוג און אין יענע פרימאָרגנס. ווען איז עס געווען? דאַכט זיך ערשט נעכטן און אָט דאַכט זיך, שוין גאָר־גאָר לאַנג, אין פאַרגאַנגענע דורות. אָבער ניין, עס איז נישט געווען נעכטן און עס איז נישט געווען אַמאָל־אַמאָל. בלויז אַ צענדליק יאָר טיילט אונדז אָפּ פון יענער פאַנטאַסטישער צייט.

אַ סך אַזעלכע שבתדיקע און יום־טובדיקע פרימאָרגנס זענען געבליבן אין זכרון. אָט שווימט אַרויס איינער פון זיי — אַ טריבער, סוכות־

דיקער פרימאָרגן טאַקע אין צוג, וואָס איז געאַנגגען פון וואַרשע קיין בריסק. איך האָב געוווסט, אַז איך וועל אין דעם צוג טרעפן היימישע ייִדן, וואָס פאָרן מיט לעקציעס אויף דער פראָווינץ, איך האָב זיך אָבער נישט געריכט, אַז מיר וועלן האָבן פאַר זיך אַ גאַנצן וואַגאָן פון דריטן קלאַס.

אויך אין אַנדערע צוגן, וואָס האָבן אין די פרייטיקדיקע און שבת־דיקע פרימאָרגן־שעהן פאַרלאָזט וואַרשע, האָט מען געקענט טרעפן ייִדי־שע שרייבער און רעדנער פון אַלע סאָרטן, וועלכע זענען געפאָרן האַלטן דרשות אויף דער פראָווינץ. די ייִדישע באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן האָט געבענקט נאָך אַ ייִדיש וואָרט, וואָס זאָל קומען פון „צענטער״, פון וואַרשע. דער שבת, אָדער יום־טוב האָט אין אַ פויליש־ייִדיש שטעטל ערשט באַקומען דעם ריכטיקן טעם, ווען ער איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ רעפעראַט, מיט אַ דרשה וועגן „העכערע זאַכן״. די טאַטעס האָבן אַראָפּגעבראַכט רביים און מגידים, און די קינדער האָבן אַראָפּגעבראַכט שרייבער און לעקטאָרן. ביי ביידן, אַזוי ביי די קינדער ווי ביי די עלטערן, איז דאָס ייִדישע וואָרט, פונקט ווי די שבת־יום־טוב־דיקע מאָלצייטן, געווען אַן ענין סיי פון עולם־הבא און סיי פון עולם־הזה...

אַראָפּברענגען אַ רעדנער פון וואַרשע איז געווען די אַמביציע און באַדערפעניש פון יעדער פראָווינצער ביבליאָטעק, פון יעדער שולע און בכלל פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. אַפילו דער פּאַרטיי־קאַמף איז אַמיינסטן געפירט געוואָרן אַרום רעדנער. מען האָט זיך איי־נער דעם אַנדערן „דערלאַנגט״ מיט רעדנער. וואָס גרעסער עס איז געווען דער רעדנער, וועלכן אַ פּאַרטיי האָט געקענט אַראָפּברענגען פון וואַרשע, אַלץ גרעסער איז געווען איר אָנזען אין שטאָט. און דאָס האָט נישט געדאַרפט גראָד זיין אַ רעדנער פון דער אייגענער פּאַרטיי, וואָס זאָל רעדן אויף אַ פּאַרטייאישער טעמע, אַבי אַזעלכער, וואָס זאָל האָבן וואָס צו זאָגן. סיי־ווי איז מען אים געגאַנגען הערן. האָט ער אַפילו געמעגט געהערן צו אַן אַנדער פּאַרטיי.

דאָס איז אייגנטלעך דאָס מערקווירדיקסטע, וואָס האָט זיך מיר — קומענדיק קיין אַמעריקע — געוואָרפן אין די אויגן אין די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די ייִדישע פּאַרטייען. אין אַמעריקע איז דער פּאַרטיי־

קאַמף זייער אַ מילדער, אומפאַרגלייכלעך מילדער ווי ער איז געווען אין פּוילן. אָבער דער חרם אויף רעדנער פון אַן אַנדער פּאַרטיי איז שאַרפער ווי ער איז געווען אין פּוילן. מען גייט אין אַמעריקע זעלטן צו אַ לעקציע, וואָס ווערט אָרגאַניזירט פון אַ קעגנערישער אָרגאַניזאַציע. די אורזאַך איז אַ פאַרשטענדלעכע. דאָרט איז הערן אַ ניי ייִדיש וואָרט געווען אַ באַדערפעניש, אַ שטיק עולם־הזה, און פון עולם־הזה זאָגט מען זיך אַזוי גרינג נישט אָפּ. די, אָבער, איז עס אין בעסטן פאַל אַ שווערע פליכט, אַ טובה. איז פאַר מיין אָרגאַניזאַציע האָב איך פליכטן און מוז אַמאָל ליידן. אָבער ליידן פאַר אַ פרעמדער אָרגאַניזאַציע בין איך נישט מחויב...

האָט מען טאַקע דאָרט אין די צוגן, וואָס האָבן זיך אויף שבת געלאָזט איבער ייִדישע שטעטלעך, שטענדיק געקענט געפינען ייִדן מיט גראָבע לעדערנע פּאָרטפעלן, אָנגעפילטע מיט ביכער, געשריבענע העפטן און אויך מיט טעזיסן, וועלכע נישט איינער האָט טאַקע אין צוג איינגעחזרט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך. אָבער אַממיינסטן ייִדישע רעדנער און שרייבער האָט מען געטראָפן אין אַ יום־טובדיקן פרימאָרגן אין דעם צוג, וואָס איז אָפּגעפאָרן פון בריסקער וואָקזאַל אין וואַרשע אַרום אַכט אינדערפרי און געליפערט ייִדישע קולטור פאַר צענדליקער ייִדישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער ליניע וואַרשע־בריסק.

עס איז געווען זייער אַ באַקוועמער צוג. אינדערפרי ביזטו אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע און נאָך פאַרמיטיק ביזטו שוין געווען אין שעדלעץ, אין לוקאָוו, אין קאַלושין, אין מעזריטש און אין אַנדערע נאָך־קולטור־דורשטיקע ייִדישע ישובים. האָסט זיך נישט געדאַרפט שלעפן ביינאַכט, האָסט פאַרשפּאָרט צו פאַרברענגען אין שטעטל איבעריקע צייט. די מיינסטע לעקציעס זענען פאָרגעקומען בייטאָג, אַזוי אַז מען האָט אָפטמאָל געקענט „נעמען" צוויי שטעט אין איין טאָג. פון באַן האָט דיך די דעלעגאַציע, וואָס איז מאַנכעסמאָל באַשטאַנען פון אַ האַלב שטעטל, גלייך אַוועקגעפירט צו דער לעקציע. וואַרטן האָט מען נישט געדאַרפט. דאָס פּובליקום, אָדער ווי מאַנכע פּראָווינצער האָבן זיך פייערלעך אויסגעדריקט, „די מענטשהייט", האָט געוואַרט אויפן רעדנער.

מיר איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, ווען איך בין יענעם סוכות־

דיקן פרימאָרגן אַריין אין צוג. אַ צענדליק היימישע קאָלעגן האָבן „אָקו־פּירט" אַ גאַנצן וואַגאָן. אָבער דאָס איז געווען אַ פרידלעכע אָקופּאַציע, אָן ביקסן און אָן בלוט. דאָ און דאָרט איז געפאַלן אַ שפּיציק ווערטל, אַ בליציקער געדאַנק, אַ שאַרפער וויץ, אַ פאָלעמישע פייל, אָבער אַלץ איינגעהילט אין היימישער, קרובהשער גוטמוטיקייט. נאָך אַ ווײַלע און דער עולם וועט, דאַכט זיך, נעמען זיך וווּנדערן, ווו עס איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אונדזער קאַץ, מיינענדיק, אַז מען געפינט זיך אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13...

— זענען דאָ אויך פאַראַן נישט־מיטגלידער פון פאַראיין? — האָב איך געפרעגט, אַרומקוקנדיק זיך איבערן טונקעלן וואַגאָן.

— נישטאָ — האָבן עטלעכע מיטאַמאָל פאַרזיכערט.

אָבער זיי האָבן געהאַט אַ טעות. עס איז אין וואַגאָן יאָ געווען אַ „פרעמדער עלעמענט". און אַנטדעקט האָט אים גראָד דער סאַמע־קורצ־זיכטיקסטער פון אונדז אַלע — דער טונקעלער. דאָס איז געווען אַ פּויערל, וועלכער איז געזעסן פאַרנורעט אין אַ ווינקל פון אַ ווייטער באַנק און, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, געדרימלט.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף דעם פּויערל. דאָס האָב איך געוואָלט פעסטשטעלן, צי שלאָפט ער טאַקע. אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט דערגיין. דער טונקעלער האָט געהאַלטן, אַז דער גוי מאַכט זיך בלויז שלאָפן און אַז ער איז מסתמא אַ פאַרקליידטער לעקטאַר, וואָס איז געקומען זיך אונטערהערן און עפּעס צוגנבענען.

— חברים! — האָט ער אונדז שטיל גענומען וואָרענען — באַהאַלט די טעזיסן...

יאָ, דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס מען האָט אין דעם וואַגאָן געקענט צורייבן — שריפטן, טעזיסן. טעזיסן זענען דאָ געווען אַ סך און, פאַרשטייט זיך, פאַרשידענע און אויך קעגנגעזעצטע, הגם די אייגנטימער פון די טעזיסן האָבן זיך אין וואַגאָן געפילט ווי אין איין משפּחה: ציוניסטישע טעזיסן און בונדיסטישע טעזיסן, באַראָכאָוויסטישע און טעריטאָריאַליסטי־שע; טעזיסן וועגן דער יידישער קולטור און טעזיסן וועגן דער אינדישער קולטור; פּראָזאַאישע טעזיסן און פּאָעטישע טעזיסן; טעזיסן וועגן יידישן הו־

מאָר און טעזיסן וועגן שפּינאָזאָס פילאָזאָפיע; טעזיסן וועגן גאולה און משיח און טעזיסן וועגן בירגער־קריג אין שפּאַניע.

די ייִדישע יוגנט אין פּוילן איז געווען דער אָפּנעמער פון אַלערליי טעזיסן. אַלץ האָט זי געוואָלט וויסן, אַלע אמתן דערגרונטעווען. פון אַלע ימען און קוואַלן איבער גאָר דער וועלט האָט זי געפּרוווט ציִען רערן צו די פאַרוואָרפנסטע ייִדישע שטעטלעך, ווו קיין אייזנבאַן איז אַפילו נישט־דערגאַנגען. פון יעדן בריוו פון דער פּראָווינץ צו איינעם פון די טעזיסן־קוואַלן פון וואַרשע אָדער ווילנע האָט זיך געטראָגן דער זעלביקער געשריי: מיר זענען דורשטיק! מיר ווילן טרינקען!

און דאָרט אין וואַגאָן זענען עס געפאָרן די אינזשעניערן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרלייגן די רערן איבער די ייִדישע שטעטלעך פון פּוילן. יעדער האָט געהאַט דאָס אַנגענעמע געפיל, אַז נישט נאָר איז ער אַ נעמער, נאָר אַ געבער. ער דאַרף זיי טאַקע האָבן, אָבער נישט ווייניקער דאַרפן זיי אים האָבן. דערפאַר טאַקע איז די שטימונג דאָרט אין וואַגאָן געווען אַזאַ מונטערע, אַזאַ העלע, אַז נישט דער גרויער דריטער־קלאַס־וואַגאָן, נישט דער טריבער האַרבסט־טאָג און אַפילו נישט די שטעכעדיקע וואָנצעס פון פּאָליציאַנט דרויסן אויף דער באַן־סטאַנציע האָבן זי געקענט פאַרטונקלען. די מענטשן דאָרט זענען געווען גבירים...

אין וואַגאָן האָט גענומען ווערן שיטערער. די ערשטע סטאַנציע, וואָס האָט ביי אונדז צוגענומען אַ פאַרשוין, איז געווען מראָזי. אַ קליין סטאַנציע־לע מיט גאַנץ ווייניק ייִדן, אָבער אַ פאַרברויכער פון טעזיסן. אָבער נאָך אַ גרעסערער אָפּנעמער פון לעקטאָרן איז געווען אַ שטעטל, וואָס איז געלעגן עטלעכע מייל פון מראָזי — קאַלושין. אַהין איז קיין באַן נישט דערגאַנגען, נאָר אַ פערדיש קאַלעיקעלע, וואָס יעדעס מאָל, ווען איך בין מיט איר גע־פאָרן, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז זי גייט צוריק... אָבער אויב דאָס קאַלעיקעלע איז געגאַנגען צוריק, איז דער פאַר דאָס שטעטעלע גאָר היפּש געגאַנגען פאָרויס. קאַלושין איז ממש געווען אַ זולל־וסובא אויף ייִדישער קולטור. ביי קאַלושין איז רעכט געווען אין איין ווינטערדיקן שבת צו פאַר־נוצן אַ חוץ עטלעכע פרומע מגידים, אויך אַ דריי־פיר וואַרשעווער לעק־טאָרן. קאַלושינער יוגנט האָט זיך געקענט אין איין טאָג פאַרגינען אַ לעק־

ציע וועגן קאַרל מאַרקס און אַ לעקציע וועגן רמב״ם און נאָך פאַרבייסן מיט אַ רעפעראַט וועגן פרוידס טעאָריע... און אַלץ האָט געדאַרפט זיין פון ערשטן סאָרט. קאַלושינער ייִדישע קינדער זענען געווען אַ חוץ גרויסע עסער, אויך נאַשערס. גיב זיי אי אַ סך און אי דאָס סאַמע בעסטע, פּרימאַ שבפּרימאַ. אַנדערש קרימען זיי מיט דער נאָז...

דורכן וואַגאָן־פענצטערל האָבן מיר געזען די דעלעגאַציעס, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די רעדנער, מיר האָבן געזען די טריבע, צעשראָקענע פּנימער, ווען זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער רעדנער איז נישט געקומען, און מיר האָבן שפּעטער געזען, ווי די פּנימער זענען ליכטיק געוואָרן, ווען זיי האָבן אים ענדלעך דערזען. איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעזאָגט די בשורה:

— ער איז דאָ!

און די מחנה פּירט אַריין דעם רעדנער אין שטאָט אַריין. אַ ניצחון־מאַרש איז עס. מען גייט אין מיטן וועג. פריִער די דעלעגאַציע מיטן רעדנער און נאָך אים „דאָס פאָלק". דער פּאָליציאַנט קרימט זיך טאַקע, גויִים וווּנדערן זיך: די „זשידקעס" האָבן נישט קיין אַנדערע דאגות, ווי אַראָפּצוברענגען שרייבער, רעדנער?... אָבער אַז מען זאָל טון נאָר דאָס, פון וואָס דער פּאָליציאַנט זאָל זיך נישט קרימען און פרעמדע זאָלן זיך נישט וווּנדערן, וואָלט מען דאָך קיין ייִדן נישט געווען...

און אָט איז שעדלעץ... לוקאָוו... מעזריטש... פאַר די וואָקזאַלן איז שוואַרץ פון ייִדן, אָבער פאַר די אויגן איז ליכטיק...

**
*

דער עראָפּלאַן גליטשט זיך רויִק איבער אַמעריקעס הויכקייטן. אונטער דיר ליגט אַ ווייסער, שוימיקער ים פון וואָלקנס, אָבער דאָס אויג שניידט זיך אַדורך דורך דעם ים און זעט גרויע, היימישע טומלדיקע באַן־סטאַנציעס, פול מיט ייִדן, און באַלד — ווידער די זעלביקע באַן־סטאַנציעס, אָבער ליידיקע, אָן איין־איינציקן ייִדן...

קיין רעדנער קומען נישט, קיין דעלעגאַציעס וואַרטן נישט. עס איז שטיל, זייער שטיל...

**
*

— און פונדעסטוועגן — רופט זיך אָפּ זרובבל — איז דאָ ענלעכקייט צווישן דיביידע נסיעות. מען טרעפט זיך ווידער אויפן וועג, פירנדיק צו יידישע ישובים דאָס יידישע וואָרט. איר פאָרט מיט אַ רעפעראַט וועגן יידישער ליטעראַטור, איך מיט אַ גרוס פון יידישן אויפבוי אין ישראל. נאָך אַזעלכע יאָרן און דאָך וייטער דער זעלבער גאַנג. דאָס איז המשך.

איך האָב שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. גראָד דאָסמאָל האָב איך מיט אים געוואָלט מסכים זיין...

די מעקסיקאַנערין און — מיין טאַטע

I

די מעקסיקאַנערין

פאַר אונדזער געשיכטע וואָלט זיך אַוודאַי בעסער געפּאַסט, אַז זי זאָל זיין אַ שיינע, אָדער זי זאָל כאָטש האָבן אַן אינטערעסאַנט פּנים מיט איי־דעלע שטריכן און מיט טיפע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו אירע מיטמענטשן. איך קען אָבער דאָס אַלץ וועגן איר נישט זאָגן, ווייל עס וואָלט געווען אַ ליגן און מען טאָר נישט און עס איז אויך נישט נויטיק צו פּרוּוון זי באַשיינען מיט ליגנס. זי איז אַזוי שיין אין איר גרויסקייט, אַז קיין שום צוגאָבן קענען זי מער נישט שענער מאַכן. איז מעגט איר דעריבער וויסן, אַז זי איז נישט קיין שיינע, הגם אויך נישט קיין מיאוסע; זי האָט נישט קיין ספּעציעל אינטערעסאַנט פּנים און אויך אירע אויגן דערציילן אייך גאָרנישט. אָט, אַ מיטליעריקע פאַרהאָרעוועטע פרוי, אַ קליינגעוויקסיקע, אַ דראָבנע, אַ טונקל־הויטיקע, ווי אַלע מעקסיקאַנער פרויען, אָנגעטון ציכטיק, אָנשטענדיק, אָבער גאַנץ באַשיידן. ווען איר באַגעגנט אַזאַ איינע אין גאַס, וואָלט אייך אַפילו נישט איינגעפאַלן איר צו שענקען אַן איבעריקן בליק, סיידן איר וואָלט איר אומגערן אַ שטויס געטון; דעמאָלט, אפשר, וואָלט איר פאַרלוירן ביי איר אַ סעקונדע אויף אַ פאַרעוון „אַנטשולדיקט”. איך טראַכט מיט שרעק, וויפל איך וואָלט פאַרלוירן, ווען איך באַגעגן זי צופעליק אין גאַס און קיינער זאָגט מיר נישט ווער עס איז די דאָזיקע פרוי מיטן בלינדן מיידעלע אונטערן אָרעם.

אָבער איך האָב געהאַט מזל. מען האָט מיר באַצייטנס געזאָגט ווער זי איז. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי:

איך האָב זיך אין אַ פֿאַרמיטאָג געפֿונען אין געשעפֿט פֿון מיינעם אַ נאָענטן פֿריינט אויף דער טומלדיקער האַנדלס־גאַס סאַן קאָסמע, אין מעקסיקע סיטי, ווען אַהין איז אַריין אַ פֿרוי מיט אַ מיידעלע אונטערן אָרעם און עפּעס געריידט מיט דער אייגנטימערין. שפּעטער, ווען די פֿרוי איז אַרויס, זאָגט צו מיר מיין פֿריינטס פֿרוי:

— אַ שאָד, וואָס איר האָט נישט אָנגעקוקט די פֿרוי, וואָס איז ערשט דאָ געווען. עס לוינט אָנצוקוקן אַזאַ מענטש.

איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין און אָניאָגן די פֿרעמדע פֿרוי, אָבער מיין פֿריינטס פֿרוי האָט מיך דערפֿון אָפּגעהאַלטן, פֿאַרזיכערנ־דיק מיר, אַז איך וועל באַלד האָבן אַ געלעגנהייט זי צו זען, ווייל זי איז נאָר אַרויס אויף אַ וויילע אין אַ צווייטער קראָם עפּעס קויפֿן און באַלד וועט זי צוריק אַריינקומען. בעסער דערווייל אויסנוצן די צייט און געוויר ווערן ווער עס איז די דאָזיקע פֿרוי. און אָט־וואָס איך בין געוויר געוואָרן:

זי איז אַ פֿרוי אין די פֿערציקער, די דאָזיקע מעקסיקאַנערין. זי האָט געהאַט אַ מאַן און אויך צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, אָבער ווי עס טרעפֿט אָפֿט אין מעקסיקאַנער פֿאַמיליעס, איז דער מאַן אין אַ געוויסן טאָג אַרויס פֿון הויז און מער נישט צוריקגעקומען. דאָס איז געווען מיט היפּשע יאָרן צוריק, ווען די קינדער זענען נאָך געווען קליין. האָט זי אַליין די קינדער געהאָדעוועט, זיי געשיקט אין שולע און אויך געאַרבעט אויף אויפֿצוהאַלטן דאָס הויז. זי האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן מאַניקיר און דערפֿון אויסגעהאַלטן איר פֿאַמיליע. זי האָט ביי זיך אין הויז איינגע־אָרדנט אַזאַ מין פּריוואַטן „שיינהייטס־סאַלאָן“ און שכנותדיקע פֿרויען, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו גיין אין די עפֿנטלעכע שיינ־הייטס־סאַלאָנען, זענען געקומען צו איר „זיך מאַכן שיין“. זי האָט גע־אַרבעט שווער, אָבער איר ציל האָט זי דערגרייכט: זי האָט אירע קינדער נישט אַרויסגעשיקט אין גאַס פֿאַרדינען אויף ברויט. זיי האָבן געענדיקט די שולע און ערשט דערנאָך אַוועק אַרבעטן. איצט זענען זיי שוין ביידע חתונה געהאַטע. זי האָט פֿון זיי נחת, אָבער זי וווינט נישט צוזאַמען מיט זיי. זי וווינט אַליין און טוט זיך ווייטער איר אַרבעט.

אָבער נײַן, איצט ווײנט זי נישט מער אַליין. זינט אַ האַלב יאָר ווײנט זי צוזאַמען מיט דעם בלינדן מײדעלע, מיט וועמען זי איז נאָר־וואָס געווען אין קראַם. זי האָט דאָס קינד געטראָפן ליגן אין גאַס לעבן אַן אַלטער בעטלערקע. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו דער בעטלערקע:

— גיב מיר דאָס קינד.

די בעטלערקע האָט דער אומבאַקאַנטער פרוי אָנגעקוקט מיט פאַר־דאַכט: „וואָסער משוגענע פרוי וויל דאָס נעמען אַ בלינד בעטלער־קינד?" זי, די בעטלערקע, איז נישט געווען די מאַמע פון קינד. זי האָט עס געהאַט גענומען פאַר „געשעפט". מיט אַ בלינד קינד קען מען לײַכטער עפענען די הערצער פון דערבאַרעמדיקע מענטשן, ווי מיט דער אייגענער נויט. אָבער מיט דער צײַט איז דאָס קינד עלטער געוואָרן, עס איז שוין באַלד צען יאָר, און עס לוינט מער נישט די מי און דאָס עסן, וואָס מען דאַרף דערין אַרײַנלייגן. אַן עלטער בלינד מײדעלע וועקט נישט אַזוי פיל רחמנות ווי אַ בלינד קינד. דערפאַר האָט זי בײַ דעם גאַנצן פאַרדאַכט, וואָס די פרעמדע פרוי האָט מיט איר פאָרשלאָג אַרויסגערופן, יענער געענטפערט:

— קענסט זי נעמען.

האָט זי אויפגעהויבן דאָס קינד פון באָרג שמאַטעס, האָט עס אָנגע־נומען בײַ דער האַנט און עס אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים. דאָס קינד האָט זיך נישט געשראָקן צו גיין מיט איר. פאַרקערט, עס האָט זיך מיט צו־טרוי צוגעטוליעט צו דער פרעמדער פרוי. עס האָט, ווײַזט אויס, באַלד אין דער ערשטער באַרירונג דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ מאַמעס האַנט.

איצט האָט דאָס קינד אַ מאַמע — אַ ליבע, געטרײַע מאַמע, וואָס לעבט אויסשליסלעך מיט די לײַדן און פרײַדן פון איר בלינד מײדעלע, מיט אירע אייגענע הענט באָדט זי עס און וואַשט, נייט פאַר איר קלײדער, פלעכט אירע האָר, לײענט פאַר איר מעשהלעך.

עטלעכע וואָכן איז זי אַרומגעלאָפן שאַפן אַ שולע פאַר איר קינד — אַ שולע, ווו מען לערנט בלינדע שרײַבן און לײענען און אויך האַנט־אַרבעט. איר פּנים האָט געשטראַלט, ווען איר איז ענדלעך געלונגען צו באַקומען פאַר דעם קינד אַ פּלאַץ אין אַזאַ שולע. עס קאָסט היפּש געלט אויסצוהאַלטן דאָרט דאָס קינד, אָבער בײַ דער דאָזיקער אַרבעטס־פרוי

שפּילט אין דעם פֿאַל געלט קיין ראָלע נישט. צוויי מאָל אין טאָג פֿירט זי אַליין אָפּ דאָס קינד אין שולע אַריין און ברענגט עס פֿון דער שולע.

וואָס אַזוינס האָט די פֿרוי געזען אין דעם קינד, וואָס זי האָט עס זיך גענומען?

זי האָט געזען אַ פּאָר אויסגערונענע אויגן, זי האָט געזען אַ דאַר, געשטופּלט פּנים פֿון אַן אומגליקלעך קינד, וואָס קיינער וויל נישט און קיינער דאַרף נישט.

דערפֿאַר איז זי געבליבן שטיין און נישט געקענט ווייטער גיין. זי האָט געמוזט דאָס קינד נעמען צו זיך און ווערן דערצו אַ מאַמע.

שכנים האָבן זי געפֿרעגט:

— אויב דו האָסט שוין יאָ געוואָלט נעמען אַ קינד אויף צו האָדע־ווען, פֿאַרוואָס האָסטו גראָד גענומען אַ בלינד מיידעלע, און דערצו נאָך אַ געשטופּלטע? פֿעלן אין מעקסיקע שיינע היימלאָזע קינדער, זעעוודיקע?

האָט זי געענטפֿערט, אַז אַנדערע עלנטע קינדער, זעעוודיקע און שיינע, וועלן זיך אין לעבן לייכטער קענען אַן עצה געבן ווי דאָס בלינדע, געשטופּלטע מיידעלע. זי דאַרף גיכער אַ מאַמע, ווי יענע קינדער.

און זי, די דאָזיקע פֿאַרלאָזענע מעקסיקאַנער פֿרוי, האָט זיך פֿריי־וויליק אָנגעבאָטן צו זיין די מאַמע.

**
*

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די פֿרוי מיט דער מיידעלע ווידער אַריינגעקומען. זי האָט גענומען עטלעכע זאַכן פֿאַרן קינד און איז אַרויס, איידער איך האָב נאָך רעכט באַוויזן זיי ביידן אָנצוקוקן. איך האָב גיך זיך געלאָזט צו דער טיר.

אויף דער גאַס האָב איך צום ערשטן באַמערקט דאָס מיידעלע. איך האָב די יתומה דערקענט לויט די צוויי פֿאַרקלעפּטע, אויסגערונענע אויגן און געשטופּלטן פּנים. זיכער איז זי נישט געווען קיין שיינע, אָבער עפּעס אַ וואַרעמע צערטלעכקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר געזיכט און אויף איר גאַנצער האַלטונג. זי איז געווען ציכטיק אָנגעטון, די טונקעלע, גלאַטע האָר זאָרגפֿעלטיק פֿאַרקעמט, די רעכטע האַנט אַריינגעשטעקט אין אָרעם פֿון איר באַשיצערין. פֿון איר איז מיין בליק אַריבער אויף דער

מאַמען. דאָס טונקעלע, פאַרעלטערטע פּנים האָט אויסגעזען וואָכעדיק. אָבער וואָס מער איך האָב זיך דערין אײַנגעקוקט, אַלץ מער האָט זיך מיר גענומען אויסדוכטן, אַז אַ יום־טובדיקייט שטראַלט פון אים אַרויס און איך האָב זיך אַזש גענומען וווּנדערן, וואָס קיינער פון די דורכגייער באַמערקט דאָס נישט און גייט איר נישט נאָך...

איך בין איר אַ שטיק צייט נאָכגעגאַנגען. איך האָב זיך דערביי געטראַכט:

אָט גייט אַ גרויסער מענטש... אַ מענטש וואָס זיין גרויסקייט ליגט נישט אין זיין שווערד, נישט אין זיין קאָפּ, נאָר אין זיין האַרץ.

מיר איז געוואָרן אַזוי גרינג אויפן האַרצן אין יענע מינוטן. עס איז גוט צו וויסן, אַז אויף דערזעלבער וועלט, וואָס דו געפינסט זיך, דרייען זיך אויך אַרום אַזעלכע מענטשן. אויב אַזוי, האַלט עס דאָך נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט אונדזער וועלט.

**
*

אָבער נאָך אַ באַזונדער געפיל פון משפּחהדיקייט האָט מיך באַהערשט, ווען איך בין אויף דער רוישיקער פרעמדער גאַס נאָכגעגאַנגען דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער מעקסיקאַנער פרוי. זי האָט מיר דערמאָנט אין מיין טאַטן...

איך וועל וועגן אים דערציילן אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

II

מיין טאַטע

מיין טאַטע איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט זיך אייגנטלעך מיט קיין שום באַזונדערע אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפטן נישט אויסגעצייכנט. איך וואָלט געזאָגט — אַ ייִד אָן „זייערס": ער איז אויסערלעך געווען אַ שיינער מאַנצביל, אָבער נישט קיין זייער שיינער; ער איז געווען אַ הויכער, אָבער נישט זייער הויכער; ער האָט געהאַט אַ שיינע, טונקעלע באָרד, אָבער נישט קיין זייער שיינע און נישט קיין זייער טונקעלע; ער איז געווען פאַר־מעגלעך, אָבער נישט זייער פאַרמעגלעך; ער איז געווען פרום, אָבער נישט זייער פרום. געווען אַפילו אַ צייט, ווען איך בין געווען פרימער פאַר אים און ער האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר מיר, דעם מוסרניק, פון אַריינצו־קוקן אין דער „הצפירה" אום שבת.

ער איז געווען אַ חסידיש־באַלעבאַטישער ייִד, וואָס האָט זיך אייגנט־לעך געפירט אַזוי ווי עס דאַרף זיך פירן אַזאַ שטייגער ייִד. בלויז אין מאַנכע היגזיכטן האָט ער אָפּגעווייכט פון דעם גלייכן וועג, וואָס דאָס האָט פאַרשאַפט נישט איינמאָל האַרץ־קלעמעניש מיין מאַמען.

אַזאַ אָפּווייכונג פון גלייכן וועג איז, צום ביישפּיל, געווען זיין חסידות. ווי אַלע פּוילישע ייִדן פון זיין שטאַנד, איז מיין טאַטע געווען אַ חסיד און געפאָרן צום רבין. נישט מער, ער איז נישט געפאָרן צו די גרויסע, אָנגעזעענע רבײִם, וועלכע האָבן אין אונדזער היים־שטאָט לאָדזש געהאַט פיל טויזנטער חסידים, ווי דער גערער און דער אַלעקסאַנדערער, נאָר צו אַ קליין, אָרעם רבילע, וואָס האָט איינגאַנצן געהאַט אַ פּאָר צענדליק אָרעמע חסידים — ראָספּזשיצער רבי.

די מאַמע האָט זיך דערפון געפילט געקרענקט.

— אַנדערע יידן — האָט זי אים אויסגערעדט — פאָרן צו אַ רבין, וואָס מען קען אים און מען ווייסט אים. דער גערער רבי, דער אַלעקסאַנדערער רבי — דאָס פאַרשטיי איך... עס איז זיך דאָ אויף וואָס אָנצושפּאַרן... ביי אַזאַ רבין קען מען אַמאָל עפּעס אויסבעטן... אָבער ווער ווייס פון אַ ראָספּשיצער? קענסט אויסגיין די גאַנצע שטאָט און קיינער האָט אַזאַ נאָמען נישט געהערט... מיין מאַן האָט זיך אויסגעזוכט אַ רבין!...

מיין מאַמען איז נישט אַזוי געגאַנגען אין „אויסבעטן" און אין „אָנשפּאַרן זיך", ווי אין דעם, וואָס דער טאַטע פירט זיך נישט „ווי אַלע פירן זיך" און פאָרט נישט אַהין „וווּ אַלע פאָרן". אַ חוץ דעם האָט מיין קליין, דאַר מאַמעלע גאַנץ אָפט פאַרביטן דאָס וואָרט הויך און ברייט אויף גרויס און שיין. זי האָט ליב געהאַט הויכע מענטשן, ברייטפּלייציקע. זי האָט אויך ליב געהאַט גרויסע מאַסן.

מיין טאַטע פלעגט גוטמוטיק שמייכלען, ווען זי פלעגט רעדן וועגן דער גרויסקייט פון גערער און אַלעקסאַנדערער.

— דאַרף מען, מיינסטו — האָט ער זי געפרעגט, — מעסטן די גרויסקייט פון אַ רבין מיט אַן אַרשין און וועגן זיין גרויסקייט אויף דער וואָג?... לויט דיין חשבון, דאַרף מען דאָך אויף דער וואָג אויך אַרויפלייגן די חסידים.

מיין מאַמע האָט נישט געענטפערט. דיסקוסיעס האָט זי נישט ליב געהאַט. זי האָט נאָך עפּעס אַ זאָג געטון אונטער דער נאָז. אַ פאַרדאַכט האָב איך געהאַט, אַז דאָס זאָגט זי: „איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד..."

מיינסטנס פלעגט קומען צו אַזעלכע שמועסן, ווען מיין טאַטנס רבי פלעגט קומען אויף אַ וויזיט קיין לאָדזש. אינגאַנצן האָט דער רבי געהאַט אין שטאָט נאָך איינעם אַזאַ פאַרמעגלעכן יידן, ווי מיין טאַטע און ביי יענעם איז ער טאַקע איינגעשטאַנען. מיין טאַטע פלעגט אין אַזעלכע טעג זעלטן זיין אין דער היים. ער איז געווען פאַרנומען מיטן רבין. די מאַמע האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דער רבי, אָדער „דאָס רבילע", ווי זי האָט אים גערופן, זיצט אין לאָדזש אַזוי לאַנג.

„אַז דער גערער רבי קומט צופאָרן, אָדער דער אַלעקסאַנדערער — האָט זי געשטאָכן דעם טאַטן מיט אירע גרויסע, ליכטיקע ביישפּילן —

זיצן זיי אַ טאָג־צוויי און פאָרן אַהיים און דאָס רבילע זיצט און זיצט אַן אַ סוף... אַז ער האָט נישט צו וועמען צו פאָרן... אַז דאָס גאַנצע קעניגרייך האָט ער דאָ..."

דאָסמאָל האָט דער טאַטע נישט געענטפערט. ער האָט זיך געפילט אַביסל שולדיק. ער איז האַלבע טעג אַרומגעלאָפן שאַפן געלט פאַרן רבין. אַ חוץ דעם האָט ער אַליין אים אַוועקגעטראָגן געלט און אונטערגעשריבן פאַרן רבין וועקסלען... וואָרום ווי קליין און אָרעם דאָס רבילע איז געווען, איז ער אָבער געווען געבענטשט מיט אַ סך טעכטער און דווקא גרויסע, אויסגעוואַקסענע, וואָס טאַקע כדי זיי צו קענען חתונה מאַכן איז ער אַזוי אָפט געקומען קיין לאָדזש צו זיינע פּאָר מנינים חסידים.

נאָך אַ חסרון האָט מיין טאַטנס רבי געהאַט, וואָס מיין מאַמע האָט אים נישט געקענט שענקען: ער האָט גענומען „קוויטלעך" אויך ביי ווייבער. דער גערער און דער אַלעקסאַנדערער האָבן קיין ווייבער צו זיך נישט צוגעלאָזט...

„אַ ווייבעריש רבילע", האָט מיין מאַמע איינמאָל אַ זאָג געטון.

„ווייבער זענען דען קיין מענטשן נישט?..." — האָט זי מיין טאַטע געפרעגט מיט אַ ביסל אַ קונדסישן שמייכל.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

אָבער מיין טאַטע האָט אין נאָך איין הינזיכט אָפּגעווייכט פון גלייכן, באַלעבאַטישן וועג און דאָס מאָל זענען די טענות פון מיין מאַמען געווען פיל גרעסערע און אויך גערעכטערע — ער האָט אָפּגעווייכט אין דער הינזיכט פון ברענגען אַהיים אורחים...

יעדן שבת און יום־טוב פלעגט דער טאַטע אַהיימברענגען אַן אורח. ער פלעגט ספּעציעל גיין דאַווענען אין בית־המדרש און נישט אין זיין חסידים־שטיבל, ווייל דאָרט איז נישט שטענדיק געווען צו קריגן אַן אורח און אויב איינער האָט שוין דאָרט יאָ אַמאָל געהאַט פאַרבלאָנדזשעט, איז ער געווען נישט אַזעלכער, ווי דער טאַטע האָט געוואָלט. אַזעלכע אורחים, ווי דער טאַטע האָט געוואָלט, האָט מען נאָר געקענט קריגן אין גרויסן בית־המדרש.

מיין מאַמע האָט, חלילה, נישט געהאַט קעגן דעם, אַז דער טאַטע זאָל אַהיימברענגען אורחים. פאַרקערט.

„אַ שבתדיקער טיש אָן אַן אורח, — פלעגט זי זאָגן, — איז אַ וואָכע־דיקער טיש".

זי איז אָבער געווען קעגן דעם טאַטנס אורחים, וועלכע זענען געווען גאָר אַנדערע, ווי די אורחים, וואָס מען האָט געטראָפן ביי ייִדיש־באַלע־באַטישע טישן.

געוויינלעך פלעגן יעדן שבת און יום־טוב נאָכן דאַווענען אַלע אורחים זיך אויסשטעלן ביי דער טיר פון בית־המדרש און יעדער באַלעבאָס פלעגט, אַרויסגייענדיק, מיטנעמען איינעם. פאַר די בעסערע „באַלעבאַ־טים" פלעגט דער שמש פריִער אָפּקלייבן אַ „בעסערן אורח" און באַלד נאָכן דאַווענען ביידע צונויפפירן. פאַר מיין טאַטן, אָבער, האָט נישט דער־שמש פריִער אויסגעקליבן און נישט ער האָט גענומען איינעם ביים אַרויס־גאַנג. מיין טאַטע פלעגט נאָכן דאַווענען זיך אַוועקזעצן אויף דער זייטי־קער באַנק און וואַרטן ביז אַלע באַלעבאַטים זענען אַוועק מיט זייערע אורחים. ערשט דעמאָלט פלעגט ער צוגיין צו די פּאָר אויסבראַקירטע אורחים, וועלכע קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען, און אויסקלייבן איי־נעם פון זיי. דערביי איז זיין פּרינציפּ ביים קלייבן געווען: „וואָס ערגער — אַלץ בעסער"...

איך פלעג זיצן אויף דער באַנק צוזאַמען מיטן טאַטן און זיך צו־קוקן ווי מען צעכאַפּט די „בעסערע" אורחים און ווי די אויסבראַקירטע בלייבן שטיין פאַרשעמטע אין ווינקל... אַמיינסטן זענען עס געווען קאַ־ליקעס, קריפּלס, ייִדן מיט אויסגערונענע אויגן, מיט אויסגעקרימטע גלי־דער, מיט אָפּגעפוילטע נעזער. געווען אויך צווישן זיי שרעקלעך־פאַר־וואָרלאָזטע, ווילד־באַוואַקסענע, מיט רוצחישע פּנימער, אויף וועלכע עס איז געווען אַן אימה צו קוקן. גראָד אַזעלכע האָט מיין טאַטע געזוכט. דער בעסטער אורח פאַר מיין טאַטן איז געווען אַזעלכער, וואָס וועגן אים איז ער געווען זיכער גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אַז קיין שום באַלעבאָס וועט אים אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזן.

מיין מאַמע פלעגט זיצן ביים פענצטער און אויף אונדז אַרויסקוקן. ווען אַלע שכנים פון הויז זענען שוין לאַנג געהאַט געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, האָט אונדזער טיש נאָך געפּוסטעוועט. דער טאַטע האָט דאָך געדאַרפט וואַרטן אויפן בראָך... און אַז מיר זענען

שוין ענדלעך מיט מזל אָנגעקומען, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די רעכטע צרות פֿאַר מיין מאַמען. זי האָט זיך צום טאַטנס אורחים נישט געקענט צוגעוווינען. זי האָט מיט זיי צוזאַמען ביים טיש נישט געקענט זיצן. דאָס זעלבע אויך מיינע דריי שוועסטערס. די אורחים האָבן געשפּיגן אין טעלער אַריין, האָבן געפּראַוועט ביים טיש אַלערליי וויסטע שטיק; געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשאָלטן מיט די ביטערסטע קללות, האָבן געבראָכן כלים...

אין די מערסטע פֿאַלן פֿלעגן באַלד נאָך די פֿיש די מאַמע מיט די שוועסטערס פֿאַרשווינדן אין קיך און ביים גרויסן טיש פֿלעגן בלייבן זיצן דער טאַטע, דער אורח און איך. דער טאַטע, וואָס איז בטבע געווען אַ היציקער, האָט צו די אורחים אַרויסגעוויזן אַ געדולד, וואָס איך וועל ביזן לעצטן טאָג פֿון מיין לעבן נישט אויפֿהערן צו באַוווּנדערן. די קללות זייערע האָט ער ווי נישט געהערט, דאָס כראַקען נישט געזען. ער האָט נאָר געזען לעבן זיך אַ ייִדן פֿון זיין גלייכן און צוזאַמען מיט אים גע־פּראַוועט שבת, אָדער יום־טוב...

די מאַמע, נעבעך, האָט זיך ביי אים געבעטן:

— פֿאַרוואָס דאַרף זיין מיין הויז אַן אויסנאַם פֿון אַלע ייִדישע הייזער? פֿאַרוואָס ווען ביי אַלע ייִדן איז שבת און יום־טוב, דאַרף אין מיין שטוב זיין תשעה־באָב? איך האָב דען, חלילה, עפּעס קעגן אורחים? — אַדרבה, ביי אַ ייִדישן טיש דאַרף זיצן אַן אורח, אָבער נישט קיין ווילדע חיה, קיין פֿאַרזעעניש, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד...

ווי איר שטייגער איז געווען, האָט זי געבראַכט ביישפּילן פֿון אַנ־דערע באַלעבאַטישע הייזער און פֿון אורחים, וואָס זיצן דאָרט ביי די טישן.

— מענטשן ברענגען אַהיים — האָט זי געטענהט, — אָרנטלעכע ייִדן, בן־תורהס... מען זינגט צוזאַמען זמירות... מען הערט אַ ייִדיש וואָרט... ר׳ מאיר (אונדזער שכן) האָט פֿאַראַכטאָגן שבת אַהיים געבראַכט אַן ארץ ישראל ייִדן, אַ משולח פֿון רבי מאיר בעל־הנס...

מיט דעם ארץ ישראל־ייִדן האָט די מאַמע אונדזער שכן אַממערסטן מקנא געווען. ווען זי וואָלט געקענט האָבן אַזאַ אורח... ער האָט דערציילט ביים טיש וווּנדערלעכע מעשיות פֿון טערקיי און פֿון ארץ ישראל. מיין מאַמע האָט זייער ליב געהאַט מעשיות פֿון ווייטע, וואַרעמע לענדער.

אָבער זי ווייסט, אַז קיין ארץ ישראל־ייִדן וועט מיין טאַטע זיכער נישט ברענגען. זי פאַרלאַנגט עס גאָר נישט פון אים. דאָס וואָלט געווען פון זיין זייט אַ צו גרויסער קרבן... אָבער זאָל ער כאָטש נישט ברענגען אַזעלכע פאַרזעעניש... דאַרף דען אַן אָרנטלעכער, אַ מענטשלעכער אורח נישט עסן?...

זי פרעגט דעם טאַטן די דאָזיקע פראַגע אַ פאַרביטערטע, אַ פאַר־צאָרנטע, און ער ענטפערט איר מילד, פריינטלעך, פילנדיק, זעט אויס, טיף אין האַרצן, אַז ער טוט איר אַן עוולה, איר און די קינדער.

— אַוודאי דאַרף אַ, ווי דו רופסט אים, אָרנטלעכער אורח אויך עסן, אָבער אים וועט נעמען אַן אַנדערער... אָבער דעם אורח וועט קיין אַנדע־רער נישט נעמען...

די לעצטע ווערטער זענען מיר געבליבן אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן. אַז איך דערמאָן זיך אָן מיין טאַטן, דערמאָן איך זיך פריער פאַר אַלץ אין די דאָזיקע ווערטער זיינע.

און אָט הער איך פּלוצלונג די זעלבע ווערטער פון אַ טונקעלער, האַלב־אינדיאַנישער פרוי אין אַ צווייטן עק וועלט — אין מעקסיקע:

„אַ געזונט, שיין, קינד קען נעמען אַן אַנדערער, אָבער דאָס קינד וועט קיין אַנדערער נישט נעמען"...

און איך האָב אַ ציטער געטון: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער רעדן מיין טאַטן...

„ווי אַזוי געשעט עס — האָב איך זיך געפרעגט — וואָס צווי אַזעלכע ווילד־פרעמדע מענטשן, צעוואָרפענע אין באַזונדערע צייטן און אין באַזונדערע ווינקלען פון דער וועלט, קענען זיין אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן?... וועלכע געהיימע כוחות האָבן עס געמאַכט, אַז גראָד פון זיי ביידע זאָל אַרויסשטראַלן דאָס זעלבע ליכט?..."

נעמען־רעגיסטער

א

אַדלער — 37
אַדלער יאַנקל — 248
אַדעס ל. — 77
אַזשעך מ. — 77
אַטראַן — 111
איבסען הענריק — 118, 155
איינשטיין — 256
אַלטער — 50, 58—60
אליעזר רבי — 218
אַנמאַן־ראָזנטאַל — 46
אַקסעלראָד אברהם — 166

ב

באַרדיטשעווער לוי יצחק ר' — 168
ביאַליק — 45
ביבאָוו — 250
ביילים — 107
בלום לעאָן — 61
בעטהאָווען — 15
בעלאַ — 262—268
בעל־שם — 15, 209, 126—128
בראָדערזאָן משה — 248
ברוינער יצחק — 248, 249
בריינין ראובן — 155

ג

גאָרקי — 118
גלאַדשטיין — 248
געטע — 166
גראָסער בראָניסלאַוו — 46, 69, 70

ד

דובנאָוו־ערליך סאָפיע — 77
דזשיגאַן — 248
דינה (מיכאַלעוויטש) — 14, 77

ה

היטלער — 12, 55, 83, 86, 88, 138, 142, 169, 180 — 186, 189, 190, 208, 224—226, 249—251, 267, 271, 273, 283
היינע היינריך — 108, 152, 166
הללא תנא — 104
הערץ שלום — 77

ו

וואָדניק חיים — 249
וואַל פאַן — 107, 115, 116
וואַסער חיים — 41
וויגדאָראָוויטש ד"ר — 95
וויספיאַנסקי — 118

ז

זיגעלבוים שמואל (אַרטור) — 77, 168
זרובבל — 286, 293
זרובבל פרידאַ — 286

ט

טאָמאַשעווסקי — 154
טוועין מאַרק — 38
טונקעלער דער (טונקל יוסף) — 87, 158—151
טורקאָוו מאַרק — 7
טראַצקי — 55
טרונק י. י. — 77
טשאַיקאָווסקי — 56
טשאַרטאָריסקי — 282

י

יאַשונסקי — 77
יאושזאָן ב. (משה יוסטמאַן, איטשעלע) — 135—140, 142, 143

כ

כמורנער גאַלי — 44
כמורנער יוסף (לעשטשינסקי) — 12, 15, 16, 21, 38—48, 50, 60, 77, 78, 90, 91, 94—96, 99—103
כמורנער פּאָלע — 43
כשר — 37

ל

ליבערמאַן אהרון — 112
ליזע — 37
ליטוואַקאָוו — 47
ליכטענשטיין ישראל — 249
ליעסין — 113
לעווין איטשע מאיר ר' — 170
לעווין ל. — 77
לענין — 53
לעקערט הירש — 54, 107, 115, 116
לערמאַנטאָוו — 56

מ

מאָלע גי — 174
מאַנגער איציק — 48, 164—169
מאַניעק ד. — 37
מאַרטאָוו — 53
מאַרקס קאַרל — 75, 256, 292
מהרש"ל — 282
מיכאַלעוויטש בייניש — 14—16, 27, 47
מעדעם וולאַדימיר — 13, 14, 26, 27, 46, 109.
מענדעלסאָן שלמה — 77, 145—150
מענדעלע מוכר ספרים — 118, 121, 125

נ

נאָוואָגרודזקי עמנואל — 77
גאָמבערג ה. ד. — 148
נח (יוזעף, פּאַרטנאַי) — 26, 27, 30—36, 46
ניטשע פרידריך — 118, 130
ניימאַן י. מ. — 139
ניימאַרק ד. (אריה) — 77
נירנבערג יעקב — 251

ס

סטאַלין — 12, 17, 42, 55, 61, 64, 184, 208, 271, 273
סעגאַלאָוויטש ז. — 159—163

ע

עמוס — 122
ערליך הענריק (אַלעקסאַנדראָווסקי) — 12, 16, 17, 21, 27, 29, 42, 43, 46—49, 58, 61—70, 78, 90, 91, 92, 94—96, 99, 101—103

פּ

פּאַט יעקב — 77
פּילסודסקי — 67, 82, 84, 184
פּערלע יהושע — 77
פּריוועס — 282
פּרץ — 262—265, 267, 268
פּרץ י. ל. — 15, 117—125, 128—131, 145—147, 149, 160, 248—250, 282

פ

פיינזילבער אברהם — 64
פינגערהוט — 26—29
פלינקער ד. — 139
פראַנס אַנאַטאָל — 15
פראַנק ד"ר — 86, 87
פרויד — 292

צ

צביון (ד"ר ב .האָפמאַן) — 170—176

ק

קאַזשדאַן ח. ש. — 77
קאַן — 248
קאָסאָווסקי וולאַדימיר (נחום לעווינסאָן) — 27, 46, 50—58
קאַסטעלאַנסקי אבראַם — 29—32, 35—37
קאַסטעלאַנסקי בערטע — 31, 32
קאַצענעלסאָן יצחק — 248, 249
קאַשטשאַלקאָווסקי — 67
קופּערבערג — 37
קורסקי פראַנץ — 111
קראַנזילבער — 37
קרעמער — 46

ר

ראַדזיוויל —282
ראַוויטש מלך — 77
רומקאָווסקי — 250
רידז־שמיגלי, מאַרשאַל — 184
רמב"ם — 256, 292
רפאל (שערעשאָווסקי) — 281, 282, 285

ש

שוואַרץ פּנחס — 67, 77, 139 142
שולמאַן וויקטאָר — 18—20, 45, 48, 103
שומאַכער — 248
שטיינבאַך — 80—86, 89
שילער — 166
שימקעוויטש ד"ר — 86, 88
שלום־עליכם — 15, 38, 118, 121, 125, 151, 154
שמ"ר — 154
שערער ע. ד"ר — 77
שערעשאָווסי (רפאל) — 281, 282, 285
שפינאָזע ברוך — 170, 291

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַוג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הימלאַזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן **פון טויט**

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייט

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — זוורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"

(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פּערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער יואַך
82—83) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אַקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאָס־איירעס, 1955).
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) — מיכאל באָרוויטש — אַרישע פאַפירן
108־109) מרדכי שטריגלער — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש.
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מאַקס ווײַנרייך — פון ביידע זייטן פּלויט (וועגן אורי קאָוונער)
ש. בערלינסקי — ירושה
ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

✶

יעקב לעשצינסקי שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס בוך „די לעצטע פון אַ גרויסן דור״ („דער פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1954):

„די לעצטע פון אַ גרויסן דור״ — ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ מער־געלונגענעם נאָמען פון אַ בוך,

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ווי אַ שטיקל סך־הכל צו יענע 99 ביכער, וואָס דער פאַרלאַג פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן. דער מחבר פון בוך איז איינער פון יענע פּאָר אידעאַליסטן, וועלכע האָבן באַלד נאָכן גרויסן חורבן זיך גענומען אַרויסגעבן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן, שטעלנדיק דעם טראָפּ אויף דער קאַטאַסטראָפע.

געעפנט די סעריע האָט מען מיט אַ בוך אויך פון מאַרק טורקאָוו. אַ בוך, וואָס איז געווען, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, דער ערשטער וועגן דער היטלער־שחיטה פון אַזאַ פאַרנעם און פון אַזאַ רייכן אינהאַלט. און דער זעלבער טורקאָוו האָט קלוג געטאָן, וואָס אַלס דעם הונדערטסטן בוך האָט ער געשאַפן אַ היסטאָריש ווערק, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן — אַ שטיק געשיכטע פון פוילישע יידן אין די לעצטע הונדערט יאָר. געוויס איז דאָס אַן אייגנאַרטיקע געשיכטע. דורך די ביאָגראַפיעס פון אַ קנאַפּן צענדליק פערזאָנען באַקומען מיר די גאַנצע רייכע פאַרביקייט פונעם פוילישן

ייִדנטום און זײַנע בעסטע גײַסטיקע און געזעלשאַפטלעכע קרעפטן.

דער בוך איז געשריבן וואַרעם, אָבער נישט סענטימענטאַל, וויסנשאַפטלעך, אָבער נישט טרוקן און נישט פּעדאַנטיש. מ. טורקאָוו איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם געדאַנק, אַז דאָס פּריוואַטע לעבן פֿון אָנגעזעענע מענטשן, פֿון פּערזענלעכקייטן, וועלכע שאַפֿן געשיכטע, איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי זייערע מעשים. זענען דאָך די פֿאַקטן פֿון אַ לעבן פֿון אַ גײַסטיק־רײַכער פּערזענלעכקייט נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זײַן נשמה, פֿון זײַנע אינטימסטע איבערלעבונגען.

מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך געלייענט די ערשטע ביאָגראַפֿיע פֿון אַ משפּחה, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאָרער וועלט און וואָס איר גורל, אירע שפּרונגען פֿון רבנות צו שמד און פֿון שמד צוריק צו ייִדישקייט, זענען אַ וווּנדערבאַרער קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע פֿון 19טן יאָרהונדערט. אָט איז די ביאָגראַפֿיע פֿון דער משפּחה פֿון רבי עקיבא איגער. איינער פֿון די געציילטע גרעסטע רבנים פֿון מיטן 19טן יאָרהונדערט, האָט רבי עקיבא איגער געהאַט 16 קינדער, אַכט זין און אַכט טעכטער. און די דאָזיקע גרויסע פֿאַמיליע האָט זיך שפּעטער צעוואָקסן און צעצווײַגט און דורכגע־

מאַכט דעם גורל פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם שפּיץ פֿונעם פּוילישן ייִדנטום אין לעצטן יאָרהונדערט.

טורקאָוו האָט די דאָזיקע געשיכטע פֿון דער פֿאַמיליע געשריבן מיט אַ באַזונדערן טאַלאַנט — איך זאָג מיט טאַלאַנט, — כאָטש דאָס קען מען זאָגן וועגן אַלע טיילן פֿון בוך, דאָך טיילט זיך דאָס דאָזיקע קאַפּיטל באַזונדערס אויס. דער לייענער ווערט דאָ פּשוט פֿאַרכאַפּט ביים לייענען. ס'הייבט זיך אָן מיט אַ שיף פּליטים אין יאָר 1941, אויף וועלכער ס'געפֿינט זיך אויך אַן אור־אור־אייניקל פֿון רבי עקיבא איגער, — אַ קאַטוילישער אָפּשפּראָץ פֿון איינעם פֿון די גרעסטע רבנים און לומדים. די שיף שווימט אַרום הדשים בײַ די ברעגן פֿון עטלעכע לאַטיין־לענדער און מען לאָזט די ייִדן מיט די קאַטוילישע פּאַפּירן נישט אַרײַן. פֿאַר היטלערן זענען זיי ייִדן און די דרום־אַמעריקאַנער לענדער האָבן אָנגענומען די דאָזיקע טעאָריע. כמעט אַלע ייִדן אויף דער שיף האָבן געקויפֿט קאַטוילישע פּאַפּירן און צלמלעך, האָפֿנדיק זיי אַרײַנצוואַרפֿן אין ים, ווײַבאַלד נאָר זיי וועלן קומען אויף דער יבשה — דער איינציקער וואָס איז טאַקע געווען אַן אמתער משומד, איז געווען דאָס אור־אור־אייניקל פֿון עקיבא איגער. די געשיכטע ענדיקט זיך מיט דעם, אַז

דער דאָזיקער אָפּשפּראָץ פון עקיבא אייגער ווערט פאַרפאַלן אַלס אַ לערער אין אַ גימנאַזיע פון אַ קאַטוילישן קלויסטער ערגיץ אין באָגאָטאַ, קאָלאָמביע.

איצווישן גייען פאַר אונדז פאַרביי קינדער און אייניקלעך פון רבי עקיבא אייגער און אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך. מען ווערט שטיין־רייך, מען וואַרפט זיך אויף בילדונג, מען גיט אַרויס משומדים, מען נעמט אַן אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מען שטיצט מיט געלט ראַדיקאַלע קולטור־דערשיינונגען. מען גיט אויך דעם קאָמוניזם אַ קרבן. הכלל, אַ ייִדישע פאַמיליע מיט גרויסע פעיִקייטן אויף פילע געביטן, נאָר אַלס אַ ייִדישע פאַמיליע ווערט זי צעשפאָלטן און צעברעקלט, צעריסן און פאַרפאַלן אין די פרעמדע קולטורן און פרעמדע פאָליטישע באַוועגונגען.

נאָר ייִדישער גורל איז דאָך אייגנאַרטיק און נישט זעלטן קומט די ישועה דורך גרויסע אומגליקן. אַזוי איז אויך געווען מיט עטלעכע אור־אייניקלעך פון עקיבא אייגער. דער פוילישער אַנטיסעמיטיזם, די היטלער־מגפה טרייבן צוריק אין ייִדישן לאַגער — און די איידעלע נשמות, די בעסערע יורשים פון דעם רב־למדן קערן זיך אום צוריק און וואַרפן זיך אַריין אין ייִדישער טעטיקייט.

באַזונדערס האָט זיך טורקאָוון איינגעגעבן די פרוי דיאַנאַ אייגער, וועלכע האָט די ערשטע געפונען דעם וועג צום אייגענעם פאָלק. אַ בענקענדיקע, אַ ליידנדיקע, אַן איידעלע נשמה, שטרענגט זי אָן אַלע אירע כוחות אויף צונויפצוברענגען וואָס מער אָפגעריסענע צווייגן צוריק צום שטאַם־בוים. די דערפאָלגן זענען נישט זייער קיין גרויסע און נאָך וויניקער פרוכטבאַר. ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז צוויי־דריי דורות אָפגעריסנקייט פון ייִדישקייט מאַכט זייער שווער דעם וועג צוריק.

באַלד נאָך דער פאַרכאַפנדער געשיכטע פון דער פאַמיליע פון עקיבא אייגער, פון אַ פאַמיליע, וואָס איז צעפאַלן און צעריבן געוואָרן, קומט אַ צווייטע משפחה, וואָס איז אַ הונדערט־פראָצענטיקער קעגנזאַץ צו די אייגערס — די משפחה פון די דאַווידזאָנס. העכער הונדערט יאָר האָט די דאָזיקע פאַמיליע געשפילט אַן אַקטיווע ראָלע אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'זענען געווען פערזענלעכע טראַגעדיעס, אָבער אין אַלגעמיין איז די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער פאַמיליע געגאַנגען האַרמאָניש און אָרגאַניש. פון ריין־ייִדישע לומדים קומען דאָקטוירים, אָבער מיט ייִדישע קענטענישן, מיט

ייִדישע נשמות און הערצער, מיט שטיין מיט יעדע פּיס אין ייִדישן לעבן און מיט דינען דעם אייגענעם פאָלק הונדערט פּראָצענט.

געוויס איז ביז גאָר אינטערע־סאַנט דער גורל פון לעצטן צווייג פון דאָזיקן איינגעוואָרצלטן בוים פון פּוילישן ייִדנטום — דאָקטאָר נח דאַ־ווידזאָן ווערט פאַרוואָרפן אַלס דאָק־טאָר אין דער ערשטער וועלט־מלח־מה אַזש קיין קאַווקאַז, ווו ער פאַר־ליבט זיך אין אַ טאָכטער פון אַ רוסישן גענעראַל, וועלכע ער ברענגט קיין וואַרשע, אין דער שטאָט, ווו די דאַווידזאָנס האָבן גע־האַט טיף־ייִדישע טראַדיציעס הע־כער הונדערט יאָר. אָבער ער ברענגט זי ווי אַ ייִדישע, ווי אַ גר׳־טע. ער איז טריי געבליבן זיינע על־טערן און עלטער־עלטערן.

נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז דער קאַפּיטל וועגן דער טעפּליץ־משפחה — נאָר עטלעכע ווערטער. דער זיידע ווערט רייך פון דער טאַק־סע, פון שטייער אויף כשר פליש. די קינדער זענען שוין באַנקירן און גרויסע סוחרים. די אייניקלעך זענען קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. דאָס איז איין שטריך. און נישט ווייניקער איז אינטערעסאַנט, ווען איינער פון די אייניקלעך איז אַן אָנגעזעענער פּוילישער סאָציאַליסט און אַ צווייטער איז אַ רייכער באַנקיר אין אי־טאַליע און שטיצט מוסאָליניען. נאָר אַלע זענען שוין געשמדט.

מיר קאָנען נישט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון גאַנצן בוך. מיר קאָ־נען נאָר ראַטן צו לייענען דעם דאָ־זיקן אינטערעסאַנטן, ממש פאַרכאַ־פּנדיקן בוך. אויסערלעך זעט זיך אויס, אַז דאָס זענען ביאָגראַפיעס פון אויסנאַמען, נישט טיפּיש, אָבער טראַכט מען זיך טיפער אַריין, דער־זעט מען, אַז די אַלע משומדים פון די העכערע ייִדישע סאָציאַלע קלאַסן, זענען אַן אומפאַרמיידלעכע שטופע אין גאַנג גפון ייִדישן נישט־נאָרמאַלן גלות־לעבן.

א. שוואַרץ שרייבט וועגן יאָנאַס טורקאָווס צוויי בענד זכרונות וועגן אומגעקומענע ייִדישע טעאַטער־קינסטלער און טעאַטער־פריינד — „פאַרלאָשענע שטערן" („פאָלקסבלאַט", מאָנטעווידעאָ, דעם 4טן סעפּ־טעמבער 1954):

ווען מען לייענט איינעם פון די פיר ביכער, וואָס יאָנאַס טורקאָוו האָט אָנגעשריבן, און וואָס זענען דערשינען אינעם פאַרלאַג „דאָס פּוי־לישע ייִדנטום", לייענט מען נישט סתם, נאָר מען ווערט אויף אַזוי פיל

מיטגעצויגן, אַז מען לעבט־מיט שורה ביי שורה, בלעטל נאָך בלעטל, נישט נאָר בלויז מיטן אינהאַלט, נאָר אויך מיטן מחבר, וועלכער האָט דאָך נישט

געשריבן קיין געוויינטלעכע דער־ציילונגען, נאָר האָט אַריינגעגאָסן די ווערטפולסטע מאַטעריאַלן פון זיין לעבן אין אַלץ פון די שילדערונגען, וועלכע זענען טיילן פון גרויסע קינ־סטלערישע דערגרייכונגען.

אויב אין זיין ערשטן בוך: „אַזוי איז עס געווען“, ווו ער האָט געשיל־דערט דעם חורבן וואַרשע, זענען פאַראַן מאַטעריאַלן פון דער גרעס־טער וויכטיקייט פאַר די צוקונפטיקע היסטאָריקער, זענען די צוויי בענ־דער „פאַרלאָשענע שטערן“ אַ נייע אַנטפּלעקונג פון גאָר גרויסער באַ־דייטונג פאַר דער געשיכטע. יאַנאַס טורקאָוו האָט זיך פשוט מרחם גע־ווען און האָט פאַראייביקט דעם אָנ־דענק פון הונדערטער יידישע קינסטֿ־לער טעאַטער־מענטשן, וועלכע זע־נען אומגעקומען מיטן מאַרטירער־טויט אין דער שרעקלעכער תקופה פונעם היטלעריסטישן קאָשמאַר.

עס ווערן אַנטפּלעקט פאַרן לייע־נער אַזעלכע יידישע נשמות, צאַרטע יידישע קינסטלער וועלכע האָבן אין זייער טעאַטער־קונסט אויסגעפירט אַ הייליקע שליחות, און אַלס אַ וויכטיקן טייל פון יידישן לעבן האָבן זיי זיך דערמיט אידענטיפיצירט אין די שווערע צייטן און יעדער איינער פון זיי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ העלד פאַר דער געשיכטע, אין אַ הייליקן פאַר זיין ליידנדן יידישן פאָלק — עס ווערן אַנטפּלעקט אַזעל־כע סודות וואָס זענען געווען אומ־באַקאַנט פאַרן פשוטן מענטשן.

יאַנאַס טורקאָוו שילדערט די אַר־טיסטן אין דער תקופה פון זייערע לעצטע טראַגישע טעג. 187 אַר־טיסטן זענען געבליבן אינעם וואַר־שעווער געטאָ. יעדער איינער פון זיי מיט זיין געשיכטע, טעאַטראַלישער, קינסטלערישער און מענטשלעכער. ווי אַזוי זיי זענען געקומען צום טעאַטער, ווי אַזוי זיי זענען געשטיגן אין זייערע קאַריערעס, ווי אַזוי זיי האָבן אויפגענומען דאָס לעבן אין געטאָ, זייער אָפּטימיזם פאַרן מאָרגן,

זייערע ליידן וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן באהבה... און שפּעטער, דאָס טראַגישע, ווען זיי האָבן אויסגעשפּילט זייער לעצטע ראָל, ווערנדיק געפּירט צום „אומשלאַגס־פּלאַץ“ און פון דאָרט קיין טרעבלינקע אָדער מאַידאַנעק.

עס ווערן געשילדערט נעמען, וועלכע זענען אונדז געווען באַקאַנט און די וואָס זענען נישט געווען באַקאַנט ווערן פאַר אונדז ערשט אַנטפּלעקט אויף אַ קינסטלערישן אופן.

טיף גערירט בלייבט מען ווען מען לייענט די הקדמה וואָס יאָנאַס טורקאָוו גיט מיט זיין אַריינפיר „זייט מיר מוחל וואָס איך לעב“ און עס ווילט זיך דעמאָלט אויסשרייען: זייט איר אונדז מוחל, וואָס מיר לעבן. ווייל אין דער צייט וואָס איר, יאָנאַס טורקאָוו מיט דיאַנאַ בלומענפעלד, זענט געשטאַנען אויף אייערע הייליקע פּאָסטנס אין די שווערע און שוידערלעכע טעג פון אייערע געטאָ־ליידן, האָבן מיר דאָ געלעבט ווייט פון דער געפאַר.

איר, יאָנאַס טורקאָוו, און דיאַנאַ בלומענפעלד, זענט געווען טרייע חברים צו אייערע מיטליידנדע שוועסטער און ברידער, און האָט דורכגעמאַכט און דורכגעקעמפט אַלץ מיט אַזוי פיל ייִדישן געוויסן, צי איז דאָס געווען ביי דער הילפס־אַרבעט, צי איז דאָס געווען אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין די בונקערס, אָדער אין די „שאַפּן“. ווי איר האָט טויזנטער מאָל געזען דעם טויט פאַר אייערע אויגן; איר, וועלכע האָט זיך על פּי ניסים געראַטעוועט, ווייל די השגחה האָט אַזוי געוואָלט, אַז עס זאָלן זיך ראַטעווען די יחידים וואָס זאָלן קענען נאָכהער פאַר דער וועלט דערציילן און איבערגעבן דאָס שוידערלעכע, וואָס איז אַלץ פאָרגעקומען.

טאָ זייט איר אונדז מוחל וואָס מיר לעבן, וואָס מיר האָבן נישט מיטגעמאַכט דעם שרעקלעכן קאָשמאַר.

מיט די צוויי בענדער „פאַרלאָשענע שטערן“, איז פאַראייביקט געוואָרן פאַר דער געשיכטע דאָס העלדישע קאַפּיטל פון ייִדישע קינסטלער, וואָס האָבן געלעבט און אַקטוירט פאַר אַ גרויסן ייִדישן טעאַטער־עולם און זענען מיטן זעלבן עולם אומגעקומען על קידוש־השם, די וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט, זענען געבוירן פאַראייביקט פאַר דער געשיכטע פון אונדזער אייביקן פאָלק.

ש. סוסקאָוויטש שרייבט וועגן דעם דריי־בענדיקן ווערק פון מיכאל באָרוויטש „אַרישע פּאַפּירן" ('דווקא", נומערן 22־23, בוענאָס־איירעס, יאַנואַר־יוני 1955):

דאָס ווערק אַרישע פּאַפּירן איז אַ זאַמלונג פון מאַטעריאַלן וואָס דערציילן וועגן ייִדן וועלכע האָבן אין די חורבן־יאָרן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. דאָס האָט געמיינט נישט נאָר זיך אויסבאַהאַלטן נאָר זיך אויך פאַרשטעלן פאַר אַן אַנדערן וואָס מען איז. אויף דעם האָט מען כסדר געמוזט וואַך זיין. יעדער טראָט האָט געמוזט זיין געמאָסטן. אַפילו דער בליק און דער אָטעם האָט געמוזט זיין צוגעפּאַסט צו יעדן מאָמענט. ווען מען האָט געפיבערט פאַר שרעק האָט מען געמוזט אַרויסווייזן אַ גלייכגילטיקע רויִקייט. יעדע קלייניקייט האָט צו יעדער צייט געמוזט פאָרויסגעזען ווערן, ווייל מען האָט זיך געמוזט היטן נישט נאָר פאַר שפּיאָנען נאָר פאַר יעדן מיט וועמען מ'האָט זיך געטראָפן. דערצו האָט מען געמוזט זאָרגן פאַר אַ וווינונג, פּרנסה און די לעגאַלע אַרישע פּאַפּירן, וואָס דאָס האָט געמיינט נישט נאָר אַ פּאַספּאָרט, נאָר אויך אַרבעט־קאַרטע און שפּייז־קאַרטע. יעדער איינער וואָס האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַזוינע סיטואַציעס און צופאַלן וועלכע ער האָט קיין מאָל נישט געקענט פאָרויסזען. דערביי איז יעדנס געשיכטע אַנדערש. עס גלויבט זיך גאָר נישט, אַז דאָס האָבן מענטשן געקענט איבערלעבן.

די מאַטעריאַלן וועגן די אַרישע פּאַפּירן האָט מיכאַל באָרוויטש געזאַמלט נאָך אין די מלחמה־יאָרן און זיי געהאַט פאַרבאַהאַלטן אין געהיימע אַרכיוון. נאָך דער מלחמה האָט מען זיי איבערגעשיקט אין דער „צענטראַלער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן", צוזאַמען מיט די דאָקומענטן וואָס האָבן געהערט צו דער טעטיקייט פונעם „ראַט צו העלפן די ייִדן" און צו אַנדערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. דערצו האָט דער מחבר שפּעטער אויסגעהערט גאָר אַ גרויסע צאָל גבית־עדותן און אויך זיך באַנוצט מיט טאָג־ביכער. אַזוי אויך דורך אַ ספּעציעלער אַנקעטע. דעם מאַטעריאַל האָט ער געזאַמלט נישט נאָר אין די געוועזענע אָקופּירטע ערטער, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. באַזונדער אין פּאַריז. חוץ דעם האָט דער מחבר אויסגענוצט אַ ריי געדרוקטע זכרונות אין פאַרשידענע שפּראַכן. דאָס פאָרשן דעם מאַטעריאַל איז פאַרבונדן מיט אַן אַ צאָל שוועריקייטן. אויף דעם איז נישט גענוג צו פאַרצייכענען דעם פאָרמעלן פאַרלויף פון די פאַקטן, נאָר מען מוז

אויפדעקן די פסיכישע נישט־אָנזעעוודקע פעדים וואָס האָבן אין די פאַקטן געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע. אָפּט זענען פאַר די העלדן גופא זייערע האַנדלונגען און איבערלעבונגען נישט געווען פאַרשטענדלעך. פונדעסטוועגן האָט מ. באָרוויטש זיך זייער געהיט נישט צו סטיליזירן צופיל זיינע פאַרצייכענונגען. דער עיקר איז ביי אים ווי ווייט מעגלעך געטריי זיין דער ווירקלעכקייט.

דאָס ווערק אַרישע פּאַפּירן איז אַן אויסנאַם אין דער חורבן־ליטעראַטור. דאָס ווערק דערציילט די ווונדערלעכע איבערלעבונגען נישט פון איין מענטשן, נישט פון איין לאַגער און נישט פון איין שטאָט. דאָרט ווערט דערציילט וועגן ווונדער וואָס האָט געטראָפן מיט הונדערטער ייִדן אין פאַרשידענע ערטער און ביי פאַרשידענע אומשטענדן. דאָס רירנדיקסטע איז די באַשרייבונג וועגן קינדער וואָס פלעגן אַנטלויפן פון די געטאָס. זיי פלעגן אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן און הויפן, געטריבן פון שרעק און הונגער; דאָס רוב זענען זיי אַריינגעפאַלן צום בלוטיקן שונא אין מויל אַריין. די קינדער זענען פאַר די אכזריותדיקע פרידלעכע מערדער געווען דער „באַליבטסטער" קרבן. ס'איז זיך גאָר נישט פאָרצושטעלן אויף וואָס פאַר אַן אופן מען פלעגט זיי אין די צענדליקער טויזנטער אומברענגען. דאָך האָבן זיך אויך צווישן די קינדער געפונען אַ צאָל וואָס האָבן געלעבט אויף דער אַרישער זייט. דאָס איז אַ ווערק פון גבורה. יעדער עפּיזאָד ווערט דאָקומענטירט. עס ווערט אָנגעגעבן דער גענויער נאָמען פון דעם העלד מיט וועמען דאָס ווונדער פון איבערלעבן איז געשען. עס ווערט אָנגעגעבן דאָס אָרט און אפילו עדות, וואָס קענען די פאַסירונגען באַשטעטיקן. היינט וויפיל אַקטן פון מסירת־נפש ווערט דאָרט דערציילט? ווייל ווען מען איז שוין אַליין געווען באַזאָרגט מיט אַרישע פּאַפּירן האָט מען אָבער נישט געקענט איבערלאָזן די פריינד אויף הפקר. פלעגט מען זיי נעמען צו זיך. במילא איז די געפאַר געוואָרן גרעסער און נישט איין מאָל געבראַכט אויף זיך דאָס אומגליק, וואָס האָט געלאָקערט פון טויזנטער זייטן.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע
„דאָס פוילישע ייִדנטום" זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 113

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
B. SZEFNER, New York

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 30 DE JUNIO DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

B. SZEFNER

NOWOLIPIE 7

(MEMORIAS)

SARA ELBINGER
JONAS Z. PRZYBYLSK

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES — 1955